ברוך יודא קליין

נו

# דער הייליגער חתם סופר



## ל"ג בעומר

**דער מאור גליל העליון, וואָס האָט פון אויבערלאַנד באַלאָכטן די גאַנצע אידישע וועלט – ידע כל הנסתרות – די אָפענע קבלה און סתרי תורה אין זיינע תורות פון ל"ג בעומר – צווישן צפת און ירושלים: תרעומות אויף דער הילולא בזמנו אין מירון – דאָך איז "ודילוקו עלי אהבה" – חידוש נפלא: דער מן האָט אָנגעהויבן פאַלן ל"ג בעומר – די חתונות ל"ג בעומר אין זיין משפחה –**

[פאָרזעצונג פון פריער]

### "ל"ג בעומר מקודש טפי"

איז דער חתם סופר געווען קעגן דעם לימוד פון קבלה?

האָט ער זיך מתנגד געווען, אָדער האָט ער מינימיזירט פון דער גרויסקייט און חשיבות פון ל"ג בעומר?

צו טרעפן אַן ענטפער אויף ביידע פראַגעס מוז מען נישט גיין צו ווייט. מען דאַרף נישט מער ווי אַרויסנעמען דעם "חתם סופר על התורה" און זען, טאַקע אין דער היינטיגער פרשה, פרשת בהר.

אין חתם סופר על התורה, די פינף בענדער, דף ע', דיבור המתחיל "וספרת לך שבע שבתות שנים וגו' תשע וארבעים שנה".

אָט די תורה פון חתם סופר, איז אויסשליסליך אויף די יסודות פון זוהר הקדוש און די כתבי האריז"ל וועגן די זיבן וואָכן פון ספירה וואָס זענען מכוון קעגן די שבע מדות, וואָס דער חתם סופר ברענגט זיי אַריין אין די ספערן פון די עשר ספירות און זייער שייכות מיט די ימי הספירה.

שרייבט דאָרט דער חתם סופר צווישן אַנדערן: "ומשום כן ל"ג בעומר מקודש טפי. כי עמר גימטריא ש"י וצרף לזה ל"ג עולה שמ"ג... עוד כתבתי לעיל כי ל"ג בעומר הוא הוד שבהוד, הוד פעם הוד עולה רכ"ה במלואו...". דאָס זענען בלויז עטליכע שורות פון דעם שטיקל.

דאָס, און פיל מער אָפענע ענינים פון נסתר און קבלה, שרייבט ער אויך אויף אַנדערע ערטער. אויב געפינען זיך רמזים, רעיונות, גימטריות און חידושים וואָס קומען פון דער וועלט פון נסתר און קבלה אין פילע פון זיינע תורות און דרשות איז ווען עס קומט צו ל"ג בעומר זענען זיינע תורות און אפילו תשובות מער אָפענע ענינים פון קבלה און סודות התורה.

איין ציטאַט פון שו"ת חת"ס יו"ד סי' רל"ג:

"ואי אתיהיב רשותא לכמוני לדבר מה שהיה נראה לי, יש לומר דכשם שסופרים דרך ירידה ממעלה למטה, ויהיה יום הראשון חסד שבחסד, לעומת זה מיין נוקבין עולים ביום הראשון מלכות שבמלכות, וכן לעולם חתן וכלה יוצאים זה לקראת זה, ופוגשים זה בזה בנצח שבנצח, ביום כ"ה למספר בני ישראל יו"ד אייר יום ביקור פסח שני, ולפי זה ביום ל"ג הוא הוד שבהוד להורדת הניצוצות, ולעומת זה הוא תפארת שבתפארת להיורדים להעלות בקודש."

וואָס דער חתם סופר איז דאָ מחדש איז: ל"ג בעומר געפאַלט אין דער ספירה פון הוד שבהוד, ווייל די פינפטע וואָך איז קעגן דער פינפטע מדה פון הוד, און דער פינפטער טאָג פון דער פינפטער וואָך איז הוד שבהוד. זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס איז אַלץ נאָר אויב מ'ציילט די ספירות פון אויבן אַראָפּ. די ערשטע וואָך חסד, די צווייטע גבורה, די דריטע תפארת, און אַזוי ווייטער. טאָמער אָבער רעכנט מען פון אונטן אַרויף, איז די ערשטע וואָך מלכות, די צווייטע יסוד, און אַזוי ווייטער,

קומט אויס אַז ל"ג בעומר איז תפארת שבתפארת.

דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אתערותא דלעילא, וואָס הייבט זיך אָן פון אויבן, פון חסד שבחסד, און אתערותא דלתתא, – וואָס אין די שפּראַך פון זוהר און קבלה ווערט דאָס גערופן "מיין נוקבין" – וואָס הייבט זיך אָן פון אונטן. אַן התעוררות פון אידן צו הקב"ה, מעלה צו זיין דורך מעשים טובים די ניצוצי הקדושה – וואָס ברענגט אַ קעגנזייטיגע אתערותא

דלעילא כביכול, השפעות טובות פון הקב"ה צו כלל ישראל.

שטעלט זיך די פראַגע: ווי שטימט דאָס אַלץ מיט'ן חתם סופר'ס אָפּווייכן פון רעדן פון זוהר און קבלה, אָדער מיט וואָס די וועלט ווייסט וועגן זיין קעגנערשאַפט צו דער הילולא פון ל"ג בעומר אין מירון?

דער ענטפער געפינט זיך אין צוויי פון די באַקאַנטסטע תשובות פון חתם סופר. די תשובה צום ישמח משה, תשובה קצ"ז אין או"ח, און תשובה רל"ג אין יו"ד צו רבי עמרם חסידא.

אין דער תשובה (או"ח קצ"ז) צום ישמח משה זאָגט דער חתם סופר, אַז די הלכה, דער שולחן ערוך, איז אייניג מחייב יעדן איד. קיינער קען אָבער נישט זאָגן אַז אים איז מחייב בלויז דער שולחן ערוך און מער נישט, אָן מוסיף זיין מילי דחסידותא, ערליכקייטן און ענינים וואָס קומען פון זוהר הקדוש און פון די מקובלים. ווער עס זאָגט "אין לי אלא תורה, אפילו תורה אין לו".

ווער ס'טוט נאָר הלכה'דיגע רוטין, מצוות אנשים מלומדה, איז ער וואָס מ'רופט היינט אַ מעכאַנישער ראָבאָט. פון דער אַנדערער זייט, זאָגט אָבער דער חתם סופר אין דער תשובה, קען מען אויך נישט שאַפן אַלגעמיינע כלליות'דיגע סטאַנדאַרטן פון חומרות און מילי דחסידות וואָס קומען פון קבלה אויף אַ גאַנצן ציבור. טאָמער יאָ ווערט דאָס שוין אויך אַ מעכאַנישער רוטין. דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, האָבן זיינע רבי'ס קיינמאָל נישט דערמאָנט אין דער עפנטליכקייט ווערטער פון זוהר און דברי קבלה, ווייל דאָס זענען נישט קיין ענינים וואָס זענען שווה לכל נפש.

אָט איז דער לשון פון חתם סופר אין דער תשובה צום ישמח משה:

"מרגלא בפומי, כי כל האמור להלכה בשלחן ערוך היא תורה נתונה לכל ישראל בשוה, ואין בודד במועדיו. אכן מי שאין לו אלא תורה, אפילו תורה אין לו. כי זה מעשה מצות אנשים מלומדה, ואב לבניו יודיע".

"על כן", שרייבט דער חתם סופר ווייטער, "כל המתחסד עם קונו ניכר במעלליו מה שלבו בודה לשם ה' להזיר נזיר מכל אשר ידבנו לבו, ובזה אין סגנון אחד עולה לשנים, כי אין לב ב' בני אדם שוה באהבת ה', ולכן נקראים 'בני כושיים' משונה במעשיו אך רק משונה באורו, אבל תוכו מתאחד עם כל ישראל. ואך לעשות עדה שלמה כולם יתחסדו במנהג אחד לכולם א"כ היא גופיה נעשה חק לישראל ומצות אנשים (מלומדה) וזה אי אפשר. ולכן ראיתי רבותי הגאון הפלאה ז"ל, ומורי החסיד שבכהונה מהו' נתן אדליר זצ"ל, והגאון מהו' זלמן חסיד ז"ל שלא המשיכו עדה, מעיד אני עלי שמימי לא שמעתי מפי קדושי ישראל הנ"ל ספר הזוהר יוצא מפי קדשם בשום דרוש".

חומרות און מילי דחסידות מוזן זיין אינדיווידועל. יעדער לויט זיין מדריגה. כל שכן קבלה און סודות התורה. זיי קענען זיכער נישט זיין קיין נחלת הכלל. אין מגלין אלא לצנועין.

נישטאָ קיין שום סתירה צווישן דעם חתם סופר'ס שרייבן אויף מערערע ערטער "אין לנו עסק בנסתרות", "במופלא ממך אל תדרוש", "בדברים העומדים ברומו של עולם שאין לי יד ושם", און דעם פאַקט וואָס ער איז געווען דער גרעסטער מקובל בדורו, אָדער דעם פאַקט וואָס אַסאַך פון זיינע תורות זענען געוועבט פון רעיונות פון קבלה און סודות התורה, און אַנדערע, בפרט אויף ל"ג בעומר, זענען אויסשליסליך געבויט אויף סתרי תורה.

דער חתם סופר האָט געוויזן אַ דקות'דיגע הבחנה. פון איין זייט זענען גנזי התורה אַן אינטעגראַלער חלק פון דער תורה. דאַקעגן פון דער אַנדערער זייט האָט ער געלאָזט וויסן אַז דאָס זענען אויסנאַמען און טאָרן נישט זיין קיין פּאָפּולערער נחלת הכלל. הנסתרות לה' אלוקינו, והנגלות לנו ולבנינו.

## שורש נשמת הרמב"ן

שורש נשמתו פון חתם סופר איז געווען נשמת הרמב"ן. אַזוי האָט ער אַליין געזאָגט צו זיין תלמיד הגאון רבי זעקל פּאָלאַק זצ"ל. (געבראַכט אין פירוש "טוב ירושלים", אין דער הקדמה צום רמב"ן, אין נאָמען פון הגאון מהרי"ץ דושינסקי זצ"ל, וועלכער האָט דאָס געהערט פון זיין רבי'ן רבי זעקיל פּאָלאַק). דאָס זעלבע האָט אויך געזאָגט דער ישמח משה. (זע הקדמה צו ישמח משה על נ"ך אין נאָמען פון ייטב לב וואָס האָט דאָס מערערע מאָל געהערט פון ישמח משה). דאָס זעלבע ווערט געברענגט אין ספר שאול בחיר ה' (דף י') אין נאָמען פון חתם סופר'ס תלמיד דער מהר"ם שיק: "וידוע שמורי החתם סופר ז"ל היה לו ניצוץ נשמת הרמב"ן ז"ל". און דאָס זעלבע שרייבט דער חוט המשולש (דף קמ"ד):

"ידוע ומפורסם איך הפליג זקני החתם סופר זצ"ל בכל עת את רבינו הקדוש הרמב"ן זצ"ל ופירושו על התורה, וכן ציוה בצוואתו ללמוד תורה עם פירוש רמב"ן כי הוא ראש אמונת אומן, וידוע כי גם על כן חיבב את הרמב"ן ז"ל כל כך, יען החזיק את עצמו שנשמתו היא נשמת הרמב"ן הקדוש זי"ע."

די הקדמה צו זיין פירוש על התורה ענדיגט דער רמב"ן מיט די ווערטער:

"בגדול ממך אל תדרוש, בחזק ממך בל תחקור, במופלא ממך בל תדע, במכוסה ממך בל תשאל, במה שהורשית התבונן, שאין לך עסק בנסתרות". ענליך צו די ווערטער פון חתם סופר אויף מערערע ערטער.

פריער אין דער הקדמה שרייבט דער רמב"ן: ואני הנני מביא בברית נאמנת, והיא הנותנת, לכל מסתכל בספר הזה, לבל יסבור סברא, ואל יחשוב במחשבות בדבר מכל הרמזים אשר אני כותב בסתרי התורה, כי אני מודיעו נאמנה, שלא יושגו דברי ולא יוודעו כלל בשם שכל ובינה, זולתי מפי מקובל חכם, לאוזן מקביל מבין".

געצנוי די שיטה פון חתם סופר וועלכער שרייבט אין זיין תשובה צום ישמח משה אַז זיינע רבי'ס האָבן נישט דערמאַנט ברבים אפילו דעם זוהר הקדוש, כאָטש מיר ווייסן אַז אים האָבן זיי יאָ איבערגעגעבן סתרי תורה. זאָגט דאָך דער רמב"ן: "זולתי מפי מקובל חכם, לאוזן מקביל מבין".

## אין לנו "עסק" בנסתרות

מ'האָט אַמאָל געפרעגט פון פרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל, דער בעל דעת סופר, וויאַזוי דער חתם סופר קען שרייבן אַז אין לו עסק בנסתרות אין דער צייט וואָס מיר ווייסן אַז ער איז געווען אויך דער גדול הדור בנסתרות און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן איז געווען אויסגעהאַלטן על פי קבלה?

האָט דער דעת סופר געענטפערט מיט אַ משל: אַ גרויסער סוחר וואָס האָט געהאַנדלט מיט שטאָף, מיט טעקסטיל, האָט איינגעשטעקט זיינע רווחים אין ריעל עסטעיט און אין אַנדערע אינוועסטמענטס וואָס האָבן אים כסדר געברענגט גרויסע רווחים. פונדעסטוועגן איז זיין עיקר באַשעפטיקונג מיט וואָס ער איז געווען פאַרנומען איבער'ן טאָג ווייטער פאַרבליבן דער טעקסטיל געשעפט.

דאָס זעלבע, האָט דער דעת סופר געזאָגט, איז געווען זיין זיידע דער




חתם סופר. זיין עיקר באַשעפטיקונג טאָג און נאַכט איז געווען מרביץ תורה זיין מיט תלמידים און שרייבן טויזנטער תשובות פאַר דער גאַנצער וועלט. כאָטש ער האָט אויך "אינוועסטירט" אין חכמת הנסתר איז נישט דאָס געווען מיט וואָס ער איז רוב טאָג געווען פאַרנומען. דאָס מיינט ער מיט אין לנו "עסק" בנסתרות. ("עקבי סופר", חלק ויקרא דף תע"ד).

## די הילולא אין מירון

דער חתם סופר האָט כידוע בשעתו זיך מתנגד געווען צו דער הילולא פון ל"ג בעומר אין מירון. זיין עיקר התנגדות איז געווען באַזירט דערויף וואָס ער האָט געהאַלטן אַז דאָס איז אַ בזיון פאַר ירושלים. אין יענער צייט האָבן אידן זיך באַזעצט אין צפת – אין מירון האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין אידישער ישוב – האָבן אידן געוואוינט אין צפת וואָס איז נאָענט צו מירון. האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז דערפאַר וואוינען זיי אין צפת און נישט אין ירושלים ווייל זיי ווילן זיך געפינען נאָענט צו דער הילולא פון ל"ג בעומר אין מירון. איז דאָס אַ בזיון פאַר ירושלים וואָס אידן וואוינען נישט דאָרט טראָץ דעם וואָס די קדושה פון ירושלים איז פיל העכער ווי די קדושה פון גאַנץ ארץ ישראל.

דער חתם סופר ברענגט דאָס אַרויס אין צוויי תשובות אין יורה דעה. אין סימן רל"ג צו הגאון רבי עמרם חסידא זצ"ל, און אין סימן רל"ד צו הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל.

אין תשובה רל"ג שרייבט ער: "אמנם ידעתי שעכשיו אכשיר דרי וממרחק יבואו ידרשו את ה' בעיה"ק צפת ביום ל"ג בעומר בהילולא דרשב"י ז"ל, ואם כי כל כוונתם לשם שמים שכרם רב בלי ספק ע"ד ודיגולו, ודילוקו נרות עלי אהבה, אבל מטעם זה בעצמו הייתי אני מן הפרושים כבן דרותאי שלא אצטרך להיות יושב שם ומשנה מנהגם בפניהם, ושלא ארצה להתחבר עמהם בזה כי כבר כמה כרכורים כרכר ב"פרי חדש" בקונטרס מנהגי איסור והיתר על המקומות שעושים יום טוב ביום שנעשה להם נס וכו' אבל לקבוע מועד שלא נעשה נס ולא הוזכר בש"ס ופוסקים בשום מקום ורמז ורמיזא רק מניעת הספד ותענית מנהגא הוא וטעמיה גופא לא ידענא וכו' מכל מקום לעשותו יום שמחה והדלקה ובמקום ידוע דווקא שיהיה תל תלפיות שהכל נפנים לשם לא ידעתי אם רשאים לעשות כן".

די תשובה באַטאָנט און שטרייכט אונטער בעיקר דאָס חשיבות פון ירושלים קעגן צפת. אין דעם קאָנטעקסט דערמאַנט ער דעם "ידעתי כי שמעתי שעכשיו אכשיר דרי וממרחק יבואו ידרשו את ה' בעיה"ק צפת ביום ל"ג בעומר", און גיט צו אַז ווען ער וואָלט געוואוינט אין ארץ ישראל וואָלט ער געווען "מן הפרושים כבן דורתאי", וואָס באַציט זיך אויף דער גמרא אין פסחים (ע:) וואָס דערציילט וועגן יהודה בן דורתאי און זיין זון "הלך וישב לו בדרום", ווי רש"י זאָגט דאָרט, אין דרום, ווייט פון ירושלים, כדי ער זאָל נישט מוזן עולה זיין קיין ירושלים און מחויב זיין מקריב צו זיין אַ קרבן פסח וחגיגה.

אין תשובה דערנאָך, תשובה רל"ד, צו הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל, איז אויך אַ בירור איבער דער זעלבער נושא – קדושת ירושלים איבער צפת און טבריה.

די תשובות צו רבי עמרם חסידא און צו רבי אפרים זלמן מרגליות זענען געשריבן געוואָרן אין שנת תקפ"ו. אין אַן אַנדערע תשובה, אין או"ח סימן קס"ג, איז דער חתם סופר מחולק אויפ'ן פרי חדש וואָס זאָגט אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין נייעם אייגענעם יום טוב. דער חתם סופר שרייבט דאָרט:

"וכן נהגו בכמה מדינות וקהילות לעשות פורים ביום שנעשה להם הצלה בימים ההם בגולה, ול"ג בעומר יוכיח שנתחדש על ידי תלמידי רבי עקיבא והיה אחר החורבן, אע"כ מפני שנעשה בחו"ל וכו' ולפי עניות דעתי מנהג ותיקין היא".

שרייבט דער שדה חמד, (כללים מערכת י' כלל נ"ג), אַז כאָטש אין דער תשובה אין או"ח קס"ג איז ער מחולק אויפ'ן פרי חדש, איז אָבער די תשובה געשריבן געוואָרן פריער, אין שנת תקפ"א, בעת די תשובות צו רבי עמרם חסידא און רבי אפרים זלמן, יו"ד רל"ג און רל"ד, זענען געשריבן געוואָרן שפּעטער, אין שנת תקפ"ו.

אין ליקוטי הערות אויפ'ן חתם סופר מאַכן זיי אַ חילוק צווישן די צוויי פסקים. די תשובה אין או"ח רעדט זיך וועגן מניעת הספד ותענית, בעת די תשובות אין יורה דעה רעדן זיך וועגן מאַכן אַ יום טוב פון דער ל"ג בעומר הילולא.

עטליכע מאָל האָט דער חתם סופר זיך געשריבן דערוועגן מיט הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות און מיט זיין ידיד הרב צבי הירש לעהרין, דער ראש פונעם ועד הפקידים והאמרכלים פון אַמסטערדאַם.

אין תשובה שפּעטער צו רבי אפרים זלמן מרגליות, יו"ד סימן רל"ה, פירט דער חתם סופר אויס מיט די ווערטער: "בצפייתי שישיבני אדוני על מה שכתבתי בענין ל"ג בעומר ומנהגיהם, ועל כל הנ"ל ישמיענו בחסדו ורוב טובו". נישט באַקאַנט צי, און וואָס, רבי אפרים זלמן האָט אים געענטפערט.

אין זיין באַקאַנטן הספד אויף די אומגעקומענע אין דער ערד-ציטערניש אין צפת אין שנת תקצ"ז באַציט זיך אויך דער חתם סופר צו דער הילולא. אין דעם הספד, געדרוקט אין "תורת משה" פרשת אמור, און אין דרשות חת"ס (ח"ב של ש"צ ע"א), זאָגט ער:

"וקנאת ירושלים עשתה זאת... והנה לגמרי זה קרוב מאה שנים שמו פניהם לצפת כי שם קבר איש אלקי הרשב"י במירון וכו' וירושלים נשכחה לגמרי והוא עיר שם ד' וכו' לא שם איש על לב אלא לעלות לצפת להילולא דרשב"י, אשר כבר היה לי ויכוח בזה עם הגאון מהר"ז מרגליות... ועכ"פ

לא ידעתי מה מקום להילולא ולעזוב את ירושלים".

ווי געזאָגט ברענגען מיר נאָר וואָס ס'איז ידוע וועגן דער מיינונג פון חתם סופר לגבי דער הילולא אין מירון, וואָס לויט ווי ער שרייבט דאָס אַליין איז זיין עיקר התנגדות געווען באַזירט אויפ'ן חילול הכבוד בזמנו פון ירושלים.

## זיינע גילויים בהילולא דבר יוחאי

פון דער אַנדערער זייט האָט ער אין זיינע תורות אויסגעדריקט אויסערגעוויינליכע גילויים בנוגע דאָס חשיבות און מעלות היום פון ל"ג בעומר. אין דרשות חתם סופר (ח"ב דף ר"ט טור ג') שרייבט ער: "ביום ג"ל בעומר עושים יום שמחה ודביקות ביותר". אויף אַן אַנדערן אָרט אין די דרשות (ח"ב דף ר"פ ע"א) זאָגט ער: "יום ל"ג, למ"ד גימ"ל במילואו, בגימטריא זק"ן, שהוא רצון העליון, בחינת יום כיפור כנודע".

אינטערעסאַנט: די הקדמה צו חידושי חתם סופר אויף סדר נזיקין איז אַ פתיחה וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן פאַר זיינע תלמידים ביים אָנהייבן סדר נזיקין. פון וואָס רעדט ער אין דער פתיחה?

ער איז מבאר וויאַזוי די ארבעה אבות נזיקין זענען קעגן ד' קליפות און קעגן די ארבע רגלי המרכבה. אַ פתיחה על פי תורת הסוד והנסתר.

אַז מען קוקט אויף דעם דאַטום, דעם טאָג ווען די פתיחה איז געזאָגט געוואָרן, זעט מען אַז די פתיחה איז געזאָגט געוואָרן: – ל"ג בעומר.

עת גילה סוד נסתרים.

## דער איבערראַשענדער גילוי:
## דער מן האָט אָנגעהויבן פאַלן ל"ג בעומר

דער חתם סופר זאָגט אַ חידוש נפלא, וואָס ווערט באַטראַכט ווי איינס פון די גילויים וואָס זענען אים נתגלה געוואָרן מסוד ה' ליראיו.

ל"ג בעומר איז געווען דער טאָג, זאָגט דער חתם סופר, וואָס הקב"ה האָט אָנגעהויבן מוריד צו זיין מן פאַר אידן אין מדבר. דאָס איז אַ חידוש וואָס קיינער האָט נישט געזאָגט פאַר אים און וואָס געפינט זיך נישט אין ערגעץ פאַר אים.

דעם חידוש ברענגט ער אויף פיר ערטער. מיר וועלן ציטירן זיין לשון לויט ווי ער זאָגט עס אין דער פריער דערמאַנטער תשובה צו רבי עמרם חסידא, תשובה רל"ג אין יו"ד:

"ולפי דאיתא במדרש שמיום שכלה החררה שהוציאו ממצרים הלכו ג' ימים בלא לחם ואחר כך ירד המן, אם כן היה הורדת המן ביום ל"ג בעומר, וראוי לעשות לזה זכר טוב, אך הוא נגד ש"ס פרק רבי עקיבא".

דער חידוש איז ביי אים געווען אַזוי חביב אַז ער דערמאַנט דאָס אויף פיר ערטער. אין צוגאָב צו די תשובה דערמאַנט ער עס אויך אין חתם סופר על התורה פרשת בשלח (שנת תקצ"ג, דף עו, ד"ה בשבתנו), אין "תורת משה" השלם סוף פרשת דברים (דף קצב), און אין דרשות חתם סופר (לימי הספירה שנת תקצ"א דף רע"א, ד"ה וספרתם). אין די דרשות גיט ער צו דעם פאָלגענדן רמז: דער פסוק "וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עמר", האָט, ביז נאָכ'ן וואָרט "עמר", 33 אותיות. אַ רמז אויף ל"ג בעומר ווען דער מן האָט אָנגעהויבן פאַלן. ביים מן שטייט דאָך דאָס וואָרט "עמר" – עמר לגלגולת. דערפאַר וספרתם, אויב מען הויבט אָן ציילן די צאָל אותיות ביז עמר, זענען פאַראַן ל"ג אותיות – עמר לגלגולת.

די אַרויסגעבער פון ספרי החתם סופר האָבן געזוכט און נישט געקענט געפינען וואו ס'איז פאַראַן אַזאַ מדרש, וואָס איז דאָך אייגנטליך קעגן אונזער גמרא וואָס זאָגט אַז דער מן האָט גענומען פאַלן ט"ז אייר, און אַזויווי רש"י זאָגט אין חומש. זאָגן אַלע אַז דאָס מוז זיין פון די גילויים וואָס זענען אים נתגלה געוואָרן מסוד ה' ליראיו.

דורשי רשימות האָבן אָנגעוויזן דערויף וואָס די מעשה מיט רבי שמעון בן יוחאי אין דער מערה געפינט זיך אויף דף ל"ג אין מסכת שבת. אַנדערע האָבן אָנגעוויזן אַז רבי שמעון'ס נאָמען געפינט זיך דאָרט דאָס דריי און דרייסיגסטע מאָל אין ש"ס. איז עס אינטערעסאַנט, זאָגט הגאון רבי נתן געשטעטנער זצ"ל ("להורות נתן" ח"ב עמ' תס"ד), אַז די תשובה אין וועלכע דער חתם סופר איז מאריך וועגן ל"ג בעומר, און זאָגט נאָך אַלעמען "ודילוקו עלי אהבה", איז סימן רל"ג אין תשובות חתם סופר חלק יו"ד.

*

צווישן פסח און שבועות פלעגט דער חתם סופר פאָרלערנען מסכת שבועות, וואָס האָט 49 בלאַט כמנין די ימי הספירה, פאַר זיינע תלמידים. אויף דף ל"ד, וואָס איז דאָס 33-סטע בלאַט, ווייל אַ מסכת הייבט זיך דאָך אָן אויף דף ב', זאָגט די גמרא: "רבי שמעון אומר וכו' מחכו עלה במערבא". פלעגט דער חתם סופר זאָגן אַז דאָס איז אַ רמז אויף ל"ג בעומר, דער יום הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי. (טעמי המנהגים ל"ג בעומר, און נאָך).

## חתונות ל"ג בעומר

ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן זענען מערערע פון די חתונות אין חתם סופר'ס משפחה פאָרגעקומען ל"ג בעומר.

דער חתם סופר אַליין בזיווג ראשון האָט חתונה געהאַט ל"ג בעומר שנת תקמ"ז אין סעמניץ, אונגאַרן. דער מסדר קידושין איז געווען דער מרא דאתרא הג"ר ישכר דוב בלאָך זצ"ל, בעמח"ס "בינת יששכר".

זיין זון הגאון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב, דער בעל מכתב סופר, האָט חתונה געהאַט ל"ג בעומר שנת תקצ"ז אין דער שטאָט קראָלי, וואו ער איז געוואָרן אַן איידעם ביי הגאון רבי דוב בער שטערנבערגער זצ"ל. אַזוי שרייבט דעם חתם סופר'ס תלמיד הגאון רבי חזקיה פייבל פלויט זצ"ל: "ונהירנא אשר מורי הגאון חתם סופר זי"ע עשה נישואין ביום ל"ג בעומר לבנו הגאון אב"ד קראָקא נ"י". (ליקוטי חבר בן חיים חלק ה', דף ס"ג ע"א).

די חתונה פון חתם סופר'ס טאָכטער גיטל מיט הגאון רבי אליהו קאָרניצער זצ"ל, איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר שנת תקצ"ב אין דער שטאָט סאָבאָטיש, וואו דער חתן האָט געוואוינט. דער מסדר קידושין איז געווען דער מרא דאתרא הגאון רבי ישראל שויער, אַ תלמיד פון חתם סופר.

רבי אליהו קאָרניצער'ס פאָטער איז געווען אַ בעל הבית וואָס האָט נישט געהאַט געשפילט קיין שום ראָלע. פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע מעשה וועגן דעם שידוך: דער שידוך איז צושטאַנד געקומען צוליב דעם וואָס דער חתם סופר האָט בייגעוואוינט אַ מעשה וואָס האָט געצייגט אַז דער איד איז אַ געוואַלדיגער ירא שמים. מיר וועלן דאָס אי"ה ברענגען שפּעטער אין דער סעריע ווען מיר וועלן באַשרייבן די קינדער פון חתם סופר.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

נז

# דער הייליגער חתם סופר



**קבלה און קבלה מעשית – "כי שמות הקודש הם פעולות אמיתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק זצ"ל" – "מיט שמות קפיצת הדרך צו מאַכן איזט קיינע קונץ" – רבי שמעון סופר: "איך געדענק נאָך דעם שם!"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## קבלה מעשית

דער הייליגער צאַנזער רב זצ"ל, דער דברי חיים, האָט אַמאָל געזאָגט: "דער אַלטער (מיינענדיג דעם חתם סופר) האָט זיכער געקענט קבלה מעשית, נאָר דאַכט זיך מיר אַז ער (זיין זון רבי שמעון סופר) קען אויך". (הקדמת ספר "מכתב סופר", חלק הדרשות).

אין דער צייט וואָס עוסק זיין אין קבלה, אָדער ווי אַנדערע רופן דאָס "קבלה עיונית", מיינט לערנען און קענען תורת הנסתר, באַדייט "קבלה מעשית" דאָס באַנוצן זיך מיט שמות אויף צו באַאיינפלוסן און משנה זיין די טבע.

גדולי עולם וואָס זענען געווען בקי אין קבלה מעשית האָבן זייער זעלטן זיך באַנוצט און זיך משתמש געווען דערמיט. געוועגליך בלויז אין גאָר אויסנאַמליכע פאַלן.

דער חיד"א אין זיין ספר "מעגל טוב" (עמ' 47), דערציילט אַז אין זיינע רייזעס איז ער לכל הפחות איינמאָל געצוואונגען געווען זיך צו באַנוצן מיט אַ שם. געווען איז דאָס אין שנת תקכ"ד, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון ירושלים. דער בעדואינער אַבו-גוש און אַ באַנדע פון זיין שבט האָבן אים באַפאַלן און ער האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער סכנה. "הוצרכתי להזכיר שם קדוש משמירת הדרך ושבח לא-ל יתברך כי לא קרבו בד' אמות שלנו".

**"ועוד רגע אדבר, כי שמות הקודש הם פעולות אמיתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק זצ"ל"**

אין זיין תשובה, תשובה קצ"ז, צום ישמח משה, שרייבט דער חתם סופר:

"ועוד רגע אדבר, כי שמות הקודש הם פעולות אמתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק זצ"ל".

רבי נתן אַדלער האָט אַליין געהאַט געשריבן אַ ספר תורה. די עץ חיים'ס פון דער ספר תורה האָבן געהאַט זילבערנע רינגען. אַמאָל האָט די רעגירונג קאָנפיסקירט אַלע זילבערוואַרג פון פריוואַטע מענטשן אויף צו פינאַנצירן די רעגירונג'ס קאַסע. האָבן רבי נתן אַדלער'ס שונאים אין פראַנקפורט אים פאַר'מסר'ט, אַז זיין ספר תורה איז באַקרוינט מיט זילבער.

דערציילט רבי שלמה סופר דער בערעגסאַזער רב, אַז אַמאָל אינמיטן דער נאַכט ווען רבי נתן אַדלער האָט געלערנט מיט זיין תלמיד דער חתם סופר האָט די פאָליציי געמאַכט אַן אָבלאַווע איבער רבי נתן אַדלער'ס הויז. זיי זענען געקומען זוכן און קאָנפיסקירן די ספר תורה. הערנדיג דעם טומל פון דער פאָליציי און די רעגירונגס אַגענטן אַרויפקומענדיג די שטיגן האָט רבי נתן אַדלער דערלאַנגט דעם חתם סופר די ספר תורה אין די הענט און געהייסן אים שטיין אינמיטן צימער. די פאָליציי און די אַגענטן האָבן געזוכט אין אַלע ווינקלען פון שטוב און נישט געזען דעם חתם סופר שטיין האַלטנדיג די ספר תורה.

"באו פקידי הממשלה על ידי מסירה לבית הגאון רנ"א ז"ל לחפש אחר הס"ת ההוא, בחפזון לקח הס"ת ונתנו על יד תלמידו משה סופר והעמידו באמצע החדר ופקידי הממשלה חפשו בחפש מחופש בכל זווית ובכל פינה ולא הרגישו ולא פגעו ולא נגעו בנושא הספר, כי עשאו רבו לרואה ואינו נראה. וכאשר סיפר זקיני ז"ל הדבר אמר שאין להפליא על רבו בגוף הענין, אבל מסוכן הדבר לעשות אותה". (חוט המשולש עמוד ל"ב).

מסתמא דאָס, און מעגליך נאָך אַנדערע אַזעלכע וואונדער, האָט דער חתם סופר געמיינט אין זיין תשובה צום ישמח משה מיט די ווערטער "כי שמות הקודש הם פעולות אמתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן הצדק זצ"ל"

## "מיט שמות קפיצת הדרך צו מאַכן איזט קיינע קונץ"

ווינטער פון שנת תקמ"ג איז דער חתם סופר געפאָרן מיט זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער זצ"ל פון פראַנקפורט קיין באָסקאָוויץ. שרייבט הגאון רבי שמואל ערנפעלד, דער מאַטערסדאָרפער רב זצ"ל, אַז דעם וועג האָבן זיי געמאַכט מיט קפיצת הדרך, אָבער אָן זיך משתמש צו זיין מיט שמות הקדושים. דער חתם סופר האָט געזאָגט פאַר זיינע תלמידים: "מיט שמות קפיצת הדרך צו מאַכן איזט קיינע קונץ. מורי ורבי החסיד שבכהונה מו' נתן אַדלער זצוק"ל האָט קפיצת הארץ געהאבט אָהנע עטוואָס צו טוהן". (זכרון למשה עמ' מ"ט).

דאָס זעלבע האָט דערציילט דער ערלויער רב הגאון רבי יוחנן סופר זצ"ל. ער האָט געהערט פון זיין זיידן הגה"ק בעל התעוררות תשובה זצ"ל וואָס זיין זיידע דער חתם סופר האָט דערציילט: ווען ער איז געפאָרן מיט זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער קיין באָסקאָוויץ "והיה לו קפיצת הדרך, אמר החתם סופר שעינו לא משו מתוך רבו אף רגע כמימרא, וראה שרבו לא השתמש בשמות הקדושים, אלא שהיה לו קפיצת הדרך, כי רצון יראיו יעשה" (עקדת משה, דף ריד).

וועגן אָט די נסיעה דורך קפיצת הדרך קיין באָסקאָוויץ שרייבט הגאון רבי יהודה גרינוואַלד דער סאַטמאַרער רב זצ"ל, (אַן איידעם ביים חתם סופר'ס זון הגאון רבי יוסף יוזפא זצ"ל): "כשהלך החת"ס ז"ל בבחרותו עם רבו הגר"נ אַדלער זצ"ל מפראַנקפורט שהיה להם קפיצת הדרך כידוע, נתנו לבעל עגלה שלהם שהי' נכרי כוס משקין לשכרותו, וישן. ואח"כ בשעה מועטת כבר הי' במחוז חפצם כמפורסם" (שבט מיהודה, פרשת וירא).

## "ווין פון דער וואַנט"

שמחת תורה איז דער חתם סופר אַמאָל געזעסן ביי אַ סעודה מיט זיינע תלמידים. פלוצים איז אויסגעגאַנגען די ווין. האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן צו זיינע תלמידים: ווען איך זאָל מיך וועלן באַנוצן מיט'ן כח פון מיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער וואָלט איך געקענט אַרויסציען וויין פון דער וואַנט. ס'איז אָבער נישט מיין דרך. "אם הייתי רוצה להשתמש בכוחו של רבי הגה"ק מר"ן אַדלער הכהן זצ"ל הייתי יכול להוציא יין לצורך המסובין מן הכותל, אך אין דרכי בכך". ("דרך הנשר", עמוד ל"ט, אין נאָמען פון הרבני ר' שלמה, בן השתדלן הגדול ר' אברהם הערש לבוב, אַ בן בית ביים חתם סופר. אויך "אלף כתב", ח"א עמ' ל"ב).

## "ווי אַ טרינק וואַסער"

הגאון רבי אברהם יצחק וויינבערגער זצ"ל, קליינוואַרדיינער רב, איז געווען אַן איידעם פון חתם סופר'ס זיווג שלישי, די אלמנה פון רבי צבי הירש חריף (העלער) זצ"ל, בעל טיב גיטין. פלעגט ער אָפט קומען באַזוכן און האָט געהאַט לאַנגע שמועסן מיט'ן חתם סופר.

האָט ער אַמאָל געזאָגט פאַר'ן חתם סופר אַז אַזוויי די אמונה ביי געוויסע ווערט אָפּגעשוואַכט צוליב די צרות, די שנאת העמים און די דאגות הפרנסה, צי וואָלט נישט כדאי געווען דער חתם סופר זאָל טון עפּעס אַ פעולה מיט'ן כח פון קבלה מעשית און שמות הקדושים, ווי באַשאַפן אַ גולם מיט'ן כח פון ספר יצירה, כדי צו שטאַרקן און באַפעסטיגן די אמונה?

האָט אים דער חתם סופר געענטפערט: "גלויב מיר אַז איך בין בכח צו שאַפן אַ גולם דורך שמות און צירופים אָן דעם וואָס איך זאָל זיך מוזן אָנשטרענגען. אַזוי לייכט ווי אַ טרונק וואַסער. די הויפט סיבה פאַרוואָס איך בין מיך מונע דערפון איז צוליב דעם באַקאַנטן ירושלמי (יומא פ"ג סוף ה"ז) וואָס זאָגט אַז ווער ס'גענייסט פון אַנדערע מענטשן, אַ נהנה מאחרים, טאָר זיך נישט באַנוצן מיט שמות הקדושים". (הסכמת בעל התעוררות תשובה לספר זכרון למשה, דף ז').

אָט דעם ירושלמי, (וואָס ווערט אויך געברענגט אין תוספות רי"ד אין פרק עשרה יוחסין), אַז הנהנה מאחרים טאָר זיך נישט באַנוצן מיט שמות הקדושים, ברענגט דער חתם סופר מערערע מאָל אין זיינע תורות און דרשות.

אין פרשת חיי שרה אויפ'ן פסוק "ויושם לפניו לאכול ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי וגו' ויאמר עבד אברהם אנכי" זאָגט דער חתם סופר: דער כהן גדול האָט דאָך, מער ווי סיי ווער, געמוזט קענען דעם סוד פונעם שם המפורש. דאָך זאָגט די גמרא (יומא י"ח.) "גדלהו משל אחיו". איז ער דאָך געווען אַ נהנה משל אחרים?

פאַרענטפערט דאָס דער חתם סופר מיט דער גמרא אין קידושין (דף ז) לגבי אשה שאמרה הילך מנה ואקדש אני לך, זאָגט די גמרא אַז ביי אַן אדם חשוב איז "בההיא הנאה שמקבל מתנה מינה גמרה ומקנה נפשה". דאָס זעלבע, זאָגט דער חתם סופר, איז געווען ביים כהן גדול. ער איז נישט געווען קיין נהנה משל אחרים, ווייל ער האָט זיי גאָר מהנה געווען מיט'ן נעמען פון זיי.

אליעזר עבד אברהם האָט געהאַט קפיצת הדרך דורך זיך משמש זיין בשם המפורש. האָט ער נישט געקענט זיין קיין נהנה משל אחרים, סיידן ער איז אַן אדם חשוב. דערפאַר ווען מען האָט אים געגעבן צו עסן האָט ער געזאָגט "לא אוכל עד אשר דיברתי". איך טאָר נישט זיין קיין נהנה משל אחרים ווייל איך בין נישט קיין אדם חשוב. איך בין נישט מער ווי אַן עבד. עבד אברהם אנכי. עד אם דברתי, ביז איך וועל רעדן און שליסן דעם שידוך. דאַן וועל איך קענען עסן ווייל דאַן וועט עס זיין אַ סעודת אירוסין.

ביי דער פרשה פון מכירת יוסף זאָגט דער חתם סופר אַז די מחלוקת צווישן יוסף און די שבטים איז געווען צי מען מעג זיך משתמש זיין מיט שמות הקדושים אָדער נישט.

דער של"ה הקדוש זאָגט דאָך אַז די שבטים האָבן זיך באַנוצט מיט'ן ספר יצירה און באַשאַפן אַן עגלא תילתא. זיי האָבן עס נישט גע'שחט'ן פאַר'ן עסן ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז נישט מחויב קיין שחיטה. דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, שטייט ויבא יוסף את "דבתם" רעה אל אביהם, נישט "מעשיהם" רעה, נאָר "דיבתם", זייערע ווערטער. די ווערטער, די שמות הקדושים, וואָס זיי האָבן אַרויסגערעדט ביים באַשאַפן די עגלא תילתא.

ווען די שבטים זענען געקומען לשבור בר במצרים האָט יוסף געהייסן אָנפילן זייערע זעק מיט געלט. ויצו יוסף וימלאו את כליהם בר, ולהשיב כספיהם איש אל שקו. זאָגט דער חתם סופר, אַז דאָס האָט ער געטאָן לויט דעם ירושלמי וואָס האַלט אַז אַ נהנה משל אחרים טאָר זיך נישט משתמש זיין בשמות הקדושים. האָט יוסף זיי מהנה געווען בכדי זיי זאָלן זיך מער נישט קענען באַנוצן מיט שמות הקדושים.



קראקעווער רב הגה"צ רבי שמעון סופר זצ"ל



זיין מצבה אויפ'ן בית עלמין אין קראקע

"על כן ציוה למלאות כליהם בר ולהשיב צרור כספם באמתחותם, כדי שעל כרחם יהנו משל אחרים ושוב לא יוכלו לו. ועל כן כשמצאו איש צרור כספו יצא לבם, וחרדו מטעם הנ"ל, שלא יוכלו להתגבר באמרי פיהם" (חת"ס על התורה פ' וישב, ד"ה ולא יכלו דברו לשלום).

אין שו"ת חת"ס או"ח סימן קצ"ח שרייבט ער אָבער, אַז אַזוי ווי אין דער גמרא אין קדושין דף ע"א וואו עס ווערן אויסגערעכנט די מעלות וואָס פאָדערן זיך ביי די וואָס מען לערנט זיי אויס דעם שם המפורש ווערט נישט דערמאַנט די קוואַליפיקאַציע פון נישט זיין אַ נהנה משל אחרים, און אין שולחן עריך יורה דעה סס"י רמ"ו, און אין רמ"א (סי' קע"ט סעיף ט"ז) וואו עס ווערן געבראַכט די הלכות ווערט נישט דערמאַנט אַז היודע שם המפורש אסור ליהנות משל אחרים מוז זיין אַז די פוסקים האָבן נישט אָנגענומען אָט די הלכה פון ירושלמי.

אין חתם סופר על התורה פרשת חיי שרה, ד"ה נשיא אלקים אתה בתוכינו זאָגט דער חתם סופר אַז אפילו אויב מען איז נישט קיין נהנה מאחרים איז בעסער נישט זיך משתמש צו זיין בשמות הקדושים נאָר מרבה צו זיין בתפילה ובתחנונים. "והנה טוב מזה ומזה מי שאינו נהנה מהבריות ואפ"ה אינו משמש בשמות הקודש כי אם ברחמים ותחנונים לפני הקב"ה".

פון די ווערטער וואָס דער חתם סופר שרייבט צום ישמח משה "כי שמות הקודש הם פעולת אמתיות ממה שראיתי בעיני מאיש מופת מורי כהן צדק זצ"ל", איז קלאָר אַז רבי נתן אַדלער האָט אין געוויסע אויסנאַמס-פעלער זיך באַנוצט מיט שמות הקדושים. מעגליך אַז די פאָלגנדע מעשה גייט אויך אַריין אין דער קאַטעגאָריע. בכל אופן איז עס זיכער אַ מעשה נורא אין דער לעבנס געשיכטע פון הייליגן חתם סופר און זיין רבי דער איש האלוקים רבי נתן אַדלער. די מעשה ווערט געבראַכט אין חוט המשולש עמ' כ"ג:

אין שנת תקל"ט האָט רבי נתן אַדלער געלערנט מיט זיין תלמיד דעם חתם סופר ביי זיך אין שטוב, אויפ'ן אויבערשטן שטאָק. אויפ'ן אונטערשטן שטאָק איז פאָרגעקומען אַ באַל פאַר אַ חתן כלה, געפייערט מיט הוללות און תערובות. האָט רבי נתן אַדלער אַראָפּגעשיקט זיין יונגן תלמיד דעם חתם סופר ער זאָל זיי בעטן און וואָרענען צו ענדיגן מיט דער הוללות און פריצות. די חתן כלה זענען געווען קינדער פון דער רייכער מאָדערנער עליטע אין פראַנקפורט. האָבן זיי איגנאָרירט און געלאַכט פון דעם יונגן משה סופר. איז ער צוריק אַרויף צו זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער און אים איבערגעגעבן ווי זיי לאַכן זיך אויס. האָט רבי נתן אַדלער אים געהייסן נאָכאַמאָל גיין און וואָרענען אַז אויב וועלן זיי נישט פאָלגן וועלן זיי האָבן אַ נישט גוטן סוף.

ווען דער חתם סופר איז דאָס צווייטע מאָל זיי געגאַנגען וואָרענען האָט דער חתן אים געדראָעט אַז אויב וועט ער וואַגן נאָך איינמאָל זיי קומען מוסר זאָגן פאַרזיכערט ער אים פיזישע שלעק. וכך הוה. ווען רבי נתן אַדלער האָט טראָץ די סטראַשונקע אים צום דריטן מאָל געשיקט האָט דער חתן מקיים פסק געווען און דערלאַנגט דעם חתם סופר אַ הילכיגן פראַסק אין פנים.

שרייבט דער חוט המשולש: "ורבו שלחו פעם שלישית, והשפל הזה קיים מאמרו וברכו במתנת יד, והוא בא חזרה אל רבו בפנים זועפות, וכששאלו רבו מה זאת, שקיים פסקו ולמראה עיניו ישפוט רבו על האות והמופת בלחיו ועוד רשומו ניכר, והיטב חרה להגאון רנ"א ז"ל וציוה על התלמיד שיקח שופר בידו ולתקוע ולהריע ועשה בהם מעשה, ולא עברו כ"ד שעות ונענשו שניהם החתן והכלה במיתה ר"ל"

## רבי שמעון סופר: "איך געדענק נאָך דעם שם"

די פאָלגנדע מעשה איז באַשריבן אויף מערערע ערטער. מיר וועלן עס ברענגען פון איינעם פון די פאַרלעסליכסטע מקורות: פון טשעבינער רב זצ"ל, וועלכער האָט דאָס געהערט פון זיין טאַטן וועלכער איז אַליין אָנוועזנד געווען בשעת מעשה.

ווען הגאון האדיר רבי דוב בעריש ווײדענפעלד, דער טשעבינער רב זצ"ל, איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער געגאַנגען באַזוכן דעם ירושלים'ער רב הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל. האָט דער טשעבינער רב זצ"ל דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן הגאון רבי יעקב (רבי יעקעלע) ווײדענפעלד מהרימילוב זצ"ל וועלכער איז געווען אָנוועזנד ביי דער געשעעניש.



הגאון האדיר רבי דוב בעריש ווײדענפעלד זצ"ל
דער טשעבינער רב

ווען הגאון רבי שמעון סופר, דער בעל מכתב סופר זצ"ל, איז געווען דאָס ערשטע מאָל אויפ'ן וועג קיין קראָקע נאָכ'ן ווערן אויפגענומען אַלס קראָקעווער רב האָט ער געקראָגן אַ טעלעגראַם פון עטליכע ידידים וועלכע האָבן אים געוואָרנט ער זאָל וויסן אַז אין דער שטאָט זענען פאַראַן אַ גרופּע לומדים חריפים מופלגים וועלכע גרייטן זיך מיט אים זיך מפלפל צו זיין, אַמפּערן און אָפּפרעגן זיינע חידושים אין זיין דרשה.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין קראָקע זענען די חשובי העיר און אויך די לומדים אים אַנטקעגן געקומען מקבל פנים זיין. ווען זיי האָבן אים געפרעגט אויף וועלכע סוגיא ער גייט זיך שטעלן אין זיין איינצוגס דרשה האָט ער זיי געענטפערט "די סוגיא פון חצי שיעור".

ווען זיינע ידידים האָבן געהערט דאָס האָבן זיי אויפגעציטערט. חצי שיעור? דאָס איז דאָך אַ באַקאַנטע סוגיא מיט וואָס די לומדים און חריפים וועלן נישט האָבן קיין שום פּראָבלעם זיך צו ספּראַווען, פון אַלע זייטן אים אַטאַקירן און באַוואַרפן מיט פירכות. רבי שמעון סופר האָט זיי אָבער באַרואיגט. נישט געזאָרגט.

די גרויסע שול אין דער גרויסער שטאָט קראָקע איז געווען איבערגעפילט. אַ ריזיגער עולם איז געקומען הערן די דרשה. צו דער באַשטימטער צייט איז רבי שמעון סופר אַרויף אויף דער בימה.

"שמעו נא רבותי", האָט רבי שמעון סופר אָנגעהויבן. איידער איך הייב אָן מיין דרשה וויל איך אייך דערציילן אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ווען מיין טאַטע דער חתם סופר איז געווען רב אין פּרעשבורג.

"אין פּרעשבורג איז געווען אַ איד וואָס האָט זיך נישט אויפגעפירט כשורה און האָט נישט אויסגעפאָלגט די וואָרענונגען פון רב". (לויט ווי דער טשעבינער רב האָט געזאָגט איז דאָס געווען אַ קצב וואָס האָט אָפן געהאַט דאָס געשעפט אום שבת). "מיין טאַטע דער חתם סופר האָט מערערע מאָל אים געוואָרנט, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. האָט מיין טאַטע געשיקט מיך און מיין ברודער דער כתב סופר מיר זאָלן גיין אים וואָרענען נאָך איין מאָל. אויב וועט דאָס נישט העלפן און ער וועט נישט הארכן זאָלן מיר קוקן אין זיין געזיכט און אינזין האָבן אַ געוויסן שם פון די שמות הקדושים וואָס ער האָט אונז איבערגעגעבן.

"וכך הוה. מיר זענען געגאַנגען און אים געוואָרנט. אָבער אַנשטאַט דעם וואָס ער זאָל זיין געהאָרכזאַם האָט ער זיך געעפנט דאָס מויל מיט שענדליכע רייד קעגן אונזער פאָטער. מיר האָבן געטאָן וואָס אונזער טאַטע דער חתם סופר האָט אונז געהייסן טון און מיר זענען דערנאָך געגאַנגען ווייטער. דער סוף פון דעם פּאַרשוין איז געווען זייער נישט גוט!"

"אַצינד שמעו נא רבותי", האָט רבי שמעון סופר ווייטער געזאָגט, "כ'האָב געהערט אַז צווישן עולם זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן מיך שטערן און אָפּפרעגן די דרשה. טראַכט אייך גוט איבער. אויב מיינט איר עס אויפריכטיג לאמיתה של תורה איז אדרבה, מיני ומינייכי תסתיים שמעתתא. טאָמער אָבער זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען עס נישט לשמה, נאָר לקנטר, זאָלט איר וויסן אַז דער שם וואָס מיין טאַטע האָט מיר איבערגעגעבן ליגט מיר נאָך גוט אין זכרון!"

האָט דער טשעבינער רב ממשיך געווען: מיין טאַטע האָט דאַן געוואוינט אין קראָקע און האָט זיך געפונען אין דער שול. האָט ער דערציילט אַז די ווערטער פון רבי שמעון סופר האָבן אַנגעוואָרפן אַ שרעקליכן פחד, אַ פחד פון סכנות נפשות, אויף אַלע פאַרזאַמלטע. ס'איז געווען עומדים צפופים, מען איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ, קיין פּיפּס האָט מען אָבער נישט געהערט במשך פון דער גאַנצער דרשה. דער עולם איז געווען אין אַזאַ פחד אַז קיינער האָט זיך נישט גערירט פון פלאַץ במשך פון דער גאַנצער דרשה. אַלע האָבן געציטערט נישט פוגע צו זיין בכבודו פון רבי שמעון סופר, וועלכער געדענקט נאָך דעם "שם" וואָס ער האָט באַקומען פון חתם סופר.

"מיין טאַטע" האָט דער טשעבינער רב צוגעלייגט, "איז אָבער נישט געווען צווישן די וואָס האָבן אפילו געהאַט אַ הוה אמינא זיך מפלפל צו זיין מיט רבי שמעון סופר".

[המשך קומט אי"ה]

נח

ברוך יודא קליין

# שבועות ביים הייליגן חתם סופר

**מנהגים פון שבועות – דער אויסדרוק "דער הייליגער חתם סופר", דאָס שייכות מיט שבועות – גילוי אליהו שבועות ביינאַכט ביי הגה"ק רבי משה יוסף האָפמאַן, "פּאָפּער דיין" זצ"ל – די סוכה'לע פון צווייגן און בלעטער שבועות אין שול אַרום דעם חתם סופר**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## מנהגים: שבועות

א. לכבוד שבועות האָט דער חתם סופר יעדעס יאָר געלערנט אַ ספּעציעלע סוגיא. אין צוגאָב צו די סוגיות וואָס ער האָט געלערנט פאַר שבת הגדול און שבת תשובה, און נאָך סוגיות וואָס ער האָט געלערנט אין נישט קביעות'דיגע זמנים, זענען געווען זיבן קביעות'דיג באַשטימטע צייטן ווען ער האָט יעדעס יאָר געלערנט אַלץ אַן אַנדערע ספּעציעלע סוגיא: די צווייטע טעג פסח; שבועות; די צווייטע טעג סוכות; חנוכה; חמשה עשר בשבט; שבת שקלים; און שבת זכור.

אין חידושי חתם סופר דערמאַנט ער טייל פון די חידושים אויף די סוגיות, מיט די דאַטומס ווען ער האָט זיי געלערנט.

ב. ערב ראש חודש סיון האָט ער געפאַסט. דער חתם סופר פלעגט פאַסטן יעדן ערב ראש חודש, אָבער ערב ראש חודש סיון האָט ער געפאַסט מיט אַלע תלמידים, און געלייענט "ויחל". אַזוי שרייבט הרה"ג רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין "שער יוסף" אין חתם סופר על התורה פרשת במדבר, אין נאָמען פון זיין זיידן הגאון רבי זעקיל פּאָלאַק זצ"ל, אַ תלמיד פון חתם סופר. דער תענית איז געווען צוליב דעם מכילתא אין פרשת יתרו אויף בחדש השלישי וגו', ויסעו ויחנו, מה ביאתם למדבר סיני בתשובה אף נסיעתם מרפידים בתשובה, וואָס לויט דעם מכילתא האָבן די אידן תשובה געטאָן ערב ראש חודש סיון.

ג. שבועות ביינאַכט האָט ער געדאַווענט אין דער גרויסער שול, נישט אין זיין בית המדרש. (חוט המשולש עמוד קכ"ח).

ד. מיט מעריב האָט מען געוואַרט ביז צאת הכוכבים. אַזויווי דער ט"ז זאָגט אין סימן תצ"ד, ס'זאָלן זיין "תמימות". נישט ווי דער מגן אברהם וואָס זאָגט דאָרט אַז ס'איז גענוג נאָר קידוש נישט צו מאַכן ביז נאָך צאת הכוכבים.

ה. די שול איז געווען באַצירט מיט גרינע בלעטער און שמעקעדיגע בלומען.

ו. ביינאַכט פלעגט מען עסן די מילכיגע סעודה – נישט ביי טאָג. די ערשטע כותבי התולדות פון חתם סופר, ווי דעם חתם סופר'ס אייניקל דער חוט המשולש און דעם חתם סופר'ס קינדער און תלמידים, שרייבן דאָס נישט. ס'שרייבן עס נאָר די פון אַ דור צוויי שפּעטער. מעגליך אַז דאָס איז דערפאַר ווייל אַזוי האָט מען זיך געפירט אין אויבערלאַנד. איז עס ביי די ערשטע ביאָגראַפן נישט געווען קיין חידוש. ס'איז געווען דער אָנגענומענער מנהג אשכנז.

הרה"צ רבי יודא'לע דזשיקעווער זצ"ל פלעגט שבועות ביינאַכט גיין באַזוכן אייניקלעך פון חתם סופר אין ירושלים, זאָגנדיג אַז ער האָט הנאה צו זען ווי זיי האַלטן אָן דעם מנהג פון עסן מילכיגס ביינאַכט. ער פלעגט זאָגן אַז דאָס נעמט זיך פון אַ הידור נישט צו עסן מילכיגס און פליישיגס אין איין און דעם זעלבן טאָג אין טאָג פון קבלת התורה. ער אַליין האָט זיך אויך אַזוי געפירט.

ז. תיקון ליל שבועות האָט דער חתם סופר געזאָגט צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. (דער לשון פון לקוטי חבר בן חיים, עמוד תט"ו: "תיקון ליל שבועות אמר יחד עם תלמידיו הסמוכים עליו").

ח. די תרי"ג מצוות האָבן זיי שוין נישט אַספּיעט צו זאָגן ווייל, לויט ווי

דער לקוטי חבר בן חיים זאָגט, איז שוין געוואָרן עלות השחר. האָבן זיי זיך סומך געווען אויף דעם פיוט "אתה הנחלת" וואָס זיי האָבן געזאָגט ביי מוסף.

ט. נאָכ'ן ענדיגן דעם תיקון ביי עלות השחר האָט דער חתם סופר געהייסן פאַר איין בחור וואָס איז געהאַט געשלאָפן ער זאָל זאָגן ברכת התורה און ברכת השחר און יעדן מוציא זיין. ער האָט געהייסן די תלמידים זאָלן אינזין האָבן יוצא צו זיין ברכת התורה נאָר ביז ווען זיי וועלן זיך שפּעטער צולייגן נאָכ'ן דאַווענען. ווען זיי וועלן דערנאָך אויפשטיין זאָלן זיי נאָכאַמאָל זאָגן ברכת התורה. (זע מגן אברהם סי' מ"ז ס"ק י"ב און אָנפאַנג סי' תצ"ד וועגן אינזין האָבן יוצא זיין ברכת התורה ביז אַ זמן מסוים).

י. די אקדמות האָט מען געזאָגט פאַר קריאת התורה, איידער די ברכה פון כהן. קיין איינער פון די כותבי התולדות שרייבט נישט צי דער חתם סופר האָט פאַרגעזאָגט די אקדמות אָדער דער בעל קורא.

יא. שבתים און אַלע אַנדערע ימים טובים פלעגט דער חתם סופר עולה זיין שלישי. דעם ערשטן טאָג שבועות האָט ער אָבער עולה געווען מפטיר. אַזוי שטייט אין די תקנות פון פּרעשבורג (אות ט'): "בשבת חזון וביום א' של עצרת יעלה למפטיר מורינו". (זע משנה ברורה סימן תצ"ד סק"ד: "ונוהגין במקצת מקומות שגדול וחכם קורא זאת ההפטרה, וסמך לדבר, ולא במעשה מרכבה אא"כ היה חכם ומבין מדעתו וכו'").

יב. ביים דוכנ'ען האָבן די כהנים געזונגען דעם ניגון פון אקדמות. דאָס איז געווען אַן אַלטער מנהג אין פּרעשבורג.

## דער שבועות'דיגער מקור פאַר'ן אויסדרוק: "דער הייליגער חתם סופר"

אין ספר "זכרון למשה" פון הג"ר יוסף הכהן שוואַרץ הי"ד איז פאַראַן אַ בריוו פון הג"ר משה דייטש זצ"ל אב"ד סאַבאָדקע, אַן איידעם פון הגה"ק דער ערלויער רב, בעל "התעוררות תשובה" זצ"ל הי"ד, וועלכער דערציילט, אַז אין שנת תרע"ה, בעת דער ערשטער וועלט מלחמה, איז ער געפאָרן מיט זיין יונגערן שוואָגער הג"ר אברהם סופר ז"ל, זון פון ערלויער רב, דער שפּעטערדיגער אַרויסגעבער פון די מאירי'ס, קיין ראַצפערט צום בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זצ"ל. ווען זיי זענען אַריין צום בעלזער רב האָט ער פאַרגעשטעלט זיין שוואָגער ר' אברהם סופר אַלס אַן אייניקל פון חתם סופר. האָט בעלזער רב זיך אויפגעשטעלט פאַר אים און זיך אָנגערופן "דער הייליגער חתם סופר!"

נאָכדעם וואָס ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און איז אַריין אין אַ שמועס מיט זיי האָט דער בעלזער רב זיי געזאָגט: צי ווייסט איר פאַרוואָס די גאַנצע וועלט, אָן אויסנאַם, זאָגט "דער הייליגער" חתם סופר? איך האָב מקובל פון מיין טאַטן אַז דאָס האָט צו טון מיט מיין זיידן דער שר שלום מבעלזא זצ"ל.

געווען איז עס ווען עטליכע פון זיינע חסידים האָבן זיך אַמאָל געפונען אין וויען צווישן פסח און שבועות. אַזוויי ס'איז זיי שוין נישט מעגליך געווען צוריק צו פאָרן קיין גאַליציע אויף שבועות, און אין וויען האָבן זיי נישט געוואָלט בלייבן אויף יום טוב, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּרעשבורג, וואָס איז נאָענט צו וויען, זיך צו געפינען בצילא דמהימנותא פון דעם שר התורה דער חתם סופר אויפ'ן יום טוב פון קבלת התורה.

שבועות זענען זיי אויפגעוועזן אַ גאַנצע נאַכט מיט'ן חתם סופר און זיינע תלמידים. זיי האָבן געלערנט ביז צופרי. ביי עלות השחר האָבן זיי געדאַווענט צוזאַמען מיט'ן חתם סופר, באַטראַכטנדיג זיין הייליגע עבודה.

"ווען זיי זענען נאָך יום טוב געפאָרן קיין בעלז", האָט רבי ישכר דוב ווייטער דערציילט, "האָבן זיי דערציילט פאַר'ן זיידן אַלעס וואָס זיי האָבן געזען ביים חתם סופר. האָט דער זיידע געגעבן אַ שריי: אָה, אָה, דער הייליגער פּרעשבורגער רב! אַזאַ התלהבות ווי ער האָט שבועות ביי שחרית האָבן מיר נישט געזען אפילו יום הקדוש ביי נעילה"! זינט דאַן רופט אים די גאַנצע וועלט 'דער הייליגער חתם סופר'." (געבראַכט אויך אין "רבי עקיבא ותורתו" עמודים פ"ז-פ"ח).

עס מוז מיינען ערשט נאָך שנת תר"א, ווען דער ערשטער ספר פון חתם סופר, שו"ת חיו"ד, איז אַרויס פון דרוק. פאַר דעם, און בחייו, האָט מען אים נישט גערופן חתם סופר נאָר פּרעשבורגער רב.

## "דער חתם סופר איז אויך פון די ראשונים"

אין "זכרון למשה" איז אויך געדרוקט אַ בריוו פון הגאון רבי אשר אנשיל ווייס אב"ד נאָדיפאָלו זצ"ל וועלכער שרייבט אַז ביי די מילכיגע סעודה איז ביי די בעלזער רבי'ס געווען דער מנהג צו דערציילן אַן עובדא פון איינעם פון די ראשונים, ווי דער רי"ף, רש"י, דער רמב"ם, רב האי גאון, רב שרירא גאון, וכדומה. איין יאָר האָט דער בעלזער רב רבי ישכר דוב זצ"ל דערציילט עטליכע ענינים פון חתם סופר. זעענדיג ווי דער עולם וואַרט ער זאָל רעדן פון די ראשונים האָט ער זיך אָנגערופן: "זאָלט איר וויסן אַז דער חתם סופר איז איינער פון די ראשונים".

## זוכה לגילוי אליהו

דער כתב סופר האָט נאָכגעזאָגט פון זיין טאַטן דער חתם סופר, אַז ווער ס'לערנט שבועות ביינאַכט נאָכאַנאַנד, רצופים, אָן אויפהער און אָן היסח הדעת, איז זוכה צו גילוי אליהו. (אוצרות הסופר קונטרס ט' ע' ע"ח).

## הגה"ק רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל, פּאַפּער דיין פון ירושלים, איז זוכה צו גילוי אליהו

אין ירושלים האָט געוואוינט אַ הייליגער איד – הגה"ק רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל, באַקאַנט אַלס דער פּאַפּער דיין. רבי משה יוסף איז געווען אַ תלמיד קודם פון רבי יהודה אַסאַד, פון רבי נטע וואָלף ליבער ראב"ד פּרעשבורג, און דערנאָך איז ער געווען אַ תלמיד מובהק פון כתב סופר. זיין פאָטער רבי מיכאל האָפמאַן זצ"ל איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר.

נאָך דער חתונה איז רבי משה יוסף געווען ראש ישיבה אין סערדאַהעל. אין שנת תרמ"ב איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דיין און ראש ישיבה אין פּאַפּא. ער האָט מעמיד געווען תלמידים גדולים וצדיקים, ווי דער גאַלאַנטער רב הגאון רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל און דער שימאָנער רב הגה"ק רבי שבתי שעפטיל ווייס זצ"ל.

אין שנת תרס"ו האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל וואו ער האָט זיך באַזעצט אין די אונגאַרישע הייזער אין ירושלים. דער ירושלימער רב הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל, וועלכער האָט מיט אים צוזאַמען געלערנט ביים כתב סופר, האָט זיך באַטראַכט אַלס זיין תלמיד.

אין ירושלים איז "דער פּאַפּער דיין", ווי מ'האָט אים גערופן, געווען באַקאַנט אַלס אַן איש קדוש, אַ פועל ישועות און אַ בעל רוח הקודש. גדולי ישראל אין אונגאַרן און שפּעטער אין ארץ ישראל האָבן געוואוסט פון מערערע מעשה'ס פון גילוי אליהו וואָס רבי משה יוסף האָפמאַן, דער פּאַפּער דיין, האָט געהאַט, אָדער פון גילויים פון צדיקים מעלמא דקשוט וואָס האָבן זיך פאַר אים באַוויזן בהקיץ אָדער בחלום.

איינע אַזאַ באַרימטע מעשה איז פון אַ גילוי פון ראובן בן יעקב וואָס

ער האָט געהאַט נאָכדעם וואָס ער האָט געזאָגט אַ פשט אין "השליכו אותו אל הבור הזה", אַז ראובן האָט געהייסן אים אַריינוואַרפן דוקא אין עפּעס אַ ספּעציפישן גרוב וואָס איז ריין פון נחשים ועקרבים. די ברודער האָבן נישט געוואוסט אַז ער מיינט דוקא יענעם גרוב האָבן זיי אים געוואָרפן אין אַן אַנדערן גרוב וואָס איז געווען והבור ריק אין בן מים אבל נחשים ועקרבים יש בו.

הגאון רבי חיים יודא לייב אויערבאַך זצ"ל, פאָטער פון הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל און שווער פון הגאון רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל, איז אַמאָל שבועות צופרי נאָכ'ן דאַווענען ותיקין אַריין צום פּאָפּער דיין אין ירושלים אין שטוב אים וואונטשן אַ גוט יום טוב. האָט ער באַמערקט ווי דאָס געזיכט פון פּאָפּער דיין שיינט מיט אַ באַזונדערע ליכטיגקייט און ער געפינט זיך אין אַ זעלטן דערהויבענע שטימונג. האָט ער אים געפרעגט וואָס איז דאָס דער גרויסער אור און אויסערגעוויינליכע שמחה וואָס שטראַלט פון אייער צורה?

האָט אים רבי משה יוסף האָפמאַן געענטפערט: איך וואָלט אייך באמת נישט דערציילט. אָבער אַזוויי איר באַמערקט וועל איך אייך זאָגן: אין מיינע יונגע יאָרן ווען איך האָב געלערנט ביים כתב סופר האָט ער מיר געזאָגט אין נאָמען פון זיין טאַטן דער חתם סופר, אַז ווער ס'לערנט שבועות ביינאַכט אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ הפסק און אָן היסח הדעת איז זוכה צו גילוי אליהו זכור לטוב. ביז היינט איז מיר דאָס קיינמאָל נישט געראָטן. די נאַכט בין איך געזעסן און געלערנט אָן אויפהער. פּלוצלינג קומט צו מיר צו אַ איד מיט אַ הדרת פנים און פאַרענטפערט מיר אַ קשיא וואָס איז מיר תמיד שווער געווען אין זוהר הקדוש. כ'האָב מיר פאַרמאַכט די אויגן איבערצוטראַכטן דעם תירוץ צי ער איז טאַקע אויסגעהאַלטן. ס'האָט געשטימט הפלא ופלא. ווען כ'האָב מיר געעפענט די אויגן און געוואָלט רעאַגירן און אים דאַנקען איז ער פאַרשוואונדן. לגמרי נעלם געוואָרן. (זיין זון הג"ר דוד אויערבאַך זצ"ל אין קובץ "שערי הישיבה" גליון ד', שבועות תשנ"ח, מדור שערי מעשה עמ' י"ד. אויך קובץ "אוצרות הסופר" ט' עמ' ע"ח).



הגה"ק רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל
"דער פּאַפּער דיין"



זיין מצבה אויפ'ן הר הזיתים אין ירושלים

הרה"ח רבי נתן אַנשין שליט"א דערציילט אין "סיפּורים ירושלמיים" (ח"ב עמ' 260) אַז אין שנת תרפ"ז איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַן ערדציטערניש. מענטשן האָבן מורא געהאַט אַז ס'וועט קומען נאָך אַ ציטערניש (וואָס מען רופט אַן "עפטער-שאָק"). די איינוואוינער פון די אונגאַרישע הייזער זענען נישט צוריק אין די הייזער. זיי האָבן זיך יענע נאַכט געגרייט צו שלאָפן אויפ'ן "אונגאַרישן פעלד". רבי משה יוסף דער פּאָפּער דיין איז אַרויס פון שטוב, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און געזאָגט: "ניין, עס וועט נישט זיין נאָך אַן ערדציטערניש". ווען מענטשן האָבן דאָס געהערט זענען זיי צוריק אַריין אין די הייזער, וכך הוה. נישט געווען נאָך אַ ציטערניש.

רבי משה יוסף האָפמאַן דער פּאָפּער דיין זצ"ל איז געווען פון די פייערדיגסטע קנאים, די שומרי משמרת הקודש אין ירושלים. צווישן אַנדערן האָט ער געקעמפט קעגן לאָזן הרב ק. קומען פון יפו קיין ירושלים.

רבי משה יוסף האָט אַמאָל געזאָגט: "די ערליכע פּאָפּער אידן ווערן אַלע נסתלק אום חודש ניסן". ער אַליין איז נפטר געוואָרן ראש חודש ניסן תרפ"ח.

דער הויפט פון דער חברה קדישא אין ירושלים, רבי מנחם קליין זצ"ל, האָט דערציילט אַ מעשה נורא:

במשך פון אַ לאַנגער צייט פאַר זיין הסתלקות יעדעס מאָל וואָס ער האָט באַגעגנט דעם פּאָפּער דיין האָט ער אים געזאָגט: "אויב אַ איד ווערט נפטר שפּעט נאָכמיטאָג, נאָענט צו דער שקיעה, דאַרף מען טון אַלץ וואָס מעגליך אים קובר צו זיין נאָך דעם זעלבן טאָג".

– און וואָס קען מען טון אויב דער טויער פון בית החיים איז שוין פאַרשלאָסן?

קריכט מען איבער דעם גדר פון בית החיים – האָט רבי משה יוסף געענטפערט.

א' ניסן תרפ"ח איז דער פּאָפּער דיין נפטר געוואָרן – 20 מינוט פאַר דער שקיעה. "כ'האָב אויפ־געציטערט", האָט רבי מנחם דערציילט, "ווען כ'האָב זיך דערמאַנט וואָס ער פלעגט מיר זאָגן וועגן עמיצן וואָס ווערט נפטר נאָענט צו דער שקיעה. מיר האָבן גיך געמאַכט די טהרה, בלויז געציילטע מענטשן ווען מען האָט שנעל מודיע געווען, צווישן זיי רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל, האָבן אים מלוה געווען, און אים גלייך געפירט צום הר הזיתים".

"אָנקומענדיג צום הר הזיתים איז דער טויער געווען פאַרשלאָסן. האָב איך מיך ווידער דערמאָנט וואָס ער האָט מיר געזאָגט. מיר האָבן אים איבערגעפירט איבער דעם גדר".

מאַנכע גדולי ירושלים זענען געווען אַנטריסטעט דערפון וואָס דער צדיק איז לא נספד כהלכתה הערנדיג פון דער קליינער לויה. ערשט ווען רבי מנחם קליין דער ראש פון דער חברה קדישא האָט זיי דערציילט וואָס דער דיין פלעגט אים זאָגן בחיים חיותו האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז מן השמים האָט מען אַזוי געפירט זיין רצון זאָל פולשטענדיג דערפילט ווערן. (רבי נתן אַנשין אין סיפּורים ירושלמיים).

רבי משה יוסף איז געווען אַ גאון בנגלה ובנסתר. ער האָט געשריבן חיבורים על הש"ס וואָס איין חלק דערפון, ספר "מי באַר מים חיים" אויף מסכת ברכות, איז געדרוקט געוואָרן.

מיר האָבן געברענגט די אַלע פרטים אגב גררא אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה פון גילוי אליהו שבועות ביינאַכט וואָס ער האָט געהאַט צוליב די ווערטער וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן דער כתב סופר אין נאָמען פון חתם סופר, בכדי צו געבן אַ ברייטער בילד אויף די תלמידים און תלמידי תלמידיו פון חתם סופר. דערצו איז וויכטיג צו פאַראייביגן זכרו הבהיר פון הגה"צ רבי משה יוסף האָפמאַן, דער פּאָפּער דיין זצ"ל,

וועלכער האָט לײדער נישט איבערגעלאָזט קײן זרע של קיימא.

אינטערעסאַנט וואָס רבי משה יוסף שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר "מי באר מים חיים" וועגן דער ישיבה פון כתב סופר:

"כשהייתי בן י"ט שנים הלכתי לישיבה הרמה לישיבת מורי בעל כתב סופר, ומצאתי שם חברים צדיקים וחסידים ומתמידים וחריפים, ד' מאות בחורים, כולם אהובים כולם ברורים, והיו עומדים צפופים בבית המדרש הישן על מקום קטן, מי שלא ראה לא יאומן כי יסופר, ושם מצאתי ונראה כבוד התורה, ומורי ז"ל למד השיעור בסוגיות הש"ס בחריפות, והיו דבריו נחמדים כנתינתם מסיני. אשרי מי שזכה לשמש בישיבתו הרמה ולנשק את ידו".

## אילני סרק — קבלת התורה אפילו פאַר די וואָס זענען בשפל המדריגה

ווייטער אין דער הקדמה צו זיין ספר "מי באר מים חיים" שרייבט רבי משה יוסף האָפמאַן אַז דער כתב סופר האָט געזאָגט פאַר זיין טאַטן הגה"צ רבי מיכאל האָפמאַן אַז ער, דער כתב סופר, האָט זוכה געווען צו תלמידים וואָס זענען אַלע געווען גדולי ישראל: רבי משה יוסף שרייבט וועגן כתב סופר:

"והיה מיסר ורודף מי שהיה בו מידות שאינם טובים והיה מרחיק אותם מבין תלמידיו, עד שהיה ישיבה הרמה בלי שום סיג ופסולת. ואמר לאאמ"ו ז"ל שיאמינו לו שגם החת"ס לא זכה לישיבה כזה... והוא (דער כתב סופר) זכה לתלמידים חסידים וקדושים וחריפים".

זיכער זענען דעם חתם סופר'ס תלמידים געווען די סאַמע גרעסטע גדולי ישראל וואָס כל בית ישראל נשען עליהם. אָבער ווען דער חתם סופר איז געקומען קיין פרעשבורג זענען נאָך רוב שטעט און דערפער אין אונגאַרן געווען אַ מדבר שממה. דער חתם סופר האָט אָנגענומען תלמידים אויך בינונים כל זמן זיי זענען געווען יראי שמים. רוב פון זיי זענען למעשה אויסגעוואַקסן צו זיין תלמידי חכמים מופלגים און גדולי ישראל. דער חתם סופר איז במשך פון פערציג יאָר געווען דער רבי פון דעם ערשטן דור בני תורה אין אונגאַרן. ווידער די תלמידים פון כתב סופר זענען שוין על פי רוב געווען קינדער פון תלמידים פון חתם סופר – ווי רבי משה יוסף האָפמאַן גופא, וועלכער איז געווען אַ זון פון הגה"צ רבי מיכאל האָפמאַן זצ"ל, אַ תלמיד פון חתם סופר.

דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, איז די תורה געגעבן געוואָרן גלייך ווען מען איז אַרויס פון מצרים ווען אידן זענען נאָך געווען בשפל המדריגה "להורות כי אין מעצור ולא יתייאש אדם מחלקו בתורה אפילו אם יהיה בשפל המדרגה, מ"מ כמוהו כמו הגדול שבגדולים".

דאָס איז אויך דער טעם, זאָגט דער חתם סופר, פאַרוואָס מען שטעלט בוימער, אלני סרק, אין די שולן און בתי מדרשים אויף שבועות "ואילני סרק הם בבחינת עמי הארץ ומהם עושים מסעד בית ה'... והם מחזיקי תורה, ועתידים אילני סרק שיטענו פירות". (דרשות חתם סופר, ח"ב דף רפ"ח).

## די סוכה פון צווייגן און גרינע בלעטער אויפ'ן חתם סופר'ס פלאַץ אין דער שול

אויף שבועות אין דער שול אין פרעשבורג זענען ווי עס איז דער מנהג געשטעלט געוואָרן בוימער, – ווי דער מגן אברהם זאָגט (סי' תצ"ד ס"ק ה'): "נוהגין להעמיד אילנות כדי שיזכרו שבעצרת נידונין על פירות האילן ויתפללו עליהם".

אויפ'ן פלאַץ פון חתם סופר אין דער שול (נישט אין זיין בית המדרש) האָט מען אויפגעשטעלט אַ מין סוכה'לע געמאַכט פון צווייגן און גרינע בלעטער.

ברענגט דער בערעגסאַזער רב אַ מעשה נורא אין חוט המשולש (עמוד קכ"ח): "פעם אחת קרה מקרה שגבאי אחד של ביהכ"נ העביר את המנהג הנ"ל, ולא הניח לעשותו. וכאשר בא זקיני זצ"ל לבית הכנסת בליל יו"ט וראה שנשתנה הלילה הזה מכל ליל חג השבועות, הרע לו מאוד על הגבאי, ומצא בקפידה מקום לחול עליו ולא השלים שנתו ר"ל".

הגאון רבי אברהם פאָלאַק ראב"ד באָניהאַד זצ"ל האָט צוגעשריבן אויף זיין גליון פון חוט המשולש ווי פאָלגענד: לא כך הי' המעשה, וח"ו לא גרם משה רבינו הסתלקות נפש מישראל, אלא שבאותו יו"ט ממש נשרף דירתו של הגבאי, ואמר מרן החת"ס "הוא לקח ממני את ביתי, על כן השי"ת לקח ממנו את ביתו" שפך חמתו על עצים ואבנים. (די הערה אויפ'ן חוט המשולש פון הג"ר אברהם פאָלאַק איז געווען געדרוקט אין "הסופר", קובץ תורני י"ל ע"י התאחדות תלמידי ישיבת חתן סופר ברוקלין, גליון ט"ז, סיון תשמ"ט, עמ' מ"ג).

מעגליך אַז די גירסא פון הג"ר אברהם פאָלאַק איז אין דעם פאַל מער קראַנט. ער איז געווען פון די פאַרלעסליכסטע מומחים אויף די תולדות און תורות פון חתם סופר. הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל שרייבט ביים סוף פון זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר: "לא החלטתי הערותי עד שהצעתי לפני תלמידי חכמים מביני דבר, ובראשם הכי נכבד מ"ד הג"מ אברהם סג"ל פאָלאַק שליט"א רבדק"ק באָניהאַד, ענף עץ אבות הקדושים כ"ק אביו זקני הג"מ משה סג"ל אבדק"ק באָניהאַד, בן זקני הג"מ יצחק זעקל סג"ל זצ"ל, תלמיד מובהק ובן משק בית מרבינו המחבר החת"ס זצ"ל, אשר זכרון וחידושי רבינו החת"ס לא מש מפיהם כל הימים, ואהבתם ויראתם של אבותיו ורבותיו מול רבינו ירושה הם לו ונטועים בתוכו, קרא ושנה הרבה ונהירין ליה שבילי דחידושי וכתבי החת"ס".

בדרך כלל איז אָבער דער חוט המשולש די פאַרלעסליכסטע אויטאָריטעט פאַר די תולדות פון חתם סופר. מיט הונדערט יאָר צוריק זענען געווען פאַרשידענע חוקרים, אויך גדולי ישראל, וואָס האָבן געצווייפלט און אפילו געפּרואווט מכחיש צו זיין געוויסע פאַקטן וואָס דער חוט המשולש ברענגט. אַנדערע האָבן דיספּוטירט געוויסע דאָקומענטן וואָס ער ברענגט אין "איגרות סופרים", אפילו דערקלערט געוויסע בריוו אַלס זיופים. די געשיכטע האָט אָבער געגעבן גערעכט פאַר'ן בערעגסאַזער רב, רבי שלמה סופר. די אַלע דאָקומענטן און בריוו וואָס ער ברענגט זענען אויטענטיש ווייל די אָריגינעלע עקזיסטירן און זענען היינט בנמצא. אויך רוב פון די פאַקטן וואָס ער ברענגט אין חוט המשולש וואָס טייל האָבן אין זיי געצווייפלט האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיג.

דער חזון איש פלעגט זאָגן אַז היינטיגע צייטן זענען ביאָגראַפיעס פון גדולי ישראל אַזוי ווי מוסר ספרים. יעדער דאַרף זיי האָבן און מוז זיי לייענען. ער האָט ספּעציעל דערמאַנט די ביאָגראַפיעס פון רבי עקיבא איגר און פון חתם סופר וואָס געפינען זיך אין חוט המשולש. ער אַליין פלעגט לייענען דעם חוט המשולש, וואָס איז געווען די איינציגע ברייטע ביאָגראַפיע פון חתם סופר.

דער חזון איש האָט געזאָגט: "צריך שיהיו בכל בית ספרים המספרים את תולדותיהם של אנשים גדולים, כגון 'עליות אליהו' 'חוט המשולש' וכיו"ב, וזה טוב גם לילדים וגם לבית". (תלמידו הגאון רבי שמרי' גריינימאַן זצ"ל, מעשה איש, ח"ב, עמ' ט"ו).

[המשך קומט אי"ה]

**ברוך יודא קליין**

**נט**

# דער הייליגער חתם סופר



**היסטאָרישע עפּיזאָדן, פּיקאַנטע אַנעקדאָטן – רעיונות, תורות, און השקפות – דער שיעור שטוב: אַ מיעוט המחזיק את המרובה – די בחורים אין צילינדערס, דער חתם סופר אין אַ קאָלפּיק – פאַרוואָס האָבן דעם חתם סופר'ס זין נישט געלערנט אין דער פרעמד? – די צאָל תלמידים אין פּרעשבורג – די איינציגע תשובה אָן אַ "נרו יאיר" – פאַרוואָס איז די מצוה פון ותקעתם בחצוצרות למקרא העדה נישט נוהג בזמן הזה? – דער ציטאַט פון תניא הייליגע וואָך אין חתם סופר על התורה: "עפי"ש בספר לקוטי אמרים"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דער "שיעור שטוב" - אַ מיעוט המחזיק את המרובה: "וה' יודע כי עיני ראו בחוץ לארץ דבר זה, ולא אוכל לפרש מפני פריצי עמנו"

דער בית המדרש וואו דער חתם סופר האָט פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים די בחורי הישיבה האָט נישט געהייסן "בית המדרש" נאָר "שיעור שטוב". דאָס איז נאָך פון פריער געווען דער נאָמען פאַר די היכלי הישיבות אין אַלע ישיבות אין דייטשלאַנד, בעהמען און מעהרין.

דער "שיעור שטוב" אין פּרעשבורג איז פאַרהעלטעניסמעסיג נישט געווען גרויס. געווען דאָרט אָרט פאַר נישט מער ווי אַרום הונדערט מענטשן. דאָך האָבן זיך דאָרט געפונען ביי די שיעורים פון חתם סופר נאָענט צו 300 בחורים.

דער "שיעור שטוב" פאַר דעם, ווען דער חתם סופר איז געווען רב און האָט געהאַט די ישיבה אין מאַטערסדאָרף, איז געווען נאָך קלענער. דאָך זענען געווען צייטן וואָס עס האָבן דאָרט געלערנט איבער 300 בחורים.

אין שאלות ותשובות חתם סופר (חיו"ד סי' רל"ד) ברענגט דער חתם סופר דעם תשב"ץ, אַ ראשון, וועלכער שרייבט (שו"ת סוף סימן ר"א) אַז דעם נס פון "עומדים צפופים ומשתחוים רווחים" האָט מען געקענט זען אויך אין זיינע צייטן, ווען 300 מענטשן האָבן יום טוב שבועות געדאַוונט אין דער שול אין ירושלים און קיינעם איז נישט געווען ענג. שרייבט דער חתם סופר: "וה' יודע כי עיני ראו בחוץ לארץ דבר זה, ולא אוכל לפרש מפני פריצי עמנו".

אין "זכרון למשה" פון רבי יוסף שוואַרץ שרייבט דער שימלויער רב, הגאון רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצ"ל, אַז דער חתם סופר מיינט דערמיט, ווי ס'איז באַקאַנט, דעם שיעור שטוב אין פּרעשבורג. "נתפרסם בעולם מתלמידיו הגאונים הקדושים שזה היה בבית מדרשו בפרעשבורג שהיה קטן מהכיל, כנראה עוד היום, והיה שם מועט המחזיק את המרובה"

אַזוי שרייבט אויך הגרי"צ בערנפעלד זצ"ל אין סידור תפלה חתם סופר: "מקובלני שבבית מדרשו אשר בעיר פרעשבורג מקום הגדת השיעורים לבני הישיבה נתקיים הנס. הבנין נהרס כליל בימינו. זכיתי לשני אבנים מהם".

הגה"ק רבי שאול בראַך זצ"ל וועלכער איז געווען אַ תלמיד קודם פון מהר"ם שיק און דערנאָך פון חתם סופר'ס אייניקל דער "חתן סופר" אין מאַטערסדאָרף דערציילט (שאול בחיר ה' עמוד י"ג) אַז 50 יאָר נאָכ'ן לערנען אין מאַטערסדאָרף האָט ער, אין שנת תרצ"ב, ווידעראַמאָל באַזוכט מאַטערסדאָרף. אין בית המדרש פון דער ישיבה האָבן זיך דאַן געפונען צווישן 45 און 50 בחורים און דאָס פּלאַץ איז געווען פול. ס'וואָלט געווען כמעט ווי אוממעגליך פאַר 100 מענטשן זיך צונויפצוקוועטשן אין דעם בית המדרש. ער האָט דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. ווען ער האָט אַלס בחור דאָרט געלערנט מיט 50 יאָר פריער האָבן דאָרט געלערנט איבער 400 בחורים און אַלע האָבן געהאַט פּלאַץ אין אָט דעם בית המדרש.

שרייבט רבי ישראל ערליך אין "שאול בחיר ה'" וואָס רבי שאול בראַך האָט דערציילט פאַר זיינע תלמידים אין קאַשוי: ווען ער האָט דאַן, אין תרצ"ב, באַזוכט מאַטערסדאָרף און געזען ווי דאָס בית המדרש

איז אָנגעפילט מיט אַרום 45 צו 50 בחורים האָט ער געפרעגט פון מאַטערסדאָרפער רב הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ״ל (שפּעטער פון ברוקלין) צי מען האָט איבערגעבויט דעם בית המדרש און קלענער געמאַכט דעם צימער זינט ער האָט דאָרט געלערנט מיט פופציג יאָר פריער. האָט אים דער מאַטערסדאָרפער רב געענטפערט אַז ניין, ס'איז די זעלבע גרויס ווי ס'איז געווען דאַן ווען ער האָט דאָרט געלערנט ביים חתן סופר.

ס'קען נישט זיין אַנדערש, האָט רבי שאול בראַך געזאָגט פאַר זיינע תלמידים, נאָר אַז אין דעם בית המדרש איז דאָ השראת השכינה וואָס הערשט דאָרט נאָך פון די צייטן פון ווען דער חתם סופר האָט דאָרט געהאַט זיין ישיבה. ס'איז אַ מיעוט המחזיק את המרובה, ווי דער חתם סופר שרייבט ״וה׳ יודע כי עיני ראו בחוץ לארץ דבר זה, ולא אוכל לפרש מפני פריצי עמינו״. כאָטש די וועלט ווייסט אַז דער חתם סופר האָט זיך באַצויגן צו דעם שיעור שטוב אין פּרעשבורג ווייזט אויס אַז אויך אין מאַטערסדאָרף איז געווען די זעלבע וואונדערליכע ערשיינונג.

(די גמרא אין ברכות דף י״ז ע״ב דערציילט ווי פאַרהאַרטעוועט עס זענען די הערצער פון די גויים אין דער שטאָט מחסיא, וואָס זיי זעען דעם כבוד התורה צוויי מאָל אַ יאָר ווען אידן קומען הערן די דרשות פון רב אשי און פאָרט זענען זיי זיך נישט מגייר: ״אמר רב אשי, בני מתא מחסיא אבירי לב נינהו, דקא חזו יקרא דאורייתא תרי זמני בשתא ולא קא מגייר גיורא מינייהו״ זאָגט רש״י: ״שהיו נאספים שם ישראל באדר לשמוע בהלכות פסח מדרש דרב אשי, ובאלול לשמוע הלכות החג״. זאָגט דאָרט תוספות: ״ושמא ניסא איתרחיש להו״. תוספות זאָגט אָבער נישט וואָספאַראַ נס. פון ״ספר העתים״ ברענגט תוספות אַז ס'איז געווען או עמוד אש יורד מן השמים. לויט אונזער שמועס דאָ איז מעגליך אַז דער נס איז געווען די זעלבע ערשיינונג: אַזאַ גרויסער ציבור האָט געהאַט גענוג אָרט אין אַ פּלאַץ וואָס איז געווען אַ מיעוט המחזיק את המרובה).

## די בחורים אין צילינדערס און דער חתם סופר אין אַ קאָלפּיק

די בחורים, די תלמידים פון חתם סופר, האָבן געמוזט זיצן ביים שיעור אָנגעטאָן אין צילינדערס – אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן ״קלאַפּ-צילינדערס״, צי ״קלאַפּ-הוטן״. דאָס זענען געווען צילינדערס וואָס מען האָט זיי געקענט צונויפקוועטשן און צונויפלייגן. דערפאַר דער נאָמען קלאַפּ-הוט. אויפ'ן וועג פון די אכסניות צום שיעור האָבן זיי די צילינדערס צונויפגעדרוקט און געטראָגן אונטער די אָרעמס. פאַר'ן אַריינקומען אין שיעור שטוב האָבן זיי עס צוריק אַרויפגעדרוקט, הויך געמאַכט און אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ. אַ צילינדער איז אין יענער צייט אין אויבערלאַנד, דייטשלאַנד, בעהמען און מעהרין געווען דער בכבוד'יגסטער מלבוש. דער שבת'דיגער לבוש. ביים שיעור זענען די בחורים געזעסן אין די בכבוד'יגסטע מלבושים.

דער חתם סופר אַליין האָט ביים שיעור אָנגעהאַט אַ קאָלפּיק. (מנהגי חתם סופר דף לה).

אַלע געמאָלענע בילדער פון חתם סופר צייגן אים טאַקע אין אַ קאָלפּיק, אָדער אפילו אַ שטריימל. דער שטריימל מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק איז נישט געווען באַגרעניצט צו חסידים. דער ווילנער גאון איז אויך געגאַנגען אין אַ שטריימל.

ווען דער קול אריה איז אַלס יונגער בחור געוואָרן אַ תלמיד אין דער ישיבה פון חתם סופר האָט ער אַלס אָרימער בחור נישט געקענט זיך ערלויבן צו קויפן אַ נייעם צילינדער. האָט ער געקויפט אַן אַלטן גענוצטן צילינדער, וואָס איז געווען פיל גרעסער ווי זיין מאָס. ביים שיעור האָט ער מיט איין האַנט געמוזט אָנהאַלטן דעם הוט עס זאָל אים נישט פאַלן און פאַרדעקן דאָס פנים. נאָכ'ן שיעור האָט דער חתם סופר אים געגעבן געלט ער זאָל זיך קויפן אַ נייעם צילינדער. (תולדות קול אריה בהוספות עמוד ה׳).

## פאַרוואָס האָבן דער כתב סופר און רבי שמעון סופר נישט מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה?

אויף עטליכע ערטער שרייבט דער חתם סופר וועגן דער וויכטיגקייט פון מקיים זיין דעם הוי גולה למקום תורה, פון גיין לערנען אין ישיבות אין דער פרעמד, אַוועק פון דער אייגענער היים.

אין שאלות ותשובות חתם סופר חושן משפט סי׳ ט׳ איז פאַראַן אַ שאלה צום חתם סופר וועגן דער צוואה פון אַ גביר אין האָלאַנד וואָס האָט איבערגעלאָזט בירושה אַ פאָנד, אַ קרן קיימת, וואָס פון די פּראָצענטן און די רווחים האָט ער געהייסן מען זאָל אויסהאַלטן אַ בחור אַ יניק וחכים וואָס איז קוואַליפיצירט אויסצוואַקסן אַ מורה הוראה. דער בחור, וואָס זאָל זיין נישט ווינציגער ווי צען יאָר און נישט מער ווי פופצן יאָר אַלט, זאָל יערליך קריגן 200 גילדן, ביז צו דער עלטער פון 25 יאָר. דער גביר האָט אָבער געשטעלט איין באַדינג: דער יניק וחכים מוז די אַלע יאָרן לערנען אין דער פרעמד, אַוועק פון דער היים, אין אַ ישיבה אין אויסלאַנד.

די אפּוטרופּסים איבער דעם פאַרמעגן האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. נאָך אַנדערהאַלבן יאָר האָט אָבער דער בחור צוליב פאַרשידענע סיבות געוואָלט צוריקקומען פון אויסלאַנד לערנען אין אַ ישיבה אין זיין היים שטאָט. איז דער חתם סופר אָנגעפרעגט געוואָרן צי דער באַדינג פון גיין לערנען דוקא אין דער פרעמד איז בכלל אויסגעהאַלטן, אַז מען זאָל זיך אַבסאָלוט מוזן רעכענען דערמיט.

אין דער תשובה ענטפערט דער חתם סופר אַז דער באַדינג פון לערנען אין דער פרעמד איז זיכער אויסגעהאַלטן. אונזערע זיידעס און רבי'ס האָבן אַזוי געטאָן צו זיין גולה למקום תורה. ״ויפה עשה״, שרייבט דער חתם סופר, ״שציוה שיצא דוקא ללמוד חוץ למדינה. הנה פשוט יותר מביעא בכותחא שיפה עשה. ומנהג אבותינו ורבותינו הקדמונים ניהג שהרחיקו נדוד מביתם... ומרחיקים עצמם ונודדים מביתם להרחיק עצמם מגעגועי אבותם, והלימוד חוץ לבית עדיף, שאיננו מעונג, ומצטער קצת, ואחז״ל אף חכמתי עמדה לי, חכמה שלמדתי באף היא שעמדה לי. וזהו מנהג אבותינו ורבותינו הקדמונים״. דער חתם סופר פירט אויס: ״היוצא מזה שיש לצאת ללמוד תורה אפילו כשהאב גאון ורב גובריה וישיבה בביתו כיצחק אבינו ורבינו הקדוש, מכל מקום יש לילך למקום ישיבה אחרת, ומכל שכן כשאין ישיבה במדינה שיש לנוד למקום דיבוק חברים ופלפול תלמידים ההגונים יראי ה׳ ושומרי תורה״.

דאָס זעלבע שרייבט דער חתם סופר אויף עטליכע ערטער. ״בזכות שהוא מתאבק בעפר רגלי החכמים, פירוש שהוא רץ אחריהם, בשכר זה זוכה להבין דברים כמו ששותה בצמא שנהנה בשתייתו. ומזה נהגו התלמידים לנוד ולנוע ממקומם אל ישיבות אחרות ולשמוע בלימודים״ (חתם סופר על התורה, דברים דף ל״ה). אויך זאָגט ער דאָס אויף עטליכע ערטער אין די דרשות.

הג״ר שמואל אליעזר שטערן שליט״א אין ״סנה בוער באש״ וואונדערט זיך הלמאי דעם חתם סופר'ס זין זענען נישט אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַנדערע שטעט און לענדער נאָר האָבן געלערנט ביים חתם סופר אין פּרעשבורג: ״יש לתמוה קצת, דהרי כל בניו של מרן למדו בישיבתו ולא גלו למקומות של תורה, וצ״ע״.

הגאון רבי בן ציון שטראַסער שליט״א, אבדק״ק נייטרא, באָראָ פּאַרק, פאַרענטפערט דאָס אין זיין וואונדערבאַרן ספר ״אורות חתם סופר״. אַלץ ווענדט זיך, זאָגט הגרב״צ שטראַסער, אינעם מצב פון דעם תלמיד, און פון דעם רב און ראש ישיבה, און וואו דער תלמיד וועט באמת האָבן אַ בעסערן תכלית: ״התשובה הנכונה לזה הוא, כי כל דברי מרן ז״ל נאמרים רק אם לפי מצב התלמיד, ולפי מצב הרב שבעיר אחרת, שהתלמיד יגלה לשם, מוכשר התלמיד להצליח בלימוד התורה ויראת השם, לא פחות מאם ישאר

בעירו. אבל אם כפי הענין יצליח התלמיד יותר אם ישאר ישיבה שבעירו, אין לתלמיד לילך לעיר אחרת, אשר לפי הענין נראה שמוכשר פחות להצליח לכך שיצליח בלימודו ויראת השם. ועל כן מרן ז״ל הבין כי לבניו עדיף יותר להצלחתם שישארו בישיבתו משילכו לישיבה אחרת שהיה באותו תקופה, ולכן לא שלחם למקום אחר. ואף מרן ז״ל לא מצינו שעשה כן, לילך וללמוד לעיר אחרת, אלא מתוך הכרח, כי רבותיו כגון הפלא״ה, ועוד גדולים שהיו רבותיו, רובם ככולם דרו בעיר מולדתיו ומקום אבותיו בפפ״ד, ורק מתוך הכרח גלה מרן ז״ל מעירו, והוא כשנדד רבו המובהק רבי נתן אַדלער ז״ל מפפ״ד לעיר אחרת, וכמ״ש מרן ז״ל בהספידו עליו (דרשות דף שע״ב ע״א ד״ה ואני) ״אני רצתי אחריו מאה פרסאות, ועזבתי בית אמי וחדר הורתי, כידוע ומפורסם לכל״ (״אורות חתם סופר״ פרשת בהר, דף תכ״ה בהערות).

## דער מספר פון די תלמידים אין דער פרעשבורגער ישיבה

ווי דערמאַנט פריער איז דער שיעור שטוב פון חתם סופר אין פרעשבורג געווען אַ מיעוט המחזיק המרובה וואָס האָט ביים חתם סופר ענטהאַלטן נאָענט צו דריי הונדערט בחורים.

וואָס איז אייגנטליך געווען דער מספר, די דורכשניטליכע צאָל תלמידים, אין דעם חתם סופר׳ס ישיבה אין פרעשבורג?

די וואָס האָבן געשריבן ביאָגראַפיעס פון חתם סופר נאָך זיין הסתלקות האָבן אָנגעהויבן מיט 300 בחורים. במשך פון די יאָרן איז אָבער אַנטשטאַנען אַן אינפלאַציע אין די נומערן. טייל האָבן געשריבן 400, טייל 500, און אַנדערע נאָך מער.

ר׳ יקותיאל יהודא גרינוואַלד אין זיין בוך ״טויזענט יאָר אידיש לעבן אין אונגאַרן״ שרייבט קודם 500 תלמידים, דערנאָך שרייבט ער אַז עס האָבן קיינמאָל ביים חתם סופר נישט געלערנט ווינציגער ווי 300 תלמידים און פיל מאָל האָבן דאָרט געלערנט 450 תלמידים. אַנדערע זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און געשריבן 580 תלמידים.

הרב בנימין שלמה האַמבורגער, דער באַגאַבטער חרדי׳שער פאָרשער, אַליין אַן אייניקל פון חתם סופר, ווייזט אויף אין זיין ״זכרונות ומסורות על החתם סופר״ (זייט 64) אַז די אַלע ציפערן זענען נישט מער ווי גרונטלאָזע גוזמאות.

אין דעם קאָנסוס, דער כתב רבנות, וואָס די שטאָט פרעשבורג האָט געגעבן דעם חתם סופר ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב שטייט אַז די שטאָט פרעשבורג וועט געבן פולע קעסט פאַר אַכט בחורים פון זיין ישיבה, און טיילווייזע שטיצע, בלויז פאַר שבתים, פאַר נאָך אַנדערע פופצן. (חוט המשולש עמ׳ סב בהערה, לקוטי תשובות חת״ס לאָנדאָן תשכ״ב עמ׳ קו-ק״ז). דאָס הייסט אַז דעם חתם סופר׳ס ישיבה אין פרעשבורג האָט זיך געעפענט אין תקס״ז מיט עטליכע צענדליגער בחורים.

מיט צוויי יאָר שפעטער איז שוין די ישיבה באַדייטענד געוואַקסן. די צאָל בחורים האָט אָבער נאָך אַלץ באַטראָפן ווינציגער ווי 150 תלמידים. דאָס שרייבט דער חתם סופר אַליין אין זיין ״ספר הזכרון״ בעת דער נאַפאָלעאָן מלחמה: ״הי׳ פה קיבוץ ישיבה גדולה וחשובה לפעמים קרוב למאה וחמישים תלמידים״.

מיט 12 יאָר שפעטער, אין שנת תקפ״א, האָט די ישיבה געציילט 150 תלמידים. אַזוי שרייבט דער חתם סופר אין אַ בריוו צו דער שטאָט פיורדא וועלכע האָט אים אָנגעבאָטן דאָס רבנות פון דער שטאָט מיט אַן הבטחה אויסצוהאַלטן זיין ישיבה. אין דעם בריוו קלאָגט זיך דער חתם סופר אַז



די ״שיעור שטוב״ אינעם ביהמ״ד פון חתם סופר

די קהילה פון פרעשבורג האָט מער נישט די פינאַנציעלע מעגליכקייטן אויסצוהאַלטן זיין ישיבה וואָס איז זיך צעוואַקסן צו אַרום 150 בחורים. ״סביב לשולחני כמו ק״נ תלמידים השומעים ממני שיעורין... אך בעו״ה המקום דחוק מאוד לתלמידי, כי פרנסתם דחוקה מאוד בעוני ורעבון״.

דעם חתם סופר׳ס שוואָגער הגאון רבי שלמה איגר זצ״ל שרייבט צו זיין זון אין ״הנהגות טובות וישרות״ (חוט המשולש עמ׳ רכט): ״אם תחקור תמצא שגיסי הגאון הצדיק אב״ד דפרעשבורג לומד בכל לילי שבת הסדרה עם פירש״י עם כל הישיבה, אשר הם יותר ממאתים איש״.

דער ״לקוטי חבר בן חיים״ שרייבט אין זיין ביאָגראַפיע פון חתם סופר וועגן אַ מסירה וואָס די משכילים האָבן אַריינגעגעבן קעגן דעם חתם סופר׳ס ישיבה אין פרעשבורג. אין דער מסירה האָבן זיי געשריבן: ״הנה הרב בעירנו מושך יותר ממאתים נערי בני ישראל בלימוד התלמוד״.

הגאון רבי שמעון סופר, וועלכער איז געווען מער אינפאָרמירט ווי סיי ווער און האָט געלערנט אין דער ישיבה ווען ס׳האָבן דאָרט געלערנט די גרעסטע צאָל בחורים, שרייבט אין זיין ביאָגראַפיע פון חתם סופר: ״קהלתו ק״ק פרעשבורג... החזיקו את תלמידי רבינו. היו מאוכלי שולחנם כשלש מאות איש בחור״.

אויך דעם חתם סופר׳ס תלמיד הגאון רבי יצחק אהרן לאַנדסבערג זצ״ל שרייבט אין אַ בריוו צום מהר״ם שיק (ר״א פוקס, ״ישיבות הונגריה בגדולתן ובחורבנן״, ח״ב, עמ׳ 235), אַז דער חתם סופר פלעגט פאָרלערנען ״לפני ג׳ מאות בחורים״.

איינע פון די גרעסטע באַווייזן איז וואָס איז איינגעקריצט אין דער מצבה פון חתם סופר: ״שלש מאות בחורי חמד אשר הקשיבו לקול תורתו יום יום״.

## די איינציגע תשובה אָן אַ ״נרו יאיר״

אין קאַפּיטל נ״ד האָבן מיר געברענגט די תשובה פון חתם סופר (או״ח סימן נ״א) וועגן ״כל המערב דברי קבלה עם ההלכות הפסוקות חייב משום זורע כלאים... ולעומת זה המערב ספרי הגיון עם דברי תורה עובר על



**כתב יד קדשו פון חתם סופר פון דער תורה הײנטיגער וואך אין וועלכן ער ברענגט דעם ספר "לקוטי אמרים" פון בעל התניא**

חורש שור וחמור יחדיו".

מיר האָבן געשריבן אַז דער רב אין איטאַליע צו וועמען די תשובה איז געשריבן געוואָרן איז ווי עס שיינט געווען אַן "אויפגעקלערטער", ווייל צווישן אַנדערן מוסר'ט אים דער חתם סופר וועגן זיין אַ "מלעיג על מנהגי ישראל, ובילדי נכרים ישפוק, ואל דרכיהם ילמוד".

איז אינטערעסאַנט וואָס הגאון רבי ברוך עפּשטיין, דער בעל "תורה תמימה", באַמערקט אין דעם מבוא צו זיין ספר "מקור ברוך". צווישן די איבער 1300 תשובות וואָס זענען בשעתו געווען געדרוקט אין תשובות חתם סופר, צייגט אָן הג"ר ברוך עפּשטיין, איז דאָס די איינציגע תשובה אין וועלכע דער חתם סופר שרייבט נישט נ"י (נרו יאיר) נאָכ'ן נאָמען.

"לדעתי" שרייבט רבי ברוך עפּשטיין, "היתה כוונה מיוחדת בדבריו לא להוסיף לו ברכתו נרו יאיר, בהתאם למה שכתב מהר"ם מינץ בתשובותיו סימן י"ג וז"ל ׳גם נותן על מהרי"ף לטותא דרבנן שלא להזכיר אצל שמו לא יחי׳ ולא יצ"ו כמנהג".

## איז היינט אַ מצוה צו בלאָזן מיט חצוצרות ביים צונויפרופן די אידישע געמיינדע?

די מצוה פון בלאָזן מיט טרומייטערס, מיט חצוצרות, אין דער הייננטיגער סדרה בהעלותך – "עשה לך שתי חצוצרות כסף מקשה תעשה אותם והיו לך למקרא העדה ולמסע את המחנות" – איז לכאורה אַ מצוה וואָס איז נוהג לדורות. ווי דער פסוק זאָגט: "ובני אהרן הכהנים יתקעו בחצוצרות והיו לכם לחוקות עולם לדורותיכם" (י׳, פסוק ח׳). די מצוה איז צו בלאָזן בעת פיר געשעענישן: ביים צונויפרופן די אידישע געמיינדע (מקרא העדה); ווען די אידן אין מדבר האָבן געדאַרפט פאָרן פון איין פלאַץ צום צווייטן (מסע המחנות); ביי אַן עת צרה חלילה; און ביים מקריב זיין קרבנות בימי חג ומועד.

ס'איז קלאָר אַז די מצוה פון תקיעה בחצוצרות בעת מסע המחנות איז בטל געוואָרן ווען אידן זענען אַריין אין ארץ ישראל. ס'איז מער נישט געווען קיין מסע המחנות. וואָס איז אָבער מכח די אַנדערע פאַלן?

דער רמב"ם אין ספר המצוות (מצות עשה נ"ט) שרייבט: "המצווה הנ"ט היא שציונו לתקוע בחצוצרות במקדש עם הקרבת כל קרבן מקרבני המועדים... וכן אנחנו מצווים לתקוע בחצוצרות בעתות הצורך והצרות כשנצעק לפני השם יתעלה" .

דאַקעגן דער סמ"ג אין זיין ספר המצוות (עשין ק"ע) רעכנט אויס בלויז די מצוה פון תקיעה ביים מקריב זיין קרבנות אום יום טוב.

רבי יהודה רוזאַניס, דער בעל "משנה למלך אויפ'ן רמב"ם, האָט געמאַכט אַ חיבור "דרך מצותיך" אויפ'ן ספר המצוות פון סמ"ג. שרייבט ער דאָרט: "ודע שכעת לא ראיתי להסמ"ג שהביא מצוה זו של לתקוע בעת הצרות, ואפילו ברמז, ולא ידעתי למה, וכעת צ"ע".

וואונדערט זיך דער חתם סופר: וואו איז נעלם געוואָרן דער פערטער פאַל, דער חיוב לתקוע בחצוצרות בעת מקרא העדה? דער רמב"ם מיט'ן סמ"ג זענען נאָר מחולק צי תקיעה בחצוצרות בעת צרה איז אַ מצוה אויך בזמן הזה. פאַרוואָס רעדט אָבער קיינער פון זיי נישט וועגן דעם חיוב תקיעה בחצוצרות בעת מקרא העדה? דער חתם סופר פּרואווט צו געפינען הסברים פאַרוואָס די מצוה פון תקיעה בחצוצרת בעת הקהל את העם איז נישט נוהג לדורות. (חידושי סוגיות תרנ"א, כ"ו ע"ב, ד"ה פרשת).

## אין פרשת בהעלותך ברענגט דער חתם סופר דעם תניא: "עפימ"ש בספר לקוטי אמרים"

די וואָך פרשת בהעלותך איז דאָס איינציגע מאָל וואָס דער חתם סופר ציטירט דירעקט פון אַ חסידי'ש ספר. אין חתם סופר על התורה (די פינף בענדער, דף מד) אויפ'ן פסוק והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה זאָגט דער חתם סופר: "י"ל עפימ"ש בספר לקוטי אמרים שהאריך כי נפש החיוני אשר בקרב האדם, כשהוא רע אז מושך אחר תאותיו גם נשמת הישראלי חלק אלו-ה ממעל אשר בקרבו להמשיכו גם הוא אחר תאות הגשמיות, ע"ש. וזהו האספסוף אשר בקרב כל איש הוא מדותיו הרעות שבנפש החיוני שלו התאוה תאוה עצומה כל כך עד שישובו ויבכו גם בני ישראל ר"ל נשמת הישראלי אשר בקרב כל איש מהם". (תקס"ג)"

ווי הג"ר יוסף נפתלי שטערן שרייבט צו אונטן אין "שער יוסף" מיינט דער חתם סופר דעם לקוטי אמרים "תניא", פון הגה"ק רבי שניאור זלמן מלאַדי זצ"ל. רבי יוסף נפתלי צייכנט אָן וואו די בחינה פון תניא וואָס דער חתם סופר ציטירט געפינט זיך אין לקוטי אמרים: פרק י"א, י"ב, ווי אויך סוף פרק י"ז און סוף פרק כ"ד.

צום חתם סופר זענען אַנדערע חסידי'שע ספרים נישט אָנגעקומען. פאַראַן נאָך אַ חסידי'ש ספר מיט'ן זעלבן נאָמען "לקוטי אמרים", פון גרויסן מעזריטשער מגיד, וואָס הייסט אויך "מגיד דבריו ליעקב", (סופי תיבות "דוב"). אויף יענעם לקוטי אמרים שרייבט אָבער דער חתם סופר אין אַ תשובה (שו"ת הא"ח סי׳ ט"ז): "ומה שהעתיק מעלתו מס׳ לקוטי אמרים אותו ספר לא נמצא בקהלתינו".

די בחינה וואָס ער ברענגט די וואָך פון תניא, – און פירט אפילו אויס "עיין שם" – איז דאָס איינציגע מאָל אין אַלע כתבי החתם סופר, סיי אין זיינע חיבורים על התורה, סיי זיינע חידושים אויף ש"ס אָדער זיינע שאלות ותשובות, וואָס דער חתם סופר ציטירט דירעקט פון אַ חסידי'ש ספר.

די תורה איז געשריבן געוואָרן אין תקס"ג, ווען דער חתם סופר איז געווען רב אין מאַטערסדאָרף. פון תקס"ג זענען אגב פאַראַן גאָר ווייניג תורות פון חתם סופר, ווי הגרי"נ שטערן שרייבט אין זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר (עמ׳ י"ג), ווייל דער חתם סופר איז נישט געווען בקו הבריאות. זע שו"ת חת"ס חושן משפט סוף סי׳ קכ"א וואו דער חתם סופר שרייבט: "וגם אינני במזג השוה, ה׳ יחלימני ויחייני עם כל עמו ב"י".

דער ליקוטי אמרים תניא איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין שנת תקנ"ז. אין שנת תקס"ג, ווען דער חתם סופר האָט דאָס געשריבן, האָט דער בעל התניא נאָך געלעבט.

**[פאָרזעצונג קומט אי"ה]**

ברוך יודא קליין

ס'

# דער הייליגער חתם סופר



**"אשרי מי שנתן לו שלום", דער גורל פון די תלמידים וואָס האָבן געגעבן שלום און פון די וואָס האָבן נישט – "ויבא עד חברון", השתטחות אויף קברי צדיקים – די מיינונג פון חתם סופר און וויאַזוי מען האָט זיך געפירט אין פרעשבורג ביז פאַר דער קריג**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "אשרי מי שנתן לו שלום והחזיר לו שלום"

די פאָלגנדע מעשה ווערט געברענגט דורך עטליכע כותבי התולדות פון חתם סופר, ווי אויך אין הקדמות צו ספרים פון זיינע תלמידים אָדער אין ביאָגראַפיעס פון זיינע תלמידים. ווי צו ערוואַרטן זענען פאַראַן קליינע שינויים אין געוויסע פרטים צווישן די פאַרשידענע ווערסיעס. דער תוך פון דער מעשה איז אָבער איבעראָל דער זעלבער:

אין בית המדרש פון חתם סופר איז אַמאָל אַריינגעקומען אַן ארחי פורחי, אָנגעטאָן קרוע ובלועי, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די בחורים זענען דאַן געזעסן און געלערנט וואַרטנדיג דער חתם סופר זאָל אַריינקומען צום שיעור. לויט געוויסע ווערסיעס איז דאָס געווען אַ שטיק צייט נאָכדעם וואָס דעם חתם סופר'ס תלמידים האָבן אים געהאַט געזאָגט אַז זיי ווילן אויך זוכה זיין צו גילוי אליהו.

ווען דער שלעפּערישער אורחי פורחי איז אַריינגעקומען אין בית המדרש זענען געווען בחורים וואָס זענען צוגעגאַנגען און אים געגעבן שלום. אַנדערע תלמידים האָבן אים איגנאָרירט און ווייטער געלערנט. דאַן זענען געווען געוויסע בחורים וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון דעם שנאָרערישן גאַסט.

ווען דער חתם סופר איז אינצווישן אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזען דעם גאַסט איז ער צו אים צוגעלאָפן, האָט אים אַרומגעהאַלדזט און איז מיט אים אַריין אין זיין פּריוואַטן צימער וואו זיי האָבן געווילט פאַר אַ צייט. ווען דער חתם סופר האָט שפּעטער אַרויסבאַגלייט דעם גאַסט און איז צוריק אין בית המדרש האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: "אשרי מי שנתן לו שלום והחזיר לו שלום". די וואָס האָבן אים געגעבן שלום וועלן זוכה זיין צו זיין מורי הוראה און רבנים בישראל. די וואָס האָבן ווייטער געלערנט און האָבן אים נישט געגעבן שלום וועלן טאַקע זיין גדולי ישראל אָבער קיין רבנים וועלן זיי נישט זיין. לויט געוויסע גירסאות האָט ער געזאָגט אַז זיי וועלן אויך האָבן צער גידול בנים חלילה. ווידער די וואָס האָבן געלאַכט און געשפּעט, די וועלן ל"ע אַרויסגיין לתרבות רעה.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אַזוי איז טאַקע געווען.

צווישן די וואָס האָבן ווייטער געלערנט און נישט געגעבן קיין שלום האָט זיך געפונען דעם חתם סופר'ס נאָענטער תלמיד הגאון רבי יצחק זעקיל פּאָלאַק זצ"ל. זיין זון הגאון רבי משה פּאָלאַק זצ"ל, בעל מחבר ספר "וידבר משה" על התורה, אַ תלמיד פון כתב סופר, איז געווען רב אין באָניהאַד. רבי זעקיל פּאָלאַק איז אָבער נישט געווען רב נאָר האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין באָניהאַד.

רבי משה פּאָלאַק איז אַוועק אין שנת תרמ"ט ל"ע, אין יונגען עלטער פון 44 יאָר, נאָך בחייו פון זיין פאָטער.

הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, שרייבט אין איגרות סופרים (ח"ב עמ' 29-30) אַז ווען רבי זעקיל פּאָלאַק האָט מספיד געווען זיין זון האָט ער דערציילט די מעשה, זאָגנדיג אַז ווען דער חתם סופר האָט געזאָגט אַז די וואָס האָבן נישט געגעבן קיין שלום וועלן האָבן צער גידול בנים האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. לויט ווי דער אגרות סופרים שרייבט האָט רבי זעקיל פּאָלאַק געזאָגט אַז ער האָט דווקא יאָ געוואָלט געבן שלום דעם איד אָבער האָט נישט געקענט צוקומען צוליב דעם

געדרענג. (ווידער הג"ר זושא קינסטליכער ז"ל שרייבט: "צאצאיו מפקפקים שקשר עובדא זו עם פטירת בנו").

נאָך אַ גדול בישראל וואָס איז געווען צווישן די וואָס האָבן ווייטער געלערנט און אים נישט געגעבן קיין שלום איז געווען הגאון רבי יודא מאָדערן זצ"ל פון סיגעט.



הגאון רבי זעקיל פאלאק זצ"ל תלמיד פון חתם סופר

הגאון רבי יודא מאָדערן (מאָדערן איז דער נאָמען פון אַ שטעטל נעבן פרעשבורג) איז געווען דער יונגסטער תלמיד פון חתם סופר. אַ געבוירענער (אין שנת תק"פ) אין פרעשבורג איז ער אַלס עילוי מופלג שוין ביי די ניין יאָר אָנגענומען געוואָרן אַלס תלמיד און געזעסן ביים שיעור פון חתם סופר.

רבי יודא מאָדערן איז געוואָרן אַן איידעם אין סיגעט ביי רבי שמואל זאַנוויל כהנא, וועלכער איז געווען אַן איידעם ביי הגאון רבי יודא כהנא, בעל "קונטרס הספיקות", וועלכער איז געווען סיגעטער רב פאַר'ן יטב לב. רבי יודא מאָדערן האָט כל ימיו געוואוינט אין סיגעט וואו ער האָט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד. האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה, האָט מחבר געווען ספרים און געשריבן תשובות. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין רבנות פאָסטן.

רבי יודא מאָדערן האָט דערציילט אַז אַמאָל איז אים געקומען באַזוכן אַ געוועזענער חבר וואָס האָט מיט אים געלערנט ביים חתם סופר, וועלכער איז בשעתו געווען צווישן די וואָס האָבן אָפּגעג'חוזק'ט פון דעם "אורחי פורחי", וואָס דער חתם סופר האָט געזאָגט אַז זיי וועלן אַרויס לתרבות רעה. ווען יענער איז אים געקומען באַזוכן איז רבי יודא מאָדערן געווען שאָקירט אים צו זען. ער איז געווען אײַנגאַנצן אַ מגולח, מיט אַ רינגל אויפ'ן פינגער, און האָט געגעסן אָן אַ ברכה. רבי יודא מאָדערן האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז געווען פון דער חברה וואָס האָט דעמאָלט געלאַכט, דאָך האָט ער נישט געקענט קומען צו זיך ווייל בשעתו איז ער געווען אַ גוטער בחור און איז געקומען פון אַן ערליכע משפחה.

אויף דער פראַגע פון רבי יודא מאָדערן וואָס ער טוט דאָ האָט אים יענער געענטפערט, אַז ער האָט שוין געגאַסן פון אַלע תענוגות עולם הזה. ער האָט אָבער געהערט אַז חסידים דערציילן אַ פּיקציע כאילו דער רבי ר' מאיר פרעמישלאַנער דערקענט אויף יעדן אַלע עבירות וואָס יענער האָט געטאָן. אַזאַ מאָדנע ערשיינונג האָט ער נאָך קיינמאָל נישט בייגעוואוינט. פאָרט ער יעצט קיין פרעמישלאַן צו זען די ערשיינונג.



הגאון רבי הלל פאלאק זצ"ל אב"ד סאסרעגן, תלמיד פון חתם סופר

האָט אים רבי יודא מאָדערן געזאָגט אַז אויך ער איז נייגעריג צו וויסן צי דאָס איז טאַקע אמת. זאָל ער מוחל זיין אויפ'ן וועג צוריק אים קומען דערציילן וואָס ער האָט געזען. רבי יודא מאָדערן האָט אים געבעטן ער זאָל אים געבן תקיעת כף און פאַרשפּרעכן אַז ער וועט אים קומען באַריכטן וואָס ער האָט געזען. כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען אַז תקיעת כף מיינט גאָרנישט ביי אַזאַ פאַרשוין האָט ער אָבער געקלערט אַז אויב דער באַזוך ביי רבי מאיר פרעמישלאַנער וועט מאַכן אויף אים אַ רושם וועט ער וואַרשיינליך יאָ האַלטן וואָרט.

מיט אַ צייט שפּעטער איז דער איד צו אים צוריקגעקומען. רבי יודא מאָדערן האָט גלייך געזען אַז ער איז נהפך לאיש אחר. ביים אַריינקומען האָט ער געקושט די מזוזה, ווען רבי יהודה מאָדערן האָט אים געגעבן כיבוד האָט ער געמאַכט אַ ברכה בכוונה און ס'איז געווען שטאַרק ניכר אַז ער איז געוואָרן אַן ערליכער איד. רבי יודא מאָדערן האָט אים שוין נישט געדאַרפט פרעגן צי רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער האָט געזען אויף אים אַלע זיינע עבירות. (הג"מ מרדכי מילער זצ"ל, בית מרדכי החדש. אוצרות הסופר דף ק"ע).




מצבה פון הגאון רבי יודא מאדערן זצ"ל פון סיגעט, דער יונגסטער תלמיד פון חתם סופר

צווישן די גדולי ישראל וואָס האָבן יאָ געגעבן שלום און זענען טאַקע געוואָרן רבנים ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון הגה"ק רבי אברהם יודא הכהן שוואַרץ, אב"ד בערעגסאַז זצ"ל, דער בעל קול אריה; הגה"ק רבי מנחם מענדל פאַנעט אב"ד דעעש זצ"ל, בעל מעגלי צדק; הגה"ק רבי יצחק אייזיק פרידמאַן זצ"ל אב"ד נירעדהאַז; הגה"ק רבי הלל פּאָלאַק מנייטרא זצ"ל, אב"ד סאַסרעגן, בעל ספר "קודש הילולים"; און הגה"ק רבי הלל ליכטענשטיין, אב"ד קאָלאָמיי זצ"ל.

רבי הלל פּאָלאַק אב"ד סאַסרעגן און רבי הלל קאָלאָמייער, זענען געווען קרובים, שני בשני. אין דער ישיבה זענען זיי געווען בעסטע חברים. דער חתם סופר האָט געזאָגט אויף די צוויי הלל'ס: קודש "הילולים" לה'. פאַראַן וואָס שרייבן אַז דער חתם סופר האָט דאָס געזאָגט ביי יענער געלעגנהייט, ווען זיי זענען געווען צווישן די וואָס האָבן געגעבן שלום.

אַנדערע (ליקוטי חבר בן חיים חי"א ס"פ, ב) שרייבן אַז דער חתם סופר האָט דאָס געזאָגט אַמאָל ערב יום כפור ווען זיי זענען צוזאַמען געקומען נעמען אַ ברכה.

## קברי צדיקים

דער ענין פון השתטחות על קברי צדיקים איז שטאַרק אָנגענומען און פאַרשפרייט אין אונזער דור – מער ווי סיי ווען אין פריערדיגע דורות. וויבאַלד דאָס איז אַזוי אָנגענומען ביי כלל ישראל האָט די השגחה עליונה מסתמא עס אַזוי געפירט.

די סיבה איז נישט בלויז דער שטייגנדער לעבנס סטאַנדאַרד און די פאַרבעסערטע פינאַנציעלע מעגליכקייטן ב"ה.

אַ דור צוויי נאָך דעם גרויסן חורבן וואָס האָט ליידער פאַרניכטעט אַ דריטל פון אידישן פאָלק, און נאָכדעם וואָס אייגענע שונאי הדת האָבן לײדער באַוויזן אַזויפיל אָוועקצורייסן פון זייער אידישן שורש, אַז אידן שומרי תורה ומצוות זענען געבליבן אַ מעט מן המעט, איז ב"ה אונטערגעוואַקסן אַ ניי דור יראים ושלמים, קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך פון דער שארית הפליטה, וואָס קלאַמערט זיך צו זיין מקושר מיט זיין אַמאָליגן שורש, אַ דור וואָס מיט זיין אמונת צדיקים איז פאַרבונדן צו צדיקי אמת פון אַמאָל. צווישן אַנדערן קומט דאָס צום אויסדרוק דורך השתטחות און תפילות ביי קברי צדיקים. אידן ווערן טאַקע געהאָלפן מיט אָפענע ישועות. צלותהון בכן מקבל.

איז אינטערעסאַנט צו באַהאַנדלען אַביסל געשיכטע פון השתטחות אויף קברי צדיקים און וואָס עס איז געווען די מיינונג פון חתם סופר וועגן דעם ענין.

איינס פון די ערשטע מקורות פון השתטחות אויף קברי צדיקים איז טאַקע אין דער היינטיגער פרשה – שלח. "ויעלו בנגב ויבא עד חברון", ברענגט רש"י די גמרא אין סוטה (לד:): "כלב לבדו הלך שם ונשתטח על קברי אבות שלא יהא ניסת לחביריו להיות בעצתם".

נאָך פריער, אין פרשת ויחי, געפינען מיר שוין, ווי רש"י ברענגט דעם מדרש אויף "ואני בבואי מפדן וכו' ואקברה שם בדרך אפרת" אַז על פי הדיבור איז רחל נקבר געוואָרן אויפ'ן וועג, אין בית לחם, כדי ווען נבוזרדאן וועט פאַרטרייבן די אידן אין גלות אַריין וועלן זיי דאָרט דורכגיין. וועט רחל אַרויסקומען וויינען, איינרייסן און בעטן רחמים אויף אירע קינדער. קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה.

אויך ביי ירמיהו הנביא געפינען מיר דאָס אין מדרש (איכה רבה פתיחתא כ"ד). ביים חורבן בית ראשון איז ירמיהו הנביא געגאַנגען מתפלל זיין ביי קברי אבות. ווי מיר זאָגן דאָס תשעה באָב אין אַ קינה פון רבי אלעזר הקליר: "אז בהלוך ירמיה על קברי אבות, ונם עצמות חביבות, מה אתם שוכבות, בניכם גלו ובתיהם חרבות... געו כולם בקינים, דובבו בקול תחנונים, פני שוכן מעונים".

אין מסכת יבמות (קכב.) ברענגט רש"י בשם תשובת הגאונים: "יום שמת בו אדם גדול קובעין אותו לכבודו, ומדי שנה בשנה כשמגיע אותו יום מתקבצים כל ת"ח מכל סביביו, ובאים על קברו עם שאר עם, להושיב ישיבה שם".

רבי יהודה החסיד שרייבט אין ספר חסידים (סי' ת"נ און סי' תש"י) "כי הנאה יש למתים שאוהביהם הולכים על קבריהם ומבקשים על נשמתן טובה ומטיבין להם באותו עולם, וגם כשמבקשים מהם הם מתפללים על החיים, וכלב בן יפונה נשתטח על קברי אבות" אין סי' תתשע"א שרייבט דער ספר חסידים: "ומועיל למתים שהחיים מתפללים עליהם". און אין סי' תשנ"ז שרייבט ער: "כאשר החיים מבקשים טובה על המתים ומטיבין לנשמותיהן, אז המתים מבקשים רחמים על החיים ומטיבין להם באותו ענין".

דער ספר חסידים (סי' תש"ט) ברענגט אויך אַ מעשה פון אַ קהילה וואָס האָט געוואָלט פאַרלאָזן זייער שטאָט און זיך אַוועקציען אין אַ צווייטע שטאָט, האָט אַ מת זיך באַוויזן צו זיי אין חלום און זיי געוואָרנט: "אל תעזבו אותנו המתים כאן, כי יש לנו הנאה בכל פעם שאתם באים לבית הקברות, ואם לא תשמעו לי ותעזבו, דעו לכם כי מות תמותו". די איינוואוינער האָבן נישט געפאָלגט, זאָגט דער ספר חסידים, און ס'איז נישט דורך קיין לאַנגע צייט "וכולם מתו".

אין דרשות הר"ן (דרוש ח' ד"ה ויראה) שטייט: "התפלה במקום קברי צדיקים רצויה ביותר".

ענליכס שרייבט דער גר"א (אויף תקוני זהר כב, ב): "בזמן שאין צדיקים בדור ואין מוצא השכינה מקום לנוח, אַז היא שורה על הצדיקים שוכני עפר".

אין אַ פריערדיגן אַרטיקל (קאַפּיטל נב) האָבן מיר געברענגט וועגן דער דין תורה צווישן דער שטאָט ניקלשבורג און די שטאָט ליכטענשטאָדט וועגן מפנה זיין הגאון רבי מרדכי בנעט זצ"ל וועלכער איז צייטווייליג נקבר געוואָרן אונטערוועגנס אין ליכטענשטאָדט. שרייבט דער חתם סופר (שו"ת ח"ו סי' ל"ז ד"ה אך מי): "אך מי יעיד על זה, הלא אנשי ק"ק ניקלשבורג כולם נוגעין בעדותן הם, דבודאי נוח להם להשתטח על קבר איש אלקים אביהם ורבם, ובפרט שראיתי בהעתק אחד שאמר בפה מלא קודם סלוקו, שאם יצטרכו דבר ישתטחו על קברו".

ווי מיר וועלן שוין זען האָט דער חתם סופר זיך געפירט צו שיקן צו גיין מתפלל זיין אויף קברי צדיקים בעיקר אין אַן עת צרה חלילה אָדער ביי יאָרצייטן און אַנדערע זעלטענע געלעגנהייטן.

אין "ספר הזכרון" וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן בעת דער נאַפּאָלעאָן מלחמה, ווען פרעשבורג איז געווען באַלאַגערט דורך די פראַנצויזן, האָט דער חתם סופר געשיקט אַ מנין לומדי תורה מתפלל זיין אויף קברי צדיקים.

"בלילה ההוא", שרייבט דער חתם סופר אין ספר הזכרון וועגן מוצאי שבת אור ליום כ' סיון שנת תקס"ט, "ושינתי נהיתה עלי, ובבוקר ותפעם רוחי. קראתי לאיש יקר אחד בשמו התורני הקצין הגביר הר"ר מענדל לבוב נ"י, ועשיתיו שלוחא דרחמנא לילך אל הקצין ראש הקהל אשר היה כלוא בבית אז, ולומר לו לשלוח לי סך מאתים זהובים לעשות פדיון נפש, ואקרו"ט יחלקו המעות לענויי עיר, וישלחו גם עשרה לומדי תורה על קברי צדיקים להתפלל ולבקש רחמים, כי א-ל רחום ה'".

אין לקוטי תשובות חת"ס סי' ט', און אין חוט המשולש, איז געדרוקט אַ בריוו פון חתם סופר צו עמיצן וואָס האָט אויף זיך מקבל געווען בעת צרתו צו גיין מתפלל זיין ביים קבר פון חתם סופר'ס רבי, הגה"ק רבי נתן אַדלער זצ"ל. שרייבט דער חתם סופר: "והנה נדר גדול נדר לאלקי ישראל לשלוח להתפלל ולהשתטח על קבר איש האלקים קדוש מ"ו הגאון זצ"ל, להתפלל ולבקש רחמים על רזא דנא. וכן יעשה יקים דבריו, ואני אהיה שליח לדבר ברצות ה', כאשר יצוה מעלתו, ישלח לידי לערך אדום זהב ואצווה לאיזה צדיקים מתלמידיו זצ"ל, יעשו כאשר אצוה אליהם".

דער חתם סופר פלעגט יעדעס יאָר שיקן אַ סומע געלט פאַר אַ תלמיד חכם אין פראַנקפורט ער זאָל זיין שליח צו גיין מתפלל זיין על קברי אבותיו, און ביים קבר פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער.

אין אַ בריוו צו זיין ידיד רבי צבי הירש לעהרין פון אַמסטערדאַם, געדרוקט אין קובץ כרם שלמה (אלול תשנ"ח) שרייבט דער חתם סופר: "הורגלתי זה זמן רב לשלוח לפפד"מ (צו הרב אהרן פולדא) ד' אדומים על פורים ועל ראש השנה, אשר מהם יוקח איזה זהובים לשכר תלמיד חכם אחד המתפלל עבורי על קברי רבותי הקדושים ועל קברי אבותי ביארצייט שלהם, והמותר לבנו של רבינו הגדול מה' שמעון אַדלער שיחי'".

בעת דעם קאַמף קעגן די רעפאָרמער אין אונגאַרן האָט דעם חתם סופר'ס תלמיד הגאון רבי אהרן דוד דייטש זצ"ל דער בעל גורן דוד געשיקט אַ בריוו (געדרוקט סוף ספר גורן דוד ח"ב, מכתבים מכתב ט') צו רבי שמעון ספור זצ"ל, קראָקעווער רב, און צו זיין שוואָגער הגאון רבי זלמן שפיצער זצ"ל, אין וועלכן ער בעט זיי "כי ראוי לשלוח על קברו של מרן ז"ל טרם ימסר הדבר אל הקיר"ה, בנוסח הבקשה שסיים צוואתו, לא יבוש המעיין ולא יקצץ האילן, והן דבר זה ח"ו הוא ביטול צוואתו, כי הן זאת היתה תפלתו שבניו ותלמידיו יהיו מרביצי תורה בישראל, לכן לדעתי כאשר ישלחו על קברו עשרה אנשים יראי ה' הוא ימליץ בעדנו שיצא הדבר לטובת בחורי חמד, וצדיק מצרה נחלץ, ויהפך הדבר שתתבטל הראַבינאַטס-שולע בפאַדווא".

דאָך איז קלאָר אַז השתטחות על קברי צדיקים איז נישט געווען קיין ברייט פאַרשפרייטע ערשיינונג.

הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל אין ספר "לב העברי" ברענגט די רש"י אין יבמות בשם תשובת הגאונים און שרייבט אַז מען וואָלט געדאַרפט טון דאָס זעלבע אין פרעשבורג ביי דער יאָרצייט פון חתם סופר: "הלואי יקבעו תלמידי רבינו ז"ל ביום היאָרצייט שלו, ואשר עושין כן תלמידי מהר"ם א"ש ומהר"ם טייטלבוים ז"ל בכל שנה" (לב העברי ח"א דף פ"ז).

דער ירושלים'ער רב הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל, אַ געבוירענער אין פעזינג, נישט ווייט פון פרעשבורג, האָט פאַר אַ צייט געוואוינט אין פרעשבורג. האָט ער דערציילט אַז אפילו אין טאָג פון דער יאָרצייט פון חתם סופר זענען גאָר ווייניג געגאַנגען צום חתם סופר'ס ציון.

"בפרעשבורג לא עשו 'עסק' מהליכה לקברים ואפילו ביארצייט של מרן החתם סופר זי"ע לא הלכו לקברו אלא אנשים מועטים ביותר, אף שהבית החיים היה קרוב ביותר לעיר" ("רבינו הגדול אמרו" דף מא). רבי יצחק טובי' פירט אויס: "מ'האָט געלעבט מיט'ן חתם סופר אין שטוב".

דער ירושלים'ער רב רבי יצחק טובי' דערציילט דאָרט ווייטער אין רבינו הגדול אמרו: "לפני המלחמה גם לא נסעו כל כך הרבה לליזענסק בכ"א אדר. וכפי שסיפר לי הרה"ק רבי יאַנקעל'ע מפשעוואָרסק זי"ע שהגם שהיה גר סמוך לליזענסק מכל מקום לא היה על קברו של הרבי ר' אלימלך זי"ע אלא פעם אחת בלבד. אולי היה זה גם מפני הוצאות הדרך המרובים. לעומת זאת לציון הרמ"א בל"ג בעומר ולציון הדברי חיים מצאַנז בכ"ה ניסן היו עולים הרבה מאוד, והבעלי עגלות נסעו אז במחירים זולים מפני ריבוי האנשים שנהרו לשם".

אינטערעסאַנט: דער חזון איש האָט 13 יאָר געוואוינט אין ווילנע. דאָך האָט דער חזון איש דערציילט איז ער קיינמאָל נישט געווען ביים ציון פון גר"א אין ווילנע.

הגאון רבי שמעון הירשלער שליט"א פון לאָנדאָן דערציילט אין זיין ספר "שה לבית – גשמי ברכה" דף תרמ"א: "בכ"ה תשרי תשמ"ה זכיתי לנסוע למדינת סלאָבאַקיא להשתטח על קברו של מרן החתם סופר בפרעשבורג ביומא דהילולא שלו. בדרך סיפר לי נכדו הרב שמחה בונם פישער נכדו של הגה"צ מאַטערסדאָרף, ששמע מזקנו הנ"ל, שהגאון בעל שבט סופר היה יוצא לקבר החתם סופר ביום היאָרצייט לבדו עם ההויז-בחור שלו, בלי ריבוי עם בכלל".

אין ירושלים האָט ביז מיט עטליכע יאָר צוריק געוואוינט אַ איד ר' ישעי' פליישמאַן ע"ה, אַ פרעשבורגער געבוירענער און אַ תלמיד פון דער פרעשבורגער ישיבה פאַר דער קריג. וועלן מיר ציטירן וואָס ר' ישעי' דערציילט אין זיינע זכרונות:

"צוויי טעג נאָך סוכות געפאַלט אויס די יאָרצייט פון חתם סופר. אין פרעשבורג איז אָבער גאָרנישט באַזונדערס געפראַוועט געוואָרן אָפּצוצייכענען דעם טאָג. אויפ'ן בית החיים איז קום צונויפגעקומען אַ מנין, וואָס איז באַשטאַנען פון רבנים פון די אַרומיגע שטעט פון די תלמידי תלמידיו, און אייניקלעך פון חתם סופר. אַמאָל האָט מען מורא געהאַט אַז עס וועט נישט זיין קיין מנין האָט מען געבעטן פון אונז, די בחורים וואָס זענען געווען פרעשבורגער איינוואוינער, מיר זאָלן קומען משלים זיין צו מנין. אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו זיין אָנוועזנד. פאַר די שטאָטישע איינוואוינער איז בכלל נישט איינגעפאַלן אַרויסצוגיין צום בית החיים".

"ווען איך דערצייל דאָס היינט פאַר מענטשן קלינגט דאָס אומגלויבליך. ספעציעל אין אָנבליק פון דער היינטיגער ווירקליכקייט ווען מענטשן קומען פון דער גאַנצער וועלט צום ציון פון חתם סופר, ובפרט אינעם טאָג פון זיין יאָרצייט. בימים ההם איז פאַר די פרעשבורגער איינוואוינער אפילו נישט איינגעפאַלן צו מאַכן דערפון אַן עסק. טראָץ דעם וואָס מען האָט געלעבט און געאָטעמט מיט'ן חתם סופר. יעדע זאַך אין דער קהילה איז געטאָן געוואָרן לויט די מנהגים פון חתם סופר און זיין נאָמען איז דערמאַנט געוואָרן ביי יעדן שיעור און ביי יעדן שמועס".

"אין דער ישיבה האָט מען נישט געקענט האַלטן די יאָרצייט ווייל ס'איז געווען בין הזמנים. אָבער ביי די יאָרצייטן פון די אַנדערע בני המשפחה, למשל די יאָרצייט פון רבי שמחה בונם סופר דער בעל שבט סופר, האָט זיין זון, דער רבי, איבערגעזאָגט איינעם פון זיינע שיעורים. בעלי בתים וואָס זענען געווען זיינע תלמידים זענען אויך געקומען זיך באַטייליגן אינעם שיעור".

*

זע אויך "על הגאולה ועל התמורה" סימן קח עמוד קסו.

## "בני היניק שמעון שי' אמר"

אין חתם סופר על התורה (ס"ט ד"ה טובה) ברענגט דער חתם סופר היינטיגע וואָך אַ תורה אויפ'ן פסוק "ושם ראינו את הנפילים בני ענק וכו' ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם", פון זיין זון רבי שמעון סופר: "ובני היניק שמעון שי' אמר".

הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל איז דאַן געווען מאַקסימום 12 יאָר אַלט. רבי שמעון סופר איז געבוירן י"ג טבת שנת תקפ"א און די תורה האָט דער חתם סופר געשריבן אין שנת תקצ"ג.

[המשך קומט אי"ה]



# דער הייליגער חתם סופר

**פעזינג, דאָס שטעטל נעבן פרעשבורג – מרת רחל פרייס, אייניקל פון חתם סופר, טאָכטער פון מרת שרה לעהמאַן, אין פעזינג און אין פרעשבורג – "פאַר איר זאָל דער זיידע דער חתם סופר זאָרגן!" – אירע ניסים פון הצלה פון נאַצישער דעפּאָרטאַציע און פאַרניכטונג – שמא גרים: "אני תמה על צדיקים בני לוי שקראו בנם קרח"**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## פעזינג

אין פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר ציטירט פון די זכרונות פון ירושלימער רב הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל, אַ געבוירענער אין פעזינג, נעבן פרעשבורג, וועגן השתטחות על קברו פון חתם סופר זצ"ל אין טאָג פון דער יאָרצייט פאַר דער מלחמה.

וועלן מיר ממשיך זיין טאַקע מיט דער שטאָט פעזינג – די שטאָט וואוהין דער חתם סופר פלעגט זומער פאָרן פאַר אַ קורצער צייט אויף אָפּרו. ער פלעגט אויך פאָרן קיין יערגען, אויך נאָענט צו פרעשבורג.

פעזינג איז געווען פון די עלטסטע אידישע קהילות אין מעהרין, שפּעטער סלאָוואַקיי. נאָענט צו טויזענט יאָר האָט דאָרט עקזיסטירט אַ אידישע קהילה. די שטאָט, אָדער דאָס שטעטל, איז באַקאַנט צוליב די פילע גדולי ישראל וואָס האָבן במשך פון די יאָרן דאָרט משמש געווען ברבנות און אויך צוליב דעם וואָס פילע רבנים און גדולי ישראל האָבן זיך דאָרט באַגעגנט ווען זיי זענען געקומען אויף אָפּרו.

פאַראַן אַסאַך תשובות וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן פון פעזינג און אויך תשובות וואָס ער האָט געשריבן פון פרעשבורג צו די רבנים אין פעזינג.

הגאון רבי ישראל דוד מרגליות, אויך באַקאַנט אַלס רבי ישראל דוד יפה-מרגליות-שלעזינגער זצ"ל, מגדולי תלמידיו פון חתם סופר, איז געווען רב אין פעזינג. אין שו"ת חתם סופר זענען פאַראַן מערערע תשובות צו אים.

רבי ישראל דוד מרגליות וועלכער איז דאַן שוין אַכט יאָר געווען רב אין פעזינג, האָט נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר אָפּגעהאַלטן אַ מספד מר אין דער שול אין פעזינג אין וועלכן ער האָט געזאָגט:

ביי אָט דער בימה וואו איך שטיי אַצינד דאָ אין פעזינג איז דער פרעשבורגער רב פיל מאָל געשטאַנען און געהאַלטן אַ דרשה. די איינוואוינער פון פעזינג זענען די אייגענע שטוב מענטשן פון חתם סופר.

"הנה כי כן מי שהוא מבני ביתו הוא יאות למפתח בהספידא. ואשר על כן אנחנו עיר הקרובה, ואנן מבני ביתיה דאדמ"ו הכ"מ ז"ל. כאן הוא המקום שדרש כמה פעמים בציבור. כאן נמצא כתב ידו הטהור בפנקס הקהל בתקנות שעשה. כאן נמצא תנוקות אשר מל. כאן הי' כמה וכמה שבועות. כאן צורתו הקדושה ניכרת שמצוה לדמותה לעינים בשעת הספד לדבק בה, והוא תיקון גדול לנשמה" (ספר בגדי מרדכי, דף נא).

אין פעזינג איז פאָרגעקומען די מעשה מיט דעם גר צדק וואָס דער רב פון פעזינג האָט אים גע'מל'ט און מ'האָט נישט געקענט אָפּשטעלן דאָס בלוט. קיין דאָקטאָר האָט מען נישט געקענט רופן ווייל דאָס געזעץ האָט נישט ערלויבט דורכצופירן קיין גירות אָן קיין ערלויבעניש פון דער רעגירונג, וואָס מען האָט דאָ נישט געהאַט. די אידישע איינוואוינער פון פעזינג און פון די אַרומיגע שטעטלעך האָבן זיך געפונען אין אַ פחד פאַר דער סכנה וואָס דראָעט זיי אויב דער גר צדק זאָל שטאַרבן און די רעגירונג זאָל זיך דערפון דערוויסן.

איז דער פעזינגער רב געפאָרן צום חתם סופר און דערציילט וועגן דער גרויסער סכנה פאַר דעם גר און פאַר אַלע אידן. האָט דער חתם סופר געזאָגט אַז נישטאָ קיין אַנדערע עצה נאָר אַז ער, דער פעזינגער רב, און דער גר צדק, זאָלן פאָרן מיט אַ וואָגן צום טייך דונאַ, זיך אַריינוואַרפן אין טייך און אומקומען על קידוש השם.

זיי האָבן מסכים געווען און זיך אַרויסגעלאָזט צום טייך. אָנקומענדיג נאָענט צום דונאַ האָט אַן אַלטער איד זיי אָפּגעשטעלט און זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי פאָרן דאָ, דער טייך שטורעמט דאָך און ס'לויערט אַ סכנה פון אַ פאַרפלייצונג. נאָכדעם וואָס ער האָט זיי שטאַרק מפציר געווען האָבן זיי אים דערציילט די עצה פון חתם סופר. האָט דער אַלטער איד זיי געזאָגט



**מצבה פון הגאון רבי ישראל דוד יפה-מרגליות-שלעזינגער זצ"ל אויפ'ן בית עלמין אין פעזינג**

אַז דאָס פעלט נישט אויס: "איך בין אַ מוהל מומחה און כ'האָב מיט מיר אַ ספּעציעלע שטויב וואָס ווען מען גיסט עס אַרויף שטעלט זיך באַלד אָפּ דאָס בלוט און די יסורים. ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן און דער גר צדק איז אויפ'ן אָרט געוואָרן אויסגעהיילט.

זיי זענען גלייך צוריקגעפאָרן צום חתם סופר און אים געזאָגט אַז זיי ווייסן גאַנץ גוט אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא. אָבער זיי פאַרשטייען נישט דעם גאַנצן שפּיל. אליהו הנביא האָט מען דאָך געקענט שיקן צו זיי אַהיים אויך?

"וואָס האָט איר געוואָלט", האָט דער חתם סופר זיי געזאָגט, "אָן מסירות נפש האָבן אליהו הנביא? דאָס איז אוממעגליך. ערשט נאָכדעם וואָס איר האָט געוויזן אַז איר זייט גרייט צו מסירות נפש אויף קידוש השם האָט מען אייך געקענט שיקן אליהו הנביא". (הגאון ר' שלמה זלמן פרידמאַן אב"ד טענקא זצ"ל, "חמד שלמה" לשביעי של פסח עמ' רכ"ט).

*

הגאון רבי ישראל יצחק אהרן לאַנדסבערג זצ"ל, מגדולי תלמידי החתם סופר, אב"ד גראַסוואַרדיין, איז אויך געווען אַ געבוירענער אין פעזינג.

## "פאַר איר זאָל דער חתם סופר זאָרגן"

אין שנת תרצ"ג, ווען דער צורר היהודים ימ"ש איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, איז דעם חתם סופר'ס אייניקל די אלמנה הצדקת מרת רחל פרייס ע"ה, די טאָכטער פון הצדקת מרת שמחה לעהמאַן ע"ה, אַנטלאָפן, צוזאַמען מיט איר טאָכטער, פון דייטשלאַנד קיין פעזינג וואו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן און איז געבליבן וואוינען אין שטוב פון די עלטערן פון הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל.

מרת רחל פרייס, די טאָכטער פון הגאון רבי משה טובי' און מרת שמחה לעהמאַן, איז געווען די אלמנה פון הגאון רבי ישׂשכר פרייס זצ"ל, דיין פון ווירצבורג אין דייטשלאַנד.

רבי ישׂשכר פרייס, געבוירן אין אַמסטערדאַם, איז געווען אַ תלמיד פון כתב סופר, פון וועמען ער האָט געקראָגן התרת הוראה, און פון זיין זון דער שבט סופר, אין פרעשבורג.

ער איז געווען דיין אין ווירצבורג וואו ער איז געווען באַקאַנט אַלס "דיין פרייס". אַרום שנת תרע"א האָט מען אים געלאַדנט קיין אַנטווערפּן וואו מען האָט אים געוואָלט אויפנעמען אַלס רב. ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די הצעה נאָכדעם וואָס ער האָט געזען די חילוקי דעות צווישן די צוויי קהילות אין אַנטווערפּן און איז צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

רבי ישׂשכר פרייס איז געווען אַ צדיק נשגב. ער האָט געפאַסט יעדן שני וחמישי, און געווען אינגאַנצן פרוש פון תענוגי עולם הזה. מ'פלעגט זאָגן אַז ער האָט קיינמאָל נישט געקוקט אין קיין שפּיגל. טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר און פלעגט משמח זיין אַנדערע האָט ער פון קינדווייז אָן קיינמאָל נישט געלאַכט צוליב חורבן בית המקדש.

רבי ישׂשכר פרייס איז נפטר געוואָרן אין ווירצבורג כ"ח תשרי שנת תרע"ו.

זיין אלמנה מרת רחל פרייס האָט שטאַרק געענדלט אין איר מוטער מרת שמחה לעהמאַן סיי אין איר התנהגות, און סיי אין איר גוטמוטיגע שטימונג, ווי דער חתם סופר האָט געזאָגט אויף מרת שמחה אַז פּונקט ווי איר נאָמען איז שמחה וועט זי אַלץ ברענגען שמחה צו די מענטשן אַרום איר – ווי מיר וועלן זען שפּעטער ווען מיר וועלן אי"ה באַשרייבן די קינדער פון חתם סופר. מרת רחל פרייס פלעגט דערציילן וועגן אירע גרויסע פעטערס, פעטער (אָדער אָנקעל, ווי זי האָט געזאָגט אויף דייטש) שמואל (דער כתב סופר), און פעטער שמעון (רבי שמעון סופר).

אַרום שנת תר"פ האָט זי זיך געצויגן קיין מינכן צו וואוינען נעבן איר זון הר"ר יוסף עקיבא ז"ל. ווען די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט האָט איר זון געפליכטעט קיין שווייץ. זי האָט אָבער געוואָלט אַז לאחר מאה ועשרים זאָל זי ליגן נעבן איר זיידן דער הייליגער חתם סופר האָט זי מיט איר טאָכטער אויסגעוואַנדערט קיין פעזינג, נעבן פרעשבורג, וואו זיי זענען אויפגענומען געוואָרן און זיך אַריינגעצויגן אין שטוב פון הרב שלמה ווייס וזוגתו ז"ל הי"ד, די עלטערן פון הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל.

אָנהויב שנת תש"א האָבן די אידן פון פעזינג זיך אַלע געצויגן קיין פרעשבורג וואו די רדיפות קעגן אידן זענען נאָך געווען מער געצוימט. זומער שנת תש"ב האָבן די רשעים גענומען דעפּאָרטירן אויך די אידן פון פרעשבורג. ווען די עס-עס האָט געקלאַפּט אויף דער טיר און פאַראָרדנט מרת רחל פרייס און איר טאָכטער צו פּאַקן זייערע וויכטיגסטע חפצים און גיין מיט זיי האָט מרת רחל זיך ביי זיי געבעטן זאָגנדיג אַז צוליב איר טיפן עלטער (88) איז פאַר איר אוממעגליך צו גיין אויף די פיס. האָט איר דער רשע געענטפערט אַז ער גייט שיקן אַן אַמבולאַנס וואָס וועט איר קומען אָפּנעמען און אַוועקפירן. אינצווישן איז אַ פּאָליציאַנט געשטעלט געוואָרן פאַר'ן הויז אויף דער וואַך.

דערציילט הגאון רבי יצחק טובי' אין "רבינו הגדול אמרו" (זייט ז' הערה יב), און דאָס זעלבע שרייבן אויך אַנדערע פרעשבורגער עדים נאמנים, אַז זיין פעטער ר' בנימין שלמה שטערן ז"ל, פון די חשובי העיר און אַ



**דער אידישער בית עלמין אין פעזינג**

גרויסער עסקן, האָט זיך געווענדעט צו דעם לעגענדאַרן הצלה עסקן ר' אהרן גרינהוט ז"ל אַז "מען וויל נעמען טאַנטע פרייס", די מומע פרייס. האָט אים ר' אהרן גרינהוט געענטפערט: ס'איז אַ צרת רבים, טויזנטער נפשות ווערן טעגליך אַוועקגעפירט. ס'איז אוממעגליך צו אינטערווענירן פאַר אַ יחיד. "זי (מרת רחל פרייס) איז דאָך דעם חתם סופר'ס אַן אייניקל, פאַר איר זאָל דער גרויסער זיידע זאָרגן!".

וכך הוה.

די רשעים האָבן געשיקט אַן אַמבולאַנס. דער אַמבולאַנס איז אָבער צוליב אַ מעכאַנישן פּראָבלעם געבליבן שטעקן אינמיטן וועג און נישט געקענט אָנקומען. האָבן זיי געשיקט אַ צווייטן אַמבולאַנס. איז אויך דער אַמבולאַנס געבליבן שטעקן צוליב אַ פּראָבלעם. זיי האָבן געשיקט אַ דריטן און ווידער דער זעלבער פּראָבלעם. קיין איינער פון די אַמבולאַנסן האָט נישט באַוויזן אָנצוקומען. דער פּאָליציאַנט וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף דער וואַך האָט ווען עס האָבן זיך געענדיגט זיינע שטונדן זיך אָפּגעטראָגן פון דאָרט.

מרת רחל פרייס איז גאַנצע צוויי יאָר געבליבן וואוינען אין דעם הויז. די רשעים האָבן במשך פון צוויי יאָר אינגאַנצן פאַרגעסן פון איר.

צוויי יאָר האָט געדויערט ביז די דייטשן האָבן דעפּאָרטירט אַלע אידן פון פּרעשבורג. אלול שנת תש"ד איז דער לעצטער טראַנספּאָרט אַוועקגעפירט געוואָרן פון פּרעשבורג. עטליכע טעג איידער דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אַוועקגעפירט געוואָרן איז מרת רחל פרייס נפטר געוואָרן, אין דער היים אין איר בעט. י"ג אלול שנת תש"ד איז זי נפטר געוואָרן, אין זעלבן טאָג ווי די יאָרצייט פון איר מאַמע מרת שמחה לעהמאַן ע"ה, וועלכע איז נפטר געוואָרן י"ג אלול תרע"א. – און אין זעלבן עלטער. ביידע זענען נפטר געוואָרן אין עלטער פון 90 יאָר.

זי האָט זוכה געווען נקבר צו ווערן אין נייעם בית החיים אין פּרעשבורג נעבן איר מוטער און איר פעטער דער כתב סופר, וואָס געפינט זיך נאָענט און העכער דעם אַלטן בית החיים וואו עס ליגט דער חתם סופר. נאָך דער מלחמה איז געשטעלט געוואָרן אַ מצבה אויף איר קבר.

די לעצטע צוויי יאָר פון איר לעבן איז אַ קרוב, הרב שלמה זלמן ליבערמאַן ז"ל פון פּרעשבורג, כסדר געקומען אַרויסהעלפן מיט אַלע אירע באַדערפענישן. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט איר קבורה. ער האָט שפּעטער געזאָגט: ווילאַנג "טאַנטע פרייס" האָט זיך גענויטיגט אין מיין הילף האָב איך געוואוסט אַז איך האָב גאָרנישט צו זאָרגן פאַר מיין אייגענעם גורל אָדער פאַר'ן שיקזאַל פון מיין פאַמיליע. כ'האָב געפילט ווי מיר זענען געשיצט און פאַרזיכערט.

הגאון רבי יצחק טובי' דערציילט, אַז די גיטין פון דער שטאָט פּרעשבורג פלעגט מען, ווען ער איז אויפגעוואַקסן, דורכפירן ביי זיי אין פעזינג. צוויי דיינים פון פּרעשבורג פלעגן קומען קיין פעזינג און צוזאַמען מיט'ן פעזינגער רב, הג"ר יהושע לייב שליל זצ"ל הי"ד, דאָרט מסדר זיין דעם גט. דאָס איז געווען צוליב די פילע נעמען וואָס פּרעשבורג האָט געהאַט: פּרעשבורג, פּרעסבורג, בראַטיסלאַווע, און נאָך. (רבינו הגדול אמרו, דף נד).

לכאורה איז דאָס אַזוי געוואָרן ערשט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה ווען די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט געענדערט דעם נאָמען פון פּרעשבורג און איר אַ נאָמען געגעבן בראַטיסלאַווע. איז עס אַ שאלה פון נשתנה שם העיר בהסכמת רבים או בהסכמת מלכות. ווייל בימי החתם סופר שרייבט דאָך דער חתם סופר אויף עטליכע ערטער אַז מען האָט יאָ געשריבן גיטין אין פּרעשבורג. ווי דער חתם סופר שרייבט האָט מען געשריבן "פּרעשפּורג דמתקריא פּאָזשן".

זע קובץ תשובות סימן ע"ג: "אחר הסכמת הגאונים נקבע שם העיר, אפילו אם יהיה טעות בעיקר הענין, מכל מקום על ידי קביעת הגאונים נתפרסם שכך כותבים שם העיר בגט, ושוב אין לעז ופקפוק.... וכל השמות שנקבעו בספרי שמות הם מטעם כי מאחר שנתפרסם שם זה, אפילו עתה אין זכר למו, מכל מקום כיון שנדפס כן נתפרסם בעולם וליכא תו לעז. ופה



**מרן הגאב״ד ירושלים בעל שערי טובי׳ זצ״ל בעת אַ באזוך אין זיין היימשטאט פאר דער הצלה פון אידישן בית עולם אין פעזינג**

כותבין פרעשפורג, ב׳ פיפי״ן, ואין זכר לשם זה בעולם רק פרעסבורג, ומכל מקום אין לשנות שם העיר בגט״. אָדער אין אהע״ז ח״ב סימן ל״ד, וואו ער שרייבט: ״ופה קהילתנו פרעשפורג דמתקריא באָזשן״. צי אין סימן ל״ו: ״וכאן פרעשפורג, פּאָזשן״.

## ״חונה פה״

וואָס שייך נעמען פון שטעט: פאַר׳ן חתם סופר איז נישט געווען ניחא ווען רבנים האָבן זיך אונטערגעשריבן מיט אַ ברייט לשון ווי ״מצודתי פרוסה״, אָדער ״חונה פה״, אַ לשון וואָס די תורה נוצט אויף משה רבינו, חונה שם הר האלקים.

אַ רב וואָס האָט געשריבן אַ בריוו צום חתם סופר האָט זיך אונטערגעשריבן: רב ואב״ד דמקום פלוני ומצודתו פרוסה בגליל אלמוני. ענטפערט אים דער חתם סופר (שו״ת חת״ס חלק ו׳ סי׳ נ״ט): ״יותר היה ראוי להם לכתוב ׳ודגלו פרוסה׳ או אברתו סכוכה. ומכל מקום לא ראיתי לאחד מרבותי שכתבו לא כן ולא כן (דאָס הייסט נישט דגלו פרוסה און נישט אברתו סכוכה), וגם לא כתבו ׳חונה פה ק״ק הנ״ל׳, אעפ״י שזה הלשון יצא להם לרבנים ממשה רע״ה שכ׳ עליו בשעת מתן תורה אשר הוא חונה שם הר האלקים, ונהגו חכמים סלסול בעצמם לכתוב כן על עצמם חונה, מ״מ רבותי היו נמנעים מזה. ואולי לא רצו לתלות עצמם במקומם, כי אחז״ל ׳אין המקום מכבד את האדם אלא האדם מכבד מקומו׳. וגם לא חתמו על מקום לידתם. ואולי לא רצו לתאר עצמם בעיירי חוץ לארץ. מיהו אנא בהא מילתא כחלא בר חמרא לגבי רבותי ז״ל, ומצינו נתן הבבלי, רב חנינא בגדתאה״.

זאָגט דער חתם סופר, אַז כאָטש זיינע רבי׳ס, רבי נתן אַדלער און דער בעל הפלאה, האָבן זיך אינגאַנצן נישט אונטערגעשריבן אויפ׳ן נאָמען פון זייערע שטעט אָדער אויף די נעמען פון די שטעט וואו זיי זענען געבוירן האָט ער זיך יאָ אונטערגעשריבן אויפ׳ן נאָמען פון זיין געבורטסשטאָט פראַנקפורט ד׳מיין.

די שטאָט פראַנקפורט ד׳מיין וואָס דער חתם סופר האָט איר אויף אייביג פאַרלאָזט אין יונגן עלטער פון 19 יאָר איז דאָס גאַנצע לעבן געבליבן איינגעקריצט אין זיין האַרץ און איז געווען אַ וויכטיגער באַשטאַנדטייל פון זיין אידענטיטעט און כאַראַקטער. אין פאַרשידענע תשובות און בריוו נוצט ער דעם אויסדרוק ״פפד״מ עיר מולדתי״, אָדער ״פפד״מ חדר הורתי״. ער האָט אַזוי שטאַרק מעריך געווען עיר אבותיו ורבותיו און איר מסורת אשכנז, אַז ער שרייבט אין אַ תשובה (ח״ז סי׳ ט׳): ״עיר מולדתינו ק״ק פפד״מ... הנה האמת כי הקהלה הקדושה הזאת ישמרה האל, אחת היא



**מרן הגאב״ד ירושלים בעל שערי טובי׳ זצ״ל ביים ציון פון הייליגן חתם סופר זי״ע**

לאומתה, אין בכל העולם דוגמתה״.

כאָטש רבי נתן אַדלער האָט זיך נישט אונטערגעשריבן אויפ׳ן נאָמען פון אַ שטאָט נאָר ״הק׳ נתן בלא״א מוה״ר יעקב שמשון אדלר כ״ץ זלה״ה״, און דער בעל הפלאה האָט זיך אונטערגעשריבן ״הק׳ פינחס הלוי איש הורוויץ״, האָט דעם חתם סופר׳ס שווער רבי עקיבא איגר זיך יאָ אונטערגעשריבן אויפ׳ן נאָמען פון זיין געבורטסשטאָט: ״עקיבא גינז מא״ש״ (מאייזענשטאַט). ווידער דעם חתם סופר׳ס תלמיד דער מהר״ם שיק האָט זיך געפירט אַזוי ווי זיין רבי און זיך אונטערגעשריבן: ״הק׳ משה שיק מברעזאווא״.

## שמא גרים: ״חזי מה עלתה ביה בקרח״

היינטיגע וואָך אין חתם סופר על התורה (דף ע״ה, ד״ה קרח בן יצהר) וואונדערט זיך דער חתם סופר וויאַזוי די בני לוי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער׳ס אַ קינד ״קרח״. קרח איז דאָך פאַר דעם געווען דער נאָמען פון אַ רשע, איינער פון די אלופי עשיו.

״אני תמה על צדיקים בני לוי שקראו בנם קרח שהוא שם מאלופי עשו, כדכתיב (בראשית לו, י״ח) ואלה בני אהליבמה אשת קרח, אלוף יעוש אלוף יעלם, אלוף קרח, וקיי״ל (יומא לח:) רשעים לא מסקינן בשמייהו, וחזי מה עלתה ביה״.

[המשך וועגן נעמען אין קומענדיגן אַרטיקל אי״ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**מער ווי איין נאָמען, זאָגט דער חתם סופר, איז אַ נייע ערשיינונג, "חדשים מקרוב באו" – דאָס זעלבע זאָגן דער נודע ביהודה און רבי אפרים זלמן מרגליות – פאַרוואָס האָט ער דעם כתב סופר געגעבן צוויי נעמען? – געגעבן נעמען בלויז נאָך זיידעס און משפחה, אפילו נישט נאָך זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער – צדי"ק הפוכה אין כתב סת"ם – דער פולמוס אַרום דעם פסק פון חזון איש וואָס האָט זיך געענדיגט זעענדיג די תשובה פון חתם סופר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## "חדשים מקרוב באו", געבן מער ווי איין נאָמען

דאָס געבן פאַר אַ מענטש צוויי נעמען, זאָגט דער חתם סופר, איז לגמרי אַ נייע ערשיינונג – אַ זאַך וואָס האָט נישט עקזיסטירט פריער און האָט זיך אָנגעהויבן בימיו. אַמאָל האָבן מענטשן געהאַט נישט מער ווי איין נאָמען. אין גאַנץ תנ"ך, זאָגט דער חתם סופר, געפינען מיר נישט קיין איין איינציג מאָל עמיצער זאָל האָבן צוויי נעמען. אויך נישט אין ש"ס ופוסקים. אפילו יעקב אבינו, וואָס דער מלאך האָט אים צוגעגעבן נאָך אַ נאָמען, ישראל – און דערנאָך ווערט ער גערופן מיטביידע נעמען, סיי יעקב און סיי ישראל – געפינען מיר אָבער קיינמאָל נישט ער זאָל ווערן גערופן מיט ביידע נעמען אויפאיינמאָל: יעקב ישראל. ער ווערט גערופן אָדער יעקב אָדער ישראל.

"לפנים לא היו נוהגין לקרות בשני שמות בבת אחת, כי חדשים מקרוב באו. ואפילו יעקב אבינו ע"ה לא מצינו שנקרא יעקב ישראל בבת אחת. ולא מצינו בכל שמות שבתנ"ך וש"ס ופוסקים שיקרא א' בב"א ב' שמות ביחד". (שו"ת חתם סופר אבהע"ז ח"ב סי' י"ח). אַזעלכע נעמען אין ש"ס ווי אבא שאול, אבא יודן און אבא גוריון, זאָגט דער חתם סופר, זענען בלויז איין נאָמען, אַ שטייגער ווי פדהצור אָדער גמליאל, אבא איז אַ טיטול, ווי אבא יודן, וואָס מיינט "רב של יהודים".

אין דער תשובה ברענגט דער חתם סופר דעם ים של שלמה (גיטין פ"ד סי' כ"ו) וועלכער דערציילט אַ מעשה מיט אַ פּאָרפאָלק וואָס דער מאַן האָט געוואָלט געבן זייער ניי-געבוירן קינד דעם נאָמען "מאיר", נאָך זיין טאַטן, און די פרוי האָט געוואָלט אַ נאָמען געבן "יאיר", נאָך איר טאַטן. האָט מען באַשלאָסן צו געבן דאָס קינד אַ נאָמען: "שניאור", וואָס מיינט שני-אור, צוויי באַלייכטונגען, מאיר און יאיר. דער מהרש"ל זאָגט אין ים של שלמה, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס דער נאָמען "שניאור" איז ערפינדן געוואָרן.

פרעגט דער חתם סופר: פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אויפקומען מיט אַ נייעם נאָמען שניאור? פאַרוואָס נישט רופן דאָס קינד מאיר יאיר אָדער יאיר מאיר? מוז זיין, זאָגט דער חתם סופר, אַז בעפאָר האָט נישט עקזיסטירט דער באַגריף פון געבן צוויי נעמען.

אויך דער נודע ביהודה אין אַ תשובה (תנינא או"ח סימן קי"ג) צו הגאון רבי ישעיה פיק בערלין שרייבט: "ואני לחולשת זכרוני אינני זוכר בשום מקום בש"ס שום תנא או אמורא שהיה נזכר בשני שמות ושניהם שם העצם, זולתי אבא שאול ואבא יוסי, וגם זה אינו שני שמות. כי "אבא" לדעתי אינו שם העצם רק שם התואר, לשון חשיבות. ועיין ברכות (ט"ז:). וכמדומה שלא היו רגילין להקרא בשני שמות. ואף במקרא לא היו רגילים כל כך בשני שמות. ועיין פסחים (קיז.) ובחולין (ס"ה.). אבל בימי התנאים ואמוראים לדעתי לא היו רגילים כלל".

אויך הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל, אַ בן דור פון חתם סופר, שרייבט דאָס זעלבע אין דער הקדמה צו זיין ספר טיב גיטין: "נתחדש ענין במדינות אלו לקרוא לפניהם בשמות כפולים... וראה זה דבר חדש בימינו, כי בדורות שלפנים לא נמצא מי שיהיה נקרא בשמות כפולים כי אם אחד מני אלף".

דאָס ספר "נחלת שבעה" פון הגאון רבי שמואל בן רבי דוד הלוי, אַ תלמיד פון טורי זהב, ווערט באַטראַכט אַלס די בעסטע אויטאָריטעט פאַר נוסחאות פון שטרות, גיטין, קידושין, תנאים, שטרי חוב און שטרי מכירה. אין זיין תשובה ציטירט דער חתם סופר דעם "נחלת שבעה", וועלכער שרייבט "ואני הכרתי אחד שהיה נקרא בין הבריות בשני שמות כאחד". ביים "נחלת שבעה" איז עס געווען אַ חידוש צו קענען איינעם וואָס האָט געהאַט צוויי נעמען.

## רבי "אברהם שמואל בנימין" - דער כתב סופר

טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר זאָגט אַז דאָס געבן צוויי נעמען איז אַ נייער מנהג זאָגט ער עס נאָר אַלס אַן אָבסערוואַציע און אַ באַהויפּטונג. נישט אַלס אַ קריטיק. והא ראיה: זיין אייגענעם זון דעם כתב סופר האָט ער געגעבן צוויי נעמען – שמואל בנימין. שפּעטער האָט ער געהייסן אברהם שמואל בנימין. דעם נאָמען אברהם האָט מען אים צוגעגעבן ווען ער איז אין עלטער פון זעקס יאָר געווען מסוכן קראַנק.

פאַרוואָס טאַקע האָט ער אים געגעבן צוויי נעמען, שמואל בנימין? איז פאַראַן וואָס זאָגן אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דעם נאָמען שמואל האָט ער אים געגעבן נאָך זיין טאַטן, האָט ער נישט געוואָלט אַרויסזאָגן דעם נאָמען שמואל, כאָטש זיין טאַטע איז שוין נישט געווען בחיים, צוליב מכבדו במותו. אין שולחן ערוך (יו"ד סימן ר"מ סעיף ב') ווערט טאַקע גע'פסק'עט אַז מעיקר הדין איז נישטאָ קיין שום פּראָבלעם. דער חתם סופר האָט אָבער מרוב קדושתו מחמיר געווען.

דעם נאָמען בנימין האָט דער חתם סופר אים געגעבן נאָך זיין רעביצין'ס עלטער פעטער, רבי בנימין וואָלף איגר זצ"ל, דער פעטער פון הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל.

אין שאלות ותשובות כתב סופר יו"ד סימן ק"ו ד"ה והלום שרייבט דער כתב סופר: "אדוני דודי מאור ישראל מו"ה וואָלף איגר זצ"ל אשר אני נקרא עליו".

## נעמען בלויז נאָך יידעס און משפחה

דער חתם סופר האָט מקפיד געווען צו געבן נעמען פאַר זיינע קינדער בלויז נאָך יידעס און משפחה – ווי פעטערס. נאָך קיינעם פון זיינע רבי'ס האָט ער נישט געגעבן קיין נאָמען. אפילו נישט נאָך זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער זצ"ל, וועלכער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער.

אין חתם סופר על התורה פרשת בא (דף סד ד"ה כיון) שרייבט דער חתם סופר, אַז ס'איז אַ גרויסע זאַך צו געבן אַ נאָמען נאָך אַ צדיק, "ומכל שכן אם יהיה ממשפחתו".

דער כתב סופר האָט, ווי געזאָגט, געהייסן נאָך דעם חתם סופר'ס פאָטער רבי שמואל און נאָך זיין רעביצין'ס עלטער פעטער רבי בנימין וואָלף איגר. "וואָלף" איז אַ אידישער צונאָמען, אַ כינוי, צו "בנימין", צוליב "בנימין זאב יטרוף"

רבי שמעון סופר האָט געהייסן נאָך דעם חתם סופר'ס אור-עלטער-זיידן, דער מקור און שורש פון דער סופר משפחה, הגאון רבי שמעון הדרשן פון פראַנקפורט, דער בעל "ילקוט שמעוני".

דעם חתם סופר'ס יונגסטער זון רבי יוסף יוזפא האָט געהייסן נאָך דעם חתם סופר'ס יונגערער ברודער רבי יוזפא סופר, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין פראַנקפורט ט"ו אדר ב' שנת תקפ"א אָן איבערצולאָזן זרע של קיימא. זיין אלמנה, חולדה, איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן קיין פרעשבורג צו נעמען חליצה פון חתם סופר. דער חתם סופר האָט איר מכיר טובה געווען פאַר ספּעציעל קומען צו פאָרן קיין פרעשבורג כדי נישט צו פאַראורזאַכן דעם חתם סופר קיין ביטול תורה. די אלמנה חולדה איז אויך געווען אַ פלימעניצע. זי איז געווען די טאָכטער פון חתם סופר'ס שוועסטער הינדעלע שטרויס ע"ה.



דער כתב סופר זצ"ל

הגאון רבי חיים סופר זצ"ל דער בעל מחנה חיים, אַ זון פון הגאון רבי פישל סופר זצ"ל (נישט קיין קרוב משפחה מיט'ן חתם סופר), אַ תלמיד ונאמן ביתו פון חתם סופר, שרייבט אין אַ בריוו צו הגאון רבי ירמי' לעוו זצ"ל אב"ד אוהעל, אַז ער האָט חרטה דערויף וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן זיין רבי'ן הגאון רבי בנימין וואָלף לעוו זצ"ל, דער בעל שערי תורה, צו געבן אַ נאָמען נאָך אים, וואָרום עס זענען פאַראַן סודות און יסודות צו געבן נעמען בלויז נאָך משפחה. אין דעם בריוו שרייבט דער מחנה חיים: "רק עכשיו זכיתי לירד לסוף דעתו של אדמ"ו החתם סופר ז"ל שלא נתן לאחד מבניו שמו של רבו המובהק רבי נתן אַדלער, אע"פ שלא נשארו לו בנים".

אין דברי יחזקאל איז דאָ אַ בריוו פון הרה"ק דער שינאָווער רב זצ"ל אין נאָמען פון הרה"ק רבי שלום'קע בעלזער זצ"ל "שטוב ומסוגל לאריכות ימים לקרוא על שם המשפחה של האב או האם"

ווי געזאָגט פריער האָט מען דעם כתב סופר אין שנת תקפ"א צוגעגעבן דעם נאָמען אברהם ווען ער איז אין עלטער פון זעקס יאָר געווען קריטיש קראַנק.

אין שנת ת"ר, עטליכע טעג איידער דער הסתלקות פון חתם סופר האָט מען אויך דעם חתם סופר צוגעגעבן אַ נאָמען: יצחק. יצחק משה. אַזויווי ער איז נישט צוריק געזונט געוואָרן נאָר איז קורץ דערנאָך אַוועק, איז נישט געבליבן דער נאָמען יצחק.

אין שנת תרכ"ב איז דעם כתב סופר'ס עלטסטער זון, עקיבא, קראַנק געוואָרן האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען יעקב. ער איז געזונט געוואָרן און געבליבן מיט דעם נאָמען. הגאון רבי יעקב עקיבא סופר זצ"ל.

איז עס אינטערעסאַנט: אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, לויט'ן סדר פון די יאָרן, האָט מען זיי צוגעגעבן די נעמען פון די אבות: קודם אברהם, דערנאָך יצחק און דערנאָך יעקב.

אַמאָליגע יאָרן פלעגט מען נישט צוגעבן אַזעלכע נעמען ווי היינט, נעמען וואָס זענען מסוגל צו געזונט און לעבן, ווי אַלטער, חיים, רפאל, נאָר לויט אַ גורל. אין ספר טיב גיטין (שמות אנשים אות י"ד ס"ק ט') און אין שו"ת חינוך בית יהודא (סימן קל"ט) ווערט געברענגט אַז מען פלעגט עפענען אַ חומש און דער ערשטער נאָמען וואָס מען האָט געזען איז געווען דער נאָמען וואָס מען האָט צוגעגעבן דעם חולה. דערפאַר האָבן אַסאַך פון אַמאָליגע גדולים וועמען מען האָט צוגעגעבן נעמען געהייסן משה. משה איז דער נאָמען וואָס געפינט זיך דאָס מערסטע אין דער תורה. אין דער משפחה פון חתם סופר האָט ווייזט אויס זיך געעפענט דער חומש ביי אברהם, יצחק און יעקב.

## רבי יעקב ישראל פון די בעלי תוספות

פאַראַן וואָס ווייזן אָן אויף געוויסע נעמען אין תורה און אין נ"ך וואָס קוקן לכאורה אויס ווי צוויי נעמען – "תובל קין", "בעל חנן", און אַנדערע. טייל פון די מפרשי המקרא זאָגן אויפ'ן אָרט אַז איינע פון די צוויי נעמען איז אַ כינוי, אָדער אַז געוויסע פון די צוויי נעמען, ווי "שאר ישוב", זענען פאַקטיש איין נאָמען. אַנדערע רעדן וועגן דעם נאָמען "אבא מרי בר פפא" וואָס מ'זאָגט ביי אַ סיום מסכת: איז דאָס אַ שם העצם אָדער אַ כינוי? בכל אופן זענען דאָס אַלץ נעמען וואָס מען געפינט נישט מער ווי איינמאָל.

מער בולט איז דער נאָמען פון איינעם פון די בעלי תוספות, רבי יעקב ישראל, וועלכער ווערט דערמאַנט עטליכע מאָל אין תוספות און אין די ראשונים.

"ורבנו תם משיב להרב יעקב ישראל", (יומא דף מ"ו ע"ב, ד"ה כי פליגי). "שאל ר' יעקב ישראל את רבנו תם", (כתובות דף צ"ח ע"ב ד"ה אמר רב פפא). "הר"ר יעקב ישראל התיר פעם", (חולין דף קי"ב ע"א, ד"ה בני מילי). די זענען דאָך זיכער צוויי באַזונדערע נעמען, נישט קיין כינויים.

זאָגן דער מהרש"ם מברעזשאַן און אַנדערע אחרונים, אַז וואַרשיינליך האָט מען אים צוגעגעבן איינעם פון די צוויי נעמען ווען ער איז נישט געווען געזונט. דער ענין פון שינוי שם און פון צוגעבן אַ נאָמען פאַר אַ חולה ווערט נאָך דערמאַנט אין דער גמרא אין ראש השנה דף ט"ז, און אַזוי האָט מען זיך געפירט אין אַלע דורות. אָבער געבן צוויי נעמען ביים ברית האָט כמעט נישט עקזיסטירט. אין ספר הישר לרבינו תם איז פאַראַן אַ שאלה, סימן נ"ג, וואָס רבי יעקב ישראל האָט געפרעגט פון רבנו תם. פון דעם לשון פון די מליצות אין די טיטלען אין דער תשובה וואָס דער רבנו תם האָט אים געענטפערט, סימן נ"ד, איז טאַקע משמע אַז דער נאָמען ישראל איז געווען אַ צוגעגעבענער נאָמען. פאַראַן וואָס ווילן אַריינטייטשן אין די מליצות אַז רבנו תם איז עס אפילו געווען דער וואָס האָט אים צוגעגעבן דעם נאָמען.

## רבי שמואל אליעזר אידליש, דער מהרש"א, רבי שלמה אפרים מלונטשיץ, דער כלי יקר, און רבי אהרן שמואל קיידינאָווער, דער ברכת הזבח

דער פריער דערמאַנטער ספר "נחלת שבעה", וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אין נעמען פון גיטין – וואָס שרייבט ווי געזאָגט פריער "ואני הכרתי אחד שהיה נקרא בין הבריות בשני שמות כאחד" – ברענגט אין זיין ספר (מהדורא בתרא דף לא) וועגן דריי גדולי הדור פון זיין תקופה, און פון עטוואָס פריער, וועלכע האָבן געהאַט צוויי נעמען.

דער ערשטער איז דער מהרש"א – רבי שמואל אליעזר אידליש. דער נאָמען אידליש איז געווען אַ שם כינוי מיט וואָס ער האָט זיך גערופן לכבודה פון זיין שוויגער די צדקנית וועלכע האָט פינאַנציעל אויסגעהאַלטן זיין ישיבה. וואָס איז אָבער מכח די צוויי נעמען שמואל אליעזר?

זאָגט דער "נחלת שבעה" אַז זיין נאָמען איז געווען בלויז שמואל. אליעזר האָט מען אים צוגעגעבן בעת חוליו. דאָס איז אַ זאַך וואָס ווערט נישט דערמאַנט דורך קיין איינעם פון די כותבי התולדות פון מהרש"א. דער נחלת שבעה שרייבט אָבער אַזוי, און דער נחלת שבעה האָט געלעבט גאָר נאָענט צו דער תקופה פון מהרש"א.

דער צווייטער גדול וואָס דער נחלת שבעה רעכנט אויס איז רבי שלמה אפרים מלונטשיץ, דער בעל "כלי יקר" און "עוללות אפרים". זיין אָריגינעלער נאָמען איז געווען אפרים. אויף די עלטערע יאָרן ווען ער איז געווען נישט געזונט האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען שלמה.

דער דריטער גדול איז רבי אהרן שמואל קיידינאָווער, דער בעל "ברכת הזבח", וועלכער האָט אַליין געזאָגט פאַר'ן בעל "נחלת שבעה" אַז ביים ברית האָט מען אים געגעבן בלויז דעם נאָמען אהרן, און ווען ער איז אַמאָל קראַנק געווען האָט מען אים מוסיף געווען דעם נאָמען שמואל.

## צדי"ק הפוכה

פאַראַן דריי סאָרטן כתב-סת"ם. דאָס הייסט דריי ערליי מסורות אין די גראַפישע צורות פון סופרי'שע אותיות, כתב אשורית, מיט וואָס מען שרייבט ספרי תורה, תפילין און מזוזות.

א. "כתב בית יוסף", די צורת האותיות וואָס דער בית יוסף ברענגט אין שולחן ערוך או"ח סימן ל"ו. דער כתב בית יוסף ווערט גענוצט דורך אשכנזים און דורך וואָס עס ווערט היינט גערופן די ליטווישע וועלט. דער כתב איז אָנגענומען דרוך אשכנזים כאָטש דער בית יוסף איז געווען אַ ספרדי. דאַקעגן נעמט דער בית יוסף דעם כתב פון ספר "ברוך שאמר", וועלכער איז געווען אַן אשכנזי.

ב. "כתב וועליש". דאָס איז דער כתב וואָס עס נוצן די ספרדים. דער נאָמען "וועליש" נעמט זיך פון "וואַלענסיע", אַ שטאָט, און אויך אַ פראָווינץ, אין מזרח שפּאַניע. דער כתב ווערט אויך גערופן "כתב מור וקציעה", אויפ'ן ספר "מור וקציעה" פון יעב"ץ, וואו עס ווערן געשילדערט אַלע פרטים און דינים פון דעם כתב.

ג. "כתב האר"י, דער כתב פון אריז"ל וואָס איז באַזירט אויפ'ן זוהר און וואָס איז פאַקטיש אַן אַלטע מסורה נאָך פון הונדערטער יאָרן פאַר'ן אריז"ל. דער כתב האר"י ווערט בעיקר גענוצט דורך חסידים.

דער אונטערשיד צווישן דעם כתב בית יוסף און דעם כתב האר"י איז נישט צו גרויס. דער אונטערשיד איז בעיקר אין געוויסע איינצלהייטן אין 7 אותיות. מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין אין די פרטים, חוץ אין איין פרט וואָס איז נוגע אונזער שמועס: די צורה פון דעם אות צדי"ק.

לויט דער אשכנזי'שער מסורה, וואָס איז דער כתב בית יוסף, ווערט דער צדיק געשריבן אַזויווי מיר האָבן דעם אות צדיק אין סידור, אין חומש און אין אַלע געדרוקטע ספרים. נעמליך: דער יו"ד ביים רעכטן אויבערשטן שפּיץ פון דעם אות צדיק איז געשריבן ווי די געהעריגע צורה פונעם אות יו"ד, מיט דעם פיסל פון יו"ד אויף דער רעכטער זייט און דער שפּיץ פונעם

יו"ד אויף דער לינקער זייט. אָבער לויט דעם כתב האר"י על פי קבלה און לויט דער ספרדי'שער מסורה איז דער רעכטער יו"ד פון דעם צדיק פאַרקערט: דאָס הייסט דאָס פיסל איז אויף דער לינקער זייט און דאָס קעפּל פאַרקערט, אויף צוריק, צו רעכטס. זעט בייגעלייגט בילד.



דער צ' אויף לינקס איז א צדי"ק הפוכה

להלכה איז אָנגענומען דורך רוב אחרונים, און אַזוי פירט מען זיך למעשה, אַז דער כתב פון די אשכנזים איז כשר אויך פאַר ספרדים און דער כתב פון די ספרדים איז כשר פאַר אשכנזים, זיכער אַזוי בדיעבד. דאָס הייסט אַז אַ ספרדי קען יוצא זיין און קען עולה זיין, און מאַכן אַ ברכה ביים עולה זיין לתורה צו אַ ספר תורה פון אשכנזים, אָדער אפילו הערן פרשת זכור, און דאָס זעלבע פאַרקערט, אַן אשכנזי אויף אַ ספר תורה פון ספרדים. אַזוי איז נאָך מבואר אין תשובת הרא"ש וואָס דער טור ברענגט אין יו"ד סי' רע"ד. צי ווען איינער האָט פונקט נישט זיינע אייגענע תפילין מעג ער לכתחילה לייגן תפילין פון אַ צווייטן וואָס איז געשריבן לויט אַ צווייטער מסורה.

לכתחילה מוז אָבער יעדער מדקדק זיין צו קויפן נאָר תפילין און מזוזות וואָס זענען געשריבן לויט דער מסורה פון בית אבותיו.

דער חתם סופר שרייבט אַז ער פירט זיך צו שרייבן ספר תורה, תפילין ומזוזה על פי כתב בית יוסף, חוץ דעם אות צדיק: "ספרא דוקנא דידן שלמדנו עמו תמונת אותיות של הרב בית יוסף, ומה שיראה ימיני הצדקי"ן מהופכין הוא ע"פ קבלתי ממורי זצ"ל ע"פ קבלת האר"י ז"ל". (שו"ת חתם סופר יו"ד סוף סימן רס"ו).

דער חזון איש איז די ערשטע יאָרן אין ארץ ישראל שאַרף אַרויסגעקומען קעגן דער כשרות פון ספרי תורה, תפילין, ומזוזות וואָס זענען געשריבן מיט אַ צדי"ק הפוכה, אַ צדי"ק מיט אַ פאַרקערטער יו"ד.

אַמאָל איז אַ איד אַריין צום חזון איש מיט אַ שאלה וואָס אַ סופר האָט געטראָפן ביים בודק זיין זיינע תפילין. האָט אים דער חזון איש געזאָגט: "איר מוזט סיווי בייטן אייערע פרשיות צוליב דעם אות צדי"ק וואָס איז ביי אייך נישט געשריבן כהלכתה".

תוך כדי דיבור איז הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, רב פון זכרון מאיר, אַריין צום חזון איש אין שטוב. דער חזון איש האָט נאָך געהאַלטן די פרשיות אין די הענט און געפרעגט פון הרב וואָזנער וואָס ער האַלט. האָט הרב וואָזנער אים געענטפערט אַז דער חתם סופר אין די תשובות שרייבט אַז זיין רבי הגה"ק רבי נתן אַדלער האָט אַזוי געשריבן, אַ צ' מיט אַ יו"ד הפוכה, און אַזוי האָט אויך ער, דער חתם סופר, געטאָן. (מעשה איש חלק ו' עמוד ק').

שרייבט הרב וואָזנער אַז דער חזון איש האָט נישט געוואוסט דערפון און האָט געבעטן ער זאָל דאָס אים ווייזן אין חתם סופר. מיר ברענגען דעם לשון פון הרב וואָזנער זצ"ל:

"והי' לי ענין בזה עם מרן החזון איש זי"ע כאשר נו"נ אתי בעל פה, וכאשר עלה בדעתו לפסול כזה אמרתי לו מדברי החתם סופר, ואמר שלא ידע מזה, ובקשני שאראה לו בפנים, והראתי לו. ומה הי' דעתו אח"כ איני יודע בברור, ובוודאי תאחז כל קבלה ומדינה במנהגם כי כן נאה ויאה". (שו"ת



הגאון דער חזון איש זצ"ל אין אַ שמועס מיט הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל דער בעל שבט הלוי

שבט הלוי חלק י' סימן ז-ב).

הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים האָט איבערגעגעבן אַז הגר"ש וואָזנער זצ"ל האָט אים דערציילט די מעשה: "סיפר לי הג"ר שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל בעל שבט הלוי שפעם בא לבית החזון איש, ושמע שהוא פוסק על תפילין 'יגנז'. ושאלו על מה הורה כן, ואמר לו החזון איש: שנכנס בהם צד"י הפוכה שלא כהלכה! ושאל אותו החזון איש: ומה אתם אומרים על זה? וענה לו הגר"ש וואָזנער זצ"ל: "יניח אפילו לכתחילה". וכאשר היה הדבר תמוה בעיני החזון איש, אמר לו הגר"ש וואָזנער זצ"ל: "נאמנת עלי עדותו של החתם סופר בשם רבו שכך היא תמונת הצד"י לכתחילה". וביקש ממנו החזון איש שיראה לו את דברי החתם סופר בפנים, והביא והראה לו את תשובתו הנדפסת ביו"ד סוף סי' רס"ו".

"וסיים הגר"ש וואָזנער זצ"ל: כמדומה לי שהגם שעד אז הרעיש החזון איש מאוד בענין הצד"י ההפוכה, והאריך בזה באיגרותיו ובחידושיו (ראה חזון איש או"ח סי' ט' סק"ו), מכל מקום מכאן ואילך כבר לא היה פוסל זאת". ("רבינו הגדול אמרו", דף שנו).

הגאון רבי יצחק יעקב ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים ברענגט אין שו"ת "מנחת יצחק" חלק ד' סימן מ"ז אַז הגאון רבי ישראל וועלץ זצ"ל האָט אים דערציילט אַז אויך ער, הגר"י וועלץ, האָט געהאַט אַ משא ומתן איבער דעם ענין מיט'ן חזון איש און ווען ער האָט אים געוויזן די תשובה אין חתם סופר האָט דער חזון איש מודה געווען אַז מען קען נישט פסל'ען די צדיק הפוכות.

דער מנחת יצחק ברענגט דאָרט דעם בריוו וואָס ער האָט געקראָגן פון הגאון רבי ישראל וועלץ, וועלכער שרייבט צו אים כהאי לישנא: "האמת אגיד כי גם אנכי הפעוט הי' פתחון פה הרבה עם מרן בעל חזו"א ז"ל בזה, וכאשר הראיתי לו את דברי החת"ס הנז', הודה לי, שאין לפסול הצדיקי"ן מהופכין".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

סג

# דער הייליגער חתם סופר



**"אמר יחזקאל... לכן הדרנא בי מלהתיר לילך על קברי עכו"ם" – פאַרוואָס האָט דער נודע ביהודה צוריקגעצויגן פון זיין פסק וועגן קברי עכו"ם? – רבי נתן אַדלער'ס באַזוך אין שנת תקמ"ז ביים נודע ביהודה אין פראַג מיט זיין תלמיד דער חתם סופר – דער שמועס צווישן זיי וועגן דעם קליוועך גט – דער פולמוס איבער דעם "גט מקליווא" וואָס האָט מיט 17 יאָר פריער אויפגעשטורעמט די תורה'דיגע און אידישע וועלט**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## חתם סופר: "ואני הייתי מוציא ומביא הדברים, ואז חזר בו הגאון נוב"י והוסיף על הגליון 'אמר יחזקאל'"

אין זיינע הגהות "דגול מרבבה" אויפ'ן שולחן ערוך (יורה דעה סי' שע"ב) שרייבט דער נודע ביהודה, אַז אַ כהן בזמן הזה וואָס וויל מקיל זיין און אַריינגיין אין אַן אהל המת פון אַ גוי "אין מוחין בידו".

פאַרוואָס נישט?

דער רמב"ם פסק'עט (הלכות טומאת מת פ"א הל' י"ג) אַז אַ מת נכרי איז מטמא נאָר במגע, "ואין העכו"ם מטמא באהל". אַזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי וואָס זאָגט "קברי עכו"ם אינן מטמאין באוהל". תוספות האַלט אָבער (בבא מציעא דף קי"ד) אַז קברי עכו"ם זענען יאָ מטמא באהל. להלכה ווערט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' שע"ב סעי' ב'): "קברי עובדי כוכבים נכון ליזהר הכהן מלילך עליהם".

טאָ אויף וואָס בויט דער נודע ביהודה זיין היתר פאַר אַ כהן בזמן הזה זיך מטמא צו זיין באהל אָדער מאהיל צו זיין אויף קברי עכו"ם?

ברענגט דער נודע ביהודה אין "דגול מרבבה" נאָך אַ מחלוקה צווישן די ראשונים.

פאַראַן אַ מחלוקה צי בזמן הזה, ווען מיר זענען אַלע טמאי מתים, איז פאַר אַ כהן אויך אסור זיך מטמא צו זיין למת. דער רמב"ם און רוב ראשונים האַלטן אַז אפילו אַ כהן וואָס איז שוין טמא פון פריער טאָר זיך נישט נאָכאַמאָל מטמא זיין למת, און אויב איז ער זיך יאָ מטמא אַ צווייט מאָל, טראָץ דעם וואָס ער איז שוין געוועזן טמא פון פריער, איז ער חייב מלקות.

דער ראב"ד (אין הל' נזירות פ"ה הל' ט"ו) איז מחולק אויפ'ן רמב"ם. דער ראב"ד שרייבט: "המחייב אותם משום טומאה עליו להביא ראיה". דער ראב"ד האַלט אַז אַ כהן וואָס איז שוין טמא פון פריער מעג זיך יאָ מטמא זיין למת, סיי באהל און סיי בנגיעה, סיי צו אַ איד און סיי צו אַ גוי.

קומט אויס, זאָגט דער נודע ביהודה, אַז די שאלה צי אַ כהן בימינו מעג אַריינגיין אין אַ גוי'אישן אהל המת איז אַ שאלה פון אַ "ספק ספיקא": ערשטנס, צי אַן אהל המת פון אַ גוי איז בכלל מטמא, וואָס איז דאָך אַ מחלוקה צווישן רמב"ם און די בעלי תוספות. צווייטנס, אפילו אויב מיר זאָלן אָננעמען ווי די מחמירים, ווי תוספות, איז דאָ אַ צווייטער ספק: צי אַ כהן וואָס איז שוין טמא פון פריער מעג אָדער מעג נישט זיך נאָכאַמאָל מטמא זיין למת, וואָס דערין איז דאָך אויך פאַראַן אַ מחלוקת הראשונים. איז דאָס אַלזאָ אַ ספק ספיקא, און דער כלל איז אַז "ספק ספיקא לקולא".

אָבער באַלד נאָך דעם לאַנגן פּאַראַגראַף אין "דגול מרבבה" אין וועלכן דער נודע ביהודה שרייבט דעם אויפטו אַז ס'איז מותר צוליב ספק ספיקא שרייבט ער אין נעקסטן פּאַראַגראַף ווי פאָלגענד:

"אמר יחזקאל, מה שכתבתי בשני סעיפים הנ"ל נמשכתי.... אבל עכשיו נתתי אל ליבי שאולי לא אמרה הראב"ד אלא לענין חיוב מלקות... ויש בזה דברים עמוקים לא יכילם הגליון ולכן הדרנא בי מלהתיר".

דער נודע ביהודה ציט צוריק פון דעם היתר. מעגליך, זאָגט דער נודע ביהודה, אַז דער ראב"ד האַלט אויך אַז פאַר אַ כהן טמא איז אסור נאָכאַמאָל טמא צו ווערן בטומאת מת. דער ראב"ד רעדט נאָר פון חיוב מלקות. קיין חיוב מלקות איז נישטאָ. דער ראב"ד קען אָבער נאָך אַלץ האַלטן אַז ס'איז אסור לכתחילה. לויט דעם קומט אויס אַז ס'איז מער נישט

קיין ספק ספיקא.

(דער רמב"ן אין מסכת מכות כא ע"א שרייבט טאַקע אַז דער ראב"ד האַלט אַז כהן טמא אינו לוקה על תוספות טומאה אָבער אַן איסור איז דאָ).

וואָס זענען געווען די אַנטוויקלונגען וואָס האָבן געפירט דערצו אַז דער נודע ביהודה זאָל חוזר זיין פון זיין פסק?

דאָס דערציילט אונז דער חתם סופר אין אַ תשובה, ווי פאָלגענד:

## דער באַזוך אין פראַג

נאָך סוכות פון שנת תקמ"ג האָט הגה"ק רבי נתן אַדלער זצ"ל נאָך שווערע רדיפות און חרמים פאַרלאָזט די שטאָט פראַנקפורט און זיך אַרויסגעלאָזט קיין באָסקאָוויטץ אין מעהרין, פון וואו ער האָט געהאַט געקראָגן אַ כתב רבנות. זיין געטרייער תלמיד דער חתם סופר איז אים כידוע נאָכגעלאָפן און דעריאָגט, ווי דער חתם סופר שרייבט דאָס אין זיין הספד אויף אים: "אני רצתי אחריו מאה פרסאות ועזבתי בית אמי חדר הורתי, והתעניתי בכל אשר התענה אבי, כידוע ומפורסם לכל".

אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויטץ זענען זיי דורכגעפאָרן פראַג, וואו דער נודע ביהודה איז געווען רב. אין פראַג האָבן זיי געוויילט אַרום צוויי וואָכן וואו דער נודע ביהודה און רבי נתן אַדלער האָבן פאַרברענגט אין לערנען.

דערציילט אונז דער חתם סופר אין שו"ת חת"ס יו"ד סי' של"ח: "יעויין בדגול מרבבה ביו"ד סי שע"ב ד"ה אמר יחזקאל וכו'. ונהירנא כד הוינא טליא יוצק מים ע"י מורי חסיד שבכהונה הגאון מה"ו נתן אַדלער ז"ל שנת תקמ"ג בעברנו דרך פראַג ראה פני הגאון נוב"י זצ"ל, והיה פלפולם בדברי הראב"ד, והנוב"י הראה למורי את אשר כתב על גליונו, ומ"ו ז"ל פלפל עליו, ונפרדו זה מזה והחליפו פלפולם על ידי, ואני הייתי מוציא ומביא הדברים. ואז חזר בו הגאון נוב"י והוסיף על הגליון הך 'אמר יחזקאל' וכו'".

דער חתם סופר זאָגט אַז דער נודע ביהודה האָט געוויזן פאַר רבי נתן אַדלער וואָס ער האָט געשריבן אויף זיין גליון אין שולחן ערוך, שפּעטער געדרוקט אַלס דגול מרבבה, וועגן זיין היתר פאַר אַ כהן זיך מטמא צו זיין אין אַן אהל המת נכרי, געבויט אויפ'ן ראב"ד. רבי נתן אַדלער האָט זיך מפלפל געווען און האָט מחולק געווען אויף אים. ווען רבי נתן אַדלער איז אַוועק פון נודע ביהודה'ס שטוב האָט דער נודע ביהודה נאָך נישט געהאַט צוריקגעצויגן. זיי האָבן ממשיך געווען מיט זייער וויכוח און דער חתם סופר איז געווען דער מוציא ומביא צווישן זיי. ערשט נאָכדעם, זאָגט דער חתם סופר, האָט דער נודע ביהודה צוגעשריבן צו זיין גליון דעם שטיקל "אמר יחזקאל".

אין אַן אַנדערע תשובה (יו"ד סימן רנ"ב ד"ה ונהירנא) שרייבט דער חתם סופר אַז זייענדיג דאַן אין פראַג האָט ער פאַר'ן נודע ביהודה פאַרענטפערט אַ קשיא וואָס ער, דער נודע ביהודה, האָט געלאָזט בצריך עיון: "ונהירנא כד הוינא טליא בעברי דרך ק"ק פראַג זכיתי לראות פני הגאון צל"ח זצ"ל ואמרתי לו במה שתמה בספרו על פירש"י פסחים מ"ז ע"א... ויישרו דברי בעיני הגאון ואמר קילוס".

דאָס זעלבע ברענגט ער אין חידושי חתם סופר (פסחים מ"ז ע"ב ד"ב שני ימים טובים): "ילדות היתה בי והעזתי פני בהגאון ואמרתי לו...". דער חתם סופר פירט אויס: "ונענע לי ראשו".

שבת האָבן זיי געוויילט אין פראַג. דער נודע ביהודה האָט מכבד געווען רבי נתן אַדלער מיט אַ דרשה שבת אין שול. די דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן איז געווען איבער דער סוגיא פון "ציץ מרצה". צוליב דאָס געוואַלדיגע עמקות פון רבי נתן אַדלער'ס חידושים האָבן בלויז געציילטע פון די גדולי העיר געקענט מיטהאַלטן און פאַרשטיין די חידושים. אַזוי שרייבט הג"ר שלמה סופר אין חוט המשולש: "הגאון בעל נודע ביהודה כיבדו לדרוש בש"ק, ודרש בסוגיא דציץ מרצה. ולא היו רק מעט מגדולי העיר אשר השיגו והבינו דבריו מרוב עומקם".

הגאון רבי שמעון סופר האָט דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן דער חתם סופר וועגן יענעם באַזוך ביים נודע ביהודה אין פראַג. אין די שמועסן צווישן דעם נודע ביהודה און רבי נתן אַדלער איז אויפגעקומען די טעמע פון דעם פולמוס אַרום דעם קליווער גט וואָס האָט מיט 17 יאָר פריער, אין שנת תקכ"ו, אויפגעשטורעמט די רבני'שע וועלט.

## דער קליווער גט - דער הלכה'דיגער פולמוס וואָס האָט אויפגעשטורעמט די רבני'שע וועלט אין די יאָרן תקכ"ו-כז

גענוי מיט 258 יאָר צוריק, זומער פון שנת תקכ"ו, איז פאָרגעקומען די חתונה צווישן הבחור יצחק – איציק – בן אליעזר נייבערג פון מאַנהיים מיט הכלה לאה בת יעקב גונצהויזן פון באָן. מאַנהיים און באָן זענען ביידע שטעט אין דער היינטיגער, און אין דער דעמאָלטדיגער, דייטשלאַנד.

אַ טאָג פאַר דער חתונה האָבן די עלטערן און די משפחה פון דער כלה זיך געטראָפן מיט'ן חתן און מיט אים געשמועסט. זיי זענען געוואָרן אַנטוישט און איבערראַשט. איציק האָט געמאַכט אַן עטוואָס מאָדנעם איינדרוק. עס האָט אויסגעקוקט ווי ער געפינט זיך אין אַן עצבות'דיג מעלאַנכאָלישער שטימונג. זיי האָבן אים געפרעגט צי ער איז אפשר אומצופרידן מיט דעם שידוך. – ניין, חס ושלום, האָט ער זיי געענטפערט. ער איז בלויז עטוואָס באַזאָרגט צוליב געוויסע פינאַנציעלע דאגות. אַלעס איז אָבער אין בעסטן אָרדענונג.

ביי דער חתונה און ביי די ערשטע שבע ברכות'ן האָבן די אָנוועזנדע אין דער שמחה געהאַט דעם זעלבן איינדרוק: דער חתן געפינט זיך אין אַ שלעכטער גוסטע. חוץ דעם פירט ער זיך אָבער אויף פולשטענדיג נאָרמאַל און באַזעסן. פרייטאָג-צו-נאַכטס ביי דער שבע ברכות האָט ער אויפגעטרעטן מיט אַ דרשה לכבוד דער שמחה.

שבת צופרי איז אָבער פלוצלינג – והילד איננו. דער חתן איציק איז פאַרשוואונדן פון שטוב. פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער נדן געלט וואָס ער האָט געהאַט באַקומען. די פּאָליציי איז געוואָרן פאַרמישט און אים געזוכט. ערשט אויף צו מאָרגנס, זונטאָג, האָט אים די פּאָליציי געפונען. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז פון אַ גוי אין אַ דאָרף נעבן מאַנהיים. פאַר דער פּאָליציי האָט ער געזאָגט אַז ער איז אַנטלאָפן ווייל ס'זענען דאָ מענטשן וואָס ווילן אים הרג'ען. ווען די פּאָליציי האָט פאַרשפּראָכן אים צו היטן איז ער מיט זיי צוריק קיין מאַנהיים.

די שבעת ימי המשתה זענען ווייטער געפּראַוועט געוואָרן. זעענדיג די פּאַראַנאָיע, דער אמת'ער אָדער דמיון'דיגער פחד פון וואָס דער חתן איציק ליידט, האָט הרב שמעון קאָפּענהאַגן, אַ רב פון באָן און אַ קרוב משפחה פון דער כלה וועלכער האָט זיך באַטייליגט אין דער שמחה, פאָרגעשלאָגן אַז דאָס יונג פּאָרפּאָלק זאָל נישט בלייבן אין מאַנהיים נאָר זאָל פאָרן מיט דער כלה'ס משפחה קיין באָן. דער שינוי מקום וועט האָפנטליך באַרואיגן איציק'ס נערוון און זיינע פחדים. אַלע האָבן מסכים געווען.

דעם קומענדיגן שבת זענען זיי שוין געווען אין באָן. מוצאי שבת האָט אָבער איציק געלאָזט וויסן רבי שמעון קאָפּענהאַגן, אַז ער האָט נישט קיין ברירה. ער מוז אַנטלויפן פון דייטשלאַנד קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד. היות ווי זיין ווייב לאה איז נישט מסכים צוזאַמען מיט אים צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן, און אַזוי ווי ער וויל איר נישט איבערלאָזן אַן עגונה, האָט דאָס פּאָרפּאָלק באַשלאָסן זיך צו גט'ן. אירע עלטערן האָבן אויך מסכים

געוועז דערצו.

אַזויווי אין באַן האָט זיך דאַן נישט געפונען קיין רב אָדער בית דין וואָס איז אַנערקענט דורך דער רעגירונג האָט מען באַשלאָסן דורכצופירן דעם גט אין דער שטאָט קליווע (Cleves) אין צפון מערב דייטשלאַנד ביי דער גרעניץ מיט האָלאַנד, דורך וואו איציק האָט געפּלאַנט צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן, און וואו עס האָט זיך געפונען אַ חשוב'ער רב אַ גדול בתורה און אַן ערליכער אַנערקענטער בית דין.

דער רב אין קליווע איז געווען הגאון רבי ישראל ליפּשיץ, זיידע פון הגאון רבי ישראל ליפּשיץ דער "תפארת ישראל" אויף משניות.

רבי ישראל ליפּשיץ האָט געשמועסט מיט ביידע צדדים. ער און זיין בית דין האָבן אויך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט איציק'ן און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז ער רעדט לאָגיש, און מיט ישוב הדעת האָבן זיי מסדר געווען די געלט ענינים. איציק האָט צוריקגעגעבן דעם נדן, און האָט געגעבן אַ גט. איציק איז פון דאָרט גלייך געפאָרן קיין לאָנדאָן וואו ער האָט עוסק געווען אין מסחר.

ווען איציק'ס משפחה האָט זיך דערוואוסט פון דעם גט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אָן זייער ידיעה, און אַז איציק האָט צוריקגעגעבן דעם גאַנצן נדן, האָבן זיי זיך געפילט פאַרראָטן. איציק'ס פאָטער האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צום רב פון זיין שטאָט מאַנהיים, הגאון רבי טעבלי העס זצ"ל.

רבי טעבלי האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק אין וועלכן ער איז מערער אויפ'ן גט. איציק איז אַ שוטה און אַ שוטה קען נישט געבן קיין גט.

רבי טעבלי העס האָט געפילט אַז ער האָט נישט גענוג ברייטע פּלייצעס און אויטאָריטעט האָט ער געשריבן אַ בריוו צום בית דין און צו דער קהילה אין פראַנקפורט, די פּראָמינענטסטע און חשוב'סטע קהילה אין דייטשלאַנד, ובראשם דער רב פון פראַנקפורט הגה"צ רבי אברהם אַביש מליסא, רבי אַביש'ל פראַנקפורטער זצ"ל, אַן אדם גדול מאוד בתורה ובצדקות, און זיי געבעטן מכריז צו זיין אַז דער גט איז פסול. דער פראַנקפורטער רב און די דיינים פון פראַנקפורט האָבן מסכים געווען מיט דעם פּסק און האָבן אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם פּסק דין אַז דער גט איז פסול און האָט נישט קיין שום האַפט.

די רבנים פון פראַנקפורט האָבן געשריבן צו רבי ישראל ליפּשיץ, דער רב פון קליווע, אין וועלכן זיי פאָדערן אים אויף צוריקצוציען פון דעם גט און מודיע צו זיין ברבים אַז די פרוי איז אַן אשת איש. "הך איתתא בחזקת אשת איש קיימא", האָבן זיי געשריבן, "ואסורה על כל אדם כהקדש בלי שום צד ונדנוד ספק או ספק ספיקא מעולם".

רבי ישראל ליפּשיץ האָט צוריקגעשריבן צו די פראַנקפורטער רבנים אַז דער גט איז כשר און די פרוי איז מותרת להינשא לכל אדם.

פון דאָ און ווייטער איז דאָס געוואָרן דער סאַמע באַקאַנטסטער גט אין דער אידישער געשיכטע. די פרשה וואָס איז באַקאַנט אַלס דער "גט מקליווא" איז אַ קאַפּיטל געשיכטע וויאַזוי פון אַ העפטיגן פּאָלעמיק, פון אַ רבני'שן פולמוס, איז געוואָרן אַ ביטערע מחלוקת צווישן פראַנקפורט פון איין זייט און די רעשט פון דער אידישער וועלט פון דער אַנדערער זייט.

נאָכדעם וואָס די רבנים פון פראַנקפורט האָבן פאַרעפנטליכט אַ כרוז אין וועלכן זיי דעקלאַרירן אַז דער גט איז פסול ווייל דער מאַן איז געווען אַ שוטה, האָט רבי ישראל ליפּשיץ פאַרעפנטליכט גביית עדות וואָס ער האָט גענומען פון די אַלע וואָס זענען אָנוועזנד געווען ביים גט, וועלכע האָבן אַלע מעיד געווען אַז איציק איז געווען ביים פולן דעת בשעת'ן געבן דעם גט.

די משפחה פונעם מאַן, איציק, ווי אויך רבי ישראל ליפּשיץ, האָבן זיך געווענדעט צו רבנים און גדולי הדור זיי זאָלן לאָזן הערן זייער דעת




תורה. די רבנים האָבן געשריבן צום בית דין אין פראַנקפורט בעטנדיג אַ הסבר און אַ בירור הלכה פאַר זייער איסור. דאָס בית דין אין פראַנקפורט האָט אָבער אָפּגעוואָרפן זייערע פאַרלאַנגען, שרייבנדיג: "אין אנו צריכים להגיד טעם הדברים אשר עלו בהסמתנו לשום אחד מחכמי הדור". דאָס בית דין פון פראַנקפורט האָט געזאָגט אַז לויט אַ תקנה פון די רבני ווירמייזא און פראַנקפורט פון שנת ש"ב, שנת שמ"ג און תמ"ח, האָט קיינער בכל קהילות אשכנז נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן אין די באַשלוסן פון אַ שטאָט וואו ס'איז פאַראַן אַ רב אָדער אַ בית דין.

זיי האָבן דערפאַר נישט געגעבן קיין תשובה פאַר קיין איינעם פון די רבנים וועלכע האָבן צו זיי געשריבן. דאָס אין דער צייט וואָס זיי אַליין האָבן זיך יאָ געמישט אין די באַשלוסן, און צונישט געמאַכט דעם פּסק און דעם גט, פון אַן אַנדערן בית דין און אַ רב, דעם בית דין און דעם רב פון קליווע.

במשך פון די קומענדיגע צוויי יאָר זענען כמעט אַלע גדולי ישראל פון יענעם דור איינער נאָכ'ן צווייטן אַרויסגעקומען קעגן דעם בית דין פון פראַנקפורט און פאַרעפנטליכט פּסקים און בירורים אַז דער קליווער גט איז אַ כשר'ער גט. די מתירים זענען געווען די גרעסטע גדולי ישראל: דער נודע ביהודה; רבי שאול אַמסטערדאַמער, דער "בנין אריאל"; דער יעב"ץ, רבי יעקב עמדין; דער שאגת אריה; רבי שלמה חעלמא אב"ד זאַמושץ, דער בעל "מרכבת המשנה"; רבי דוד טעביל מליסא; רבי איציקל האַמבורגער, רב פון די קהילות אה"ו; רבי יוסף שטיינהאַרט, אב"ד פיורדא, בעל "זכרון יוסף"; רבי דוד פרענקל דער בעל "קרבן העדה"; רבי אלחנן אשכנזי, אב"ד דאַנציג, בעל "סדרי טהרה"; צען פון די חכמי בראָד, בראש מיט רבי חיים צאַנזער פון בראָדער קלויז; רבי ארי' לייב אב"ד האַנאָווער, בעל "פני אריה", זון פון פני יהושע; און נאָך.

דער בית דין פון פראַנקפורט האָט געשריבן בריוו צו פילע פּראָמינענטע רבנים בעטנדיג זיי זאָלן אויסדרוקן זייער חוות דעת און צושטיין צו זייער פּסק. אַלע האָבן אָבער אָפּגעוואָרפן זייער פאַרלאַנג. גאָר פאַרקערט: זיי האָבן געשטיצט דעם היתר און מחזק געווען דאָס כשרות פונעם גט.

פון די ערשטע צו וועמען די דיינים און קהילה פירער פון פראַנקפורט

האָבן זיך געווענדעט איז געווען הגאון רבי יוסף שטיינהאַרט, בעל זכרון יוסף, אב"ד פיורדא, פון די זקני הרבנים. רבי יוסף שטיינהאַרט האָט זיי געענטפערט אַז דאָס פסל'ען דעם גט איז אַ "חילול ה' וחילול תורתו הקדושה, שלא תעשה ח"ו כשתי תורות בפני ההמון, מלבד חילול כבוד המסדר... לערער על גט שסידרו רב מובהק ומומחה לרבים, זקן ויושב בישיבה ועל כסא הוראה זה לערך שלושים שנה, וכפי הנשמע הוא איש קדוש וטהור והפליג ללמוד תורה בהתמדה מתוך צער עוני ודוחק, והוא בקי בכל חדרי תורה ומפליא לעשות חיבור נאה וחידושים על שולחן ערוך אבן העזר.... הגאון אב"ד קליף (קליווע) הלא הוא הזקן הזה, זה קנה חכמה, גדול בישראל שמו, נודע בכל מדע, מוהר"ר ישראל נר"ו... הוא מפורסם לאיש קדוש וטהור... ולמד תורה בהתמדה גדולה ושקידה בעמידה כ"ב שנה, וגם בלילה לא שכב לבו ולא נתן שינה לעיניו ולעפעפיו תנומה רק ג' או ב' שעות". (שו"ת אור הישר סי' ל"א).


ספר
אור הישר
תול אמרתו כטל לישראל יפרח כשושנה · ובאור בקר יורח להולכי חשכים ואין נוגה להם וכהשכם בפניהם יענה· כולו בקיום הגט וכולו כתקנות חכמים אשר שקדו להתיר העגונה · ודברי נרגן הרוצה לעגן על מגן כגן שויי ואין קונה :
באמשטרדם
על ידי המדפיס גירארד יוהן יאנסון ובבית הבחור ישראל מונדווי
ונגמר מלאכתו מלאכת שמים בחדש שניהנה בו תורה לישראל
בשנת לאות לבני מרי לפ"ק

ספר "אור הישר", די תשובות פון די גדולי הדור איבער דעם קליווער גט

די גדולי וחכמי הדור האָבן אָפּגעשריבן צענדליגער תשובות אין וועלכן זיי האָבן מברר געווען יעדן אַספּעקט פון דעם גט, הויפּטזעכליך די שאלות לגבי דעם באַדייט פון אַ שוטה וואָס איז פסול פון געבן אַ גט.

באַקאַנט די גמרא אין חגיגה (ג:): "תנו רבנן איזהו שוטה, היוצא יחידי בלילה, והלן בבית הקברות, והקורע את כסותו. איתמר רב הונא אמר עד שיהו כולן בבת אחת, ר' יוחנן אמר אפילו באחת" די הלכה איז ווי ר' יוחנן אַז בלויז איינע פון די סימנים איז גענוג. די גמרא ברענגט נאָך אַ ברייתא וואָס לייגט צו נאָך אַ סימן: "אי זהו שוטה זה המאבד כל מה שנותנים לו".

דער בית יוסף אין אבן העזר הלכות גירושין, סימן קי"ט און סימן קכ"א, ברענגט די דעה פון צוויי ראשונים, רבינו אביגדור כהן און רבי שמואל משפירא, וועלכע האַלטן אַז דוקא איינע פון געגוני די פיר סימנים וואָס די גמרא רעכנט אויס אין חגיגה זענען די סימפּטאָמען פון אַ שוטה. עפּעס אַנדערש נישט.

דער רמב"ם אין הלכות עדות פ"ט הלכה ט' איז אָבער מחולק. דער רמב"ם שרייבט: "ולא שוטה שהוא מהלך ערום ומשבר כלים וזורק אבנים בלבד אלא כל מי שנטרפה דעתו ונמצאת דעתו משובשת תמיד". דער קריטעריאָן איז נישט דוקא די סימנים וואָס די גמרא רעכנט אויס אין חגיגה נאָר "כל מי שנטרפה דעתו ונמצאת דעתו משובשת תמיד".

דער מחבר אין הלכות שחיטה (יו"ד סימן א' ס"ה) פסק'עט אַז אַ שוטה איז נאָר איינער וואָס האָט איינעם פון די פיר סימנים. ווידער אין הלכות עדות (חו"מ סימן לב ס"ח) פסק'עט ער ווי דער רמב"ם אַז אַ שוטה מוז נישט האָבן דוקא איינעם פון די פיר סימנים.

דער שאגת אריה אין זיין לאַנגער תשובה אין ספר "אור הישר" סי' כ"ז (ווי אויך אין "שו"ת שאגת אריה" געדרוקט דורך מכון חתם סופר ירושלים שנת תשל"א), איז מברר אַז אפילו לויט דעם רמב"ם איז איציק נישט געווען בגדר שוטה.


ספר
אור ישראל

ספר "אור ישראל" דורך הגאון רבי ישראל ליפשיץ איבער דעם קליווער גט

דאָס זעלבע האָבן אויך מברר געווען אַלע אַנדערע גדולי הפוסקים וואָס האָבן יעדער לפי דרכו מתיר געווען דעם גט מקליוואַ.

דער נודע ביהודה און די אַנדערע מתירים – כמעט אַלע חכמי הדור – האָבן מברר געווען אַז אפילו לויט'ן רמב"ם זענען איציק'ס פחדים, אפילו אויב זיי זענען געווען הוילע דמיונות, איז דאָס נאָר אַ פסיכאָלאָגישע מחלה, אַ נערוון קראַנקהייט וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט – וואָס ווערט היינט גערופן "פּאַראַנאָיע", אָדער "שגעון רדיפה". דאָס מיינט אָבער נאָך נישט אַז "נטרפה דעתו". ס'איז זיכער נישט געווען "דעתו משובשת תמיד", ווי עס איז דאָס לשון פון רמב"ם. דעפּרעסיע, מעלאַנכאָליע (מרה שחורה) און מאַניאַס זענען נערוון קראַנקהייטן, שרייבן זיי, נישט קיין סימנים פון אַ שוטה.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז מיר ברענגען נאָר איין נקודה פון דעם רייכן אוצר מיט תשובות וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך די גדולי הדור אַרום די שאלות פון דעם גט מקליוואַ. אין נודע ביהודה זענען געדרוקט 6 תשובות אויף דער פרשה.

צוויי ספרים זענען גלייך אַרויסגעקומען געווידמעט צו דער נושא. דער ספר "אור הישר" געדרוקט אין שנת תקכ"ט דורך הג"ר שמעון קאָפּענהאַגן אין וועלכן עס זענען צונויפגענומען אַלע תשובות פון די גאוני וגדולי הדור וועגן דער כשרות פונעם גט מקליוואַ, און דער ספר "אור ישראל" דורך רבי ישראל ליפשיץ דער רב פון קליווע געווידמעט צו דער געשיכטע און דאָס כשרות פון דעם גט.

אין איינעם פון די תשובות געדרוקט אין "אור הישר" (סימן ל') שרייבט דער נודע ביהודה: "בשביל המורך שבלבבו אינו נחשב שוטה. ובתוכחה כתב 'ורדף אתכם קול עלה נדף ונסתם ואין רודף', הכי נמי נימא שבשעת הפורעניות הזה היו בכלל שוטים וקידושיהם היו בטלים?".

"ולו יהי' כדבריהם שהפחד הזה הי' על מגן ולא הי' שום פחד כלל, ומה בכך, כיון שהי' חכם בכל שאר מעשיו, ולא עשה שום דבר של שטות חוץ ממה שברח מבית אביו, וגם אחר שהחזירו לביתו הי' מפחד. והלא בעת שברח לקח כל מעותיו עמו והי' הכל בשלימות בידו לא איבד מאומה...."

"... ואפילו אם תאמר שמה שברח בשבת שקורין שענק-וויין (אַזוי האָט אַמאָל געהייסן שבת שבע ברכות אין דייטשלאַנד) מביתו זה אשתו וברח מחוץ לעיר לבית גוי זה מיחשב מעשה של שיגעון, מ"מ מה בכך? הלא בהדיא איתא שצריך שיהי' דעתו משובשת תמיד". ס'איז נישט גענוג ער זאָל איינמאָל זיין משוגע לדבר אחד, זאָגט דער נודע ביהודה, דער לשון פון רמב"ם איז דאָך "שיהי' דעתו משובשת תמיד".

*

**המשך וועגן קליווער גט, דער פולמוס וואָס האָט אויפגעשטורעמט די תורה'דיגע און די אידישע וועלט, און וואָס דער נודע ביהודה האָט געזאָגט פאַר רבי נתן אַדלער בעת זייער באַזוך אין פּראַג, אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה**

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**הגאון רבי שמואל ענגיל, ראַדאַמישלער רב: מיר האָבן בקבלה אַז דער נודע ביהודה און דער חתם סופר באַלאַנגען צו דורות הקודמים וואָס זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן צו זיין די פוסקים פאַר שפּעטערדיגע דורות – די פוסקים און אויך די מנהיגי הדור – דעם נודע ביהודה'ס ערקלערונג פון שטילן די מחלוקת צווישן רבי יעקב עמדין און רבי יהונתן אייבשיץ – זיין פרואוו צו טון דאָס זעלבע ביי דער מחלוקה פון קליוועער גט און זיין שפּעטערדיגער קאַמף קעגן דעם פסק פון פראַנקפורטער בית דין**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## האמת והשלום אהבו

ווען דער פולמוס אַרום דעם קליוועער גט האָט אויסגעבראָכן האָט דער נודע ביהודה צוערשט געטאָן אַלץ וואָס מעגליך שטילערהייט צו פאַרהאַנדלען הונטער די קוליסן צווישן דעם רב פון קליווע און דעם בית דין פון פראַנקפורט – צו פאַרמיידן אַן עפנטליכע מחלוקה וואָס כלל ישראל האָט זיך דאַן נישט געקענט ערלויבן.

מיט פופצן יאָר פריער האָט אין דער אידישער גאַס און אין דער רבני'שער וועלט געפלאַקערט איינע פון די ביטערסטע מחלוקות אין דער געשיכטע צווישן גדולי ישראל. די מחלוקה צווישן רבי יעקב עמדין, דער יעבץ, און רבי יהונתן אייבשיץ.

דער עמדין, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע לוחמים קעגן דער כת ש"ץ, האָט פאַרדעכטיגט אַז אין די קמיעות וואָס רבי יהונתן פלעגט שרייבן געפינען זיך רמזים אויף שבתאות. פאַקטיש זענען דאָס געווען שמות און ראשי תיבות על פי קבלה. דעם רבי'ן רבי יהונתן'ס שונאים האָבן אין זיי אַריינגעטייטשט רמזים אויף ש"ץ און דאָס געוויזן דעם גרויסן לוחם קעגן שבתאות הגאון רבי יעקב עמדין.

איבער הונדערט יאָר זענען שוין געהאַט פאַראיבער זינט שבתי צבי שר"י האָט זיך געטויפט צו איסלאַם, צום מוסלעמענישן גלויבן. דאָך האָבן זיך געפונען פילע צענדליגער טויזנטער אידן איבער דער אידישער וועלט וועלכע האָבן נאָך אַלץ געגלויבט אין אים.

אין דער צייט וואָס רוב פון שבתי צבי'ס אָריגינעלע אָנהענגער זענען געווען ספרדים, אַזוי ווי ער, זענען די שפּעטערדיגע שבתי צבי'ניקעס, די פראַנקיסטן, די אָנהענגער פון דעם נוכל ונבל יעקב פראַנק שר"י, וועלכער איז געווען אַ פוילישער איד, געווען אשכנזים.

יעקב פראַנק האָט קודם געוואָלט אַפּעלירן צו ספרדים, דערפאַר האָט ער געביטן זיין משפחה נאָמען צו "פראַנק", וואָס מיינט אַ ספרדי, ווי מ'האָט זיי גערופן – "פרענקען". למעשה, זייענדיג אַן אשכנזי וואָס האָט גערעדט אידיש, איז אים אָבער געראָטן, מיט זיין געשליפן צינגל און מיט די פיקטיווע "מופתים" וואָס ער האָט באַוויזן, אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ פילע טויזנטער אשכנזים. פראַנק האָט זיך שפּעטער אויך גע'שמד'ט און איז געוואָרן אַ קריסט.

אין פוילן, בעהמען און מעהרין האָבן אין פילע שטעט און קהילות זיך געפונען טויזנטער אָפענע און באַהאַלטענע ש"ץ'ניקעס און פראַנקיסטן. צווישן די שבתי צבי'ניקעס אין פּראַג האָט זיך אפילו געפונען אַן "אשה נביאה", ריזל איגר. זייענדיג רב אין פּראַג פלעגט דער נודע ביהודה אויסרופן יעדן יום כיפור פאַר כל נדרי אַז אין הימל נעמט מען אָן יעדנ'ס תשובה חוץ פון די וואָס גלייבן אין שבתי צבי און אין יעקב פראַנק שר"י.

אַזאַ גרויסער לוחם ווי רבי יעקב עמדין איז דעריבער געווען עקסטרעם-סענסיטיוו צו דער כפירה'דיגער ש"ץ באַוועגונג, עד כדי כך אַז ער האָט חושד געווען יעדן וואָס האָט געשריבן קמיעות אָדער האָט עוסק געווען אין קבלה אין זיין פאַרכאַפּט אין שבתאות, אפילו אַזאַ אדם גדול מאוד ווי דער רבי ר' יהונתן אייבשיץ.

# מעשה בעל דבר

אין ספר בית יהונתן (עמ׳ כ״ו) ווערט געברענגט פון הרה״ג ר׳ משה יודא קאָהן, אין נאָמען פון זיין שווער הגאון רבי יהודה מאָדערן, אַ תלמיד פון חתם סופר, וואָס ער האָט אַליין געהערט פון חתם סופר: "שמע מפ״ק של רבינו הגה״ק רשכבה״ג בעל חתם סופר זי״ע, שמדור המדבר לא הי׳ כל כך דור דעה כמו הדור של רבי יהונתן, ואם לא הי׳ אז הריבות ומחלוקת אזי בטח הי׳ אז הגאולה שלימה".

דאָס זעלבע שרייבט אויך הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער אין נאָמען פון זיין שווער הגאון רבי הלל קאָלאָמייער אַ תלמיד פון חתם סופר: "במחלוקת הפני יהושע ויעב״ץ עם התומים (רבי יהונתן) שמענו מהחתם סופר כי אותו זמן הי׳ זמן פקידה לגאולה, ונתעכב עי״כ שנכשלו כן כל הדור ההוא בלה״ר ורכילות ובזיון תורה וכו׳ ה״י, ואנחנו יודעין כולנו עתה כי אך ורק מעשה בעל דבר היה לבלבל עולם בשקרים.

דער נודע ביהודה, וועלכער איז נאָך דאַן געווען פאַרהעלטעניסמעסיג אַ יונגערמאַן, האָט אַדאַנק זיין גאונות, צדקות און חכמה, שוין געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער רבני'שער וועלט וואָס אַלע האָבן זיך גערעכנט מיט זיין חוות דעת. דער נודע ביהודה איז געווען דער וואָס האָט דאַן געמאַכט אַלע באַמיאונגען צו מאַכן שלום צווישן אָט די גדולי ומאורי ישראל. כאָטש דאָס איז אים נישט אינגאַנצן געראָטן האָט ער אָבער באַוויזן אָפּצוקילן און אין אַ געוויסער מאָס פאַרלעשן די פלאַמען פון דער גרויסער מחלוקת.

חודש אייר תקי״ב, זייענדיג נישט מער ווי 38 יאָר אַלט, ווען ער איז נאָך געווען רב אין יאַמפּאָלא, האָט דער נודע ביהודה פאַרעפנטליכט אַ לאַנגן בריוו וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן און פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג איבער דער אידישער וועלט.

אין דעם בריוו האָט דער נודע ביהודה פאָרגעשלאָגן, אַז דער רבי ר׳ יהונתן זאָל מער נישט שרייבן קיין קמיעות, און אַז למען השלום זאָל מען די קמיעות וואָס ער האָט שוין געשריבן, כאָטש זיי זענען קודש קדשים און האָבן נישט קיין שמץ רמז פון ש״ץ, זאָל מען זיי למען השלום גונז זיין. "כי אף אם שהקמיעות טהורים ואין בהם נפתל ועקש, רק קודש קדשים המה, ועם כל זה לכלל ישראל הם בעלים למוקש ונתן בזה יד לפושעים מאמיני ש״ץ ועם פושעים הוא נמנה".

צו דער זעלבער צייט, שרייבט דער נודע ביהודה אין דעם בריוו, איז אסור באיסור חמור צו רעדן אָדער מהרהר זיין אויף דעם גדול וקדוש דער רבי ר׳ יהונתן אייבשיץ: "לא תתלו בו בוקי סריקי, וצריכים אנחנו לחוש הרבה לכבודו, שכבודו הוא כבוד התורה וכבוד שמים, חלילה לנו להרהר עליו שום דבר של דופי ופגם, ומכל שכן לתת שמץ מינות ברב הגאון המפורסם הנ״ל, או ח״ו להחריב בית מדרשו. חלילה להיות בר מונע, רק קדוש יאמרו לו וכבודו במקומו כמאז ומקדם, ותורה יבקשו מפיהו, ואין לך חך מתוק מחכו ממתקים".

הגאון האדיר רבי יוסף ענגיל האָט אַמאָל געפרעגט פון זיין קרוב דער גרויסער גאון רבי שמואל ענגיל, ראַדאַמישלער רב, פאַרוואָס אין יעדע איינציגע תשובה וואָס ער שרייבט איז ער זיך מפלפל אין די ווערטער פון נודע ביהודה און פון חתם סופר, און פסק'עט לויט דעם. פאַרוואָס אַזאַ גרויסער גאון ווי דער ראַדאַמישלער רב, וואָס ביי די פערצן יאָר האָט ער גע'שמ'ט אַלס דער טאָרנער עילוי ווייל ער איז שוין געווען בקי בש״ס ופוסקים און שפּעטער אַלס יונגער בחור איז ער שוין געווען בקי אין יעדן פרי מגדים און האָט געהייסן דער צוקונפטיגער שאגת אריה, פאַרוואָס אַנשטאָט צו שרייבן זיינע אייגענע בירורים רירט ער זיך נישט פון די פסקים פון נודע ביהודה און פון חתם סופר?

האָט רבי שמואל ענגיל דער ראַדאַמישלער רב געענטפערט פאַר רבי יוסף ענגיל: "כך מקובלני מרבותי, ורבותי מרבותיהם, אַז דער נודע ביהודה און דער חתם סופר האָבן באַלאַנגט צו פריערדיגע דורות און זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּעטערדיגע דורות 'לקבוע הלכות בישראל ולכתוב תשובות' דערפאַר ריר איך מיך נישט פון זיי". (שם משמואל, מרבי שמואל ענגיל, מונקאַטש ת״ש, עמ׳ ט).

חוץ זייער שליחות אויף דער וועלט צו זיין די לעצטע גרעסטע און אָנגענומענסטע פוסקים האחרונים איז קלאָר אַז זייער שליחות איז אויך געווען צו זיין די מנהיגי הדור אין איינעם פון די שטורעמדיגסטע תקיפות ברוחניות אין דער אידישער געשיכטע. זייער מנהיגות האָט קאָמבינירט אַ מיזוג פון תקיפות, שמאל דוחה, כלפי עוקרי הדת פון איין זייט, און דיפּלאָמאַטיע און ימין מקרבת לגבי אינערליכע רייבונגען און חילוקי דעות צווישן ערליכע אידן און שומרי תורה ומצוות פון דער אַנדערער זייט.

דעם נודע ביהודה'ס זון הגאון רבי יעקב'קע לאַנדאָ האָט אין דער הקדמה צו שאלות ותשובות נודע ביהודה געשריבן די ערשטע ביאָגראַפיע פון זיין טאַטן דער נודע ביהודה. אגב: אין דער צייט וואָס פון חתם סופר ווערן כסדר געשריבן פרישע ביאָגראַפיעס, די שורות וואָס איר לייענט אַצינד זענען איין קליינער ביישפּיל, זענען פון נודע ביהודה געשריבן געוואָרן בלויז געציילטע ביאָגראַפיעס. די צוויי בעסטע זענען: טאַקע די הקדמה פון זיין זון רבי יעקב'קע, וואָס ער רופט "דברי ידידות", און דער ספר "מופת הדור" פון הרב יקותיאל אריה קאַמעלהאַר, אַ רב און אַ ראש ישיבה אין פוילן און גאַליציע, אַ דזשיקעווער חסיד, אַ גלענצענדער דענקער און אַ געלונגענער שרייבער, מחבר פון ספרים, מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס פון צדיקים, די באַקאַנטסטע צווישן זיי די סעריע ספרים "דור דעה".

שרייבט הגאון רבי יעקב'קע לאַנדאָ אין זיין הקדמה "דברי ידידות", אין אַ רייכער מיט מליצות אָנגעפּיקעוועטע שפּראַך, וועגן דער דיפּלאָמאַטישער חכמה מיט וואָס זיין פאָטער דער נודע ביהודה האָט מאַנעוורירט ביי דער מחלוקה צווישן עמדין און רבי יהונתן, ווען יעדער צד האָט געפילט ווי ער איז אויף זיין זייט. ער שרייבט אויך וועגן דער פירנדער און דעציזירנדער ראָלע וואָס זיין פאָטער האָט געשפּילט ביים גט מקליוואַ.

"באשר יראה הרואה ב'אספלריא המאירה' נדפס באַמשטרדאַם שנת תקי״ב לפ״ק", שרייבט רבי יעקב'קע לאַנדאָ, "דברי הגאון בעל פני יהושע והגאון מוה״ר שמואל הילמאַן, ויתר הגאונים זכרם מבורך, הביאו דבריו הנחמדים, גם מזה המה בכתובים על "לוחות עדות" נדפס בהמבורג שנת תקי״ג לפ״ק, ראה גם ראה כי שני הצדדים גם יחד שמו אותיותיו אותות והיה יחזקאל למופת הדור, בעת ההוא צעיר לימים היה, והמה גאוני הזמן הישישים ששו בגווניו שלו כמראה אופן באופן".

וואָס רבי יעקב'קע לאַנדאָ זאָגט דאָ איז, אַז ביידע צדדים, דער ספר "אספקלריא המאירה", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך רבי יעקב עמדין'ס צד, און דער ספר "לוחות עדות", אַרויסגעגעבן דורכ'ן רבי'ן ר׳ יהונתן אַליין זיך צו פאַרטיידיגן, האָבן ציטירט פון נודע ביהודה און אים געברענגט אַלס אַ סעד לתומכם.

רבי יהונתן אייבשיץ האָט מסכים געווען צום נודע ביהודה'ס פאָרשלאָג מער נישט צו שרייבן קיין קמעות, כאָטש דער אַנדערער צד איז נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף פשרות. ביי אָט דער מחלוקה איז פאַר'ן נודע ביהודה געראָטן עטוואָס צו באַרואיגן די געמיטער און צו צוימען די מחלוקה.

# דער נודע ביהודה און דער גט מקליווא

ביי דער מחלוקה איבער׳ן קליווער גט האָט דער נודע ביהודה אויך געפּרואווט צו פאַרמיטלען. דאָרט איז אים אָבער בכלל נישט געראָטן צו קומען צו אַ טאָלק.

במשך פון עטליכע חדשים האָט דער נודע ביהודה געפּרואווט צוזאַמענצוברענגען די צוויי צדדים, דעם רב פון קליווע, רבי ישראל ליפשיץ, און דעם פראַנקפורטער בית דין. טראָץ די באַמיאונגען פון נודע ביהודה און פון אַנדערע גדולים צו לייזן דעם פּראָבלעם אויף אַ פרידליכן אופן איז דער פראַנקפורטער בית דין געווען איינגע׳עקשנ׳ט און אפילו נישט געוואָלט שרייבן קיין הלכה׳דיגע תשובה מבאר און מברר צו זיין זייער פסק דין.

די פראַנקפורטער רבנים האָבן געענטפערט דעם נודע ביהודה אַז אַזוויי זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו ענטפערן פאַר די אַלע רבנים פון איבער דער וועלט וואָס פרעגן זיי אָן און האָבן טענות צו זיי וועגן דעם איסור אויפ׳ן קליווער גט וועלן זיי משום לא פלוג אויך אים נישט ענטפערן.

שרייבט דער נודע ביהודה אין אַ תשובה (סי׳ ל׳ אין ספר אור הישר): "ואף אני שנהגתי עמהם בדרך מוסר עם כל זה משום לא פלוג גמרו שלא להשיב לשום אדם בעולם. אף אני אומר מליצותם אל חיקם תשוב: אף אני משום לא פלוג לא אחשה. והיום עושים כן חכמי ק"ק פפד"מ שהמה גדולי חקרי לב, ולמחר יעשו ב"ד הקטן מהם להוציא לעז על גט, ויאמרו טעמינו עמנו, אין אנו צריכין לגלות, ולמחר יעשו עוד ביותר קטן אשר בין טוב לרע לא יבקר, וא"כ בנות ישראל הפקר, ומה הועיל ר"ת וסיעתו שגזרו חרם שלא להוציא לעז על גט. וכל אחד יאמר דינא קאימנא שנתברר לי שהגט בטל, ולא הנחת לר"ת ולגזרתו שורש ועיקר, וכל אחד יעשה במרמה ובשקר, ומשום לא פלוג לחכמי פפד"מ ג"כ לא אחשב ואוציא מזולל יקר, אבל ח"ו לא אזלול ואנוש מפז אוקיר".

דער נודע ביהודה שרייבט ווייטער אַז כל זמן דאָס בית דין אין פראַנקפורט האָט מערער געווען אויפ׳ן גט לחומרא, הגם דאָס איז אויך נישט אויסגעהאַלטן, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן און האָט פאַרהאַנדלט דיפּלאָמאַטיש. אָבער אַזוויי זיי זענען איצט אַרויסגעקומען צו אסר׳ן דעם גט סיי לחומרא און סיי לקולא, שרייבט דער נודע ביהודה "כי רואה אני ששנאה קלקלה את השורה אצל חכמי ק"ק פפד"מ". דערפאַר זאָגט דער נודע ביהודה האָט ער באַשלאָסן אָפן אַרויסצוקומען קעגן דעם פראַנקפורטער בית דין: "ומעתה לא יחוש שום אדם על עצמו והרוצה לישא את הגרושה לאה בת ר׳ יאקב נ"ה מבון אחרי שיגיע הזמן המבואר יזכה במקחו, כי אין עליו שום חשש איסור ואפילו חסיד שבחסידים יוכל לישא אותה, וכבר התירוה הגאונים הרב הגאון ממיץ והגאון מאַמשטרדאם, וכפי הנשמע גם כבוד הגאון מחו׳ אבד"ק אה"ו ז"ל התיר אותה".



כ"ק פון נודע ביהודה



שו"ת נודע ביהודה מיט צוגעשריבענע הגהות פון זיין זון רבי יעקב׳קע לאנדא זצ"ל

צום גדליה שנת תקכ"ח האָט דער נודע ביהודה געהאַלטן אַ דרשה פאַר טויזנט מענטשן אין דער שול אין פראַג, געדרוקט אין "דרושי הצל"ח סימן כ"ח", אין וועלכן ער דערציילט די גאַנצע פרשה פונעם קליווער גט, און פירט אויס: "הנני אומר ברבים שככה נזכה להיות מותרים השנה הזאת מגלותינו הישמעאלית כשם שהאשה הזאת מותרת לכל אדם לישראל חוץ מכוהנים וקרובים, ועם כל חכמי פפד"מ הכריזו עליה איסור ובמה מן האחריות להוציא לעז... ועל כל זה אני בוכה שאני יודע שהאנשים האלה גדולי ישראל המה, ונכשלו בזה. ועכ"פ זאת מוטל עלי לפרסם שכל הכרוזים האלה בהך איתתא אין בהם ממש, ושום אדם לא יחוש לדבריהם, ואף כי כבודם רבם, מ"מ בזה שיש חילול השם צריך אני להשגיח על כבוד שמים וכבוד התורה ועל תקנת בת ישראל, ולפרסם ההיתר של האשה הזאת".

אין תשובה סימן ל׳ אין שו"ת נודע ביהודה שרייבט ער: "שומו שמים על זה ומעולם לא שמענו וזקינינו כזה, אדרבה, מעולם כל חכמי ישראל היו מריצים תשובותיהם זה לזה והגדולים היו נשמעים לקטנים ומיום הוסדה הארץ לא נעשה בזיון לכל חכמי הדור כאשר נעשה בזמנינו ובדורינו מאת דייני ק"ק פפד"מ בכרוז הנ"ל... אבל שמהם בעצמם יגזרו אומר על כל חכמי הדור ולסגור דלת ההוראה בפניהם ושמהם לבד תצא תורה להתיר ולאסור בלי טעם וראיה זה דרך לא סלולה... אבל עתה שהם מונעים טעמי תורה וצריך אני לברר משפט העלובה וזו היא מלחמת חובה ובטוח אני שיתקיים בנו את והב בסופה... ואפילו סנהדרין אשר בלשכת הגזית טעמם ונימוקם לא היו מעלימים".

אין אַ כרוז וואָס דער נודע ביהודה האָט פאַרעפנטליכט שרייבט ער: "... לכן שמעו אלי אנשי לבב להלכה וגם למעשה, האשה מרת לאה הנ"ל תינשא לכל מי שתרצה, ואשר יעבור מהיום והלאה ויוציא לעז על הגט הנ"ל, אם כגובה ארזים גבהו יפול הנופל ברשתו של רבינו תם שגזר על כל המוציא לעז על הגט, ואם חסון כאלונים, האסון יהיה לנעורת, ארור הוא הכרת יכרת, ולא ישאיר שם ושארית, ורבצו בו כל האלות הברית, והשומע לדברינו יתברך בברכות שמורות וערוכות".

אינטערעסאַנט צו באַמערקן: ווען דער שאגת אריה האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם איסור פונעם פראַנקפורטער בית דין אויפ׳ן קליווער גט האָט ער גלייך אָנגעשריבן אַ תשובה אין וועלכן ער איז מתיר דעם גט, אָן צו הערן די מיינונג פון אַנדערע גדולי ישראל. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט די מיינונג פון נודע ביהודה און מעגליך אַז ער האָט אפילו נישט געוואוסט פון אים צו זאָגן. אין איינעם פון זיינע תשובות שרייבט

דער שאגת אריה: "שהספר נודע ביהודה לא נודע לנו ואין בעירנו ובכל סביבותינו זה הספר". שפּעטער ווען די וועלט האָט שוין געשטורעמט מיט דעם פּולמוס פונעם גט מקליווא און די מיינונג פון נודע ביהודה איז נתפרסם געוואָרן האָט דער שאגת אריה געשריבן עטליכע תשובות צום נודע ביהודה אין וועלכע ער איז אים מחזק נישט נתפעל צו ווערן פון די כתבי פלסתר און איסורים וואָס די קעגנער פון גט מקליווא האָבן אַרויסגעגעבן קעגן די מתירים.

י' טבת שנת תקכ"ח האָבן צען גדולים פון באַרימטן בראָדער קלויז, באַקאַנט אַלס די חכמי הקלויז, בראש מיט רבי חיים צאַנזער פון בראָדער קלויז (נישט צו פאַרמישן מיט'ן שפּעטערדיגן דברי חיים), געשיקט אַ תשובה און אַ כרוז קיין פראַנקפורט אין וועלכן זיי זענען מתיר דעם קליווער גט.

דער ענטפער פון דער קהילה אין פראַנקפורט איז געווען אַ "כרוז למען דעת כל עמי הארץ" וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן קעגן די חכמי בראָד און די אַנדערע רבנים אין פוילן.

זונטאָג, ג' אדר שנת תקכ"ח, נאָכמיטאָג, פאַר מנחה, איז גאַנץ פראַנקפורט זיך צונויפגעקומען אין שול-הויף. אַלס אַן אַקט פון פּראָטעסט איז דער פסק דין פון די חכמי בראָד פאַרברענט געוואָרן אין אַ פייער. מיט אַ קורצע צייט שפּעטער זענען אויך די תשובות פון נודע ביהודה פאַרברענט געוואָרן.

דער פראַנקפורטער רב הגאון הצדיק רבי אַביש פראַנקפורטער איז בכלל נישט געווען פאַרמישט אין דער מחלוקה וואָס עס האָבן אָנגעפירט די קהילה פירער, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז זיי קעמפן און פאַרטיידיגן דעם כבוד פון זייער קהילה און פון זייער רב. רבי אַביש פראַנקפורטער האָט אונטערגעשריבן נישט מער ווי אויפ'ן ערשטן כרוז, אויפ'ן ערשטן איסור אויפ'ן גט מקליווא. זינט דאַן האָט ער מער קיינמאָל נישט אונטערגעשריבן און זיך מער נישט געמישט אין דער מחלוקה וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן פראַנקפורטער בית דין און די פראַנקפורטער פרנסים און ראשי קהילה.

אַ טאָג נאָך יום כיפור, י"א תשרי תקכ"ט, איז רבי אַביש פראַנקפורטער נפטר געוואָרן. די ראשי קהילה האָבן דאַן געשריבן נייע תקנות אין די שטאַטוטן פון פראַנקפורט. די נייע רעגולאַציעס האָבן פאַרבאָטן פאַר דער שטאָט פראַנקפורט אויפצונעמען סיי וועלכן רב וואָס האָט מתיר געווען דעם קליווער גט. וואָס שייך דעם נודע ביהודה קענען אויך זיינע קינדער און אייניקלעך קיינמאָל נישט אויפגענומען ווערן אַלס רבנים אָדער קריגן וועלכע ס'איז פּאָסטנס און פּאַזיציעס אין פראַנקפורט.

די דיינים, פרנסים און ראשי הקהילה שרייבן אין די תקנות ווי פאָלגענד:

"עשינו רק דבר קטן לצאת ידי שמים, וקבלנו על עצמינו שלא יהיה הרב מפּראַג, לא הוא ולא בניו ובני בניו, וכן חתניו לוקחי בנותיו או בנות בנותיו – כי עד כאן רחמי האב על הבן – שלא יותן להם שום התמנות בקהילתינו, שלא ליתן להם שום כבוד לדרוש ברבים, וגם כי יבוא למראה עינינו כתב אשר יכתוב עליו הרב מפראג ביחידות, בלי צירוף לחתימתו, שאין לשום אדם מקהלתנו להשגיח עליו כלל וכלל".

נאָך דער הסתלקות פון פראַנקפורטער רב הגה"צ רבי אברהם אַביש זצ"ל האָט פראַנקפורט גענומען זוכן אַ נייעם רב אַ ממלא מקום. דאָ האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין אומגעריכטעטע שוועריגקייטן. כמעט יעדער גדול בישראל אין אייראָפּע האָט געהאַט אונטערגעשריבן מתיר צו זיין דעם קליווער גט. נאָך דריי יאָר איז זיי געראָטן צו טרעפן אַ גדול בישראל, הגה"ק רבי פנחס הורוויץ, דער בעל הפלאה, וועלכער האָט נישט געהאַט אונטערגעשריבן אויפ'ן היתר.

די וועלט זאָגט אַז אויך ער, דער בעל הפלאה, האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ תשובה מתיר צו זיין דעם קליווער גט. פאַראַן וועגן דעם פאַרשידענע גירסאות. לויט ווי עס שטייט אין ספר "אוהל אברהם" (דף י"ח, ב' בהערה) האָט דער בעל הפלאה, וועלכער איז דאַן געווען אין יאַמפּאָלאַ, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ לאַנגע תשובה צו רבי ישראל ליפשיץ אין וועלכן ער איז מתיר דעם גט און שטעלט זיך אַרויס קעגן דעם פראַנקפורטער בית דין בראש מיט הגאון רבי אַביש דער פראַנקפורטער רב. ווען ער האָט געענדיגט שרייבן די תשובה האָט ער געוואָלט נעמען דאָס פלעשל זאַמד וואָס איז געלעגן אויפ'ן טיש, ווי עס איז דאַן געווען דער סדר אָנצוגיסן אויפ'ן אָנגעשריבענעם בלאַט כדי די טינט זאָל זיך אויסטרוקענען. אַנשטאָט צו נעמען דאָס פלעשל זאַמד האָט ער על פי טעות גענומען דעם פלעשל טינט און דאָס אָנגעגאָסן אויף דעם גאַנצן בלאַט מיט דער תשובה.



דער אָריגינעלער כתב יד פון הגאון רבי יעקב'קע לאַנדא זצ"ל, זון פון נודע ביהודה, די "דברי ידידות" אין דער הקדמה צו שו"ת נודע ביהודה

דער בעל הפלאה האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש און האָט געפלאַנט איבערצושרייבן די תשובה פונדאָסניי. האָט דער דעמאָלטדיגער רב פון יאַמפּאָלאַ, הגאון רבי מרדכי זאב, דער פאָטער פון "ישועות יעקב", אים געזאָגט אַז ס'איז אַ שאָד די טירחה נאָכאַמאָל איבערצושרייבן די תשובה. דער קליווער רב האָט שוין געקראָגן גענוג תשובות פון אַנדערע גדולים וואָס זענען מתיר דעם גט. דער בעל הפלאה האָט אים געפאָלגט.

אַזוי האָט זיך געפירט מן השמים אַז דער הפלאה זאָל קענען אויפגענומען ווערן אַלס רב אין פראַנקפורט אין שנת תקל"ב, וואו ער איז געווען דער שפּעטערדיגער רבי פון דעם דעמאָלט 9 יעריגן פראַנקפורטער יונגל משה סופר, דער חתם סופר.

במשך די איבער צוויי יאָר צווישן דער הסתלקות פון רבי אברהם אַביש ביז דאָס אויפנעמען דעם בעל הפלאה האָט פראַנקפורט געהאַט אַ צייטווייליגן ממלא מקום אַלס רב. דער צייטווייליגער רב איז געווען הגאון רבי נתן מאַז – וועלכער איז בכלל נישט געווען קיין פנים חדשות.

במשך פון 40 יאָר איז רבי נתן מאַז געווען דער ראש בית דין און די מעכטיגסטע פּערזאָן, דער מענטש מיט דער מערסטער מאַכט, אין פראַנקפורט.

רבי נתן מאַז איז עס געווען דער וואָס איז געשטאַנען הונטער דעם איסור אויף דעם קליווער גט, האָט אָנגעפירט מיט דער מלחמה קעגן דעם נודע ביהודה, און שפּעטער מיט דעם חרם קעגן הגה"ק רבי נתן אַדלער. דאָך האָבן סיי דער נודע ביהודה און סיי דער חתם סופר געוואוסט אַז ער מיינט עס לשם שמים און אַז זיין קאַמף איז אַ מחלוקת לשם שמים – עד כדי כך אַז דער חתם סופר האָט אים באַטראַכט אַלס איינעם פון זיינע רבי'ס, ווי ער שרייבט עטליכע מאָל "מורי ורבי רבי נתן מאַז".

[מער וועגן דעם אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**קהילות שו"ם, שפּיירא, ווירמייזא און מאַגנצא, דאָס וויגעלע פון אשכנזי'שן אידנטום – דער קלאָג אויף זייער חורבן בעת די "גזירות תתנ"ו" אין די קינות לתשעה באב – פראַנקפורט ד'מיין, די שפּעטערדיגע "ירושלים דאשכנז" – רבי נתן מאַז דער ראש בית דין וואָס האָט במשך פון 40 יאָר געפירט פראַנקפורט – זיין תקיפות ביים קליווער גט, קעגן נודע ביהודה און קעגן רבי נתן אַדלער – די 12 תקנות – טומאת כהנים אין דער "יודענגאַסע" אין פראַנקפורט – את והב בסופה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## הגאון רבי נתן מאַז, דער "בנין שלמה"

אַן אַלטע תקנה האָט עקזיסטירט אין פראַנקפורט: אַ פראַנקפורטער געבוירענער קען נישט אויפגענומען ווערן אַלס רב. נאָר אַ פרעמדער, פון דרויסן.

היות ווי ביי דער מחלוקת אַרום דעם קליווער גט האָבן די ראשי קהילה געשאַפן אַ נייע תקנה – עמיצער וואָס האָט גע'פסק'עט קעגן פראַנקפורט און מתיר געווען דעם גט קען קיינמאָל נישט ווערן אויפגענומען אַלס רב – איז די שטאָט נאָך דער הסתלקות פון רבי אברהם אַביש ליסא קרוב צו דריי יאָר געבליבן אָן אַ רב. געווען כמעט ווי אוממעגליך צו טרעפן אַ גדול בישראל איבער דער אידישער וועלט וואָס האָט נישט אונטערגעשריבן קעגן פראַנקפורט בעת דער דעמאָלטדיגער מחלוקה איבער'ן קליווער גט.

במשך פון דער איבערגאַנגס פעריאָדע, ביז דער בעל הפלאה איז געוואָרן אויפגענומען אַלס רב (וואָס מן השמים האָט מען געפירט ער זאָל נישט פאַרעפנטליכן זיין תשובה אין וועלכן אויך ער האָט מתיר געווען דעם גט), איז אַלס צייטווייליגער רב אויפגענומען געוואָרן הגאון רבי נתן מאַז, דער בעל בנין שלמה. רבי נתן מאַז איז יאָ געווען אַ פראַנקפורטער געבוירענער און לעבנסלענגליכער תושב. דערפאַר האָט ער נאָר געדינט אַלס צייטווייליגער רב.

רבי נתן מאַז איז געבוירן אין פראַנקפורט אַרום שנת ת"פ. אין דער יוגנט איז ער געווען אַ תלמיד פון הגאון רבי יעקב פּאָפּריש, דער בעל "שב יעקב", דער דעמאָלטדיגער פראַנקפורטער רב. נאָך דער הסתלקות פון "שב יעקב" איז ער געוואָרן אַ תלמיד מובהק פון שב יעקב'ס ממלא מקום אַלס פראַנקפורטער רב, רבי יעקב יושע פאַלק, דער "פני יהושע", דער "גאון הדור", ווי דער נודע ביהודה באַצייכנט אים אין זיין הספד אויף אים.

רבי נתן מאַז האָט מחבר געווען די ספרים "בנין שלמה" אויף עטליכע מסכתות און סוגיות הש"ס. אין דער הקדמה שרייבט ער וועגן זיין נאָענטן קשר מיט זיין רבי'ן דער פני יהושע "כבן אצל אב". אין בניין שלמה איז ער זיך כסדר מפלפל אין די ווערטער פון פני יהושע.

אין פראַנקפורט האָבן זיך דאַן געפונען גרופּעס פון שבתי צבי'ניקעס. דער פני יהושע האָט קעגן זיי געפירט אַ מלחמת חרמה און צום סוף באַוויזן זיי אויסצוראָטן פון דער שטאָט.

אַלס גרויסער לוחם קעגן שבתאות איז דער פני יהושע געווען שטאַרק בידידות מיט'ן יעבץ. בעת דער מחלוקה פון יעבץ קעגן רבי'ן רבי יהונתן איז דער פני יהושע געווען אויף דער זייט פון יעבץ.

ווען פאַר'ן פני יהושע איז געראָטן אויסצורייניגן די שטאָט פון די שבתי צבי'ניקעס איז אים אָבער נאָך אַלץ נישט געווען באַשערט קיין מנוחה. פונקט ווי אַסאַך אַנדערע קהילות אין אייראָפּע איז פראַנקפורט געווען צעשפּליטערט אַרום דער מחלוקה צווישן עמדין און רבי יהונתן. די איבערוויגנדע מערהייט פון דער שטאָט איז געווען אויף דער זייט פון רבי יהונתן. דער פני יהושע האָט דערפאַר געליטן פון התנגדות און רדיפות. צום סוף איז ער געצוואונגען געווען אויפצוגעבן דאָס רבנות און פאַרלאָזן די שטאָט. זיין ממלא מקום אַלס רב איז געוואָרן רבי אברהם אַביש מליסא, רבי אַביש פראַנקפורטער.


ספר
בנין שלמה
וחדושי הלכות
שחיבר ריש מתיבתא וריש דינא
כמהורר נתן מז נר"ו
על מסכת
סנהדרין
בית שלמה
ושלמה
באופיבאך
אברהם בן כמר"ר שלמה פרופס
הבחור שלמה

דער ספר "בנין שלמה" פון הגאון רבי נתן מאז

רבי נתן מאַז איז שוין דאַן געווען פון די אַנערקענטסטע דיינים אין שטאָט. אַלס יונגערמאַן איז ער שוין געוואָרן אַ מיטגליד פון פראַנקפורטער בית דין און במשך פון 40 יאָר דער ראש בית דין פון פראַנקפורט. אין צוגאָב צו זיין גדלות בתורה, בחכמה ובצדקות איז ער אויך געווען אַן ענערגיש דינאַמישער מענטש, אַן איש חי ורב פעלים, און דער בריח התיכון פון דער קהילה.

מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיגקייטן, חכמה און סטראַטעגיע האָט רבי נתן מאַז באַוויזן צו פאַרלעשן אין פראַנקפורט דעם פייער פון מחלוקת וואָס האָט די פריערדיגע יאָרן געברענט אַרום דעם יעבץ-רבי-יהונתן פּאָלעמיק און צו פאַראייניגן אַלע פראַקציעס פון דער שטאָט. די פאָלגנדע פערציג יאָר איז ער געווען דער רוח החיים און פאַקטישער פירער פון דער קהילה, פונעם בית דין און פון דער שטאָט.

בעת דער איבערגאַנגס פעריאָדע צווישן רבי אברהם אַביש מליסא און דעם בעל הפלאה, ווען ער האָט געדינט אַלס צייטווייליגער רב, האָט די שטאָט דאַרמשטאַט אין שנת תק"ל אים געוואָלט אויפנעמען אַלס רב. כדי אים נישט צו פאַרלירן האָט פראַנקפורט אים אויפגענומען אַלס לעבנסלענגליכן ראש בית דין און ריש מתיבתא. טראָץ דעם וואָס ביז דאַן איז דער רב פון שטאָט תמיד געווען אויך דער ריש מתיבתא, דער ראש ישיבה, און טראָץ דעם וואָס פאַר דעם איז דער אַמט פון ראש בית דין נישט געווען פערמאַנענט, האָט פראַנקפורט דאָס ערשטע מאָל לכבוד רבי נתן מאַז געענדערט דעם איינפיר און פאַרשפּראָכן אַז אפילו נאָכדעם וואָס די שטאָט וועט אויפנעמען אַ רב וועט רבי נתן מאַז כל ימיו פאַרבלייבן דער ראש ישיבה און דער לעבנסלענגליכער ראש בית דין.

אַזוי איז טאַקע געווען. רבי נתן מאַז איז געבליבן דער ראש ישיבה און ראש בית דין און האָט געפירט די שטאָט מיט אַ תקיפות און אַ פעסטער האַנט. ביי פילע זיצונגען פון בית דין האָט דער שפּעטערדיגער רב, רבי אַביש מליסא – און נאָך אים דער בעל הפלאה – זיך אפילו נישט באַטייליגט אין די זיצונגען. ווען יאָ האָבן אַלע זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פון דעם ראש בית דין און פירער פון דער קהילה, רבי נתן מאַז.

מיט זיין תקיפות האָט רבי נתן מאַז באַוויזן איינצושטעלן אַ שלום און צו פאַראייניגן אַלע פראַקציעס וואָס האָבן פאַר דעם צעשפּליטערט די שטאָט.

שפּעטער האָט ער גענוצט זיין תקיפות אויף צו פאַרטיידיגן די מסורה פון דייטשן אידנטום, די מסורה פון יהדות אשכנז, און באַזונדערס די אייגנאַרטיגע מנהגים פון זיין שטאָט פראַנקפורט, די וועלטס באַרימטע "מנהגי פראַנקפורט", דאָס שטאָלץ פון יהדות אשכנז.

## דאָס וויגעלע פון אשכנזי'שן אידנטום

אין די צייטן פון די בעלי תוספות און די ראשונים זענען די שטעט שפּייער (שפירא), וואָרמס (וורמיזא), און מיינץ (מגנצא), די קהילות שו"ם, באַקאַנט מיט זייערע "תקנות שו"ם", געווען דאָס וויגעלע פון אשכנזי'שן אידנטום. די קהילות זענען געגרינדעט געוואָרן מיט 1100 יאָר צוריק אויף די ברעגעס פונעם דייטשן טייך רהיין, ווען די קלונימוס משפחה וועלכע איז געקומען פון רוים האָט זיך באַזעצט אין מיינץ – מגנצא.

אין מיינץ האָבן געווירקט און געגרינדעט ישיבות צווישן אַנדערע: רבינו גרשום מאור הגולה, רבי שמעון הגדול, רבי יהודה הכהן הזקן, רבי משולם בן קלונימוס; אין וואָרמס-ווירמייזא: רבי יעקב בן יקר און רבי יצחק הלוי; און אין שפּייער – שפּירא: רבי אליקים בן משולם.

אין שנת ד' אלפים תתנ"ו זענען די דריי קהילות דאָס ערשטע מאָל חרוב געוואָרן ווען טויזנטער אידן האָבן זיך מוסר נפש געווען על קידוש שמו בעת די ערשטע קרייץ-צוגן. ווי איידער צו פאַרלאָזן דעם אידישן דת און די אמונה האָבן זיי זיך געלאָזט אומברענגען על קידוש השם.

נאָך דעם בלוט-באָד און די הריגות, באַקאַנט אַלס די "גזרות תתנ"ו", איז פאַרפאַסט געוואָרן די תפילה פון "א-ל מלא רחמים שוכן מרומים, ברחמיו העצומים, הוא יפקוד ברחמים החסידים והישרים והתמימים, קהילות הקודש שמסרו נפשם על קדושת השם" וואָס מען זאָגט שבת פאַר מוסף. יעדן תשעה באב טרויערן מיר נאָך אָט די קדושים אין דער קינה פון מי יתן ראשי מים: "ואקונן מר עלי הרוגי אשפירה... נאספו יחד נפשם השלימו במורא, על יחוד שם המיוחד יחדו שם בגבורה... קהל ורמיזא בחונה ובחורה, גאוני ארץ ונקיי טהרה, פעמיים קדשו שם המיוחד במורא.... ועל אדירי קהל מגנצא ההדורה, מנשרים קלו מאריות להתגברה, השלימו נפשם על יחוד שם הנורא, ועליהם זעקת שבר אשערה".

במשך פון די יאָרן פון מיטל-אַלטער האָבן אידן זיך צוריק באַזעצט אין אָט די שטעט און אויך אין אַנדערע שטעט אויף ביידע ברעגעס פון דעם טייך רהיין, באַקאַנט אַלס "ריינלאַנד". גרויסע ישיבות און תורה צענטערס זענען געגרינדעט געוואָרן אין אַזעלכע שטעט ווי נורענבורג און רעגנסבורג. דער רא"ש איז געקומען פון רעגנסבורג.

## פראַנקפורט ד'מיין

**"הנה באמת כי הקהילה הקדושה הזאת ישמור אותה הא-ל, אחת היא לאומתה אין בכל העולם דוגמתה".** (דער חתם סופר אין אַ בריוו צו זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער).

אין פראַנקפורט האָבן אידן געוואוינט שוין אין די צייטן פון די ראשונים. פראַנקפורט ווערט באַטראַכט אַלס די לענגסטע באַוואוינטע אידישע שטאָט אין אייראָפּע. הגם אין די ערשטע עטליכע הונדערט יאָר איז די אידישע באַפעלקערונג געווען גאָר קליין. אין די צייטן פון די ראשונים, דורך די יאָרן פון מיטל-אַלטער, איז דער אידישער ישוב אין פראַנקפורט באַשטאַנען פון בלויז עטצייליגע פאַמיליעס.

דער ערשטער גדול בישראל וועלכער איז באַוואוסט אַלס רב פון פראַנקפורט איז רבי שמעון אשכנזי הדרשן, דער בעל "ילקוט שמעוני", מיט איבער 800 יאָר צוריק, אין די צייטן פון רמב"ם. בשעתו האָט מען

אים אין דייטשלאַנד גערופן "ר' שמעון אָן דער פֿאָרט". מ'פלעגט זאָגן "רבי שמעון אָן דער פֿאָרט, קאָן די גאַנצע תורה אויפ'ן אָרט". דער חתם סופר און זיין רבי ר' נתן אַדלער האָבן ביידע געשטאַמט פון רבי שמעון הגדול, רבי שמעון הדרשן.

אַ צווייטער רב פון פראַנקפורט בזמן הראשונים איז געווען רבי אלכסנדר זוסלין הכהן, בעל מחבר ספר ה"אגודה".

נאָך דער תקופה פון די ראשונים האָט די אידישע באַפעלקערונג אין פראַנקפורט גענומען וואַקסן נאָכדעם וואָס אידן האָבן זיך אַוועקגעצויגן פון נירענבורג און רעגנשבורג און האָבן זיך באַזעצט אין פראַנקפורט.

די שטאָט פראַנקפורט, "פראַנקפורט ד'מיין", – מיין איז אַ טייך וואָס פליסט אַרויס פון דעם גרעסערן טייך רהיין, זי ווערט אַזוי גערופן איר צו פונאַנדערשיידן פון דער קלענערער שטאָט "פראַנקפורט ד'אַדער", אויפ'ן טייך "אַדער" – איז געוואָרן די גרעסטע און חשוב'סטע אידישע שטאָט און דער צענטער פון תורה און אידישקייט אין דייטשלאַנד.

איבער די לעצטע 400 יאָר האָבן דאָרט משמש געווען ברבנות אַזעלכע גדולי ישראל ווי דער של"ה הקדוש; רבי אהרן שמואל קאַידינאָווער, דער בעל "ברכת הזבח", פֿאָטער פון בעל קב הישר; רבי יוסף שמואל מקראָקא, באַקאַנט מיט זיינע הוספות צום מסורת הש"ס; רבי נפתלי הכהן כ"ץ דער בעל סמיכת חכמים; רבי שבתי שעפטיל הורוויץ דער בעל "ווי העמודים" זון פון של"ה הקדוש; זיין זון רבי ישעי' הלוי הורוויץ השני אייניקל פון של"ה הקדוש; רבי אברהם ברוידא, בעל "אשל אברהם" אויף ש"ס; דער מהר"ם שיף; רבי יעקב הכהן פֿאַפּרוש, דער "שב יעקב"; רבי יעקב יהושע פֿאַלק, דער "פני יהושע"; רבי אַביש מליסא; און דער בעל הפלאה.

גדולי ישראל האָבן אויך געדינט אין פראַנקפורט אַלס ראשי ישיבות, דיינים, רבנים אין קלויזן און בתי מדרשים. צווישן זיי: רבי עקיבא מפראַנקפורט, אַרום 450 יאָר צוריק, וואָס דער חתם סופר האָט אַלס אַ סגולה געהייסן געבן צדקה לעילוי נשמתו; רבי יוסף יוזפא האָן נוירלינגן, בעל מחבר ספר "יוסף אומץ"; זיין אייניקל רבי יוסף יוזפא סג"ל, בעל מחבר ספר "נוהג כצאן יוסף"; רבי צבי הירש קאיידנובער בעל מחבר ספר "קב הישר"; רבי שמואל שאַטין, בעל מחבר "כוס הישועות", דער מהרשש"ך, זיידע פון חתם סופר; די רבנים און ראשי ישיבות אין די קלויזן פון פראַנקפורט וואָס טייל פון זיי האָט דער חתם סופר באַטראַכט אַלס זיינע רבי'ס: רבי יעקב משה טעבל שייאר, שפעטערדיגער רב אין מיינץ; רבי טעבלי שיף; רבי יעקב שמש; רבי מנחם מענדל ליליג; רבי זלמן חסיד; רבי נתן מאַז; און דער רבי מובהק פון חתם סופר: רבי נתן אַדלער. דאָס איז בלויז אַ טיילווייזע קאָנדענסירטע רשימה פון די גדולי הדור פון פראַנקפורט במשך פון הונדערטער יאָרן.

## מנהגי פראַנקפורט

איינער פון די רבנים פון פראַנקפורט מיט איבער פיר הונדערט יאָר צוריק איז געווען רבי אליעזר טריבש, וועלכער האָט בשעתו גע'שמ'ט איבער דער וועלט מיט זיין כח התורה. שרייבט רבי אליעזר טריבש אין אַ וויכוח וואָס ער האָט געהאַט מיט רבנים פון פּוילן: "הננו בפראַנקפורט, אשר בה סוד חכמים, אשר לא ישוה לו בכל אשכנז ואדום, הבאים ללמוד וללמד, האמונים במלחמת מצוה, משכימים בבקר לבית המדרש ובידם נשקה של תורה, ולערב יוצאים ממנו כרעים".

מי לנו גדול פונעם רמ"א, וועלכער שרייבט אויף רבי אליעזר טריבש: "ראוי שכל התורה תהיה נפסקת על ידו". און וואָס דאַרף מען מער ווי וואָס דער רמ"א שרייבט אויף פראַנקפורט: "כבוד רבני ורנקפורט ואגפיה,



די "יודענגאסע" - דער געטא אין פראנקפורט מיט 150 יאר צוריק

חשובים עלי כיבנה וחכמיה".

רבי יעקב הלוי מולין, דער מהרי"ל, ווערט באַטראַכט אַלס דער "אבי מנהגי אשכנז". די הויפּט מנהגים און אפילו נוסחאות און ניגוני התפילות פון אשכנזי'שע אידן איבער דער וועלט עד היום הזה קומען פון אים. דער מהרי"ל איז געווען רב אין מיינץ-מגנצא מיט 650 יאָר צוריק. זיין ספר מנהגים איז געשריבן געוואָרן דורך זיינע תלמידים.

פריער איז וורמיזא געווען די ירושלים דאשכנז. וורמיזא איז געווען די שטאָט פון רש"י, מהר"ם מראָטענבערג, דער בעל "הרוקח", די בעלי תוספות, און די גדולי הראשונים.

די מנהגים פון ווירמייזא האָט געשריבן רבי יוזפא שמש. ווייזט אויס אַז דער שמש רבי יוזפא איז געווען אַן אדם גדול ווייל זיין ספר מנהגי ווירמייזא איז באַצירט מיט הגהות פון איינעם פון די רבנים פון ווירמייזא: הגאון רבי יאיר חיים בכרך, דער בעל "חוות יאיר".

מיט דורות שפּעטער ווען פראַנקפורט איז געוואָרן די "ירושלים דאשכנז", איז פראַנקפורט געוואָרן די פעסטונג און פאָן טרעגער פון די מנהגי און מסורת אשכנז.

פראַנקפורט האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זי האָט אויך געהאַט אייגנאַרטיגע מנהגים, אַנדערש פון די מנהגים פון אַנדערע שטעט אין דייטשלאַנד. אַזויווי נישט דער מהרי"ל אַליין איז עס געווען דער וואָס האָט געשריבן זיינע מנהגים, נאָר זיינע תלמידים, האָט פראַנקפורט זיך געפילט באַרעכטיגט אַרויסצוהייבן זייערע אייגענע אָריגינעלע מנהגים. די מנהגים וואָס זענען געווען איינגעפירט אין פראַנקפורט האָבן זיי באַטראַכט אַלס מער אויטענטיש.

צווישן די גדולי פראַנקפורט וואָס מיר האָבן פריער אויסגערעכנט געפינען זיך צוויי גדולים וואָס האָבן פאַרשריבן און פאַראייביגט די אייגנאַרטיגע מנהגים פון פראַנקפורט: רבי יוסף יוזפא האן נוירלינגן,

בעל מחבר ספר "יוסף אומץ", געדרוקט אין פראַנקפורט אין שנת תפ"ג, און זיין אייניקל רבי יוסף יוזפא סג"ל, בעל מחבר ספר "נוהג כצאן יוסף".

רבי יוסף יוזפא האָן נוירלינגן דער ראש הדיינים אין פראַנקפורט, האָט מיט איבער 400 יאָר צוריק מחבר געווען דעם ספר "יוסף אומץ" אין וועלכן ער פאַרצייכנט די "מנהגי אשכנז לימות השנה ובפרטם מנהגי פראַנקפורט". דער ספר אז געדרוקט געוואָרן אַרום הונדערט יאָר שפּעטער, בשנת תפ"ג.

פאַרוואָס האָט ער אגב געהייסן האָן?

די אידן אין פראַנקפורט האָבן געוואוינט אין אַ אידישן געטאָ. דער גאַנצער געטאָ איז באַשטאַנען פון איין גאַס. דערפאַר האָט עס געהייסן "יודענגאַסע". אַלע אידישע געטאָס אין דייטשלאַנד האָבן אין יענער צייט געהייסן אידנגאַסע אָדער אידנשטראַסע. די הייזער אין פראַנקפורטער געטאָ, אין דער יודענגאַסע, האָבן נישט געהאַט קיין אַדרעסן. אויף יעדן הויז האָט געהאָנגען אַ שילד מיט אַ בילד פון אַ פרוכט, פון אַ פויגל, צי אַ געפאַרבטע פאָן אָדער אַ שילד מיט אַ קאָליר. דאָס זענען געווען די אַדרעסן. שפּעטער האָבן געוויסע אַדאָפּטירט די נעמען פון זייערע "אַדרעסן" אַלס זייערע פאַמיליע נעמען: אַפּעל, פויגל, אָדלער, הירש א. א. וו. דאָס הויז פון ר' מאיר אַנשיל ראָטשילד האָט געהאַט אַ רויטע שילד. דערפאַר דער נאָמען: ראָטשילד. רבי יוסף יוזפא, דער בעל מחבר פון יוסף אומץ, האָט געהאַט אַ בילד פון אַ האָן. דערפאַר דער נאָמען האָן.

שפּעטער האָט זיין אייניקל רבי יוסף יוזפא סג"ל אַרויסגעגעבן אַ מער דעטאַלירטן ספר פון די מנהגי אשכנז און פראַנקפורט מיט'ן נאָמען "נוהג כצאן יוסף".

פון צייט צו צייט האָבן די מושלים פון פראַנקפורט פאַרטריבן די אידן פון שטאָט. אין פראַנקפורט זענען די גירושים געווען קורץ. עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז די אידן זענען ערלויבט געוואָרן צוריק זיך צו באַזעצן אין שטאָט, ס'הייסט אין אידישן געטאָ. דער יוסף אומץ און דער נוהג כצאן יוסף האָבן מקפיד געווען אַז אידן זאָלן נישט "אימפּאָרטירן" קיין פרעמדע מנהגים וואָס זיי האָבן אויפגעכאַפּט וואוינענדיג אין אַנדערע אידישע שטעט.

איז עס אינטערעסאַנט: טראָץ דעם וואָס זיי האָבן מקפיד געווען נישט משנה צו זיין אפילו כקוצו של יו"ד פון די מנהגי פראַנקפורט איז דער יוסף אומץ העכסט צופרידן, (אין סימן תקפ"ח), פון דעם נייעם מנהג פון קבלת שבת וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין פראַנקפורט דורך "חדשים מקרוב באו".

רבי שבתי שעפטיל הורוויץ, דער בעל "ווי העמודים", זון פון של"ה הקדוש, שרייבט וועגן פראַנקפורט און וועגן אירע מנהגים: "ראש ההר, ק"ק פראַנקפורט עיר הגדולה לאלוקים, בכל מדינות אשכנז היא תל תלפיות שהכל פונים אליה". (ווי העמודים, בהקדמה).

רבי חיים, דער ברודער פון מהר"ל, איז געווען רב אין דייטשלאַנד אין די שטעט וואָרמס (וורמייזא) און פרידבורג. שרייבט ער אַז זייענדיג אין אָט די שטעט האָט ער אַלץ געוואָלט וויסן וואָס עס זענען די מנהגי פראַנקפורט: "זה היה לי גם כן כ"ו שנים שעמדתי בב' קהילות גדולות, ווירמיש ורדיבורג, ושואף הולך הייתי תמיד גם כן בקרית מלך רב, ק"ק ורנקוורט יע"א, תמיד דרשתי וחקרתי ושאלתי היטב אחר מנהגי המדינה".

דער בעל "שב יעקב" שרייבט אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר "נוהג כצאן יוסף": "לזכות את הרבים לברר וללבן מנהגים של מדינת אשכנז, ובפרטות המנהג של עיר ואם בישראל, כרכא דכולא ביה, ק"ק פראַנקפורט דמיין". אויך דער מהרשש"ך שרייבט אויפ'ן "נוהג כצאן יוסף": "מיוסד על מנהגי צאן קדשים אשר בארץ אשכנז, ובייחוד של עדת ישרון ק"ק פראַנקפורט דמיין".

רעדנדיג וועגן די מנהגי אשכנז בנוגע אַ חופה שרייבט דער חתם סופר: "דעו כי כל המנהגים הללו שבאשכנז נוסדו על פי רבותינו בעלי התוספות, רש"י ותלמידיו, תושבי ארץ ההוא". (שו"ת חת"ס אבן העזר, סימן צ"ח).

ווען זיין רבי דער פני יהושע איז געצוואונגען געווען אויפצוגעבן דאָס רבנות און צו פאַרלאָזן פראַנקפורט האָט זיין געטרייער און באַגאַבטער תלמיד רבי נתן מאַז באַוויזן צו "מאַכן אָרדענונג" אין די שטאָט. ער האָט צונויפגענומען הונדערטער תלמידים, יונגעלייט גדולים בתורה וביראה, און האָט זיי פאַרבאָטן עוסק צו זיין אין "פּאָליטיק". זיי האָבן געמעגט זיין פאַרנומען בלויז מיט תורה און יראת שמים.

מיט פאַרשידענע טאַקטיקן און אופנים האָט ער שלום געמאַכט צווישן צוויי גרויסע משפחות וועלכע זענען געווען צעשפּליטערט צוליב געלט און כבוד, און, זעלבסטפאַרשטענדליך, צוליב "לשם שמים'דיגע" מחלוקת'ן, ווי די מחלוקה צווישן יעבץ און רבי'ן רבי יהונתן אָדער דאָס רבנות פון פני יהושע.

ווען פאַר רבי נתן מאַז איז געראָטן להחזיר עטרת פראַנקפורט ליושנה איז ער געוואָרן דער מעכטיגסטער מאַן אין פראַנקפורט במשך פון 40 יאָר. אַלע זיינע כוחות האָט ער פאַרלייגט צו שיצן אויף דעם כבוד פון פראַנקפורט, וואָס האָט געמיינט איר דאָמינירנדער כח אין אויפהיטן די מסורה פון פראַנקפורט און די מנהגי אשכנז. אַלס רעזולטאַט האָט ער פאַרמאָגט מער כח ווי די פאַקטישע רבנים.

בעת דער מחלוקה פונעם גט מקליווא האָט ער נישט ערלויבט נאָכצוגעבן כי הוא זה פאַר די וואָס האָבן מתיר געווען דעם גט, די חולקים אויף דעם פסק פונעם רב און בית דין פון פראַנקפורט. ווען דער בעל הפלאה איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון פראַנקפורט האָט ער מהאי טעמא נישט געקענט אַרויסווייזן זיין שייכות און טריישאַפט צו תלמידי בעל שם און צו תורת החסידות.

דער הפלאה איז צוליב אַ מסירה אַנטלאָפן פון פוילן איז ער געווען העכסט צופרידן צו געניסן פון רואיגקייט אין אַזאַ עיר ואם בישראל ווי פראַנקפורט. אין דער הקדמה צו "חידושי הפלאה" אויף מסכת כתובות שרייבט ער:

..."וקבלונו פה ק"ק פ"פ דמיין יצ"ו המפורסמת לתהלה ולתפארת ודרשוני ממקום רחוק, ראיתי כי יד ה' עשתה זאת להחיש מפלט לי, ויהי ה' עמי בדרך אשר הלכתי לעבור דרך וגבולי', עד אשר הביאנו הלום בשקט ושלום בלי חתחתים ומכשולים, ומצאתי את שאהבה נפשי פה קרי' נאמנה חכמים וסופרים, המה הגיבורים, הצוללים במים אדירים.... ישיבה חשובה ונשגבה מליאה דעת, חדודי מלתעת, בחיבה עתיקה נודעת, הרימותי ידי לה' אשר לא עזב חסדו ואמתו ממני בזכות אבותי הקדושים נ"ע לתקוע יתד במקום נאמן".

בלויז איין מנהג חסידות האָט דער בעל הפלאה אָנגעהאַלטן אין דער עפנטליכקייט. דעם זעלבן מנהג האָט אויך געהאַט דעם חתם סופר'ס אַנדערער רבי, רבי נתן אַדלער. ווי דער חתם סופר שרייבט דאָס אין איינעם פון זיינע תשובות צום ישמח משה:

"וע"כ מורי החסיד שבכהונה מו"ה נתן אַדלער זצ"ל הוא בעצמו עבר לפני התיבה והתפלל ספרדי בנוסח האר"י זצ"ל וכן מורי הגאון בעל הפלאה זצ"ל כי רק המה התפללו בנוסח האר"י ושום אחד מהאנשים המצורפים להמנין לא התפללו כי אם אשכנזי". (שו"ת חתם סופר או"ח סי' קצ"ז).

הגה"ק רבי נתן אַדלער האָט געטאָן אויך מער ווי דאָס: ער האָט געעפנט

אַ פּריוואַטן בית המדרש און איינגעפירט אַ ריי מנהגים על פּי קבלה ועל פּי האר"י, אינגאַנצן אַנדערש ווי דער מנהג אשכנז און מנהג פראַנקפורט. חוץ דאַווענען בנוסח האר"י האָט ער אויך געדאַוונט אין דער ספרדי'שער הברה, האָט איינגעפירט דוכנ'ען יעדן טאָג פון דער וואָך, ווי אויך אַ ריי אַנדערע מנהגים וואָס האָבן אַרויסגערופן אַלאַרם ביי רבי נתן מאַז און ביי די אַנדערע דיינים און ראשי קהילה פון דער שטאָט.

רבי נתן מאַז און די דיינים און ראשי קהילה האָבן אַרויסגעגעבן איסורים קעגן די מנהגים. אפילו דער בעל הפלאה, וועלכער איז געווען אַ ידיד נפש און אַן אויסערגעוועהנליכער מעריץ פון רבי נתן אַדלער, האָט בלית ברירה אונטערגעשריבן אויף אָט די תקנות.



דער הספד אויף הגה"ק רבי נתן אדלער, געשריבן בכתב יד קדשו פון הייליגן חתם סופר

די ראשי קהילה האָבן שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַז חוץ די גרויסע שול פון דער שטאָט טאָר נישט עקזיסטירן נאָך אַ בית המדרש. דורך אינטערווענץ ביי דער רעגירונג איז רבי נתן אַדלער געצוואונגען געוואָרן צו שליסן זיין בית המדרש, צו פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרן קיין באָסקאָוויץ, אין מעהרין.

אין זייער קאַמף קעגן רבי נתן אַדלער האָבן די פירער פון פראַנקפורט פריער פאַרפאַסט 12 תקנות. הגאון רבי יוסף שטיינהאַרט רב פון פיורדא דעטאַלירט אין אַ בריוו וואָס עס זענען געווען די 12 תקנות:

"ומידי דברי בו זכור אזכרנו עוד... איך שהרב נתן מאַז בצירוף שארי דיינים שם תיקנו שלא יקובל שום רב לבית המדרש דשם עד אשר יתן ת"כ (תקיעת כף) אל האלופים גבאי' דבה"מ על י"ב דברים המבוארים להבא. דהיינו א: שלא יניח לא הוא ולא האנשים שבבה"מ הנ"ל אשר עמו שני זוגות תפילין יחד. ב: שלא יניחו תפילין במנחה. ג: שלא להניח תפילין בט"ב בשחרית. ד: לעשות קשר ש"ת כמו שאנו עושין. ה: שלא ישאו הכהנים את כפיהם בכל יום. ו: שלא להשאר בביתו כשיש מת בשכנתו. ז: שלא לילך בשער שקורין וואָלטאַהר בעוד שסוף הטומאה לצאת משם. ח: שלא ילך אדם מהם לשום בה"כ שנושאים שם כפים בכל יום. ט: שלא לקרות החי' כמו הי' י: שלא יאמרו שים שלום במנחה ובמערב מלבד במנחת יום תענית. י"א: לעשות מי שברך לעולה לס"ת כמנהגנו. י"ב: שלא יאמרו קדיש וברכו בערבית לאחר ש"ע. ע"כ הגיעו הדברים אלי ותו לא מידי".

דאָס ברענגט אונז צוריק צו אונזער טעמע: דער באַזוך פון רבי נתן אַדלער און דער חתם סופר ביים נודע ביהודה אין פּראַג אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויץ.

באַמערקט תקנה ו': "שלא להשאר בביתו כשיש מת בשכונה". וואָס באַדייט די תקנה, און וואָס האָט דאָס צו טון מיט רבי נתן אַדלער'ס מנהגים?

די יודענגאַסע אין פראַנקפורט איז ווי געזאָגט פריער, און ווי מ'זעט אין דעם בילד אין דעם אַרטיקל, באַשטאַנען פון איין גאַס. די גאַס איז געווען לאַנג און שמאָל מיט הייזער אויף ביידע זייטן פון דער גאַס.

אין פאַל פון אַ טויטן ל"ע אין איינעם פון די הייזער האָבן אַלע כהנים פון דעם געטאָ געמוזט אַרויס פון זייערע הייזער און שלאָפן אויף דער גאַס ווייל דער וואַסער אָפּלויף, די שלויכן פון דער "פלאָמבינג" וואָס האָט דאַן עקזיסטירט, האָט פאַרבונדן אַלע הייזער, וואָס האָט געפירט די טומאה פון איין הויז צום צווייטן. (כמובא במסכת אהלות פ"ג מ"ו).

ווען דער פני יהושע איז געוואָרן רב אין פראַנקפורט האָט ער געשריבן אַ לאַנגע תשובה אין וועלכער ער איז מברר אַז דאָס איז אַ טעות. אין דער תשובה פסק'עט ער מבטל צו זיין דעם מנהג אין פראַנקפורט. די פראַנקפורטער איינוואוינער האָבן אָבער נישט אָנגענומען דעם פסק. זיי האָבן זיך ווייטער געהאַלטן צו זייער מנהג פון פריער.

רבי נתן אַדלער וועלכער איז געווען אַ כהן האָט אָבער יאָ אָנגענומען דעם פסק פון פני יהושע, און ער אַליין האָט אויך אַזוי מברר געווען. אין פאַל פון אַ טויטן ב"מ אין געטאָ איז ער נישט אַרויס פון שטוב. האָבן זיי אויך דאָס אַריינגעלייגט אין די 12 תקנות קעגן רבי נתן אַדלער.

איז דעריבער גאַנץ מעגליך אַז דער שמועס וועגן טומאת הכהנים וואָס דער נודע ביהודה האָט געהאַט מיט רבי נתן אַדלער, מיט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן מיט צוויי וואָכן צוריק – דער דגול מרבבה אין וועלכן ער שרייבט "אמר יחזקאל", און וואָס דער חתם סופר שרייבט "ואני הייתי מוציא והמביא הדברים" – איז נישט געווען סתם אַ טעאָרעטישער שמועס וועגן טומאת כהנים בזמן הזה, נאָר האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ שמועס אַרום דער אַקטועלער הלכה למעשה'דיגער שאלה אין פראַנקפורט.

דעם בריוו פון הגאון רבי יוסף שטיינהאַרט פון וועלכן מיר האָבן ציטירט די 12 תקנות איז פאַקטיש געווען אַ בריוו וואָס רבי יוסף שטיינהאַרט האָט געשריבן צום נודע ביהודה אין וועלכן ער טיילט אים מיט די 12 תקנות. (דער בריוו איז געווען געדרוקט אין קובץ "בית אהרן וישראל" שנה ט' תשנ"ד, גליון נ"ד). ס'איז מער ווי מסתבר אַז דער שמועס איבער טומאת כהנים בזמן הזה האָט געהאַט צו טון מיט דעם ענין.

בכל אופן האָט דער נודע ביהודה גוט געוואוסט וועגן דעם חרם וואָס די קהילה אין פראַנקפורט האָט אויסגערופן קעגן רבי נתן אַדלער. דאָך האָט ער אים מעריץ געווען, שטאַרק מקרב געווען – און מכבד געווען צו זאָגן שבת אַ דרשה אין שול.

## את והב בסופה

ווען דער נודע ביהודה האָט מתיר געווען דעם קליווער גט און איז אַרויסגעקומען קעגן דעם פראַנקפורטער בית דין האָט רבי נתן מאַז גע'אסר'ט אַריינצוקוקן אין די תשובות פון נודע ביהודה. האָט דער חתם סופר דערציילט פאַר זיין זון רבי שמעון סופר, קראָקעווער רב, אַז בעת זייער באַזוך דאַן אין פּראַג אין שנת תקמ"ג האָט דער נודע ביהודה געזאָגט פאַר רבי נתן אַדלער: "איך בין נישט אַזוי. ווען רבי נתן מאַז וועט אַרויסגעבן אַ ספר וועל איך יעדן הייסן קויפן דעם ספר און מעיין זיין דערין".

דער נודע ביהודה האָט געזאָגט: "ואנכי אינו כן, אדרבה, אצוה שאם כאשר יצא לאור ספר מהגאון רבי נתן מאַז אזי כל איש ואיש אשר עיני

שכל לו יעיין ויתור את הארץ, השמנה הוא אם רזה". (ר' מנחם מאַנדל קרענגיל ז"ל פון קראָקע ווי ער האָט דאָס געהערט פון מכתב סופר. קונטרס שארית ציון הנספח לשם הגדולים, מערכת ספרים, מערכת ב' אות ח').

די גרויסקייט און צדקות פון די גדולי ומאורי ישראל איז צו זען פון זייער את והב בסופה. ווען רבי נתן מאַז האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן זיין ספר בנין שלמה האָט דער נודע ביהודה אים געשריבן דעם פאָלגענדן בריוו:




ספר
יוסף אומץ
אשר ...
נדפס פה קק פ"פ דמיין
לפרט ולפרט את הבינה אי' · תשמ"ט :
בבית ובדפוס המשובח ראוון
יוהאן קעלנר :

**א געמאָלן בילד פון ר' יוסף יוזפּא האַן נוירליגן, בעל מחבר ספר "יוסף אומץ" [לינקס]**

"רבי נתן דיינא ונחית לעומק דדינא, מה חסר ידיעה קנה, קנה חכמה וקנה בינה, הוא ניהו הרב הגדול מופלא בעדה, נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק, כקש"ת מה"ו נתן נ"י ר"מ דק"ק פפד"מ.

"זה איזה ימים קבלתי מכתב ידו ע"י הנעלה הקצין הר"ר דוד נ"ש מקהילתנו עם מנחה שלוחה ספרו המלמד בנין שלמה, והדברים ראויין למי שאמרם, והנני מחזיק לו מלא חפני טיבותא שעלה זכרוני לפניו. ובאמת חשבתי בלבי זה זמן רב לשלוח לו חיבורי נודע ביהודה, אך אמרו לי שהוא נגד תיקוני קהילתם להביא שמה חיבור חדש אם לא ברשיון הפרנסים, וכעת אם יודיעני רום מעלתו שאין בזה קפידא אשלח לו א' מחיבורי, ומחמת שנהייתי ונחלתי זה זמן וימיני חלשה לכן אחרתי מלהשיב, כי אמרתי אולי בין כך אאזור חיל לכתוב בעצמי, וכעת לא רציתי לעבור עוד בבל תאחר, לכן מלאכתי נעשית ע"י אחרים"

"דברי הד"ש תמיד כל הימים הכותב בידים רפות, הקי' יחזקאל לנדא.

"כאשר אקבל תשובתו אשלח בלי נדר חיבורי ע"י הקצין ר"ד הנ"ל. ואולי בין כך ייגמר חיבורי אשר קראתי שמו ציון לנפש חיה".

(דער אָריגינעלער כתב יד פון דעם בריוו פון נודע ביהודה צו רבי נתן מאַז געפינט זיך אין ציריכער ביבליאָטעק, אין ציריך, שווייץ, נומער Ms Heid 194).

רבי נתן מאַז האָט געענטפערט דעם נודע ביהודה מיט דעם פאָלגענדן בריוו:

"פ"פ עש"ק י"ג תמוז תקמ"ד לפ"ק

"שר התורה, אספקלריה המאירה, בוצינא דנהורא, ב"ה הרב הגאון הגדול המפורסם נודע ביהודה בישראל גדול שמו הולך למרחקים כמוהר"ר יחזקאל נר"ו יאיר כאור הבהיר.

"מה נכבד היום הזה אחר קבלת כתבו הנעים מיום וי"ו ח' סיון העבר, ועצמה שמחתי, ותרב חדותי, ואחרית מלהשיב באשר לא הייתי בכאן אך הלכתי לק"ק אורבאך זה לערך ארבע שבועות, ועסקתי ברפואה בשתית מים לקוהר, ויהי רצון שיבואו המים לברכה בכלל הברכות שינוחו על ישראל.

"בדבר חיבורו הנכבד נודע ביהודה, ניתן לי הרשות לקבלו הימנו, בכן יוכל רום פאר מעלתו לשלוח לי כאן ביריד הבעל"ט ע"י ידידי הקצין כ"ה דוד נ"ש.

"ובזה יכבדני נגד זקני עמי, להביאני בחדריו במשכיות החמדה, צור תעודה, חתום תורה בלימודה, עוד יזכה להעמיד על התורה ועל העבודה, ובנחמת ציון בקול רינה ותודה".

שבת קודש ו' מנחם-אב שנת תקנ"ד איז רבי נתן מאַז נפטר געוואָרן. ס'איז אויסגעפאַלן אַזוי ווי היי יאָר. קומענדיגע וואָך שבת דברים איז זיין יאָרצייט.

אין פראַנקפורטער פנקס הקהלה איז פאַרשריבן: "כה צוה בפיו לפני מותו שלא להספידו ושלא להרבות בשבחו ושלא לקרותו בשם גאון, רק שתמיד הי' חפצו בתורת ה', שם לילות כימים, והי' מייגע עצמו ליישב קושית התוספות על רש"י ז"ל, או שארי קושיות שנתקשו בסוגיות, הן על תוספות ושארי פוסקים גם על ארבע טורים, ועשה אזנים לתורה בפלפול של אמת וסברה ישרה וברורה... גם על משכבו בחליו בקש את שאהבה נפשו, והרהר תורה בלבו, וקיים אדם כי ימות באהלה של תורה... וכבוד עשו לו במותו, צוה הקהל יצ"ו שלא לפתוח שום חנות עד בואו למנוחתו...".

די אומבאַגרייפליכע צדקות פון חתם סופר קען מען אויך זען פון דעם פאַקט וואָס טראָץ דעם וואָס רבי נתן אַדלער און זיינע תלמידים האָבן געליטן רדיפות און חרמות אין פראַנקפורט אין אַ צייט וואָס דער חתם סופר איז געווען אין זיינע יונגע פורמאַטיווע יאָרן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אָנגעווייטיגקייט אָדער פערזענליכע פאַרביטערטקייט. טראָץ די וועלט מיט כתבים וואָס ער האָט געשריבן אין וועלכע ער דערמאָנט אָן אַ שיעור פרטים, אָפן און ברמז, פון זיין לעבן, דערמאַנט ער קיינמאָל נישט די רדיפות אויף זיין רבי'ן אין וועמענס שטוב ער איז אויפגעוואַקסן און אויף זיין רבי'נס תלמידים וואָס ער איז געווען דער פראָמינענטסטער צווישן זיי.

בלויז איינמאָל, אין זיין הספד אויף רבי נתן אַדלער, דערמאַנט ער דעם פיין וואָס זיין רבי האָט מיטגעמאַכט און באַשולדיגט די וואָס האָבן אים גע'רודפ'ט. מיינענדיג די קהילה שישקעס, נישט חלילה די גדולי ישראל וואָס האָבן עס געמיינט לשם שמים.

פאַרקערט: רבי נתן מאַז, זיין רבי'נס גרעסטער מתנגד, האָט ער אויך באַטראַכט אַלס זיין רבי'ן. ער האָט ווייזט אויס אויך פון אים מקבל געווען תורה. ער רופט אים אָן מורי אָדער מורי ורבי אין שו"ת חתם סופר חו"מ בהשמטות סי' קצ"ב ד"ה ועוד צל"ע, סוף תשובה דאָרט ד"ה מ"ש דלא, שו"ת חת"ס אבהע"ז ח"ב השמטות סימן קנ"ג ד"ה מ"מ אומר, און אין חידושי חת"ס מסכת כתובות דף ג' ע"ב (כ"ח א') ד"ה דאומס שרי, און דף מ"ה ע"ב (ר"ז ב) ד"ה על פתח וכו'

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**בין המצרים – די ז' אב דרשות – מסוד ה' ליראיו, די דרשה פון ז' אב תקצ"ו – תיקון חצות מיט די תלמידי הישיבה יעדן ליל שישי פון אַ גאַנץ יאָר – זיך באַווייזן אין חלום צו זיין טאָכטער שמחה לעהמאַן – דער כוס טרערן ביי דער סעודה המפסקת – כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע: די תורות פון חתם סופר און פון די תלמידי בעל שם – אמה על אמה זכר לחורבן – חודש "מנחם" – זוכה ורואה בשמחתה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## בין המצרים

בין המצרים, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, פלעגט ער פאַסטן יעדן טאָג.

אויף די עלטערע יאָרן איז ער מער נישט געווען בכח צו פאַסטן יעדן טאָג פון די דריי וואָכן, האָט ער געפאַסט יעדן טאָג פון די ניין טעג, פון ראש חודש אב ביז נאָך תשעה באב. אָבער קיין פלייש, אפילו קיין בשר עוף, האָט ער די גאַנצע דריי וואָכן נישט געגעסן. פיש האָט ער אַ גאַנץ יאָר אויך נישט געגעסן אין די וואָכן טעג, בלויז שבת.

זיין תלמיד דער ליקוטי חבר בן חיים שרייבט (עמוד תט"ו, ווי אויך אין תולדות החתם סופר אָנהויב לקחב"ח חלק ב') אַז אין שנת תקצ"ח האָט דער חתם סופר געליטן פון ראַמאַטיזם אויף איין פוס. די יסורים האָבן אים אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז ער איז יענעם יאָר געווען געצוואונגען צו עסן פלייש, בשר עוף, נאָך ראש חודש אב, וואָס איז נישט געווען שבוע שחל בו תשעה באב. דער חתם סופר האָט געהאַט דערפון גרויס צער. ער האָט געזאָגט פאַר זיינע תלמידים: "אין די יונגע יאָרן האָב איך געפאַסט די גאַנצע דריי וואָכן. אויף דער עלטער האָב איך לכל הפחות קיין פליישיגס נישט געגעסן די גאַנצע דריי וואָכן. אַצינד איז ליידער געקומען דערצו אַז איך מוז עסן אויך נאָך ראש חודש אב, און דערצו בשר עוף".

*

ווי פאַר די ימים טובים האָט ער אין די טעג פון פאַר תשעה באב יעדן טאָג נאָך שחרית פאָרגעלערנט פאַר זיינע תלמידים שולחן ערוך מיט מגן אברהם הלכות תשעה באב.

## די ז' אב דרשות, און די דרשה פון ז' אב תקצ"ו — מסוד ה' ליראיו

יעדן ז' אב פלעגט ער האַלטן אַ דרשה אין דער שטאָטישער שול. ז' אב האָבן די גויים זיך אַריינגעריסן אין בית המקדש, ווי די גמרא זאָגט אין תענית דף כ"ט ע"א: "בשבעה נכנסו נכרים להיכל, ואכלו וקלקלו בו שביעי ושמיני, ותשיעי סמוך לחשיכה הציתו בו את האור והיה דולק והולך כל היום כולו".

אין דער ז' אב דרשה פון שנת תקצ"ו, געדרוקט אין "תורת משה" פרשת דברים דף קל"ד ע"ב, זאָגט ער דברים נפלאים, ענינים וואָס קענען געזאָגט ווערן נאָר ברוח הקודש, מסוד ה' ליראיו.

יעקב אבינו'ס געראַנגל, ויאבק איש עמו, מיט'ן שרו של עשיו, דער ס"מ, איז פאָרגעקומען, זאָגט דער חתם סופר, אום תשעה באב. בעלות השחר פון תשעה באב.

יעקב איז אַנטלאָפן פון לבן, זאָגט דער חתם סופר, ערב ראש חודש אב. נאָך זיבן טאָג, ס'הייסט ו' אב, האָט אים לבן דערגרייכט. יענע נאַכט, אור ליום ז' אב, איז דער מלאך געקומען צו לבן אין חלום.

אויף צו מאָרגנס, ז' אב, האָבן יעקב און לבן כורת ברית געווען, וואָס יעקב איז דערויף נענש געוואָרן, ווי דער רמב"ן זאָגט אין פרשת וישלח (ל"ב י"ג) אַז דערפאַר איז געווען ויירא ויצר לו. יעקב אבינו האָט מורא געהאַט ווייל ער האָט געמאַכט אַ בונד מיט לבן.

יענעם טאָג, ז' אב, האָט יעקב אבינו גורם געווען אַז צוויי אַראַמעאישע ווערטער, "יגר שהדותא", זאָלן געשריבן ווערן אין דער תורה. היות ווי די ווערטער פון דער קליפה זענען יענעם טאָג אַריין אין דער קדושה, זאָגט דער חתם סופר, זענען יענעם טאָג די גויים, די קליפה, אַריין אין דער קדושה, אין בית המקדש.

ח' אב האָט יעקב געשיקט מלאכים צו עשיו. וישלח יעקב מלאכים אל עשיו אחיו, ויירא ויצר. ווילן שם איז געווען די נאַכט פון תשעה באב. תשעה באב פאַרטאָגס איז געווען דער געראַנגל מיט'ן שרו של עשיו דער ס"מ, ויאבק איש עמו עד עלות השחר, וואָס האָט געפירט צו תקיעת ירך יעקב.

דער זמן פונעם שרו של עשיו, פונעם ס"מ, צו זאָגן שירה, איז געווען יענעם טאָג – תשעה באב.

## געציילט די יאָרן זינט חורבן בית המקדש

אין דער ז' אב דרשה האָט ער תמיד דערמאַנט וויפיל יאָר עס זענען פאַראיבער זינט חורבן בית שני, (לקחב"ח עמוד תי"ז), באַזירט אויף דעם מכילתא (אין פ' יתרו): "כשאתם זוכים אתם מונים לבנינו, וכשאין אתם זוכים אתם מונים לחורבנו".

אין דער דרשה פון ז' אב שנת תקע"ב, נאָכ'ן ברענגען דעם מכילתא, זאָגט דער חתם סופר: "נראה מזה המדרש דמצוה למנות לבנין ביהמ"ק ויציאת מצרים כשנתקדש שמו הגדול ונכנסו לקדושה וטהרה, ולעומת זאת מצוה לאדם למנות בכל שעה לחרבנו לידע ולתת לב כמה שנים אנו כנזופים וכמנודים למקום ב"ה מרוב עונינו, וכמה שנים אנו גולים מעל שולחן אבינו שבשמים ית'".

## תיקון חצות מיט די תלמידי הישיבה<br>יעדן ליל שישי פון אַ גאַנץ יאָר

יעדן ליל שישי, נישט בלויז בין המצרים נאָר יעדן דאָנערשטאָג נאַכט פון אַ גאַנץ יאָר, פלעגט ער אַריינקומען אין זיין בית המדרש און זאָגן תיקון חצות מיט די תלמידים. דער שליח ציבור איז על פי רוב געווען נאמן ביתו, זיין תלמיד הגאון רבי פישל סופר זצ"ל, וועלכער פלעגט פאָרזאָגן די פיוטי הקינות מיט גרויס התעוררות און געוויין. דער עולם פלעגט נאָכזאָגן.

הגאון רבי זעקיל פּאָלאַק זצ"ל האָט דערציילט אַז אַמאָל האָט עמיצער פאָרגעזאָגט תיקון חצות מיט אַ קאַלטקייט, אָן התעוררות, האָט דער חתם סופר געזאָגט: דוכט זיך אַז ער איז פון דער כת ש"צ ימ"ש, ווייל ווי איז דען אַנדערש מעגליך "לעשות תיקון חצות בלי תאניה ואניה". (הג"ר יוסף נפתלי שטערן זצ"ל בשער יוסף, דרשות חת"ס ז' אב שנת תקנ"ט, ח"ב עמ' ש"ה).

## קומט אין חלום צו זיין טאָכטער<br>מרת שמחה לעהמאַן ז"ל

הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל הי"ד ראב"ד ווערבוי דערציילט אין זיין ספר "אלף כתב" (אות תקנ"ח): "מיט צען יאָר צוריק האָט מיר דערציילט הצדקת המפורסמת מרת שמחה לעהמאַן ז"ל, טאָכטער פון מרנא רשכבה"ג דער חתם סופר זי"ע, אַז שוין עטליכע נעכט וואָס דער חתם סופר באַווייזט זיך צו איר אין חלום און פרעגט איר פאַרוואָס מען מאַכט נישט קיין תיקון חצות ברבים אין זיין קהילה און אין זיין ישיבה אין פּרעשבורג. רבינו הגדול דער שבט סופר, זון פון כתב סופר, דער דעמאָלטדיגער רב און ראש ישיבה, איז דאַן פיזיש געווען זייער שוואַך". דערפאַר איז נאָכגעלאָזט געוואָרן דער עניין פון זאָגן תיקון חצות."

די זעלבע מעשה האָט אויך דערציילט הגאון רבי יוסף ליבערמאַן בעל "משנת יוסף" זצ"ל. רבי יוסף ליבערמאַן האָט געהערט די מעשה פון פּרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל, בעל "דעת סופר", זון פון "שבט סופר". דער דעת סופר האָט אויסגעפירט אַז נאָך דעם וואָס מרת שמחה לעהמאַן האָט דאָס דערציילט פאַר'ן שבט סופר איז צוריק איינגעפירט געוואָרן דער מנהג פון זאָגן תיקון חצות אין דער ישיבה.

## שבת חזון

שבת חזון האָט דער חתם סופר, ווי ס'איז געווען דער מנהג אשכנז און מנהג פראַנקפורט, נישט אָנגעטאָן די שבת'דיגע בגדים פון אַ גאַנץ יאָר. ווי דער רמ"א אין סימן תקנ"א, נישט ווי דער מנהג האר"י און ווי דער מנהג יעב"ץ וואָס ברענגט פון זיין טאַטן דער חכם צבי יאָ צו גיין מיט בגדי שבת. ווען אַ תלמיד האָט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער טוט נישט ווי דער מנהג האר"י צו גיין שבת חזון אין בגדי שבת האָט ער ברוב ענוותנותו געענטפערט אַז דער אר"י הקדוש האָט געהאַט מער צער אָנצוטון בגדי שבת אום שבת חזון, מיר זענען אָבער נישט ביי דער מדריגה מוזן מיר גיין בבגדי חול. אַנדערע ברענגען אַז ער האָט געזאָגט אַז דער אריה"ק האָט נישט פאַרגעסן פון חורבן בית המקדש אפילו בבגדי שבת.

דער גאַלאַנטער רב, הגה"צ רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל הי"ד, האָט געזאָגט אַז דער חתם סופר לגודל קדושתו האָט נישט פאַרגעסן פון קדושת שבת אפילו בבגדי חול. מיר וואָלטן אָבער יאָ פאַרגעסן. איז ריכטיג אונזער מנהג יאָ צו גיין שבת חזון בבגדי שבת.

[דער ערוך השולחן אין סימן תקנ"א סעיף י"א זאָגט אַז בימי חכמי אשכנז וואו מ'איז יעדן שבת געגאַנגען אין אַ הוט און רעקל, דער אונטערשיד צווישן שבת און אינדערוואָכן איז נאָר געווען צווישן אַ נייעם שיינעם הוט אָדער אַן אַלטן, איז נישט געווען קיין פּראָבלעם מיט אבילות בפרהסיא. ס'איז געווען דער זעלבער מלבוש. ווען מען גייט אָבער שבת מיט שטריימל בעקישע דערקענט זיך יאָ דער קאָנטראַסט פון שבת און אינדערוואָכן, מוז מען שבת יאָ גיין בבגדי שבת. דאָס ווערט אויך געברענגט אין ליקוטי מהרי"ח און אין נימוקי או"ח. הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א ברענגט אין מועדים וזמנים ח"ה סי' שמ"ג, און ח"ז סי' רנ"ו, אַז בימינו ווען אין יעדע שטאָט וואוינען צוזאַמען אַלע ערליי קהילות דאַרפן אויך אשכנזים וואָס זייערע עלטערן פלעגן גיין שבת חזון אין בגדי חול, נישט גיין אַזוי, עס זאָל נישט זיין קיין אבילות בפרהסיא]).

## דער כוס טרערן ביי דער סעודה המפסקת

ביי דער סעודה המפסקת האָט ער פאַרגאָסן אַזעלכע טרערן אַז ער האָט דערמיט אָנגעפילט אַ גלאָז מיט טרערן. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען דעם כוס מיט טרערן מקיים צו זיין דעם פסוק אין תהילים (תהלים פ, ו): "האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש".

דעם חתם סופר'ס תלמיד הג"ר משה נאָוואָמעסטאָ (האַמבורגער) זצ"ל, איבער וועמען מיר האָבן שוין געשריבן – דער הויז בחור ובן בית פון חתם סופר און פון זיינע ערשטע תלמידים עולה צו זיין קיין ארץ ישראל

– האָט דאָס דערציילט פאַר זיין ידיד הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים.

הג"ר משה נאָוואָמעסטאָ'ס אייניקל דערציילט אין זיינע זכרונות "שלשה עולמות" (עמ' כ"ז) אַז דאָס קומענדיגע יאָר האָט זיין זיידע רבי משה נאָוואָמעסטאָ געפּרוּווט דאָס נאָכצוטון און אָנגעפילט נישט מער ווי אַ פערטל גלאָז מיט טרערן. ווען ער האָט דאָס אויסגעטרונקען האָט ער עס באַלד אויסגעבראָכן און איז געווען קראַנק עטליכע טעג.

## כ"ק מרן מסאַטמאַר זי"ע:
## דער חתם סופר זאָגט עניניםאון בחינות וואָס מיר געפינען אויך אין נאָמען פון בעש"ט הקדוש

דער פּרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר, דער בעל "דעת סופר" זצ"ל, האָט אַמאָל דערציילט פאַר כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע אַז דער חתם סופר פלעגט ערב תשעה באב אָנפילן אַ כוס מיט טרערן און דערין איינטונקען דאָס ברויט פון דער סעודה המפסקת און אַז איינער פון זיינע חשוב'ע תלמידים האָט דאָס געפּרוּווט נאָכטון און נישט געקענט.

האָט אים דער רבי געזאָגט: נו, דער חתם סופר זאָגט דאָך אויף "דומה לכושי", אַז נאָכמאַכן אַ צדיק קען מען נישט. מ'דאַרף אַליין האַלטן דערביי.

אין חידושי חת"ס אויף מסכת סוכה (דף ל"ז.) ברענגט דער חתם סופר "שמעתי ממורי ורבי ההפלאה זצ"ל" אויף דער גמרא אין ברכות (ל"ה:) "הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם", זאָגט דער הפלאה אַז דערפאַר איז זיי נישט געלונגען, לא עלתה בידם, ווייל זיי האָבן געטאָן "כרבי שמעון בן יוחאי", זיי האָבן געוואָלט נאָכטון רבי שמעון בן יוחאי. נישט ווייל זיי האָבן אַליין געהאַלטן דערביי. זאָגט דערויף דער חתם סופר אַז אתרוג הכושי איז מרמז אויף אַ צדיק "המשונה במעשיו ככושי המשונה בעורו" (מו"ק ט"ז:). אַן אתרוג הכושי, דער צדיק, זאָגט דער חתם סופר, "הוא כשר, אבל דומה לכושי, שרוצה לדמות עצמו לרשב"י, זה פסול, כי לא עלתה בידו".

האָט דער רבי זצ"ל געזאָגט פאַר'ן פּרעשבורגער רב, דער דעת סופר, אַז דאָס וואָרט וואָס דער חתם סופר ברענגט פון זיין רבי'ן דער הפלאה ברענגען די תלמידי הבעל שם פון בעל שם טוב אַליין. דאָס זעלבע וואָרט שטייט בשם הבעש"ט אין צוואת הריב"ש ד"ה "איתא הרבה", און אין תולדות יעקב יוסף פ' מצורע אות א', אַז דערפאַר איז געווען הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם ווייל עבודת ה' דאַרף מען טון לויט דער אייגענער מדריגה, נישט נאָכטון אַ צווייטן וואָס איז אויף אַ העכערער מדריגה.

האָט דער רבי אויסגעפירט: אין חתם סופר געפינט מען אַסאַך בחינות וואָס ווערן אויך געברענגט דורך תלמידי בעל שם ווייל דער חתם סופר איז דאָך געווען אַ תלמיד פון בעל הפלאה, וועלכער איז געווען מתלמידי תלמידיו פון בעל שם טוב.



**דער פּרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל "דעת סופר"**

## תשעה באב

אין דער שטאָטישער שול פלעגט ער דאַוונען נאָר ימים טובים. שבתים פלעגט ער דאַוונען ביי זיך אין בית המדרש. תשעה באב, בייטאָג, האָט ער געדאַוונט אין דער שול. מעגליך צוליב וואָס חז"ל זאָגן אַז תשעה באב איקרי מועד. קרא עלי מועד.

*

תשעה באב ביינאַכט איז ער געשלאָפן אויף דער ערד.

*

צופרי האָט ער געלייגט תפילין בצנעא פאַר שחרית און געלייענט דערין קריאת שמע. (עפ"י האריז"ל. אזוי האָט זיך אויך געפירט זיין רבי ר' נתן אַדלער).

## דאָס חשיבות פון "עלינו לשבח" פון תשעה באב

זיין תלמיד הגאון רבי שמעון דייטש זצ"ל שרייבט אין "אמרי שפר" (ברכות דף ס: ד"ה חייב) וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן דער חתם סופר. די תפילה פון עלינו לשבח אום תשעה באב איז חשוב'ער פון די עלינו'ס פון אַ גאַנץ יאָר. אין עלינו דאַנקען מיר דעם באַשעפער "שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה". תשעה באב זיצן אידן אויף דער ערד און טרויערן אויפ'ן גלות. נישט ווי די גוים וואָס ס'פעלט זיי גאָרנישט. דאָך, אפילו תשעה באב, שטעלן זיך אידן אויף פון דער ערד און פון געוויין און דאַנקען דעם רבונו של עולם שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה.

## זוכה ורואה בשמחתה

נישט אומזיסט, זאָגט דער חתם סופר, זאָגן די חז"ל אַז תשעה באב איז אַ מועד, און מען זאָגט נישט דערפאַר קיין תחנון. פאַרוואָס איז דאָס אַ יום טוב? וואָס איז די שמחה?

דער פאַקט וואָס שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר וואָס אידן קענען נישט פאַרגעסן פונעם חורבן און טרויערן נאָך אַלץ דערויף, זאָגט דער חתם סופר, איז די גרעסטע נחמה, די גרעסטע טרייסט, וואָרום אין מקבלין תנחומים על החי.

אָן אַ שיעור פעלקער האָבן געליטן קאַטאַסטראָפעס און טראַגעדיעס מיט הונדערטער און מיט טויזנטער יאָרן צוריק. קיין איינע פון זיי טרויערט נישט היינט אויף זייער בראָך און פאַרלוסט. אידן זענען דאָס איינציגע פאָלק וואָס נאָכ'ן ווערן פאַרטריבן איבער אַלע עקן וועלט טרויערן נאָך אַלץ אויף דעם חורבן פון באַלד צוויי טויזנט יאָר צוריק.

דערפאַר זאָגט די גמרא (תענית ל:) "כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה". פאַרוואָס זאָגט נישט די גמרא בלשון עתיד: יזכה ויראה בשמחתה? זאָגט דער חתם סופר: דאָס טרויערן איצט איז שוין אַ שמחה.

"לכן כל האומות שאין להם תקוה לחזור למה שנאבד מהם, לכן נשכח זכרם מפיהם. אבל אנו בני ישראל שמקוים ומצפים ליום שעתיד הקב"ה

לירד למטה וחומת אש סביבו, וחסידינו יחיו ויראו וישבעו מטובו, על כן אין מקבלין תנחומיו על החי. נמצא שזה האבל, לנו לנחמה גדולה. על כן תשעה באב הוא מועד גדול, כי בו נדע ונשכיל שעתידים לחזור לקדמותינו כימי נעורינו. והן הנה דברי חז"ל בדקדוק, כל המתאבל על ירושלים זוכה מיד ורואה בנחמתה, כי זה הוא תנחומיו במה שמתאבל כנ"ל. (דרשות חתם סופר ח"ג עמ' פ"ד).

*

אינטערעסאַנט: אויך דאָ טרעפן מיר דעם זעלבן געדאַנק ביי תלמידי תלמידיו פון בעש"ט. דער הייליגער באַרדיטשעווער זי"ע אין קדושת לוי (איכה ד"ה ואומר אבד נצחי).

אויף די פסוקים אין איכה: זכור תזכור ותשוח עלי נפשי, זאת אשיב אל לבי על כן אוחיל, חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו, זאָגט דער קדושת לוי:

"כי בעוונותינו הרבים תרגז בטנם של שונאי ישראל עלינו, אך ממה שאנו זוכרים ענינו ומרודינו ותשוח עלינו נפשנו, מזה ניכר בבירור שלא אבד נצחינו ותוחלתנו ח"ו, כי נגזר על המת שישתכח מן הלב מחמת שנסתלק הנצחון למעלה בלי תוחלת חזרה עתה, מה שאין כן חי אינו משתכח. וזהו זאת אשיב אל לבי, מה שזכור תזכור ותשוח נפשי, מזה נראה בעליל כי לא נכזבה תוחלתי בכל יום על כן אוחיל".

## זכר לחורבן

דער חתם סופר האָט געלאָזט אַן אמה על אמה העכער דער טיר אָן קאַלעך אַלס זכר לחורבן.

אין שולחן ערוך סימן תק"ס זאָגט דער מחבר: "משחרב ביהמ"ק תקנו חכמים שהיו באותו דור שאין בונים לעולם בנין מסוייד וכו', ומשייר מקום אמה על אמה כנגד הפתח בלא סיד". זאָגט דער משנה ברורה (סק"ב): "והנה בזמנינו לא נהגו לשייר, ואפשר משום דסומכין על היש מקילים (ווייל אונזערע קאַלעך און פאַרב זענען געמאַכט פון אַן אַנדער מאַטעריאַל ווי אַמאָל) אך כל זה דוחק, וצ"ע על מה נוהגין היתר". די אחרונים ברענגען נאָך טעמים מלמד זכות צו זיין. רוב פון די טעמים זענען אָבער היינט נישט שייך. גדולי הדורות האָבן טאַקע אַלע מקפיד געווען צו לאָזן אַן אמה על אמה נישט געקאַלעכט.

דער חתם סופר האָט געלאָזט אַן אמה על אמה זכר לחורבן איבער די טירן פון יעדן צימער. (דער אליהו רבה אין סימן ק"ס איז מסופק צי ס'פעלט אויס אין יעדן צימער. דער שערי תשובה ברענגט פון שאילת יעב"ץ אַז אין איין צימער איז גענוג).

דעם חתם סופר'ס תלמיד הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל פלעגט כידוע אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און האַלטן מוסר דרשות און התעוררות. איז ער אַמאָל געווען ביים צאַנזער רב. זאָגט אים דער הייליגער צאַנזער רב: רבי הלל, איר מעגט מיר אויך זאָגן אַביסל מוסר. האָט אים רבי הלל קאָלאָ־מייער געזאָגט: "ווען איך בין אַריינגעקומען ביי דער טיר האָב איך געזען אַז ס'איז נישטאָ קיין זכר לחורבן. די גמרא זאָגט דאָך (ב"ב ס:): "סד אדם את ביתו בסיד ומשייר בו דבר מועט, וכמה, אמר רבי יוסף אמה על אמה".

האָט דער צאַנזער רב זיך שנעל אויפגעהויבן פון אָרט, האָט אַליין גענומען אַ האַמער, אַרויף אויף אַ לייטער, און אַוועקגעהאַקט קאַלעך אין דער גרויס פון אַן אמה על אמה ביז ס'האָט זיך געזען די בלויזע ציגל. (מקור חיים אות רכ"ה, און נאָך ספרים).

אין ספר "רבינו הקדוש מצאַנז" ח"ג עמ' רכ"ט ווערט געברענגט אַז צאַנזער רב האָט געהאַלטן אַז על פי דין איז ער געווען פטור וויבאַלד די דירה איז נישט געווען זיין אייגענע. אָבער היות ווי רבי הלל קאָלאָמייער האָט אים מעורר געווען דאָס צו טון האָט ער געפאָלגט.

אין ספר פי צדיק פון הגה"צ מציעשינוב זצ"ל ווערט געברענגט, אַז הגאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל מלובלין איז אין שנת תרצ"ב געווען אין צאַנז. איז ער געגאַנגען באַזוכן הרבנית הצדיקת מרת נחמה ע"ה, די טאָכטער פון צאַנזער רב זי"ע, וועלכע האָט געוואוינט אין הויז וואו דער צאַנזער רב האָט געהאַט געוואוינט. זעענדיג ווי דער זכר לחורבן פון אמה על אמה איז קעגן דער טיר האָט ער איר געפרעגט ווער ס'האָט דאָס געמאַכט. האָט זי אים געזאָגט דער טאַטע, דער צאַנזער רב אַליין, און האָט אים דערציילט די מעשה מיט רבי הלל קאָלאָמייער. ווען רבי מאיר שפּירא האָט דאָס געהערט האָט ער זיך אָנגערופן "ברוך שכיוונתי לדעתו הקדושה", ווייל ער האָט געהאַט מסופק געווען צי דער זכר לחורבן דאַרף זיין העכער דער טיר אָדער קעגן דער טיר. האָט ער פאַר זיך אַליין אַזוי געהאַט מברר געווען פון אַ רשב"ם אין בבא בתרא אַז ס'דאַרף זיין קעגן דער טיר.

## חודש אב, און חודש "מנחם"

פון אַ טאָג נאָך תשעה באב, עשרה באב, האָט דער חתם סופר מער נישט געזאָגט אָדער געשריבן חודש אב, נאָר חודש מנחם. י' באב האָט ער געשריבן ב' מנחם. אין דרשות חתם סופר לז' אב שנת תק"ץ (ח"ב דף של"א) ברענגט ער אַ ירושלמי סוף מסכת תענית אַז תשעה באב איז ראש חודש מנחם און עשרה באב איז ב' מנחם.

הג"ר יוסף נפתלי שטערן זצ"ל ברענגט דאָרט אין זיינע הערות דעת יוסף אַז דער חתם סופר האָט געהאַט צוגעשריבן אויפ'ן גליון פון זיין ירושלמי (תענית פ"ד ה"ה): "מה שרגילים לחדש שם החודש מיו"ד אב ואילך לקרוא לו מנחם". אויך אין חתם סופר על התורה סוף פ' מסעי (ד"ה והיה מידי חודש) ברענגט ער דעם ירושלמי סוף מסכת תענית אַז נאָך ט"ב הויבט זיך אָן אַ נייער חודש, חודש מנחם.

פאַראַן וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַז אַ טאָג נאָך תשעה באב, י' אב, האָט ער געשריבן א' מנחם און י"א אב ב' מנחם. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג. אין תשובת חת"ס חאו"ח תשובה י"ב שרייבט ער "עש"ק ב' מנחם ק"פ". ער מיינט זיכער נישט ב' אב ווייל ב' אב קען נישט אויסגעפאַלן פרייטאָג צוליב דעם חשבון פון לא בד"ו פסח. מוז דאָס זיין נאָך תשעה באב. אויב דער חתם סופר זאָל האַלטן אַז מנחם הייבט זיך אָן י' אב מוז דאָך ב' מנחם זיין י"א אב, וואָס איז אויך נישט מעגליך. י"א קען נישט געפאַלן פרייטאָג ווייל תשעה באב קען נישט זיין מיטוואָך. מוז זיין אַז ב' אב עש"ק איז געווען י' אב וואָס איז ב' מנחם, ווייל דער חשבון פון מנחם הייבט זיך אָן תשעה באב.

אַז מ'גייט צוריק אויפ'ן לוח זעט מען טאַקע אַז אין שנת ה' אלפים תק"פ איז תשעה באב געווען דאָנערשטאָג און עש"ק איז געווען י' אב – וואָס דער חתם סופר באַצייכנט אַלס ב' מנחם.

צווישן די תשובות אין וועלכע דער חתם סופר שרייבט בלויז חודש "מנחם" געפינען זיך צווישן אַנדערע תשובות או"ח סימן ד', ל"ה, ל"ז, ע"ז: ט"ו מנחם קצ"ד, י"א מנחם תקפ"ט, י"א מנחם תקפ"ב, ז"ך מנחם תקס"ו.

ביים שרייבן אַ גט האָט דער חתם סופר אָבער געשריבן "אב" גאַנץ חודש אב, נישט חודש מנחם. אַזוי שרייבט זיין זון דער כתב סופר אין אַ בריוו.

דער ערוך השולחן (אבהע"ז סימן קכ"ו סעיף ט"ז) שרייבט אין הלכות גיטין: "אב אין כותבים מנחם אב דמה שרגילים לכתוב כן במכתבים וכשמברכים את החודש זהו רק לשם נחמה כשנזכה אי"ה בב"א, אבל שמו הוא רק אב".

[המשך קומט אי"ה]

# דער הייליגער חתם סופר



**"דער בחור געפעלט מיר", רבי נתן אַדלער אויף רבי דוד דייטש אין פּראַג – דאָס לעבנסלענגליכע ידידות צווישן דעם חתם סופר און רבי דוד דייטש, דער בעל "אהל דוד" – פון די גאוני וצדיקי הדור ומגדולי תלמידיו פון נודע ביהודה – די "אַנטאָן שמידט" דרוקעריי אין וויען און די מיתה חטופה פון דעם משכיל יהודא לייב בן זאב – הגאון רבי שלמה קלוגער וועגן משה מענדעלסאָן און יהודא לייב בן זאב**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דעם חתם סופר'ס ידיד
## הגאון רבי דוד דייטש, בעל "אהל דוד"

דער חתם סופר האָט געהאַט אַ נאָענטן ידיד. איינער פון די גאוני וצדיקי הדור. הגאון רבי דוד דייטש, דער בעל "אהל דוד", וועלכער איז אין דער יוגנט געווען מגדולי תלמידי הנודע ביהודה.

דאָס לעבנסלענגליכע ידידות צווישן חתם סופר און רבי דוד דייטש האָט זיך אָנגעהויבן און איז געוואָרן אָנגעקניפּט טאַקע ביי דעם באַזוך פון רבי נתן אַדלער און דער חתם סופר אין שנת תקמ"ג אין פּראַג פון וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין עטליכע פון די לעצטיגע אַרטיקלען.

בעת זייער באַזוך אין פּראַג איז רבי נתן אַדלער אַריין מיט זיין תלמיד דער חתם סופר אין דער ישיבה פון נודע ביהודה, באַטראַכטנדיג די בחורים ווי זיי זיצן און לערנען. האָט רבי נתן אַדלער זיך אָנגערופן צום חתם סופר אָנווייזנדיג אויף דעם בחור דוד דייטש: "זעסט דאָרט, דער בחור געפעלט מיר".

די נאָענט צו צוויי וואָכן וואָס זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין פּראַג האָט דער חתם סופר געלערנט בחברותא מיט ר' דוד דייטש, וועלכער איז געווען מיט זיבן יאָר עלטער פון אים. דער חתם סופר איז דאַן געווען 19 יאָר אַלט, ר' דוד דייטש איז געווען 26 יאָר אַלט.

רבי דוד דייטש, (נישט צו פאַרטוישן רבי דוד דייטש דעם בעל "אהל דוד" מיט דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי אהרן דוד דייטש, רב פון דיאָרמאָט, דער בעל "גורן דוד"), איז געבוירן אין שנת תקט"ז אין דער שטאָט נייטרע, צו זיין פאָטער ר' מנחם מענדל דייטש וועלכער איז דאַן געווען דיין דאָרט. ווען רבי דוד דייטש איז געווען פינף יאָר אַלט האָבן זיי זיך געצויגן קיין קיצע וואו רבי מנחם מענדל דייטש איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב. רבי מנחם מענדל'ס פאָטער רבי מרדכי דייטש איז געווען רב אין דער שטאָט פריישטאָט.

אין די יונגע יאָרן האָט רבי דוד דייטש געלערנט אין דער ישיבה פון רבי מאיר ברבי אין פּרעשבורג. דאַן איז ער געפאָרן לערנען קיין פּראַג ביים נודע ביהודה, וועלכער איז געוואָרן זיין רבי מובהק.

צוזאַמען מיט רבי אלעזר פלעקלעס, דער בעל שו"ת תשובה מאהבה, רבי אברהם דאַנציג, דער בעל חיי אדם, און רבי בצלאל ראַנשבורג, דער בעל ההגהות על הש"ס, איז רבי דוד דייטש, דער בעל אהל דוד, געווען מגדולי תלמידיו פון נודע ביהודה.

אין נודע ביהודה זענען פאַראַן אַרום פערציג תשובות געשריבן צו אים. אין טייל פון די תשובות ווערט ער באַצייכנט אַלס ר' דוד קיצע, צוליב דער שטאָט פון וואו ער איז געקומען וואו זיין טאַטע איז געווען רב, אָדער סתם ר' דוד.

אויך אין שו"ת חתם סופר זענען פאַראַן מערערע תשובות צו אים. הג"ר יוסף נפתלי שטערן אין זיינע הגהות "שער יוסף" אויף דרשות חתם סופר, ח"ב דרוש ט' שנת תקצ"א, (ח"ה עמ' שס"א אין נייעם דרוק), ביים חתם סופר'ס הספד אויף אים, רעכנט אויס אַ לאַנגע רשימה מיט תשובות אין שו"ת חת"ס וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו אים, ווי אויך וואו דער חתם סופר דערמאַנט אים אַלץ אין זיינע חידושים אויף ש"ס.

אין שנת תקמ"ד איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין יעמניץ וואו ער האָט אויך געהאַט אַ ישיבה. אין שנת תק"ן איז ער געוואָרן רב אין

פראָונקירכן, פון די שבע קהילות אין אונגאַרן. מיט צען יאָר שפּעטער איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סערדאַהעלי, און פון שנת תק"ע איז ער געוואָרן רב אין נאָוואָמעסטאָ (נײַ-שטאָט), ביז צו זיין הסתלקות כ"ב סיון שנת תקצ"א.

דער חתם סופר האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צדיק נשגב. נאָך דער הסתלקות פון רבי דוד דייטש האָט מען ביי אים געטראָפן קוויטלעך וואָס דער חתם סופר האָט אים געהאַט געשיקט זיך מזכיר צו זיין ביי אים.

אין שאלות ותשובות חתם סופר יורה דעה סי' קכ"א שרייבט צו אים דער חתם סופר: "ובטוח אני באהבתו עזה כי ישים עינו עלי לטובה להזכירני בתפילתו".

אין דער הסכמה צו זיין ספר "אהל דוד", געדרוקט לאחר הסתלקותו, שרייבט דער חתם סופר "אותו צדיק קדוש ישראל גאון עולם... אשרינו אם זכינו לשיחתו ואורו". דער ישמח משה שרייבט אין דער הסכמה: "הליכות עולם לו יוצא מפי קדיש וטהור, טיהר גברא קדישא, הרב הגאון הצדיק האמיתי המפורסם... ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבי הוא".

דער בעל דרכי תשובה ממונקאַטש זצ"ל האָט אַמאָל דערציילט פסח ביינאַכט ביים סדר, אַז דער ישמח משה האָט אַמאָל געזאָגט שבועות ביינאַכט אַז אויב ער מיט'ן בני יששכר און רבי דוד דייטש וועלן זיך צוזאַמענקומען קענען זיי פועל'ן אַ גרויסע ישועה פאַר כלל ישראל. נאָך שבועות האָט דער ישמח משה געלאָזט וויסן פאַר'ן בני יששכר אַז ער וויל צוזאַמען מיט אים פאָרן קיין נאָוואָמעסטאָ צו רבי דוד דייטש. ווען דער ישמח משה האָט זיך קורץ דערנאָך באַגעגנט מיט'ן בני יששכר און זיי האָבן זיך געגרייט צוזאַמען צו פאָרן צו רבי דוד דייטש איז צו זיי אָנגעקומען די ידיעה אַז רבי דוד דייטש איז נפטר געוואָרן כ"ב סיון. פון הימל האָט מען נישט געוואָלט, האָט דער דרכי תשובה אויסגעפירט, אַז די דריי צדיקים זאָלן זיך טרעפן. (ספר "הגאון הקדוש בעל ישמח משה", און "תולדות גדולי ישראל אנשי שם" פון רבי חנינא יו"ט ליפא בראָון, גרויסוואַרדיין, תש"ג, דאָס לעצטע ספר געדרוקט צו ווערן אין זיבענבערגן פאַר דער קריג).

ווי גרויס ס'איז געווען די הערצה פון ישמח משה צו רבי דוד דייטש איז צו זען דערפון וואָס דער ישמח משה דערמאַנט אים אין ישמח משה על התורה, אין פרשת משפטים, כאָטש ער דערמאַנט כמעט נישט קיין ספרים פון גדולים פון זיין דור. דאָך דערמאַנט ער דעם אהל דוד.

רבי דוד דייטש'ס איידעם איז געווען הגאון רבי מאיר א"ש זצ"ל, בעל "אמרי אש", מגדולי תלמידי החתם סופר, וואָס דער חתם סופר האָט אים באַצייכנט אַלס זיין גרעסטער תלמיד וואָס איז געווען אַ תלמיד המחכים את רבו.

אין שו"ת חת"ס סי' קכ"א שרייבט דער חתם סופר צו רבי דוד דייטש אַז שוין אַכט וואָכן וואָס ער איז "עצור וכלוא בבית מחמת חולי השועל ר"ל" און היות ווי זיין פאַך איז "מלאכת התרביצה", פאָרצולערנען פאַר תלמידים, און דאָקטוירים ערלויבן אים נישט הויך פאָרלערנען, "ומ"מ מלאכתי נעשית ע"י אחרים, רצוני לומר מלכת התרביצה כי אסרוהו הרופאים לגמרי, כ"א אני אומר לאחד מן התלמידים והוא מתרגם לאחרים בפני.... ולהיות נפשי חשקה להודיעהו כזאת ע"כ מיד כראותי כתב ידו הטהור לא איחרתי מלהשיב".

ואותו תלמיד היה? און ווער איז געווען דער תלמיד?

שרייבט הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, אין חוט המשולש, אַז דער תלמיד איז געווען הגאון רבי מאיר א"ש, און אַז די תשובה האָט געפירט צו דעם שידוך, רבי מאיר א"ש זאָל ווערן אַן איידעם ביי רבי דוד דייטש: "התלמיד הזה הי' הגאון האמיתי רבי מאיר א"ש בעל שו"ת אמרי א"ש זצ"ל, ועי"ז נתגלגל שנעשה חתנא דבי נשיאה של הגאון רבי דוד דייטש בעל ספרי אוהל דוד זצ"ל". (חוט המשולש עמ' נג).

פאַראַן אַ באַקאַנטע תשובה פון חתם סופר צו זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער אין וועלכער ער שרייבט וועגן זיין דרך אין הוראה, און וועגן זיין פסק אויף אַ געוויסע שאלה וואָס געוויסע לומדים האָבן מפקפק געווען דערין. שרייבט דער חתם סופר אַז ער האָט זיך געפרייט כעל כל הון ווען רבי דוד דייטש איז אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אים און האָט אים געזאָגט אַז ער האָט אויך אַזוי מקבל געווען, ווי דעם חתם סופר'ס פסק, פון זיין רבי'ן דער נודע ביהודה. דער חתם סופר דערמאַנט זיין רבי'ן ווער רבי דוד דייטש איז. ער דערמאַנט אים אַז בעת זייער באַזוך אין פּראַג האָט רבי נתן אַדלער זיך משתשע געווען מיט אים אין לערנען.

מיר ציטירן פון דער תשובה: "מיום הועמס עלי עול ההוראה אמרתי אני עם לבי וקבעתי מסמר ויתד תקועה במה שהוא פשוט בפוסקים ראשונים ואחרונים ושרשו עלי ים התלמיד". נאָכ'ן רעדן וועגן דער שאלה שרייבט דער חתם סופר: "וכך הנהגתי אעפ"י שהי' איזה לומדים מפקפקים ע"ז כי לא שמעו כזה מעולם... מ"מ לא הזזוני ממקומי עד שכמו ב' שנים התאכסן אצלי הרב המאה"ג איש עמיתי מהו' דוד קיצע נ"י לע"ע אב"ד ור"מ דק"ק סאַרדהעל – והוא עמד לפני אמ"ו הגאון נ"י בק"ק פּראַג והשתעשע עמו לפרקים. והוא אמר לי כי כן קיבל ג"כ מרבו המובהק הגאון בעל נודע ביהודה ושמחתי כעל כל הון". (שו"ת חת"ס יו"ד סימן קס"ז).

די וועלט דערציילט אַז רבי דוד דייטש איז געווען אַן עני ואביון און אויך אַ צדיק תמים. די ביידע זאַכן זענען געקומען צום אויסדרוק ביי אַ באַזוך וואָס דער חתם סופר האָט אַמאָל אָפּגעשטאַט ביי רבי דוד דייטש אין שטוב.

דאָס בני בית פון רבי דוד דייטש האָט לכבודו פון חתם סופר צוגעגרייט אַ סעודה. צוליב זייער דחקות און אָרעמקייט זענען די עסצייג געווען הילצערנע לעפלעך. דער חתם סופר איז געווען איבערראַשט פון דעם עניות וואָס הערשט דאָרט און האָט אַזוי באַטראַכט אַ הילצערנע לעפל וואָס ער האָט אַזוינס נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען.

רבי דוד דייטש האָט געמיינט אַז דער חתם סופר איז אַנטציקט און באַגייסטערט פון דעם שיינעם לעפל, רופט ער זיך אָן צום חתם סופר: "כדי איר זאָלט נישט עובר זיין אויף לא תחמוד שענק איך אייך דעם לעפל במתנה".

פון דער אַנדערער זייט איז ער בכלל נישט געווען אַזאַ תמים ווען ס'איז געקומען צו מילי דשמיא. ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דער פּאָלעמיק אַרום דעם ש"ס פון דעם גוי'אישן דרוקער אַנטאָן שמיד און זיין מגיה דער משכיל יודא לייב בן זאב איז עס געווען רבי דוד דייטש וועלכער איז געווען מער מבין און ראַפינירט ווי אַלע אַנדערע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן נאַאיוויטעט. ווי מיר וועלן באַלד זען.

קודם צוויי פון זיינע הומאָריסטישע ווערטלעך אין זיינע מוסר דרשות קעגן קלים וריקים:

זייענדיג רב אין נאָוואָמעסטאָ האָבן אין דער שטאָט זיך געפונען קלים וואָס האָבן געגעסן פליישיגס, בשר עוף, אין די ניין טעג. האָט רבי דוד דייטש זיי גע'מוסר'ט: "אויב וועט איר עסן די הינדלעך יעצט אין די ניין טעג האָב איך מורא אַז איר וועט נישט האָבן קיין "כפרה" פאַר יום כיפור....

זייענדיג רב אין פראָונקירכן האָט ער געהאַט אויסצושטיין רדיפות פון עטליכע פאַרדאָרבענע יונגען אוכלי נבילות וטריפות. האָט רבי דוד דייטש געזאָגט: "מיר ווייסן אַז די תורה האָט געהייסן שענקען טריפות

פאַר די כלבים, די הינט, בשכר וואָס זיי האָבן נישט געבילט ווען אידן זענען אַרויס פון מצרים. לא יחרץ כלב לשונו. מיינע בעלי בתים בילן דאָך אָבער יאָ, טאָ ווי האָבן זיי אַ רעכט צו עסן טריפות?

## דער גוי'אישער דרוקער פון וויען: אַנטאָן שמידט

באַקאַנט די ש"ס'ן פון "דפוס אַמסטערדאַם", "דפוס סלאַוויטא" און "דפוס ווילנא". געווען אָבער אויך נאָך אַ ש"ס, וואָס בשעתו, אין דער תקופה און די מדינות פון וואָס מיר רעדן אַצינד, איז עס געווען דער שענסטער ש"ס: דער ש"ס פון דפוס אַנטאָן שמידט פון וויען, עסטרייך.

ווי אַסאַך דרוקער פון אידישע ספרים נאָך מיט הונדערטער יאָרן פריער איז אַנטאָן שמידט געווען אַ גוי וואָס האָט געהאַט אַ דרוקעריי אין וויען וועלכער האָט צווישן אַנדערן געדרוקט אויך אידישע ספרים. די אַנטאָן שמידט דרוקעריי איז געוואָרן די גרעסטע אין ערפאָלגרייכסטע אין עסטרייך-אונגאַרן צוליב איר גוטע קוואַליטעט, גוטע פּאַפּיר, דער שיינער דרוק און די גוטע אַרבעט.

צוגעהאָלפן האָט אויך דער פאַקט וואָס שמידט האָט בייגעשטייערט אַן אומזיסטיגן עקזעמפּלאַר פון יעדן בוך אָדער להבדיל ספר וואָס ער האָט געדרוקט צום קעניג פראַנץ יאָזעף'ס ביבליאָטעק. פראַנץ יאָזעף האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ וואָס פאַרבאָט צו אימפּאָרטירן ספרים פון אַנדערע לענדער. דאָס האָט אַנטאָן שמידט'ן געגעבן אַ כמעט אויסשליסליכן מאָנאָפּאָל.

שמידט איז געווען אַ געבילדעטער מענטש וואָס האָט געקענט לשון קודש. דאָס האָט אים געפירט צו דרוקן אידישע ספרים. מער ווי לשון קודש האָט ער אָבער נישט געקענט. האָט ער אָנגעשטעלט אידישע עקספּערטן אַלס מגיהים און קאָרעגירער.

די קאָרעגירער און מגיהים וואָס ער האָט אויפגענומען זענען בעיקר געווען די ערשטע משכילים, תלמידים פון משה דעסויער, וועלכע האָבן געקענט דקדוק און לשון הקודש. די מגיהים האָבן גענאָסן פון אַסאַך פּריווילעגיעס, איינשליסנדיג די רעכט צו וואוינען אין וויען, וואו ווייניג אידן זענען דאַן געווען ערלויבט זיך צו באַזעצן אויף אַ לענגערע צייט. די משכילים האָבן אויך אויסגענוצט זייערע פּאָזיציעס צו דרוקן דאָרט זייערע ביכער, אָנגעהויבן פון מענדעלסאָן'ס "ביאור", ביז צו זייערע זשורנאַלן "ביכורי העתים" און "כרם חמד".

שמידט האָט אָבער אויך געזוכט דעם אידישן מאַרק, די חרדי'שע אידן וואָס קויפן און לערנען ספרי קודש על טהרת הקודש. ער האָט געדרוקט חומשים, סידורים און מחזורים, רי"ף און די ארבעה טורים. ער האָט זיך אויך גענומען דרוקן אַ נייעם ש"ס, מיט נייע, שענערע אותיות, אויף גוטע פּאַפּיר, מיט מפרשים ביים סוף פון יעדן באַנד.

אַלס הויפּט מגיה האָט ער גענומען אַ געוויסן פּוילישן איד, יודא לייב האָט ער געהייסן, וועלכער איז געקומען פון קראָקע, אַ גרויסער בקי אין דקדוק און אַליין אַ מחבר פון ספרי דקדוק וואָס זענען געווען אָנגענומען אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

ווער איז דאָס געווען דער יודא לייב?



שער בלאט פון ווינער ש"ס,
דפוס אַנטאָן שמידט

## רבי דוד דייטש דעמאַסקירט דעם משכיל יודא לייב בן זאב וועלבער כאַפּט אַ מיתה חטופה

יודא לייב, וועלכער האָט זיך גערופן יודא לייב בן זאב איז געווען פון דעם ערשטן דור משכילים וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען פון אָנפאַנג געווען, און אַסאַך זענען פאַרבליבן, באמת אָדער בלויז כלפי חוץ, שומרי תורה ומצוות.

דער יודא לייב בן זאב האָט אַזוי ווי אַלע ערשטע משכילים אָנגעהויבן אַלס בחור עוסק צו זיין בעיקר אין לערנען תנ"ך און זיך צוווידמען צו דקדוק פון לשון הקודש.

יודא לייב בן זאב האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר "תלמוד לשון עברי" וואָס איז באמת געווען אַ געלונגענער ספר אויף דקדוק פון לשון הקודש. במשך פון דורות האָבן ערליכע אידן געלערנט דערין און רבנים ציטירן אפילו דערפון נישט וויסנדיג אָדער נישט זיין אינטערעסירט ווער דער מחבר איז.

למעשה איז אָבער יודא לייב בן זאב געווען אַ דורכגעפוילטער אפיקורוס און אפילו אַ מחלל שבת. געווען ספרים וואָס ער האָט פאַרפאַסט נאָר פאַר זיינע חברים די משכילים אין וועלכע ער שרייבט אָפּענע אפיקורסות און אַנדערע ספרים וואָס ער האָט מחבר געווען פאַר פרומע אידן וואו ער האָט באַהאַלטן זיין אפיקורסות, הגם ס'פאָדערט זיך נישט קיין צו געניט אויג צו באַמערקן די כפירה.

ער האָט למשל אַרויסגעגעבן אַ ספר "יסודי הדת", וואָס איז מסביר די מצוות התורה פאַר קינדער. יעדע מצוה איז ער מסביר נאָר מיט פסוקי התורה און גאָרנישט פון חז"ל. דאָס האָט מען נאָך פאַרענטפערט אַז ער וויל עס מאַכן לייכט דורך נישט צופיל מאריך זיין. דעם נס חנוכה איז ער מסביר נאָר מיט דעם נצחון המלחמה. קיין וואָרט נישט וועגן דעם נס פונעם פך שמן.

ווידער אַ ספר "מבוא אל מקראי קודש", וואָס ער האָט געדרוקט בלויז פאַר די קרייזן פון די משכילים איז פול מיט אָפּענע אפיקורסות. אַ סידור וואָס ער האָט געדרוקט פאַר משכיל'ישע קרייזן האָט אַן הקדמה "תקוני התפילה" וואו ער שרייבט אַז די ברכת המינים, ולמלשינים, וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען, איז היינט נישט רעלעוואַנט, "ובכלל, אין לערב קללות בתוך הברכות". עפ"ל.

ווען אַנטאָן שמידט האָט זיך גענומען דרוקן זיין ש"ס האָט יודא לייב בן זאב געהייסן דער הויפּט מגיה. למעשה איז ער געווען דער הויפּט עורך וואָס האָט אָנגעפירט מיט דרוקן דעם ש"ס.

די בענדער פון דעם ש"ס וואָס זענען ערשינען צווישן שנת תקס"ו ביז תקע"א זענען געווען אויגן פאַרכאַפּענד און אין אַ גרויסן פאָרמאַט. זיי האָבן געקראָגן די הסכמות און המלצות פון גרויסע רבנים. "האדון שר האבירים אנטון שמיד מדפיס בקרית מלך ווינא, ספרים הרבה בדפוס אשר הוקם מחדש, טיב עינים וטוב רואי, עיניו יחזו ועפעפיו יישירו כי הוד והדר פעלו, כליל הוא בהדרו על כל מדפיסי בני דורו, לנגה ברק זהר אותיותיו יאירו נתיבות אור וענוג יופיע כבוקר, עינים מאירות ומשמח לבבות".

די קרייזן פון קנאים, וואָס זענען אין יענער צייט בעיקר געווען די חסידים אין פוילן און אונגאַרישע אידן תלמידי החתם סופר, האָבן זיך

אָפּגעטרייסלט און אפילו פאַרבאָטן צו קויפן דעם ווינער ש"ס צוליב דעם וואָס דער עורך איז געווען יודא לייב בן זאב און משכילים זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער דרוקעריי. דער המון עם האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט די קנאים און האָט געקויפט דעם ש"ס וואָס איז געווען אַ כלילת יופי אין אויסזען און אין אינהאַלט.

חסידים אין פוילן אין יענער צייט האָבן צוליב כח הפועל בנפעל מקפיד געווען צו דאַווענען און לערנען נאָר פון ספרים וואָס עס האָבן געדרוקט אידן יראי השם. רבי שמואל שינאָווער זצ"ל שרייבט אין זיין ספר "רמתים צופים" אויף תנא דבי אליהו אַז זיין רבי הרה"ק רבי שלמה לייב מלענטשנא זצ"ל "אמר שבש"ס ווין, (שנערך ע"י יודא בן זאב) אינו רואה בו שום אות". רבי שמואל שינאָווער שרייבט אַז רבי שלמה לייב לענטשנער האָט געהאַט אַזעלכע גוטע אויגן אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט געניטיגט אין קיין ברילן. דאָך האָט ער נישט געזען די אותיות פונעם ווינער ש"ס צוליב כח הפועל בנפעל.

דאָך איז דאָס דרוקן פונעם ווינער ש"ס אָנגעגאַנגען מיט'ן פולן טעמפּאָ. אידן האָבן געגעבן מעות קדימה און קיינער האָט זיי נישט געקענט צוריקהאַלטן.

ביז רבי דוד דייטש, מגדולי תלמידיו פון נודע ביהודה, וואָס דער נודע ביהודה איז געווען דער ערשטער צו אסר'ן משה מענדעלזאָן'ס ביאור, האָט עפּעס געטאָן דערוועגן.

נאָך פורים פון שנת תקע"א איז רבי דוד דייטש געפאָרן קיין פראָנקירכן, וואו ער איז פריער געהאַט געווען רב און האָט געבעטן פון עטליכע פון זיינע ידידים, צווישן זיי תלמידי חכמים מופלגים, צו קומען מיט אים אויף אַ געהיימע רייזע פאַר עטליכע טעג. ער האָט זיי געבעטן מיטצונעמען אַ ספר תורה און עסן אויף עטליכע טעג.

אַזוי איז רבי דוד דייטש געפאָרן מיט אַ מנין אידן און אַ ספר תורה קיין וויען, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון פראָנקירכן. ער האָט געבעטן זיי זאָלן קיין וויען אָנקומען אינקאָגניטאָ, אין געהיים, אָן פירסום.

אין וויען האָבן זיי געדונגען אַ דירה אויף דער זעלבער גאַס נעבן דער אַנטאָן שמידט דרוקעריי. אין דער דירה האָבן זיי געדאַווענט און זיך אויפגעהאַלטן איבער שבת.

שבת נאָך שחרית האָט רבי דוד דייטש אויסגערופן אַלע זאָלן אים נאָכקומען צו גיין מקדש זיין שם שמים.

זיי זענען אַרויס פון שטוב. אַלע זענען אים שנעל נאָכגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם גוי'אישן שמידט דרוקעריי וואָס האָט געאַרבעט און איז געווען אָפן אויך שבת.

רבי דוד דייטש איז געגאַנגען בראש און אַלע האָבן אים גיך נאָכמאַרשירט, אַריין אין דער שמידט דרוקעריי.

אַריינקומענדיג אין דרוקעריי האָבן זיי געטראָפן יודא לייב בן זאב זיצנדיג בלויז-קעפּיג, אָן אַ הוט און אָן אַ יאַרמולקע, מיט אַ פעדער אין דער האַנט, קאָרעגירנדיג די פּאָליאָס, די בלעטער פונעם ש"ס וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס פון די דרוק מאַשינען. אום שבת קודש.

פון גרויס פחד, דערפון וואָס ער איז געפּאַקט געוואָרן ביי דער האַנט, נתפס בקלקלתו, איז יודא בן זאב אין אַ פּאַניק און אַ בהלה אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין בית הכבוד. רבי דוד דייטש האָט געהייסן די אידן, כשר'ע עדות, זיי זאָלן אָנכאַפּן דאָס פּאַפּיר און זיך איבערצייגן ווי די טינט פון די הגהות וואָס יודא בן זאב האָט געמאַכט איז נאָך נאַס. אַ באַווייז אַז ער האָט זיי געשריבן אום שבת קודש.

אין דער דרוקעריי איז געוואָרן אַ בהלה. די אַרבייטער האָבן גענומען זוכן בן זאב'ן. ווען ער האָט פאַר אַ לענגערע צייט נישט געעפנט די טיר פון בית הכבוד האָט מען אויפגעבראָכן די טיר און – אים געטראָפן אַ טויטן. ער איז געשטאָרבן אַ מיתה חטיפה אין עלטער פון 47 יאָר.

די שטאָט און דערנאָך די וועלט האָט גערודערט מיט דער מעשה. איבעראַל איז נתפרסם געוואָרן אַז יודא בן זאב, וועלכער האָט געהייסן אַ שומר תורה ומצוות, איז פּלוצים געשטאָרבן ווען מ'האָט אים געכאַפּט מחלל שבת זיין.

רבי דוד דייטש האָט אויפ'ן אָרט זיך אָנגערופן "כל המחלל שם שמים בסתר נפרעים ממנו בגלוי".

## רבי שלמה קלוגער וועגן בן זאב, מענדעלסאָן און דקדוק

רבי שלמה קלוגער איז אָנגעפרעגט געוואָרן דורך די ראשי קהילה פון אַ שטאָט וועגן אַ גרופּע אידן אין זייער שטאָט וואָס האָבן זיך קובע געווען אַ שיעור אין ספר "תלמוד לשון עברי" פון יודא בן זאב און אין די ספרים פון משה מענדעלזאָן. זענען געגאַנגען אַ גרופּע קנאים און האָבן פון זיי אַוועקגענומען די ספרים און זיי פאַרברענט אין פייער. פרעגן די ראשי קהילה פון הגאון רבי שלמה קלוגער, דער גדול המשיבים בדורו, ערשטנס צי די קנאים האָבן געהאַט אַ רעכט דאָס צו טון און צווייטנס וואָס ס'איז בכלל זיין מיינונג וועגן דעם לימוד פון דקדוק.

ענטפערט זיי רבי שלמה קלוגער (שו"ת "האלף לך שלמה", יורה דעה סימן רנז): אַז מעגליך אַז דאָס צונעמען און פאַרברענען יענעמ'ס ספרים איז נישט געווען אויסגעהאַלטן, מ'קען זיי אָבער פאַרשטיין. אפילו ביי משה רבינו געפינען מיר כיון שבא לכלל כעס בא לכלל טעות. "ועל גוף הכעס ודאי יפה עשו". זיי זענען זיכער געווען באַרעכטיגט צו ווערן אין צאָרן.

שרייבט רבי שלמה קלוגער אויף יודא לייב בן זאב: "ובעל תלמוד לשון עברי, מכירו הייתי בקטנותי ממש כשהיה במדינתנו חיבוריו בו וראינו כי הוא רשע גדול ועשה צחוק על מיני פיוט וסליחות".

וואָס שייך מענדעלסאָן'ס ספרים שרייבט רבי שלמה קלוגער אַז ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין זיי קען ער נישט אָנווייזן וואָס ס'טויג נישט דערמיט. דאָך זאָגט ער אַז מען טאָר נישט אַריינקוקן דערין פשוט צוליב פוק חזי מאי עמא דבר, וקול המון כקול ש-די. ווי די גמרא זאָגט אין פסחים פ"ו אם אינן נביאים בני נביאים הם. וויבאַלד די וועלט איז מרנן אויף אים איז עס זיכער אַזוי.

וואָס נאָך, זאָגט רבי שלמה קלוגער: "צאו וראו מה המה תלמידיו וכל העוסקים בחיבוריו, כולם רשעים, וכל שוגה בחיבוריו לא יחכם, ואין אוחזים בחיבוריו רק הקלי שבקלים העוברים על כל התורה, ולא ראיתי איש ישר הולך שיהי' עוסק בחיבוריו ודבריו, וכל ירא שמים בורח ממנו כבורח מן הנחש ועקרב. אך את זה ידעתי, כי הרע לעשות אשר תרגם תנ"ך על לשון דייטש אשר לא כדת והנה חטא והחטא את הרבים כי מזה פשתה המספחת הישנה בהאַמבורג להתפלל על דייטש, וחטא הרבים תלוי בו".

וואָס שייך דעם לימוד פון דקדוק שרייבט רבי שלמה קלוגער: "כי ראינו בעינינו שלימוד הדקדוק מביא לידי התעסקות רק במקרא, והמקרא מביא לידי תרגום אשכנזי, והתרגום אשכנזי מביא לידי אפיקורסות".

דעם חתם סופר'ס נס ההצלה אין פּישטיאַן און דער הספד אויף רבי דוד דייטש באַלד דערנאָך, ווי אויך די וועלט באַרימטע לומדי'שע קשיות וואָס דער חתם סופר ברענגט פון רבי דוד דייטש, "קשה כברזל", און נאָך, אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

ברוך יודא קליין

סח

# דער הייליגער חתם סופר



**דער נס, און דער הספד אין פישטיאַן – די באַוואוסטע קשיות פון הגאון רבי דוד דייטש וואָס זענען נתפרסם געוואָרן דורכ'ן חתם סופר – דעם חתם סופר'ס תלמיד ונאמן ביתו הגה"צ רבי פישל סופר – דער גדול בתורה ובצדקות, זיין פאַרטרויאונגס מאַן, מלמד פאַר זיינע קינדער און סופר פון זיינע קמיעות – די ראָלע וואָס רבי פישל און זיינע קינדער האָבן געשפילט אין שרייבן און פאַראייביגן די תורות פון חתם סופר**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דער נס, און דער הספד, אין פישטיאַן

דאָנערשטאָג כ"א סיון שנת תקצ"א איז דער חתם סופר אָנגעקומען קיין פישטיאַן, אַ שטעטל 80 קילאָמעטער צו מזרח פון פרעשבורג. פישטיאַן איז אַ קור-אָרט באַקאַנט מיט אירע מינעראַלע וואַסערן. עד היום איז זי די בעסטע און באַרימסטע קור-אָרט אין סלאָוואַקיי, וואו מענטשן קומען זיך היילן אין אירע מינעראַל-וואַסערן.

זומער פלעגט דער חתם סופר ווײלן אַרום צוויי וואָכן, געוויינליך אין חודש תמוז, אין יערגעץ אָדער אין פעזינג. יענעם יאָר, שנת תקצ"א, איז ער נאָך פון אָנפאַנג יאָר געווען פאַרשלאַפט און אָפּגעשוואַכט, (זע שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב ריש סימן נ', און דרשות חת"ס דף ס"א ע"ב. און אין שער יוסף דאָרט). האָבן דאָקטוירים אים געהייסן פאָרן פריער, אָנפאַנג זומער, קיין פישטיאַן. איז ער כ"א סיון אָנגעקומען קיין פישטיאַן.

אויף צומאָרגנס, פרייטאָג כ"ב סיון, איז זיין נאָענטער ידיד הגאון הצדיק רבי דוד דייטש דער בעל אהל דוד זצ"ל נפטר געוואָרן אין נאָוואָמעסטא, וואו ער איז געווען רב. נאָוואָמעסטא געפינט זיך בשכנות פון פישטיאַן, דאָך האָט מען צוליב זיין פיזישע שוואַכקייט פאַר עטליכע טעג פאַרהוילן די ידיעה פון חתם סופר. ווען ער איז עטליכע טעג שפעטער געוואויר געוואָרן דערפון האָט ער ביי זיך געטראַכט אַז ס'פּאַסט נישט ער זאָל מספיד זיין רבי דוד דייטש דאָ אין אַ קליין שטעטל ווי פישטיאַן. ער וועט אים מספיד זיין ווען ער וועט זיין צוריק אין דער גרויסער שטאָט פרעשבורג.

דער מינעראַלער קוואַל וואָס דער חתם סופר האָט גענוצט זיך צו היילן האָט געהייסן "דער דריטער קלאַס". דער קוואַל איז געווען אַ גרוב מיט צוויי אייזערנע טויערן, ווי די היינטיגע כלים מקוואות. ביינאַכט זענען זיי געווען פאַרדעקט און צופרי האָט מען זיי געעפנט און געלאָזט אָפן אַ גאַנצן טאָג.

די מקורבים האָבן גע'פועל'ט ביי דער פאַרוואַלטונג אַז ווען דער חתם סופר איז דאָרט זאָל זיך קיינער נישט געפינען ביי יענעם קוואַל. די אַרבייטער האָט געעפנט די אייזערנע טירן און זענען אַוועק, לאָזנדיג דאָרט דעם חתם סופר אַליין.

האָט פּאַסירט אַן אומגליק: ווען דער חתם סופר איז געווען אין קוואַל האָבן די צוויי אייזערנע טירן זיך פּלוצים פאַרמאַכט איבער אים אָן דעם וואָס עמיצער זאָל זיין דאָרט דאָס צו זען. פון אינעווייניג איז אוממעגליך געווען אויפצוהייבן און צו עפענען די טירן. די היצן פון די מינעראַלע וואַסערן זענען געווען אומדערטרעגליך אָן דעם וואָס ס'זאָל צוקומען לופט צו אָטעמען. דער חתם סופר האָט געשפּירט ווי ער געפינט זיך אין אַ לעבנס-געפאַר פון די היץ און דעם מאַנגל אין לופט.

ער האָט באַלד גענומען מפשפש זיין במעשיו: צוליב וואָס פּאַסירט דאָס צו אים? איז אים באַלד געקומען אין געדאַנק דער מאמר חז"ל: "כל המתעצל בהספידו של חכם ראוי לקברו בחייו" (שבת ק"ה ע"ב). האָט ער אויף זיך גלייך מקבל געווען אַז אויב ער וועט ניצל ווערן וועט ער האַלטן אַ הספד אויף רבי דוד דייטש שוין דאָ אין פישטיאַן. ווי נאָר ער האָט אַזוי געטראַכט און דאָס מקבל געווען איז געשען אַ נס: די טירן האָבן זיך געעפנט.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער האָט מקיים געווען דעם נדר און מספיד געווען דעם בעל אהל דוד, זיין ידיד רבי דוד דייטש, אין פּישטיאַן.

דער הספד איז געדרוקט אין דרשות חתם סופר ח"ב דרוש ט' דף שפ"ה, (חלק ה' עמ' שס"א אין נייעם דרוק). דער חתם סופר שרייבט: "מה שחנני הי"ת לפרשת קרח ובו קצת חידושים מהספידא על הגאון אהל דוד זצ"ל, פה מרחץ ביסטשאַן (תקצ"א לפ"ק)".

אין דעם הספד שרייבט ער: "כאשר אני היום נתחייבתי יסורים וגלות מקהלתי וישיבתי ובטול תורה להתגורר פה במרחץ לעסוק ברפואות, והזמין לי הי"ת להיות סמוך ונראה לשכיבת מקום הגאון הצדיק זצ"ל להספידו פה ברבים, ואני מיצר ושמח שהזמין לי הקב"ה עונשי על דרך מצוה וכבוד תורה".

דער חתם סופר האָט שפּעטער אים נאָכאַמאָל מספיד געווען. לויט ווי טייל שרייבן איז דאָס געווען טאַקע אין נאָוואָמעסטאַ. דער חתם סופר האָט דאָרט געזאָגט: "וועמען וועט נאָוואָמעסטאַ נעמען אַלס רב, אַ לערער"? מענטשן האָבן זיך געוואונדערט וואָס דער חתם סופר מיינט דערמיט צו זאָגן. אין נאָוואָמעסטאַ האָבן זיך טאַקע געפינען אויך מאָדערנע עלעמענטן. די ראשי קהילה און אַ באַדייטנדער טייל פונעם ציבור זענען אָבער געווען חרדי'שע פרומע אידן.

נאָך דער הסתלקות פון אהל דוד האָט נאָוואָמעסטאַ אויפגענומען אַן ערליכן רב, הגאון רבי אלעזר שטראַסער זצ"ל. ער האָט אָבער ל"ע נישט מאריך ימים געווען. אַ קורצע צייט דערנאָך איז ער נפטר געוואָרן. נאָך רבי אלעזר שטראַסער'ס הסתלקות האָט נאָוואָמעסטאַ אויפגענומען אַ געוויסן ר' יוסף ווייסע פון מעהרין, אַ געלונגענער רעדנער און בעל דרשן, וועלכער האָט געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ רב. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז קיינמאָל קיין רב נישט געווען נאָר – אַ לערער. דעמאָלט האָט מען זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון חתם סופר, וועלכער האָט דאָס פאַראויסגעזאָגט ברוח קדשו.

ביי דער איינצוגס רעדע פון דעם נייעם רב האָבן די ראשי קהילה, וועלכע זענען שוין דאַן געווען מער פאַרגעשריטן, איינגעלאַדנט די רעגירונגס פירער אָנוועזנד צו זיין און צו הערן די רעדע פון דעם נייעם רב, וועלכער האָט גערעדט אַ פּערפעקטן "הויך-דויטש".

נאָך זיין רעדע האָט דער ראש הקהל געפרעגט פון דעם מיניסטער האָבערגעשפאַן, וועלכער איז אויך געווען דער מושל איבער דער גאַנצער געגנט: "הער האָבערגעשפאַן, ווי געפעלט אייך אונזער נייער ראַבינער? ניכט וואַר ער איזט איין געבילדעטער מאַן, ניכט ווי זיין פאַרגענגער? ער וואָר איין פאַנאַטיקער". ווי געפעלט אייך אונזער נייער רב? איז ער נישט אַ געבילדעטער מענטש, נישט ווי זיין פאָרגייער (מיינענדיג רבי דוד דייטש) וועלכער איז געווען אַ פאַנאַטיקער?

ווען דער מיניסטער האָט געהערט די דברי זלזול אויף רבי דוד דייטש האָט ער זיך אָנגערופן: "עס איזט וואַר דאַס דער נייער ראַבינער איזט איין האָך געבילדעטער מאַן, אָבער דער אַלטער ווירדיגער ראַבינער וואָר איין געטליכער מאַן".

ווען דער חתם סופר איז נאָך געווען רב אין מאַטערסדאָרף איז הגה"ק רבי דוד דייטש זצ"ל, דער בעל "אהל דוד", אַמאָל אינמיטן דערנאָכט געקומען פון נאָוואָמעסטאַ קיין מאַטערסדאָרף און איז אַריין אין בית המדרש פון חתם סופר. זייענדיג אָפּגעמאַטערט פון דעם לאַנגן וועג האָט ער זיך געלייגט אויף דער פאָדלאָגע צו כאַפּן אַ דרימל.

ווען דער חתם סופר איז פאַרטאָגס אַריין אין בית המדרש און געזען ווי רבי דוד דייטש ליגט אויף דער ערד האָט ער געגעבן אַ געשריי: "אוי, אַ ספר תורה ליגט אויף דער ערד!"

הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל שרייבט אין דרשות חתם סופר אין זיינע הערות שער יוסף (ביי דעם חתם סופר'ס הספד אויף רבי דוד דייטש), אַז ער האָט געהערט די מעשה פון זיין שווער הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, זון פון רבי שמעון סופר, אַז דער חתם סופר האָט אָדער גוזר תענית געווען אויף די בחורים פאַר יענעם טאָג, אָדער האָט געזאָגט אַז מען וואָלט געדאַרפט גוזר תענית זיין.



שער בלאַט פון ספר "אהל דוד" פון הגה"צ רבי דוד דייטש זצ"ל מנאָוואָמעסטאַ

## רבי דוד דייטש'ס באַרימטע גאונ'ישע קשיות וואָס זענען נתפרסם געוואָרן דורכ'ן חתם סופר

חוץ זיין גאונות, צדקות און ענווה איז רבי דוד דייטש באַקאַנט מיט זיינע לומד'ישע קשיות אין וועלכע גדולים און לומדים האָבן זיך מפלפל געווען אין יעדן דור און זענען געניצט געוואָרן אין גאָר אַסאַך פשט'לעך און שבת הגדול דרשות.

די קשיות זענען בעיקר באַקאַנט געוואָרן דורכ'ן חתם סופר, וועלכער ברענגט זיי אין זיינע תשובות צו רבי דוד דייטש אָדער אין זיינע חידושים על הש"ס.

פון די סאַמע באַקאַנטסטע איז די קשיא וועגן מכשירי מצוה וואָס דער חתם סופר ברענגט אין שו"ת חתם סופר או"ח סימן קכ"ד, און אין יו"ד סימן שט"ז.

אין דער תשובה אין או"ח סימן קכ"ד ברענגט דער חתם סופר די קשיא פון רבי דוד דייטש און שרייבט דערויף "הקשה לי אדם שהוא קשה כברזל". רבי דוד דייטש האָט געפרעגט פון חתם סופר: לויט דער שיטה פון רבי אליעזר, רבי אליעזר דמילה, אין שבת דף קלא, אַז מכשירי מצוה און מכשירי מילה זענען דוחה שבת – ער האַלט אַז מען מעג צום ביישפּיל טראָגן אַ מוהל מעסער צו אַ ברית אויף דער גאַס וואו ס'איז נישטאָ קיין עירוב, ווייל מכשירי מילה האַלט רבי אליעזר זענען דוחה שבת, – פונדעסטוועגן האַלט רבי אליעזר אַז צו אָנקניפּן ציצית אויף אַ טלית, אָדער אַריינהאַקן אַ מזוזה ביי דער טיר, טאָר מען נישט אום שבת, כאָטש זיי זענען אויך מכשירי מצוה. פאַרוואָס נישט? זאָגט די גמרא "הואיל ובידו להפקירן", וויבאַלד ער קען מפקיר זיין דעם טלית (די גמרא זאָגט דאָס לויט די וואָס האַלטן אַז ציצית חובת מנא) און קען מפקיר זיין דאָס הויז, וואָס דאַן וועט ער נישט האָבן דעם חיוב פון לייגן ציצית אָדער אַ מזוזה, זענען ציצית



מצבה פון הגה"צ רבי דוד דייטש זצ"ל מנאָוואָמעסטא

און מזוזה נישט שטאַרק אַז זייערע מכשירי מצוה זאָלן אויך דוחה זיין שבת הגם אַצינד איז ער נישט מפקיר זיין בגד אָדער זיין דירה. ציצית און מזוזה זענען נישט פון דעם זעלבן קאַליבער ווי מילה אַז זייערע מכשירי מצוה זאָלן אויך דוחה זיין שבת.

האָט רבי דוד דייטש געפרעגט פון חתם סופר: אויב אַזוי פאַרוואָס איז די הלכה אַז מכשירי פסח זענען יאָ דוחה שבת? תוספות זאָגט דאָך אין מסכת פסחים דף ג' ע"ב, (ד"ה מאליה), אַז ווער ס'פאַרמאָגט נישט קיין קרקע אין ארץ ישראל איז פטור פון מקריב זיין אַ קרבן פסח. טאָ וויבאַלד יעדער איז ביכולת מפקיר צו זיין זיין קרקע איז דאָך פסח אויך אין דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי ציצית און מזוזה, וויבאַלד אויך ביי פסח איז פאַראַן אַ מעגליכקייט פטור צו זיין פון דער מצוה. דאַרף דאָך פסח אויך זיין פון די סאָרט מצוות וואָס זייערע מכשירי מצוות זאָלן נישט דוחה זיין שבת. טאָ הלמאי זענען מכשירי פסח יאָ דוחה שבת?

אין דער דערמאַנטער תשובה צו רבי דוד דייטש פאַרענטפערט דער חתם סופר די קשיא: רבי אליעזר גייט לשיטתו וואָס ער זאָגט אין מסכת ערכין דף כח אַז ווען איינער איז מחרים זיין גאַנץ פאַרמעגן איז עס נישט מוחרם. דאָס זעלבע איז אויך ווען איינער איז מקדיש אָדער מפקיר זיין גאַנץ פאַרמעגן. רבי אליעזר האַלט אַז ס'איז אוממעגליך. דאָס וואָס מיר געפינען אַסאַך מאָל "הואיל ואי בעי מפקיר נכסיו והוה עני וחזי ליה", זאָגט דער חתם סופר, אַז דאָס איז נאָר אויב ער לאָזט איבער עפּעס פאַר זיך, ווינציגער ווי מאתים זוז, איז ער אַן עני וואָס איז באַרעכטיגט צו נעמען לקט שכחה ופאה און מ'קען אים געבן דמאי. ווען ס'קומט אָבער צו זיין פטור מראיה און פטור פון קרבן פסח קען מען נישט פאַרמאָגן אפילו דאָס מינדעסטע קרקע. וואָס איז לויט רבי אליעזר אוממעגליך. איז פסח

דערפאַר נישט פון די מצוות וואָס מ'קען זיך פטר'ן דערפון אַזוי ווי פון ציצית און מזוזה דורך מפקיר זיין דאָס פאַרמעגן. ווייל רבי אליעזר האַלט אַז מען קען נישט מפקיר זיין ממש דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

## די קשיא אויף די בנות צלפחד לויט דער שיטה פון מרדכי אין יבמות אַז "מומר אינו זוקק לאשתו"

די בנות צלפחד האָבן געזאָגט צו משה רבינו "למה יגרע שם אבינו". רש"י אין פרשת פינחס ברענגט די גמרא אין בבא בתרא (קיט ע"ב) און דעם מדרש תנחומא אַז די בנות צלפחד האָבן געזאָגט: "אנו במקום בן עומדות, ואם אין הנקבות חשובות זרע תתייבם אמנו ליבם".

ברענגט דער חתם סופר, אין שו"ת חת"ס חלק ו' סימן נו, אַ שטאַרקע קשיא וואָס הגאון רבי דוד דייטש האָט אים געפרעגט. לויט דעם מרדכי אין יבמות (לט א') וועלכער פסק'עט אַז אַ מומר איז נישט זוקק ליבום, וואָס מיינט אַז אויב אַ מומר שטאַרבט אָן קינדער איז זיין ברודער נישט מייבם זיין אלמנה, ווייל ביי אים איז נישט שייך קיין הקמת שם בישראל, וואָס איז געווען די טענה פון די בנות צלפחד? צלפחד איז דאָך געווען דער מקושש, אַ מחלל שבת בפרהסיא. אַ מחלל שבת בפרהסיא איז דאָך אַ מומר לכל התורה כולה. איז לויט'ן מרדכי אין יבמות די אשת המקושש נישט געווען זקוקה ליבום. טאָ וואָס איז געווען די טענה פון די בנות צלפחד?

אין דער תשובה צו רבי דוד דייטש מאַכט דער חתם סופר ערשט קלאָר צו אים אַליין וואָס זיין קשיא איז: ווער זאָגט דאָס, פרעגט דער חתם סופר, אַז ער איז געווען אַ מחלל שבת בפרהסיא פאַר עשרה מישראל? זאָגט דער חתם סופר אַז רבי דוד דייטש מיינט זיכער וואָס רש"י זאָגט אויף "ויקרבו אותו המוצאים אל משה ואהרן ואל כל העדה", אַז דער מקושש איז געקומען "בחבילתו על כתיפו לפני משה ואהרן" ווי אויך אל כל העדה. איז דאָס אַלזאָ געווען חילול שבת בפרהסיא.

דער חתם סופר ברענגט פיר תירוצים. צוויי פון רבי דוד דייטש, וואָס דער חתם סופר פרעגט זיי אָפּ, און צוויי אייגענע תירוצים.

א. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט מחלל שבת געווען בפרהסיא און דאָס ערשטע מאָל, זאָגט רבי דוד דייטש, ווערט מען נאָך נישט קיין מומר. (מיר ברענגען בלויז דעם קורצן תמצית, אָן אַלע ראיות). פרעגט דאָס אָפּ דער חתם סופר: וויבאַלד דער מקושש איז געקומען דעם גאַנצן וועג מיט חבילתו על כתיפו איז ער ביי יעדע ד' אמות געווען אַ פרישער מחלל שבת. נאָך די ערשטע ד' אמות איז עס שוין נישט געווען דאָס ערשטע מאָל.

ב. אַ צווייטער תירוץ פון רבי דוד דייטש: וויבאַלד "מקושש לשם שמים נתכוין" הייסט ער נישט קיין מומר. פרעגט דער חתם סופר: צלפחד'ס כוונות האָבן דאָך אים נישט געראַטעוועט פון מיתת בית דין. ווייזט דאָך אויס אַז מ'רעכנט זיך נישט מיט זיינע כוונות.

ג. זאָגט דער חתם סופר איין תירוץ: אין צוגאָב צו לשם שמים נתכוין האָט ער זיך אויך מתודה געווען און איז געשטאָרבן מתוך וידוי און תשובה, וואָס דאַן איז דער דין (ש"ך יורה דעה שמ"ה ס"ק ה') אַז "אם התוודה קודם מיתתו מתאבלין עליו", און ער ווערט אויס מומר.

ד. אַ פערטן תירוץ זאָגט דער חתם סופר: דאָס וואָס דער מרדכי זאָגט אַז אַ מומר איז נישט זוקק אשתו ליבם איז נישט געזאָגט געוואָרן ווען איינער איז אַ מומר לעבודה זרה אָדער לחלל שבת און חוץ מזה האַלט ער יאָ די תורה. דער מרדכי מיינט נאָר אַ מומר אַזעלכן וואָס מיר רופן היינט אַ משומד, איינער וואָס וואַרפט אָפּ דעם אידישן גלויבן, באַטראַכט זיך פאַר אַ גוי, און אַסימילירט זיך מיט די גוים.

## נאמן ביתו הגה"צ רבי פישל סופר זצ"ל

אין קאַפּיטל ס"ו, פרשת דברים / שבת חזון, האָבן מיר געברענגט אַז נאמן ביתו הגאון רבי פישל סופר זצ"ל איז געווען דער וואָס האָט בדרך כלל פאָרגעזאָגט תיקון חצות ליל שישי פון אַ גאַנץ יאָר אין חתם סופר'ס ישיבה.

עטליכע ביאָגראַפישע שטריכן פון דעם נאמן ביתו, וועלכער איז געווען סיי אַ תלמיד חביב, סיי וואָס מען רופט היינט אַ לעבנסלענגליכער "גבאי" פון חתם סופר, אַ "גבאי" אָדער "משגיח" אין דער ישיבה, אַ "מלמד" און מגיד שיעור פאַר התחלת גמרא, און דער פערזענליכער סופר פון חתם סופר.

כדאי צו באַקומען אַ באַגריף וויאַזוי ס'האָט דאָס אויסגעזען אַ "גבאי" און "מקורב" פון חתם סופר.

רבי מרדכי אפרים פישל סופר איז געבוירן אין טיסמעניץ, אין פוילן, בערך שנת תקמ"ו, צו זיין פאָטער הגה"צ רבי אליעזר זוסמאַן סופר. ווען ער איז געווען אַ קליין יונגל האָט פוילן אָנגעהויבן איינצורופן אידן אין דער אַרמיי. האָבן זיי זיך געצויגן קיין אונגאַרן וואו אידן האָבן נישט געדינט אין מיליטער.

זייענדיג אַ יניק וחכים האָט אים זיין פאָטער אין עלטער פון 14 יאָר געשיקט קיין מאַטערסדאָרף לערנען אין דער ישיבה פון חתם סופר, וואו ער האָט געלערנט בחברותא מיט'ן מהר"ם א"ש.

צוליב זיינע עילוי'אישע כשרונות ווי אויך זיין צדקות, ישרות און חריפות איז ער שטאַרק נתחבב געוואָרן ביים חתם סופר און איז כל ימי חייו געבליבן פון זיינע נאָענטסטע תלמידים. דער חתם סופר פלעגט אָפט לערנען מיט אים פריוואַט. ער איז אויך געווען אַ "שבת בחור", וואָס האָט געמיינט איינער פון די בחורים וואָס פלעגט שבת עסן ביים חתם סופר.

אין אַ בריוו פון מאַטערסדאָרף צו זיין טאַטן שרייבט דער חתם סופר: "ואגב אודיעהו מבנו תלמידי הב' המופלג יניק וחכים מרדכי פישל נ"י, הבן יקיר לי אפרים, וילד שעשועים, מדי דברי בו זכור אזכרנו לטוב, כי ב"ה יתגדל לאילנא רברבא בישראל, ומזמן לזמן אני לומד עמו, ובשב"ק אוכל על שולחני". מען געפינט נישט דער חתם סופר זאָל שרייבן אויף אַ יונגן בחור אַזעלכע ווערטער ווי "שיתגדל לאילנא רברבא בישראל".

פון מאַטערסדאָרף האָט דער חתם סופר אים געשיקט לערנען איין זמן אין דער ישיבה פון זיין ידיד רבי דוד דייטש, דער בעל אהל דוד. איין זמן האָט ער אויך געלערנט אין פרעשבורג, איידער דער חתם סופר איז דאָרט געוואָרן רב, ביי רבי זלמן גרינספעלד, וועלכער איז שפּעטער געווען איינער פון די קאָנקורירנדע קאַנדידאַטן אויפ'ן רבנות פון פרעשבורג. ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן אין איינעם פון די ערשטע אַרטיקלען איז רבי זלמן גרינספעלד געוואָרן אַ נאָענטער ידיד פון חתם סופר ווען דער חתם סופר איז אויפגענומען געוואָרן אַלס פרעשבורגער רב. אַדאַנק דער השתדלות פון חתם סופר איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סערדאַהעל.

ווען דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פרעשבורג איז רבי פישל סופר ווידעראַמאָל געוואָרן פון די שבת בחורים וואָס האָבן געגעסן ביי אים שבתים. אין עלטער פון 21 יאָר איז ער געוואָרן אַן איידעם ביי איינעם פון די ראשי קהילה פון פרעשבורג.

רבי פישל איז געבליבן אַ תלמיד פון חתם סופר – ער פלעגט זאָגן אַז אויב זעט ער נישט איין טאָג די הייליגע צורה פון חתם סופר פעלט אים יענעם טאָג פון זיין יראת שמים. צו דער זעלבער צייט איז ער געוואָרן אַ מרביץ תורה. ער האָט געלערנט מיט גרעסערע יונגלעך און יונגע בחורים התחלת גמרא תוספות. ער איז געווען אַ פּעדאַגאָגישער פאַכמאַן אויף אַריינצוברענגען אַ חשקת התורה און אַ קלאָרן דרך הלימוד אין זיינע תלמידים. דאָס מערסטע פון זיינע תלמידים זענען געווען בני עניים פון וועמען ער האָט נישט גענומען באַצאָלט. אַסאַך פון זיי זענען אויסגעוואַקסן צו זיין גדולי התורה וועלכע זענען דאָס גאַנצע לעבן אים געבליבן דאַנקבאַר פאַר אַריינברענגען אין זיי דעם ריכטיגן דרך הלימוד.

דער חתם סופר האָט געשיקט זיינע צוויי זין, דער כתב סופר און רבי שמעון סופר, לערנען ביי אים התחלת גמרא. מחמת ענוותנותו האָט רבי פישל סופר קודם געפּרואווט זיך אָפּזאָגן פון לערנען מיט זיי, זאָגנדיג זיין רבי'ן אַז ער איז נישט ראוי צו לערנען מיט זיינע זין, און אַז זיי נויטיגן זיך נישט אין אים. ווען דער חתם סופר האָט אָבער מפציר געווען האָט ער זיי פאַרשטענדליך אָנגענומען.

הג"ר שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, זון פון הג"ר שמעון סופר זצ"ל, שרייבט אין באר מרים, אין מכתב סופר: "גם דודי הגה"ק בעל כתב סופר, ואאמ"ו זצ"ל, קיבלו ראשית חינוכם בגפ"ת מאת רבם הצדיק רבי פישל סופר, והוא הכשירם להיות תלמידי אביהם מרן זצ"ל".

אַכט שעה אַ טאָג האָט ער געלערנט גמרא תוספות מיט זיינע תלמידים. עטליכע טעג אַ וואָך האָט ער געפאַסט. דאָך האָט ער נישט מפסיק געווען אין די קורצע ווינטער טעג פון לערנען מיט די תלמידים ווען ס'איז פרי געוואָרן נאַכט. ער האָט אויסגעפאַסט אויף אַ גלאָז קאַווע און ווייטער געלערנט מיט זיי.

דערצו האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט'ן רוחניות און מיט'ן גשמיות פון די הונדערטער בחורים אין דער ישיבה פון חתם סופר.

זיין זון הגאון רבי נפתלי סופר זצ"ל שרייבט אין זיין ספר מטה נפתלי: "הלוא הוא הי' שר הבחורים, הי' משגיח עליהם כאב על בנו. אין לספר מטרחתו כי הי' אב רחמן להם, בכל צריהם לו צר, אשר הוא מפורסם בכל מדינותינו, שהוא הי' אב הבחורים, עשה חסד עמהם הן בגוף והן בממון, ואני אומר לא קם כמותו אשר הי' טורח עמהם, הן ביום והן בלילה, הן בשב"ק, הן בימים הקדושים, הוא הזן ומפרנס, הוא הי' עוסק בצרכי ציבור באמונה, והוא הי' מדריך תלמידים".

אויסער לערנען מיט זיינע אייגענע תלמידים און אָפּגעבן זיך מיט די בחורים אין חתם סופר'ס ישיבה האָט ער יעדן טאָג געלערנט פאַר זיך תורה לשמה עטליכע בלאַט גמרא און האָט דריי מאָל אַ יאָר מסיים געווען ששה סדרי משנה. דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן האָט ער אין איין יאָר מסיים געווען ש"ס.

דער חתם סופר האָט אים אָנפאַרטרויט מיט געהיימע שליחות'ער, ווי צו צעטיילן צדקה פאַר אומבאַקאַנטע נצרכים. יעדן פרייטאָג האָט אים דער חתם סופר געגעבן דריי גילדן צו קויפן וויין און חלה און אַנדערע צרכי שבת פאַר בחורים וואָס האָבן נישט קיין וועכנטליכע אכסניא וואו צו עסן שבת. דער חתם סופר פלעגט זאָגן אַז דאָס איז נישט זיין אייגן געלט. נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר איז מען אָבער געוואויר געוואָרן אַז ס'איז געווען פון זיין אייגענער טאַש.

ביי שלש סעודות פלעגט רבי פישל טיילן פאַר'ן עולם פון חתם סופר'ס חלה, ווי אויך פיש און וויין. ווי געזאָגט האָט ער יעדן ליל שישי פאָרגעזאָגט מיט בכיות תיקון חצות און שמחת תורה נאָך די הקפות האָט ער געזונגען פיר מזמורים וואָס דער חתם סופר האָט ספּעציעל פאַרפאַסט לכבוד שמחת תורה.

ער איז אויך געווען אַ סופר און האָט געשריבן דעם חתם סופר אַ ספר תורה. ווען דער חתם סופר פלעגט געבן קמיעות איז עס געווען רבי פישל סופר וואָס האָט געשריבן די קמיעות. באַקאַנט די קמיע וואָס ער האָט




**מצבה פון הגה"צ רבי פישל סופר זצ"ל**

געשריבן פאַר רבי דניאל פרוסטיץ און די מעשה מיט דעם חתם סופר'ס זון רבי יוסף יוזפא. די פרטים פון דער מעשה וועלן מיר וועלן אי"ה שרייבן וועגן חתם סופר'ס קינדער און וועגן רבי יוסף יוזפא.

רבי פישל האָט אַמאָל באַקומען אַ כתב רבנות פון אַ שטאָט אין אונגאַרן וואָס וויל אים אויפנעמען אַלס רב. האָט ער געברענגט דעם קאָנסוס צום חתם סופר און געפרעגט וואָס צו טון. האָט אים דער חתם סופר געפרעגט: מה בעית טפי, וואָס ווילסטו מער, כבוד, אָדער קינדער תלמידי חכמים? ער האָט אים אויך געפרעגט וואָס וועט זיין מיט די בני עניים וואָס ער לערנט מיט זיי תורה בחנם.

האָט אים רבי פישל געענטפערט אַז חוץ די בקשות פאַר פרנסה וואָס זענען נקבע געוואָרן אין סדר התפילות האָט ער נאָך קיינמאָל נישט מתפלל געווען פאַר געלט. די איינציגע זאַך אויף וואָס ער איז מתפלל איז פאַר קינדער תלמידי חכמים. האָט דער חתם סופר אים מבטיח געווען אַז בשכר זה וואָס ער וועט אָנהאַלטן זיין פאַך פון לערנען אומזיסט מיט בני עניים וועט ער זוכה זיין צו קינדער גרויסע תלמידי חכמים. רבי פישל האָט מיט גרויס שמחה צוריק געשיקט דאָס כתב רבנות.

ער האָט טאַקע זוכה געווען צו בנים ובני בנים גדולים וצדיקים: זיין זון הגאון רבי יעקב שלום סופר, פאַטער פונעם תורת חיים על שולחן ערוך, וועלכער איז ל"ע אַוועק יונגערהייט; הגאון רבי נפתלי, דער בעל מטה נפתלי און נאָך ספרים; הגאון רבי חיים סופר, דער בעל מחנה חיים, רב פון מונקאַטש און בודאַפּעסט, וועלכער איז געווען פון די וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער אָרטאָדאָקסיע בעת דער שפּעטערדיגער טיילונג אין אונגאַרן; הגאון רבי אליעזר זוסמאַן סופר, דער בעל ילקוט אליעזר, רב אין פּאַקש, אויך פון די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע.

ער האָט געהאַט נאָך דריי זין, אברהם יהודא, משה בנימין און שמעון צבי, וואָס זענען ל"ע אַוועק יונגערהייט, נאָך אַלס בחורים. אָט די דריי זון האָבן געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין פאַראייביגן די תורות פון חתם סופר. זייענדיג תלמידים פון חתם סופר האָבן זיי פאַרשריבן אַסאַך תורות וואָס זיי האָבן געהערט פון חתם סופר, וואָס זענען שפּעטער אַריין אין "תורת משה חתם סופר".

הגה"ק דער ערלויער רב, בעל התעוררות תשובה זצ"ל, אַרויסגעבער פון תורת משה חתם סופר, שרייבט אין דער הקדמה צו תורת משה חלק שמות: "ועל הטוב יזכרו הנהו אחים הב' המופלא ומופלג וכו' מו"ה אברהם יודא ז"ל, והב' המופלא ומופלג וכו' מו"ה משה בנימין ז"ל, והב' המופלא ומופלג וכו' מהו' שמואל צבי ז"ל שכבר הלכו לעולמם אשר היו תלמידים חביבים לאא"ז זצ"ל (החת"ס) וכתבו דבריו הקדושים כשמעם יוצא מפיו בקדושה ובטהרה".

אין ספר "תולדות סופרים" שרייבט אַן אייניקל פון רבי פישל סופר אַז דער בעל התעוררות תשובה האָט אים אַמאָל געזאָגט: "אמר לי כשזכיתי לקבל פניו הקדושים (דער ערלויער רב) שלולי דו"ז הצדיקים זצ"ל הי' נשכח הרבה חדו"ת ממרן החת"ס".

רבי פישל סופר אַליין האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין די תורות פון חתם סופר. די תורות פון חתם סופר על התורה (געדרוקט שפּעטער דורך רבי יוסף נפתלי שטערן) האָט דער חתם סופר אַליין געשריבן. אין די יאָרן תק"פ און תקפ"א האָט ער אָבער נישט געשריבן אַליין. רבי פישל סופר איז געווען דער וואָס האָט זיי פאַר אים געשריבן. די תורות וואָס רבי יוסף נפתלי האָט געדרוקט ביים סוף פון יעדן באַנד פון חתם סופר על התורה האָט רבי פישל סופר געשריבן.

רבי פישל סופר פלעגט יעדן פרייטאָג צונאַכטס ברענגען זיינע קינדער צום חתם סופר אין בית המדרש ער זאָל זיי בענטשן. איינמאָל פרייטאָג צונאַכטס האָט ער זיי נישט געברענגט. צומאָרגנס האָט אים דער חתם סופר געפרעגט: "וואו ביסטו געווען ווייס-פישעלע", ווי דער חתם סופר פלעגט אים צומאָל רופן בלשון חיבה.

די לעצטע טעג פאַר דער הסתלקות פון חתם סופר איז רבי פישל געווען צווישן די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די דאָקטוירים און די רפואות. פאַר דער הסתלקות האָט דער חתם סופר געבענטשט די גאַנצע קהילה בכלליות. ווען מ'האָט דעם חתם סופר געזאָגט אַז רבי פישל בעט דער רבי זאָל אים בענטשן האָט דער חתם סופר געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף זיין קאָפּ און אים געבענטשט מיט אַ לאַנגער ברכה. רבי פישל שרייבט אין אַ בריוו (געדרוקט אין ספר בית אפרים): "ולא זכיתי לשמוע ממנו יותר, רק שסיים בתיבת אמן".

אין זיין צוואה שרייבט רבי פישל סופר ווי פאָלגענד: "ונפל בחלקי להיות מיושבי ביהמ"ד בבית מדרשו של אמו"ר רבן של ישראל מאור הגולה זצוק"ל, לא חדלתי ללמוד אצלו כל ימי חיי עד יום הסתלקותו – והייתי מתאבק בעפר רגליו. ובמשך השנים הייתי מזמן לזמן גם תלמידו יחידו, והי' לומד עמי תורה"ק ממקור נאמן, ותמיד הי' מראה לי חיבה יתירה. ואני מאין הפוגות אהלל לה' שזכיתי לשאוב מים מפיו הקדוש, כי כמעט שלא הי' בעולם כולו דור שזכה לרב רבן כרבינו הקדוש והנורא זצ"ל".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**דער פרוזבול אין וויען – "אנא עובדא ידענא שמורי ורבי החסיד (רבי נתן אַדלער) זצ"ל מסר דבריו לפני וחד דעימי, בסוף שנת תקמ"ד הנכנס לתקמ"ה דהיינו סוף שמיטה, וידענא שלא עשה פרוזבול בסוף תקמ"ג, כי לא זזה ידי מתוך ידו ממש" – מזליה חזי אין זיינע הגהות אין שולחן ערוך אויף שמיטה – רבי נתן אַדלער האָט סוכות נישט געלאָזט עולה זיין לוי איינעם וואָס איז נישט נזהר אין חדש – דעם חתם סופר'ס לימוד זכות אויף די וואָס מאַכן נישט קיין פרוזבול**

[פאָרזעצונג פון פריער]

רבי נתן אַדלער'ס באַזוך אין פראַג מיט זיין תלמיד דער חתם סופר אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויץ איז געווען דער הונטערגרונט פאַר די טעמעס וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אין אַ צאָל פון די לעצטע מאמרים: דער שמועס מיט'ן נודע ביהודה וועגן טומאת כהנים, דער קליווער גט, די ספרים פון רבי נתן מאַז, און דעם חתם סופר'ס לעבנסלענגליכע ידידות מיט הגאון רבי דוד דייטש, דער בעל אהל דוד, וואָס איז געוואָרן אָנגעקניפּט בעת יענעם באַזוך אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויץ.

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז רבי נתן אַדלער געווען געצוואונגען איבערצולאָזן באָסקאָוויץ. כ"ח אלול שנת תקמ"ד זענען רבי נתן אַדלער און זיין תלמיד דער חתם סופר אָנגעקומען קיין ניקלסבורג. אָנקומענדיג קיין ניקלסבורג האָט דאָרט פונקט געהאַט אויסגעבראָכן אַ שריפה וואָס האָט פאַרברענט 200 גוי'אישע הייזער. די אידישע הייזער זענען אַלע ניצול געוואָרן פון דער שריפה.

אויף ראש השנה האָבן זיי געפּלאַנט צו פאַרבלייבן אין ניקלסבורג. צוליב דער שריפה האָט מען זיי אָבער נישט ערלויבט צו בלייבן. זענען זיי געפאָרן דעם גאַנצן וועג ביז וויען, וואו זיי זענען פאַרבליבן במשך פון דעם קומענדיגן האַלב יאָר.

איז אינטערעסאַנט וואָס דער חתם סופר שרייבט וועגן דעם טאָג וואָס זיי זענען אָנגעקומען קיין וויען וואָס האָט צו טון מיט דער היינטיגער וואָכיגער פרשה, פרשת ראה.

## דער פרוזבול אין וויען

די מצוה פון שמיטה געפינט זיך צוויי מאָל אין דער תורה. שמיטת קרקעות אין פרשת בהר, און שמיטת כספים אין דער היינטיגער פרשה: ראה. "מקץ שבע שנים תעשה שמיטה. וזה דבר השמטה, שמוט כל בעל משה ידו אשר ישה ברעהו לא יגש את רעהו ואת אחיו כי קרא שמיטה לה'".

סוף בית שני האָט הלל הזקן מתקן געווען די תקנה פון פרוזבול, איינע פון די תקנות מפני תיקון העולם. ווי דער רמב"ם שרייבט דאָס אין הלכות שמיטה ויובל פ"ט הל' ט"ו-י"ח: "כשראה הלל הזקן שנמנעו מלהלוות זה את זה ועוברין על הכתוב בתורה השמר לך פן יהיה דבר וגו' התקין פרוזבול, כדי שלא ישמוט החוב, וילוו זה את זה. ואין פרוזבול מועיל אלא בשמיטת כספים בזמן הזה שהיא מדברי סופרים, אבל שמטה של תורה אין הפרוזבול מועיל בה".

אין דער צייט וואָס שמיטת קרקעות הויבט זיך אָן אָנהויב שמיטה יאָר גייט שמיטת כספים אַריין אין קראַפט ערשט סוף פונעם שמיטה יאָר. די חובות ווערן אַנולירט ערשט ווען ס'ענדיגט זיך דאָס יאָר פון שמיטה.

די גמרא אין ערכין (כח:) לערנט דאָס אַרויס פון דעם פסוק "מקץ שבע שנים תעשה שמיטה" וואָס שטייט אין דער היינטיגער סדרה לגבי שמיטת כספים. דער לשון הרמב"ם: "אין שביעית משמטת כספים אלא בסופה,



**די שטאָט ניקלשבורג [מיקאָלוב] היינט צוטאָגס**



**דאָס אידישע קוואַרטל אין ניקלשבורג מיט 120 יאָר צוריק**

שנאמר מקץ שבע שנים תעשה שמיטה וזה דבר השמיטה, ושם הוא אומר מקץ שבע שנים במועד שנת השמיטה בחג הסוכות, מה שם אחר שבע אף השמטת כספים אחר שבע". (הל' שמיטה ויובל פ"ט ה"ד).

שטעלט זיך די שאלה: ווען דאַרף דער פרוזבול געמאַכט ווערן: ערב ראש השנה פון זיבעטן יאָר – ערב שביעית, וואָס איז סוף פון זעקסטן יאָר – אָדער סוף פונעם שמיטה יאָר, ערב ראש השנה פון מוצאי שביעית?

דער רמב"ן ברענגט אַ תוספתא אַז דער פרוזבול מוז געשריבן ווערן ערב ראש השנה פון זיבעטן יאָר, ערב מוצאי שביעית. אַזוי פסק'עט אויך דער רמב"ם, דער רשב"א און רוב פון די אַנדערע ראשונים. אַזוי איז אויך אָנגענומען להלכה. דער בית יוסף אין חושן משפט (סי' ס"ז אות ל') שרייבט אַז אַזוי איז אויך דער "מנהג פשוט בארץ ישראל וסביבותיה" צו שרייבן דעם פרוזבול ערב ראש השנה פון מוצאי שביעית.

פאַראַן אָבער אויך אַ שיטה פון בעל העיטור און פון ראַ"ש: אַז דער פרוזבול מוז געשריבן ווערן סוף פונעם זעקסטן יאָר, ס'הייסט ערב ראש השנה פון זיבעטן יאָר. אַזוי פסק'עט אויך דער טור. זיי זאָגן אַז כאָטש אין השמיטה משמטת אלא לבסוף, מוז אָבער דער פרוזבול געשריבן ווערן סוף פון זעקסטן יאָר.

דערציילט אונז דער חתם סופר אין אַ תשובה, אַז ווען ער איז מיט זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער אָנגעקומען קיין וויען דעם לעצטן טאָג פונעם שמיטה יאָר פון שנת תקמ"ד, ערב ראש השנה פון שנת תקמ"ה, האָט זיין רבי געמאַכט אַ פרוזבול בעל פה – קיין פאַפּיר האָבן זיי נישט געהאַט אָנקומענדיג אין דער לעצטער מינוט קיין וויען – מיט אים און מיט נאָך איינעם. דאַקעגן אַ יאָר פריער, ערב שביעית, סוף פונעם זעקסטן יאָר, זאָגט דער חתם סופר, ווייסט ער אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין פרוזבול. בלויז דאַן אין וויען, דעם לעצטן טאָג פונעם יאָר האָט ער געמאַכט אַ פרוזבול. מיר ציטירן פון דער תשובה וואָס דער חתם סופר שרייבט צו אַ תלמיד:

"בענין פרוזבול שחשקה נפשו היפה לכתוב פרוזבול ולמסור דבריו בפני, וכתב להיות השנה הזאת שנת תקס"ד שנה שישית להרמ"א ז"ל שפסק (סי' ס"ז) כהנך גאונים, וחשש לשיטת העיטור והרא"ש דאין כותבין פרוזבול משנכנס שנת ז', אנא עובדא ידענא שמורי ורבי החסיד זצ"ל מסר דבריו לפני וחד דעימי בסוף שנת תקמ"ד הנכנס לתקמ"ה דהיינו סוף שמיטה, וידענא שלא עשה פרוזבול בסוף תקמ"ג, כי לא זזה ידי מתוך ידו ממש, לידע כל דרכיו מוצאיו ומובאיו". (שו"ת חת"ס חו"מ סי' נ').

פאַראַן נאָך אַ תשובה וואו ער שרייבט אויך אַז ער מאַכט אַ פרוזבול סוף שמיטה יאָר ווייל אַזוי האָט ער געזען ביי זיינע רבי'ס. אין שו"ת יו"ד סימן י"ט (ד"ה ויען) שרייבט ער: "והשנה הזאת (תקע"ט) היא שנת השמיטה, ואני נוהג לעצמי לעשות פרוזבול ערב ראש השנה ברצות ה', וכן ראיתי רבותי נוחי נפש נוהגים".

געווען וואָס האָבן געוואָלט אָנווייזן אויף אַ לכאורה'דיגער סתירה פון אַן אַנדערער תשובה פון חתם סופר פון וועלכע ס'איז משמע אַז ער האָט געהאַלטן אַז אויך סוף פון זעקסטן יאָר זאָל מען מאַכן אַ פרוזבול.

אין שו"ת או"ח סי' ט"ו (די צווייטע תשובה ט"ו) וואו דער חתם סופר שרייבט וועגן אַ קהילה וואָס דאַוונט נוסח ספרד וועלכע האָט נישט געלאָזט צוגיין צום עמוד איינעם וואָס איז אָנגעטאָן בבגדי צמר. שרייבט דער חתם סופר אַז די וואָס פירן איין אַזעלכע חומרות זאָלן גיכער מחמיר זיין נישט צוצולאָזן צום עמוד איינעם וואָס מאַכט נישט אַ פרוזבול סיי ערב שביעית און סיי מוצאי שביעית. פונקט ווי זיין רבי, רבי נתן אַדלער וואָס האָט אין אַ שמיטה יאָר נישט געלאָזט סוכות עולה זיין אַ לוי וואָס איז נישט נזהר אין חדש:

"ראה זה ראיתי מנהגי מורי הגאון מ' נתן אַדלער זצ"ל שבי"ט של סוכות לא קרא ללוי למי שאוכל חדש כי באותו זמן כבר נקצרו השעורים שהם חדש קודם העומר, והלוי קורין לפניו בי"ט של סוכות ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה עד הביאכם, וזה יברך על התורה ויקרא לפניו מקרא זה, ושוב ישתה שכר ויי"ש ויאכל פתו המחומץ בשמרי שכר שלרוב פוסקים גם בזמן הזה דאורייתא. וכיוצא בזה השתא הכא שנת השמיטה אינם ראוי' לקרות בתורה לא יגוש את רעהו למי שלא עשה פרוזבול ער"ה העבר בכניסת שמיטה, וגם יעשה פרוזבול ער"ה הבע"ל ביציאתו לצאת ידי כל הפוסקים החולקים בזה, עיי' ח"מ סי' ס"ז, כיוצא באלו ראוי' להחסידים לזהר, אבל שלא להתפלל בבגד צמר אין לחוש לדבריו אם לא ישמיעני

ויברר דבריו ויגלה לי סתריו".

שרייבט שוין הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל (געברענגט אין "ליקוטי הערות" דאָרט אויף סימן ט"ו השני) אַז ס'איז קיין שום סתירה. דער חתם סופר באַציט זיך אין דער תשובה צו די וואָס זענען מחמיר לגבי בגדי צמר, וואָס דער חתם סופר זאָגט אַז אָט די חומרא האָט נישט קיין שום מקור אין די פוסקים. אויב מחמיר זיין זאָלן זיי מחמיר זיין לגבי פרוזבול. דאָס האָט דאָך אַ מקור אין די פוסקים וואָס האַלטן אַז מען דאַרף מאַכן אַ פרוזבול פאַר'ן אָנהויב יאָר.

(היינט איז מען זיך נוהג צו שרייבן ערב שביעית לחומרא).

## "יה"ד שיבנה ביהמ"ק בשנת ת"ר הבע"ל"

אויך אין זיינע הגהות אויפ'ן שולחן ערוך (חו"מ סימן ס"ז) דערציילט דער חתם סופר וועגן דעם פרוזבול אין וויען: "בערב ראש השנה שלהי תקמ"ד בהיות יוצק מים ע"י מורי הג' מהו' נתן אַדלער כ"ץ זצ"ל מסר דבריו לפנינו במקום פרוזבול כי היינו על הדרך".

גאָר אינטערעסאַנט זענען די ווערטער מיט וואָס דער חתם סופר פירט אויס זיינע הגהות דאָרט אויפ'ן שולחן ערוך. דער חוט המשולש און אַנדערע האָבן אָנגעוויזן אַז רוח הקודש נזרקה אין זיינע ווערטער. דער חתם סופר פירט אויס ווי פאָלגענד:

"ויהיה שמיטה אי"ה שנת תקפ"ו הבע"ל תקצ"ג, יהי"ר שיבנה ביהמ"ק בשנת ת"ר הבע"ל".

ער רעכנט אויס ווען ס'וועלן אויסגעפאַלן די קומענדיג דריי שמיטה יאָרן. איז מערקווירדיג. ערשטנס: ער רעכנט אויס נאָר ביז שנת ת"ר, דאָס יאָר וואָס ער איז נסתלק געוואָרן, און נישט ווייטער. און צווייטנס: ער שרייבט נישט אַלע דריי שמיטות אין אַ ריי. נאָך תקצ"ג שרייבט ער "יה"ר שיבנה ביהמ"ק בשנת ת"ר". ערשט דערנאָך שרייבט ער דעם פאָלגענדן שמיטה, שנת ת"ר.

שרייבט דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש (עמוד קנה) ווי פאָלגענד:

"והוא ידע מקודם מתי יגיע עתו, וראה מה שכתב בגליון חו"מ שלו וכו' ואולי בכיון הפסיק בין תקצ"ג לת"ר בתפילה יה"ר שיבנה ביהמ"ק, וגם לא עשה חשבון ליותר, כי מזליה חזי שיסתלק בשנה ההיא, ע"כ ביקש שיבנה בית המקדש קודם זמן ההיא".

## צוויי דינים אין שמיטת כספים

דער ראַ"ש (אין מס' גיטין פ' השולח) טוט אויף: דער פסוק וועגן שמיטת כספים היינטיגע וואָך באַשטייט פאַקטיש פון צוויי דינים, ס'הייסט שמיטת כספים באַשטייט פון צוויי דינים. סוף יאָר, מקץ שבע שנים, איז שמוט כל בעל משה ידו, אַלע חובות ווערן אַנולירט און אָפּגעווישט. ווי די גמרא זאָגט אין שביעית משמטת אלא בסופה. אָבער גלייך פון אָנהויב יאָר, זאָגט דער ראַ"ש, איז דאָ אַן אַנדערער איסור, דער לאו פון "לא יגוש את רעהו", דער מלוה טאָר נישט פאָדערן דאָס געלט פון לוה גלייך פון אָנפאַנג יאָר.

פאַראַן אויך נאָך אַ וויכטיגער ראַ"ש בנוגע שמיטת כספים.

די הלכות פון שמיטה און פרוזבול פאַרנעמען איין סימן אין שולחן ערוך: סימן סז אין חושן משפט. דער מחבר ברענגט די שיטה פון רמב"ם: "מדברי סופרים שתהא שמיטת כספים נוהגת בזמן הזה בכל מקום". זאָגט דער רמ"א: "כן הסכמת הפוסקים". דער רמ"א ברענגט אויך אַ יש אומרים – רבי זרחי' הלוי, דער בעל המאור, און נאָך – אַז שמיטת כספים איז נישט נוהג בזמן הזה.

דערציילט אונז ווייטער דער רמ"א אַז במשך פון הונדערטער יאָרן, אויך בזמנו פון רמ"א, האָבן פילע נישט מקפיד געווען אויף שמיטת כספים. "ונראה", זאָגט דער רמ"א, "שעליהם סמכו במדינות אלו שאין נוהגין דין שמיטה כלל בזמן הזה, והמנהג (דער מנהג פון נישט האַלטן שמיטת כספים) היו נוהגין עדיין בזמן הרא"ש בתשובה שהיה צווח ככרוכיא לבטל המנהג ולא אשגחו ביה". דער רמ"א ברענגט אויך פון אַנדערע וואָס ווילן


ב"ה.
כמותב תלתא כחדא הוינא ואתי' לקדמנא הרב הה"ג מו"ה דניאל פרוסטיץ יחי' לאי"ט ראב"ד בקהלתינו, ואמר לפנינו מוסרני לכם דיינים דפק"ק פ"ב שכל חוב שיש לי שנֹאבנו כל זמן שארצה. נעשה פ"ק פ"ב יום ה' כ"ו אלול ת"ר לפ"ק.
הק' אברהם שמואל בנימין בהגמהרמ"ס זצ"ל
הק' זלמן ב"ה משה זצ"ל
הק' שמעון אפ"ה

פרוזבל פון הגאון רבי דניאל פרוסטיץ זצ"ל מיט דער חתימה פון הגה"ק דער כתב סופר זצ"ל

פאַרענטפערן דעם מנהג פון נישט האַלטן שמיטה. דער רמ"א פירט אָבער אויס "ואין לדקדק אחריהם", ווייל שמיטת כספים איז יאָ נוהג בזמן הזה.

דער ראַ"ש צו וועלכן דער רמ"א באַציט זיך איז אַ תשובת הרא"ש (געברענגט אויך דאָרט אין טור) אין וועלכן דער ראַ"ש דערציילט אַז ווען ער האָט געזען ווי מענטשן זענען נישט מקפיד אויף שמיטת כספים איז ער געווען "צווח ככרוכיא" מוחה צו זיין דערקעגן.

"הוי יודע שתמהתי על זה מיום בואי לארץ הזאת, וצווחתי ככרוכיא, ולית דמשגח בי, ואמרו כי כבר נהגו כן בארץ הזאת, וא"א לשנות המנהג. ואמרתי מנהג כזה שהוא לעבור על דברי תורה, ולהוציא ממון שלא כדין – אין לילך אחריו". (רא"ש, כלל עז סי' ד, מובא בשלטי גבורים דף י"ט. ס"ק א).

צום סוף האָט דער ראַ"ש רעזיגנירט פון זיינע פּראָטעסטאַציעס און פון זיינע מחאות. דער ראַ"ש זאָגט אַז וויבאַלד דאָס איז שוין געוואָרן דער

איינגעפירטער אָנגענומענער מנהג, נישט צו האַלטן שמיטת כספים, איז דאָס גלייך ווי דער מלוה וואָלט זיך אויסגענומען אַ תנאי בשעת'ן געבן די הלואה "על מנת שלא תשמטני שביעית", וואָס דאַן מוז דער לוה יאָ באַצאָלן דעם חוב, טראָץ דעם וואָס ס'איז שמיטה.

הגם אין אַלגעמיין קען מען נישט זיין אַ מתנה על מה שכתוב בתורה איז אָבער דער כלל אַז ביי דיני ממונות קען מען זיך יאָ אויסנעמען אַזאַ תנאי און ס'איז תנאו קיים.

פרעגט דער קצות אין קצות החושן אויפ'ן שולחן ערוך סי' ס"ז סק"א: לויט דעם רא"ש אין פרק השולח וואָס זאָגט אַז דער פינאַנציעלער חוב ווערט בטל ערשט סוף פונעם שמיטה יאָר, אין דער צייט וואָס דער לאו פון לא יגש את רעהו איז חל שוין פון אָנפאַנג יאָר, איז דאָך דאָס מער נישט קיין ממונות, נאָר אַן איסור ווי אַלע איסורי תורה, איז עס דאָך יאָ אַ מתנה על מה שכתוב בתורה.

דער קצות לאָזט איבער די אייגנטליכע סתירה אין רא"ש מיט אַ צריך עיון.

## "ומכל מקום לא דפרף אחד על המנהג"

כלל ישראל האָט טאַקע אָנגענומען דעם פסק פון רמ"א מקפיד צו זיין אויף שמיטת כספים, ווי דער חתם סופר פלעגט נוצן די מליצה פון ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א.

וואָס שייך פרוזבול איז עס אינטערעסאַנט: ביז צו אונזער היינטיגן דור האָט דער המון עם אַמאָל אין רוב מדינות נישט מקפיד געווען יעדער יחיד זאָל שרייבן אַ פרוזבול.

נישט בלויז פאַר דער קריג, נאָר במשך פון הונדערטער יאָרן פריער. דער חתם סופר שרייבט דאָס שוין עטליכע מאָל אין זיינע תשובות. אין שו"ת חת"ס חהו"מ סי' קי"ג שרייבט ער: "השתא אין העולם נזהרים ויודעים מזה כלל (פון מאַכן אַ פרוזבול) והצנועים עושים פרוזבול".

אין אַן אַנדערער תשובה זאָגט ער אַז אַ בעל נפש דאַרף חייש זיין און מאַכן אַ פרוזבול. דאָך איז ער מלמד זכות אויף די וואָס מאַכן נישט, ווייל ס'איז שווער משנה צו זיין אַ מנהג אפילו ווען דער מנהג איז אַ קולא:

"קשה מאוד לשבור מנהג ישראל אפילו להקל, וראה כמה הטריח הרא"ש ליישב מנהג קולא בעשיית פרוזבול בזה"ז, ועיין טוח"מ סי' ס"ז, והשנה הזאת היא שנת שמיטה ואני נוהג לעצמי לעשות פרוזבול ערב ר"ה ברצות ה', וכן ראיתי רבותי נוחי נפש נוהגים, ומ"מ לא רפרף א' על המנהג (דעם מנהג נישט צו מאַכן אַ פרוזבול), וכן כמה טרחו ליישב מנהג היתר בחדש לפני עומר והכל ליישב המנהג, ומ"מ בעל נפש יחוש לעצמו, וכן מילי טובא אין למהר לחדש איסור ומכ"ש היתר, כי מנהג ישראל תורה היא, והכלל החדש אסור מן התורה בכל מקום והישן ומיושן משובח ממנו". (שו"ת חת"ס יו"ד סי' י"ט).

אינטערעסאַנט ווי דער חתם סופר נוצט זיין אייגענע מליצה פון "חדש אסור מן התורה" אויך אויף מתיר צו זיין טאַקע חדש פאַר די וואָס זענען זיך נוהג להיתר, כאָטש ער אַליין האָט יאָ מקפיד געווען אויף חדש, איז דאָס נאָר געווען פאַר זיך, נישט פאַר אַנדערע.

אין חידושי חתם סופר אויף מסכת קידושין (דף ל"ז ע"א ד"ה אמנם רוב) שרייבט ער: "רוב עולם המקילים [באיסור חדש] יש להם עמודים גדולי ראשונים לסמוך עליהם אפילו שלא בשעת הדחק, ראה זה מצאתי מה שלא קדמני אדם, הוא הראב"ן... ונ"ל סבירא ליה אינו נוהג בשל גוי, ובחו"ל עכשיו שיד המלכים תקיפה הוה הכל של גוי, וליכא נפקותא בזמן הזה לדינא".

ווייטער שרייבט ער דאָרט אין די חידושים אויף קידושין (ד"ה שיטת הר"ר אברהם): "והנה אחרוני הראשונים ה"ה ליקוטי מהרי"ל ותרומת הדשן שו"ת סימן קצ"א נקטי בשיפולי גלימייהו דהני קדמונים שלא למחות בהנוהגים היתר שיש להם על מי לסמוך ומשמיא אסכימו כי אפילו בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידן והנזהר הרי זה משובח ותבוא עליו ברכה".

דאָס זעלבע שרייבט ער כלפי די וואָס ווילן מחמיר זיין כשיטת הצל"ח לגבי דעם שיעור פון אתרוגים: "וכך יפה לנו שלא להבעית את ישראל בחדשות שלא שערו אבותינו, ומלתי כבר אמורה החדש אסור מן התורה בכל מקום... בהא סלקינן דנראה דהכל לפי הזמן, ואם הגאון הצל"ח אמר להחמיר, מ"מ להורות לאחרים לאסור להו ולבטל נמי ממצות עשה של אתרוג במידי דלא ברירא לן לא נראה לי, דאם אין האיסור ברור כאחותו שהיא אסורה לא נאמרה [שבת קמ"ה ע"ב], והלל אמר הנח להם לישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם." (שו"ת חת"ס או"ח סימן קפ"א).

## פאַרוואָס דעם חתם סופר'ס זין האָבן נישט געלערנט אין דער פרעמד

אין איינעם פון די פריערדיגע אַרטיקלען האָבן מיר געברענגט וואָס הגאון רבי שמואל אליעזר שטערן שליט"א פרעגט אין זיין ספר "סנה בוער באש": פאַרוואָס האָבן דעם חתם סופר'ס זין געלערנט ביי אים אין דער ישיבה אין פרעשבורג און האָבן נישט מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה צו לערנען אין דער פרעמד?

אין די קומענדיגע טעג דאַרף אי"ה ערשיינען אַ נייע מהדורא נרחבת פון דעם מאָנומענטאַלן חיבור "אוצרות חתם סופר" פון ידידינו הגאון רבי משה שלאָמיוק שליט"א אויף ספר בראשית. האָט אונז הרב שלאָמיוק שליט"א געוויזן וויאַזוי ער פאַרענטפערט דאָס אין דעם נייעם חיבור.

דער כתב סופר האָט אין דער יוגנט, און פאַקטיש אויך שפּעטער דאָס גאַנצע לעבן, געליטן פון פאַרשידענע מחלות און איז געווען אַסאַך פאַרשלאַפט. איז ער נישט געווען ביכולת אַוועקצופאָרן אין דער פרעמד.

דערצו איז דער חתם סופר אַליין געווען שטאַרק נישט געזונט ווען דער כתב סופר איז געווען 15-16 יאָר אַלט. ווי מיר האָבן שוין געשריבן איז דער חתם סופר אין שנת תקצ"א אַ גאַנץ יאָר נישט געווען בקו הבריאות, ווי ער שרייבט דאָס אין עטליכע תשובות. דערפאַר האָט ער אָנפאַנג זומער, שוין אין חודש סיון, געמוזט פאָרן קיין פּישטיאַן. אַ יאָר דערנאָך, שנת תקצ"ב, איז די רביצין שרל נפטר געוואָרן. עס האָט דעריבער נישט געקענט קומען אין באַטראַכט אַוועקצושיקן דעם כתב סופר אין דער פרעמד.

שרייבט הגר"מ שלאָמיוק אין נייעם "אוצרות חתם סופר" (השלמות ומילואים, תולדות, דף שמח): "י"ל דידוע רבנו הכתב סופר ז"ל בימי ילדותו היה חולה ל"ע. וגם אח"כ בשנת תקצ"ד כמ"ש מרן בשו"ת חת"ס ח"ז 'ולהיות אין דעתי צלולה בלאו הכי כי בני הרבני מהור"ר אברהם שמואל בנימין נ"י איננו במזג השוה ה' ירפאהו ויחלמהו'. ובשנת תרכ"ו כתב בשו"ת כתב סופר (או"ח סימן כ"ז) 'ואני פה עוסק ברפואות זה כמה שבועות להעלות למיחוש שלי מיהא בעי, ולהשיב נפשי אחרי שהייתי בוויען שנצרכה למקום חתך אָפּעראַציאָן אשר בחמלת ה' עלי גמלני כל טוב' ובשנות תק"צ-תקצ"א היה מרן חולה עד סכנת נפשות כמו שכותב בעצמו בכמה תשובות. והכתב סופר היה אז כבן ט"ו-ט"ז שנים, ובשנת תקצ"ב נפטרה הרבנית שרל זצ"ל, וכמובן שהמצב בביתו של מרן היה קשה מאוד, וגם שהיה מטופל בבנים קטנים, ודי בזה".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר

**דער דעליקאַטער באַלאַנס צווישן שמאל דוחה וימין מקרבת – ציטאַטן וועגן זיין דרך אין הנהגת הישיבה, די קהילה און דעם כלל – זיין פערזענליכע קעגנערשאַפט די ערשטע יאָרן משמש צו זיין ברבנות – "מעשים בכל יום", זאָגט דער חתם סופר די וואָך, אַז מען טרעפט אַן ענטפער צו פראַגעס אין טעגליכן שיעור אָדער אין דער פרשה פון דער וואָך**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## זרוק מרה בתלמידים

"אהובי כבני", "דע לך בני", "תלמידי כבני", "תלמידי האהוב עלי כנפשי" – די און ענליכע טיטלען זענען די אויסדרוקן וואָס ער נוצט אין די פילע תשובות צו זיינע תלמידים. (רבי יוסף שוואַרץ אין "זכרון למשה" האָט אַ גאַנצן קאַפּיטל מיט אויסצוגן פון אַזעלכע תשובות).

זיין איבערגעגעבנקייט און אהבה צו יעדן איינעם פון זיינע תלמידים איז געווען ווי צו אַן אייגן קינד. פונדעסטוועגן, כל זמן זיי האָבן געלערנט אין דער ישיבה, האָט ער מקיים געווען דעם מאמר חז"ל: "זרוק מרה בתלמידים".

זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב שרייבט: "גם לא הראה רוב האהבה לתלמידיו בפניהם והיה יראתם אותו גדולה ופחדו מהדר גאונו, אבל בכל זאת מאוד גדלה אהבתם אליו יותר מאהבת איש את אביו, כי כמים הפנים אל פנים כן לב האדם אל האדם, ונפשם קשורה בנפשו". (חוט המשולש עמוד צ').

אין דעם מבוא צו זיין ספר אויף עניני חושן משפט, מדור "בית אבות", עמוד ב', שרייבט זיין אייניקל דער חתן סופר: "אהבתו לתלמידיו היתה נפלאה עד למאוד, והיה להם אב בממונו במועצות ודעת בכל עניניהם עד להפליא". דער חתן סופר דערציילט דאָרט וואָס עס האָבן פאַר אים מעיד געווען תלמידים פון חתם סופר ווי ער פלעגט זיך אָפּגעבן און זאָרגן נישט בלויז פאַר'ן רוחניות נאָר אויך פאַר'ן גשמיות פון יעדן איינציגן תלמיד, פונעם גרעסטן ביז צום קלענסטן:

"והיה לתימה בעיני כל. אדם הגדול בענקים, אשר בכל יום תילי הלכות ודינים עברו ראשו, וגם עניני מדינות ומדינות ועסקי ופרטי בני אדם עד אין שיעור כולם הניחו על ראש צדיק הדור, וגם אל בחור קטן מקטני חיילו הביט על דבר כזה, והוא להפליא".

## שמאל דוחה וימין מקרבת

דערציילט הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן אין זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר, אין די הערות "רחובות קריה" הערה יח:

"אַ לאַנגיאָריגער תלמיד וואָס האָט במשך פון אַסאַך יאָרן געלערנט ביים חתם סופר האָט דערציילט אַז אַמאָל איז ער אַלס יונגער היציגער בחור געווען פאַרמישט אין אַ ריב לא לו. האָט דער חתם סופר אים געלאָזט רופן. ער האָט אים אָבער נישט גענומען גלייך מוסר'ן. ער האָט מיט אים קודם פאַרפירט אַ שמועס. ס'איז געווען שנת תקצ"ח ווען מען האָט געלערנט די סוגיא פון "תדיר", פאַר שבת שקלים. האָט דער חתם סופר אים אָנגעוויזן אויף אַ תוספות אין דער סוגיא וואָס פאָדערט אַ שטיקל הסבר. ווען ער האָט געזען אַז דער בחור איז נישט צו היימיש אין דער סוגיא האָט דער חתם סופר געמאַכט אַ ווערטל: ווי איך זע לערנט איר תדיר נישט – אָדער ווי רבי יוסף נפתלי ציטירט דאָס בלשון קדשו: "ווי איך זע לערנט איר תדיר ניקס". ערשט דאַן האָט ער אים געזאָגט מוסר איבער דעם אינצידענט צוליב וואָס ער האָט אים געלאָזט רופן. ווי דער בחור האָט שפּעטער דערציילט האָבן די דברי מוסר אים אויפגעטרייסלט און באַרירט עד דכדוכה של נפש".

"דעם פאָלגענדן שבת הגדול נאָך מוסף האָט דער בחור אָפּגעוואַרט דעם חתם סופר ביים אַרויסגאַנג פון שול. דער חתם סופר פלעגט זיין דער לעצטער אַרויסצוגיין פון שול. אין פּאָליש נעבן דעם אָרט וואו דער בחור איז געשטאַנען איז פונקט געלעגן אַ טלית בייטל מיט אַ טלית. ווען דער חתם סופר איז אַריינגעקומען אין פּאָליש האָט ער גלייך געגריסט דעם בחור מיט אַ שמייכל און אַ וואַרימען "גוט שבת", איידער דער בחור האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו זאָגן גוט שבת. דער חתם סופר האָט געוויזן אויפ'ן טלית בייטל און אים געפרעגט: "איזט דער טלית בייטל אייער'ס?" דער בחור איז געוואָרן אינגאַנצן איבערגענומען, פאַרשטייענדיג אַז דער חתם סופר וויל אים מפייס זיין. דער בחור האָט שפּעטער געזאָגט: "איך וואָלט מיך דאַן נישט געטוישט מיט ראָטשילד, פאַר שמחה און נחת רוח".

דוקא צו די בעסטע תלמידים איז ער געווען שטרענג. ווי זיין תלמיד הגאון רבי אברהם שאַג זצ"ל שרייבט, האָט ער מיט זיי מדקדק געווען כחוט השערה. דאַקעגן צו די שוואַכערע, ובפרט די וואָס ער האָט געהאַלטן אַז זיי טויגן נישט, איז ער געווען ווייך און צוגענגליך. אָט איז דער לשון פון רבי אברהם שאַג אין זיין הספד אויפ'ן חתם סופר:

"ומעיד אני שנודע לי כי גם מתלמידיו מי אשר ידע כי תוכו כברו היה מדקדק כחוט השערה, וקשה דבורו אליו כגידים. ואל מי אשר חשב כי טמן בקרבו, היה דבריו רכים אמירה רכה ומדקדק בכבודו למען לא יעוז ברבים להקדיח תבשילו".

הג"ר עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל שרייבט: מ'האָט אַמאָל געפרעגט פון חתם סופר פאַרוואָס ער שרייבט אַזעלכע גאָר שיינע טיטלען אויף אַ געוויסן תלמיד חכם אין זיינע תשובות. האָט דער חתם סופר מגלה סוד געווען אַז ער ווייסט גאַנץ גוט אַז יענער איז היבש סימפּאַטיש צו די משכילים, "ואם לא יקרבהו והיה גם הוא עם הרשעים ברוב תורתו ח"ו, מי יודע מה שיהיה בסוף, על כן עשה כל התפעלות לקרבו". (לב העברי דף ס' ע"א).

## "כ'האָב נאָך קיינעם נישט באַזיגט, דערפאַר האָט קיינער מיך נישט באַזיגט"

ווי זיין תלמיד דער ליקוטי חבר בן חיים שרייבט האָט ער קיינעם נישט מרחק געווען און קיינעם נישט אַרויסגעוויזן קיין כעס, אפילו נישט כלפי די וואָס האָבן זיך צו אים מתחצף געווען. דער חתם סופר פלעגט זאָגן צו זיינע תלמידים: איך האָב נאָך קיינעם נישט באַזיגט, דערפאַר האָט קיינער מיך נישט באַזיגט. "מימי לא נצחתי אדם, ועל ידי זה מימי לא נצחני אדם".

כלפי די וואָס האָבן געמיינט אַז זיי נאַרן אים און שפּיצן אים איבער האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל כאילו ער ווייסט טאַקע נישט און קען זיך נישט אויס מיט זייערע שטיק. ער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: די וואָס מיינען אַז זיי נאַרן אים און שפּיצן אים איבער איז דאָס נאָר ווייל ער וויל אַז זיי זאָלן אַזוי מיינען. ווי עס שרייבט רבי חזקי' פלויט אין ליקוטי חבר בן חיים:

"ולא זה בלבד להראות אהבה להמקשיבים בקול דברי לעשות קול דברי, כי אם גם להמתכחשים, העושים מעשי זמרי ומבקשים שכר כפנחס, גם המה לא יבינו אשר אנחנו בקיאים במעשיהם, והי' מרגלא בפומי' זצוק"ל: אל תסברו כי תוכלו לכחש לי, כי אם ארצה שיעלה על דעתכם ככה".

## "כי זה משה האיש אבינו מאוה"ג זצ"ל איך התנהג לרעות בצאן עמו, לאט לאט ודבריו בנחת ישמעון"

דעם זעלבן באַלאַנסירטן מהלך האָט ער אויך געהאַט אין זיין הנהגת הכלל. שני הפיכים בנושא אחד. כזקן מלא רחמים מיט'ן ציבור ערליכע אידן און כגיבור ואיש מלחמה קעגן די מהרסים און עוקרי הדת.

הג"ר יוסף נפתלי שטערן דריקט דאָס אויס אין אַ מליצות'דיג פּאָעטישער שפּראַך אין זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר:

"בכל מקום אשר דבר דתו מגיע, לא ברעם ולא ברעש לא בחוזק יגיע, בכל מקהלות ישראל שלום ישמיע, שלום שלום יאמר לרחוק מרעהו, מהפך כחומר חותם לב שונאו ויאהבהו, האויבים נעשו אוהבים כי ידבר את האויבים בשער, ואם במקהלות עם לבבות נפרדו, אם אנשי זרוע בחזקה רדו, את אשר ביניהם אליו יגידו, והוא שופט צדק על אשר זדו, יחדיו יהיו תמים כרעים יתאחדו".

אין אגרות סופרים (מכתב ו') איז געדרוקט אַ היסטאָרישער בריוו וואָס דער כתב סופר האָט געשריבן צו אַ געוויסן רב וואָס האָט געהאַט אַ שטייף-האַרטע הנהגה, אַ יד חזקה, ביים פירן זיין קהילה. שילדערט צו אים דער כתב סופר די דרכי הנהגה פון זיין פאָטער מרן החתם סופר. צוליב דעם אינטערעסאַנטן תוכן וואָס רעפלעקטירט אויך דעם מצב אין אַסאַך שטעט און שטעטלעך צו יענער צייט ציטירן מיר עטליכע פּאַראַגראַפן פון דעם בריוו:

"הנה כבר נמצא בספרן של גדולי האחרונים בכמה דברים שא"א להעמיד הכל על ד"ת בעת הזאת, ואנן מה נענה בתרייהו. יתמי דיתמי אנן בדור שהעמיד ה' אותנו לשמור כרמו ולגדור פרצות התורה, בכמה דברים עת לעשות לה' הפרו תורתך, כמה פעמים צריך להעלים עין וכחרש לא ישמע, ולהאטים אזנים, וטוב לשתוק מלומר דבר שלא נשמע, וצריך לשקול בפלס פעמים רבות אם לא יהי' קלקולו יותר על תקונו, ועל כזה אמר החכם אל תצדק הרבה וכו', בפרט במקום שיש לחוש שמתעורר עי"ז מצה ומריבה, וגדול השלום, ובפרט ובכלל אמרו מתון מתון וכו'".

"ולפי הנראה לא כן עמדת אתה האהוב נ"י, כי יראת ה' כיקוד אש תמיד בקרבך וכל מאויי נפשך להגדיל תורה ולחזק בדקי' לבל יפלו חומותי' ולהכות באגרוף מבזי התורה ולומדי' ולהרים קרני' ביתר שאת, עי"כ אין מעצור ברוחך ואין מחסום לפיך, עד שמכלל כעס באת לכלל טעות. אשריך שבאת לידי מדה זו, כי לבך לה' ביתר שאת ועז כנמר וכו' לעשות רצון אביך שבשמים".

"אבל מזקנים אתבונן. הלא ראית לפניך, כי זה משה האיש אבינו מאוה"ג זצ"ל איך הנהיג לרעות בצאן עמו, לאט לאט ודבריו בנחת נשמעים, לא יצא מפיו קללה וקלון בפרט בפרהסיא, ונהפוך הוא, תמיד שיבח עדת ה' ובחכמה הוכיח אותם תוכחה מגולה מאהבה מסותרת, הניכרת לחוץ במשק שפתיו כאשר הורוהו ה' בחכמה ובדעת, אבל לא בא לכלל כעס וטעות, ודברי חכמים בנחת נשמעים".

"גם לא התנהג עצמו בעיני המון בחסידות ופרישות לאמור, גדר גדור בינו וביניהם ואינם ראוי' לצרף עמו, רק שקל הכל במאזני שכלו הזך ובהיר ובחר ברע במיעוטו ומלבו לפומא לא גלה טעמו ונמוקו, ואם כי כולם ידעו והכירו, כי זה משה איש אלקים קדוש הוא וראוי ליטול השם. וגם אנחנו במעט הבנתנו הולכים בדרכיו כפי השגתינו והאפשרות וחפץ ה' הצליח בידינו עד כה, כן יתן ה' וכן יוסיף, וזכות האבות לא יכלה מלהגן בעדינו".

"ועל הכלל כולו אומר, כי בכל ענין טוב שלא להיות מהיר להוציא דיבור קל משפה לחוץ מבלי מושכל והתבוננות תחילה הן או לאו, כי הדבר אשר יצא מפי ראש אין להשיב ובשובו ונחם על העבר יאבד נאמנותו, ואצל המון עם יתחלל השם ותתחולל תפארתו ח"ו, וטוב לומר תמיד אתבונן תחילה, לא אוכל להשיב חיש מהר, ובתוך כך יש עידן וזמן להתיעץ עם אחרים מתוחכמים. והגם כי לא טוב לשמוע לעצת אחרים תמיד, כי רבות מחשבות בלב יועצי עצה, פעם מיעצו שלא בחכמה ופעם לפנים וטובת עצמו (ואין חשוד בר ישראל ליועץ רע בזדון) וצריך תחילה התבוננות עם מי להמתיק סוד, אדם בדוק כשר ומנוסה, ושוב לא ישב בדד ויעשה על דעת אחרים זולת מאחר ששמע דעות יועציו הסמוכים אליו, ישימם בכור הבחינה ויבחנם בשכלו, והטוב יבחר והפסולת ישליך אחריו. ואנו מתפללים בכל יום 'ותקננו בעצה טובה מלפניך וכו' ' ואחר כל זאת הן שלך הן ולאו שלך לאו. וצריך להיות עמוד הברזל ולא רך כקנה הן ולאו רפי' בידי'. אין זה דרך מנהיגי ישראל רב פעלים מקבציאל, אשר נוחה מהם רוח הבריות ורוח הא-ל".

פאַראַן אַ בריוו אין וועלכן דער חתם סופר גופא שרייבט דאָס צו זיין קרוב הג"ר שמעון כ"ץ שאַטין. נאָכדעם וואָס הגר"ש שאַטין איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שאַראָש-פּאַטיק, עצה'ט אים דער חתם סופר וויאַזוי צו פירן די קהילה:

"ישמחהו ה' כאשר שמחני כי הרים ה' קרנו להושיבו על כסא נכון לפניו, ואל ידאג כי ה' עמו גבור חיל... והנה אין הזמנים הללו כמקדמת דנא לנהוג נשיאותו ברמה בעו"ה, כי יד רבנים מטה, ועקבות משיחא קרבין ויאתיון, ע"כ טובה עצת זקני רחבעם אם תהי' עבד לעם הזה, על כן יסביר פנים יפות לכל באי שער עירו, וביותר למבקשים כבוד וגדולה הם מקבלי שוחד ההתפארות והכבוד, על כן נותנים להם כחפצם... יהי ה' עמו ויעלה במות בעל ויתאזר בכל עוז להעמיד תלמידים ולהפיץ מעיינותיו, אך לשם ה' ולא לכבוד עצמו ח"ו, כי אז יצליח ואז ישכיל". (שו"ת ליקוטי מכתבים סימן מ"א, ובהקדמה לדרשות חת"ס "רחובות קריה" אות כ"ג).

## "איך מוזסט איין רב ווערדן"

כידוע האָט דער חתם סופר לכתחילה נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות פּאָסטן. אַלס בחור אין באָסקאָוויץ האָט דער מחצית השקל אים אָנגעטראָגן אַ נגידי'שן שידוך פון ניקלסבורג. דער נגיד איז געווען גרייט אים אויסצוהאַלטן אָבער בתנאי אַז ער וועט אויך אָננעמען אַ רבנות פּאָסטן. דער חתם סופר האָט זיך געטראָפן מיט דעם נגיד פּאַר וועמען ער איז שטאַרק געפעלן. וויבאַלד דער חתם סופר האָט אָבער געהערט אַז יענער פאַרלאַנגט ער זאָל אויך ווערן אַ רב האָט דער חתם סופר מער נישט געוואָלט הערן פון דעם שידוך.

דער מחצית השקל האָט פאַרשטאַנען אַז דער חתם סופר וויל נישט דעם שידוך צוליב דעם תנאי פון אַ רבנות פּאָסטן. האָט דער מחצית השקל אים געזאָגט: "אויף מיר האָט זיך השי"ת געזעצט, איך האָב מיך אָבער אויסגעריסן. אויף אייך ווירד ער זיך זעצן, איר ווירד אייך ניכט אויסרייסן. איר מוסט איין רב ווערדן".

שרייבט דער חוט המשולש אַז ווען דער חתם סופר האָט דאָס מיט יאָרן שפּעטער איבערדערציילט צו זיינע תלמידים אין פּרעשבורג האָט ער זיי געזאָגט: "זעט וואָס דאָס מיינט אַ קיללת צדיק. שפּעטער בין איך טאַקע געצוואונגען געווען אָנצונעמען אַ רבנות פּאָסטן".



ספר "איגרות סופרים" מיט אַ בילד פונעם מוציא לאור הגאון רבי שלמה סופר זצ"ל אבד"ק בערעגסאַז – דפוס וויען-בודאפעסט תרמ"ח

אויך דעם חתם סופר'ס רבי דער בעל הפלאה האָט קודם בשום אופן נישט געוואָלט ווערן קיין רב, ווי ער שרייבט דאָס אין דער הקדמה צום הפלאה אויף מסכת כתובות: "שאין דעתי נוחה לנשיאות ורבנות, כבוד וחשיבות", ווייל "צודות נפשות רבות, לדרכים משובשות, ועינים רמות, יהרסו איש תרומות".

אויך זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל איז כידוע געווען אַ ממאס ברבנות. אפילו ווען ער האָט שוין משמש געווען ברבנות איז זיין גרעסטער באַגער געווען פּטור צו ווערן דערפון. אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער אַז רוב פון זיינע תפילות אין די הייליגע טעג זענען באַפרייט צו ווערן פון דעם עול הרבנות. ער שרייבט דאָרט אויך אַז פאַר פרנסה וואָלט ער גיכער געוואָלט זיין אַ שמש אָדער אַ נאַכט וועכטער און אַ גאַנצן טאָג זיצן און לערנען. אין דעם בריוו שרייבט ער:

"באשר ידוע לכם כי מאסתי בה הרבה, אתה ה' ידעת את כולה, מלבד אימת ההוראה לחסר דעת כמוני בכל עת כאלו גיהנם פתוח תחתי... לפעמים גם קשה בעיני ענין הפרנסה להטיל עול על הציבור על לא דבר בלי יגיע כפיים וליקח מיחידים אשר אולי קצתם נותנים מחמת בושה בלי רצון נפשם. באמונה כי רוב תפילתי בימים הקדושים להוציאני ממסגר אסיר הזה. אף כי אינני יחיד בדבר הזה אעפ"כ מסתמא הגדולים טעמם ונימוקם עמם ואנכי לא מצאתי מרגוע לנפשי כלל וכלל, גם זוגתי הצדקת נשמתה בג"ע הסכימה עמי בדבר הזה והוסכם בינינו אם יזכני ה' ונגדל בנינו להשיאם אזי נשב במנוחה בפת חריבה ומים לחץ ולעבוד את ה'. פעמים רבים אמרתי לעמיתי הרב מו"ה ישראל ווערשנר נ"י ולבני ר' אברהם כי לדעתי בוחר אנכי יותר להיות שמש בבית הכנסת או שומר לילה להתפרנס מיגיע כף וללמוד רוב היום".

דער חתם סופר האָט מתחילה אויך נישט געוואָלט זיינע זין און איידימער זאָלן ווערן רבנים. דערפאַר האָט ער בדרך כלל געטאָן נגידי'שע שידוכים, צו ערמעגליכן פאַר זיינע קינדער צו קענען זיצן און לערנען אָן צו מוזן אָננעמען רבנות פּאָסטנס.

הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל האָט אַסאַך יאָרן מסרב געווען אָנצונעמען רבנות שטעלעס אין גרויסע שטעט. אין דער הקדמה צו דרשות "מכתב סופר" איז געדרוקט אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו זיין שוואָגער הגאון

רבי זלמן שפּיצער זצ״ל אין וועלכן ער דערציילט וויאַזוי ער האָט יאָרן לאַנג נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות.

״ה׳ היודע תעלומות לב יודע צערי כשאני רואה בעו״ה עולם הפוך, עליונים למטה תלמידי חכמים וצדיקים הראויים למלל גבורות ה׳ להשמיע כל תהלתו, כגון רב מרא דכולא תלמודא הר׳ משה ברעזאווא (דער מהר״ם שיק זצ״ל, וועלכער איז דאַן געווען רב אין דעם שטעטל יערגן) וכיוצא בו יושבים בקהילות קטנות במצור ובמצוק, וצעירים ירקדו בקהלות גדולות... ואני אודה לה׳ חסדו אשר עד כה עזרני לעמוד בנסיון זה כמה פעמים, בק״ק סוליש, בק״ק סערדאַהעל, וק״ק יאָרמוט, וק״ק פּאָפּא, וק״ק ניקאַלסבורג, לא פניתי אל רהבים ושטי כזב ושקר בנפשי לא עשיתי, על כבוד שמים ולא על כבודי חסתי, מפני ההוראה כמפני חרב נסתי, ובכבוד המדומה מאסתי, לכולם אמרתי קושט דברי אמת ומעגלי יושר וצדק פלסתי, ואם הם בכל זאת הפצירו בי ובקשו להעבירני על דעתי, ה׳ הטוב המסבב כל הסיבות הסיב הדברים לטובתי, והיתה תפילתי תמיד בעד קהילות הללו שיקים להם ה׳ רועה נאמן ואל ימשלו בם רשעים בסיבתי, אכן הקשיב ה׳ שמע בקול תפילתי, ועדיין אני עומד בתפלה בעד ק״ק נ״ש והמדינה אנא ה׳ שמע תפילתי ושועתי האזינה״.

נאָך זיין חתונה אין שנת תקצ״ח האָט רבי שמעון סופר געוואוינט נעבן חתם סופר אין פּרעשבורג. נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר האָט ער במשך פון צוויי יאָר זיך אָפּגעגעבן מיט׳ן דרוקן די תשובות חתם סופר. צוויי יאָר שפּעטער, אין שנת תר״ב, האָט ער זיך געצויגן קיין קראָקע וואו ס׳האָט געוואוינט זיין שווער הרבני הנגיד רבי דוב בער שטערנבערג. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט ער אָנגענומען דאָס רבנות אין מאַטערסדאָרף, די שטאָט וואו דער חתם סופר איז מיט יאָרן פריער געווען רב.

דעם בריוו צו זיין שוואָגער רבי זלמן שפּיצער האָט ער געשריבן שוין זייענדיג 18 יאָר רב אין מאַטערסדאָרף. גרויסע און חשוב׳ע שטעט האָבן אים אָנגעבאָטן דאָס רבנות און ער האָט אַלע אָפּגעוואָרפן. דעם בריוו האָט ער געשריבן נאָכדעם וואָס די עיר ואם בישראל קראָקע אין גאַליציע האָט במשך פון דריי יאָר געלייגט גרויס דרוק אויף אים אָנצונעמען דאָס רבנות אין זייער שטאָט.

ווי ער דערציילט שפּעטער אין אַ בריוו צו זיין ברודער דער כתב סופר (אגרות סופרים מכתב י״ח) האָט ער צום סוף אָנגענומען דאָס רבנות אין קראָקע נאָכדעם וואָס זיי האָבן געדראָעט אַז בלית ברירה וועלן זיי אויפנעמען אַ מער מאָדערנעם רב: ״ותלונתם חזקה עלי שיהיו מוכרחים חלילה להושיב זר אחד מהחדשים על כסא הרבנות, ויהיה ח״ו פריץ המחלל קדושת המקום״.

צוליב דער זעלבער סיבה האָבן די קינדער, אייניקלעך און תלמידים פון חתם סופר עווענטועל אָנגענומען רבנות פּאָסטנס. הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער שרייבט אין לב העברי (דף ל״ג ע״ב): ״שמעתי בשם מרן רבנו ז״ל, שאמר כן בפירוש, שבדור הזה מצוה על יראי אלוקים להדר על רבנות טרם יבואו הריקים והפריצים, וכן עשה מעשה אצל כמה מתלמידיו היראים״.

דעם חתם סופר׳ס אייניקל דער חתן סופר אין אַ בריוו צו זיין פעטער הגאון רבי נחמי׳ קאָרניצער, בעט אים אָנצונעמען אַ רבנות פּאָסטן, זאָגנדיג אַז היות דער חתם סופר האָט געלאָזט צוואה צו זיינע קינדער און אייניקלעך זיי זאָלן מרביץ תורה זיין ״ובזמן הזה קשה לקיים זאת מבלי לשבת על כסא הרבנות״. אין אונגאַרן האָט כמעט יעדער רב געהאַט אַ ישיבה און געלערנט מיט בחורים.

## די סייעתא דשמיא פון אַ רב ומו״צ

דאָס פּלאַץ ערלויבט נישט צו ציטירן פון די פילע תורות און תשובות אין וועלכע דער חתם סופר ווידערהאָלט אַז וויבאַלד אַ קהילה איז ממנה אַן ערליכן רב האָט ער באַזונדערע סייעתא דשמיא. אפילו אַ מנהיג פון דער קלענסטער קהילה קען נישט פירן בלי עזר אלוקי. ״ואי אפשר עפ״י טבע שישא שום מנהיג אפילו בקהילה קטנה שישא לבדו בלי עזר האלוקי״. (תורת משה דברים דף ב׳).

אַ ביישפּיל פון אַזאַ סייעתא דשמיא ברענגט ער אין אַ תשובה אין יורה דעה (סי׳ צ״ד). פּאַר אַ דיין אין פראַנקפורט האָט מען אַמאָל געברענגט אַ שאלה וועגן אַ תרנגולת וואָס איז אַריינגעפלויגן אין אַ טאָפּ פּוטער וואָס האָט זיך געקאָכט אויפ׳ן אויוון. דאָס הינדל איז געשטאָרבן אינם טאָפּ פּוטער. ״והורה גאון אחד ומהולל מאוד שאסור החמאה אף לגויים. ושפכוה בחוצות. ולבסוף הזכירוהו שבשר עוף בחלב מותר בהנאה. ובתוך כדי דבור השיב הגאון זצ״ל, דאה״נ בהנאה מותרת, ולמוכרה לגוי אסורה משום בליעת אבר מן החי דאסור לבני נח״.

זאָגט דער חתם סופר אַז ווען דער גאון האָט לכתחילה געזאָגט אַז ס׳איז אסור אויך פאַר אַ גוי האָט ער געטראַכט פון בשר בחלב, נישט פון אבר מן החי. וואָס איז טאַקע געווען אַ טעות, ווייל בשר בחלב איז מותר בהנאה. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט סייעתא דשמיא ער זאָל אויפ׳ן פּלאַץ כאַפּן אַז ס׳איז אסור צוליב אבר מן החי. ״והי׳ נראה לעין כל דתחילת ההוראה לא הי׳ מטעם אבר מן החי, וכשגגה יצאה מלפני השליט, אך לא יאונה לצדיק כל און הזמין לו השי״ת תירוץ לשזבי׳ מכיסופא״.

דערמיט טייטשט דער חתם סופר דעם פסוק היינטיגע וואָך: שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה׳ אלקיך בו״. מיר ברענגען דעם אויספיר: ״ואמר כאן שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה׳ אלקיך, ולא תאמר מה יושיענו זה, דכיון דבחר בו הקב״ה א״כ יתן ה׳ רוחו עליו״.

## והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו

אויפ׳ן פסוק פון היינטיגע וואָך ״והיה כשבתו על כסא ממלכתו וכתב לו את משנה התורה וגו׳ והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו״, זאָגט דער חתם סופר, אַז דאָס אַז אפילו היינטיגע צייטן ווען ס׳איז נישטאָ קיין נבואה און קיין אורים ותומים קען מען אויך אַלצדינג טרעפן אין דער תורה איז נאָך נישט אַזאַ גרויסער חידוש. מער פלא איז וואָס פיל מאָל קען מען טרעפן אַן ענטפער – אין דער פרשה פון דער וואָך אָדער אין טעגליכן שיעור:

״אבל יותר נפלא כי כמה פעמים בדרך שעשועי דאורייתא בלא כוונת מתכוון מוצא בשיעורא דיומא או בפרשת השבוע מעין המאורע שלו. והגאון חוות יאיר כשהרהר איך יקרא שם ספרו ושמו היה יאיר, וזקנתו שגדלתן שמה חוה, וקראוהו לתורה וקראו לפניו ויקרא אותם חוות יאיר עד היום הזה... וכיוצא בזה מעשים בכל יום... כי רוח אלקים דיבר בעוסקי תורה לשמה הזוכים לדברים הרבה״. (חתם סופר על התורה עמוד קנ״ז ד״ה גם, שנת תקמ״ז).

[המשך קומט אי״ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר

**בליצן פון זיינע דערהויבענע געדאַנקען און אָריגינעל יסודות'דיגע רעיונות – נאָטיצן, ידיעות און עפּיזאָדן – אויף די עלטערע יאָרן דערציילן די קינדער די טובות פון לעבן – משה רבינו האָט נישט געמעגט מחדש זיין חידושי תורה – וויאַזוי האָבן די אנשי כנסת הגדולה געקוילעט דעם יצר הרע – ווער איז געווען דער גאַסט-געבער ביי קמצא ובר קמצא – ווער האָט געגעבן דעם נאָמען "חתם סופר" – רבנים זענען די וואָס באַשטימען די אינטערנאַציאָנאַלע גרעניצן – דער ראַדאָמסקער רבי לייגט די קוויטלעך אין חתם סופר**



[פאָרזעצונג פון פריער]

אין עטליכע קומענדיגע מאמרים וועלן מיר בעזר השם ברענגען טראָפּנס פון דעם גרויסן ים הגדול, די מים שאין להם סוף, פון אָריגינעלע יסודות און אייגנאַרטיגע בליציגע רעיונות, פון מרן החתם סופר זצ"ל.

מיר וועלן אויך נאָטירן אַ שלל מיט קורצערע פּיקאַנטע און וויכטיגע ידיעות, עפּיזאָדן און געשעענישן, טייל באַקאַנטע און אַ גרויסער טייל נישט גענוג באַקאַנטע, וואָס קענען פאַרצייכנט ווערן אין געציילטע שורות.

## דערציילן די קינדער די טובות וואָס דער רבונו של עולם האָט דאָס גאַנצע לעבן געטאָן מיט'ן מענטש

ווען אַ מענטש ווערט עלטער און קוקט אויף צוריק, און זעט אין רעטראָספּעקט די אַלע טובות וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט אים געטאָן דאָס גאַנצע לעבן, זאָגט דער חתם סופר, דאַרף ער דאָס איבערגעבן און דערציילן צו זיינע קינדער.

ער ברענגט דעם טייטש פון פרשת דרכים אויפ'ן פסוק "לעושה נפלאות גדולות לבדו". אַנדערש ווי אָפענע ניסים, ווי קריעת ים סוף, זענען פאַראַן ניסים נסתרים, ווי די ניסים פון פורים, וואָס פּאַסירן כסדר מיט יעדן מענטש וואָס בשעת מעשה איז אין בעל הנס מכיר בניסו. דער רבונו של עולם טוט מיט יעדן נפלאות וואָס דער מענטש אַליין ווייסט אפילו נישט דערפון. נאָר דער רבונו של עולם ווייסט דערפון. לעושה נפלאות גדולות "לבדו".

מוז יעדער מענטש, זאָגט דער חתם סופר, קוקן אויף צוריק און באַטראַכטן וויאַזוי דער רבונו של עולם האָט אלץ געפירט צום גוטן. ער דאַרף דאָס דערציילן פאַר זיינע קינדער, כדי אויך זיי זאָלן גוט אַריינטראַכטן, באַמערקן און אַנערקענען די טובות וואָס דער אויבערשטער טוט מיט זיי.

"ומכל מקום מצוה על כל אדם באחרית ימיו לבחון כל אשר עשה ה' עמו מראשית צמיחתו עד אחריתו, ואיך נתגלגלו סבה וענינים, ולספרם לבניו אחריו, גם הם יבחנו ויכירו מעשה ה' הגדול אשר יעשה עמהם".

דערמיט טייטשט ער דעם פסוק "אבוא בגבורות ה' אלוקים אזכיר צדקתך לבדך". בשעת מעשה ווייסט דערפון בלויז דער רבונו של עולם. צדקתך לבדך. בעט מען אַז "וגם עד זקנה ושיבה אל תעזבני עד אגיד זרועך לדור לכל יבוא גבורתך", דער אויבערשטער זאָל נישט פאַרלאָזן דעם מענטש כדי ער זאָל קענען דערציילן די חסדים פאַר די קומענדיגע דורות. עד אגיד זרועך לדור, לכל יבוא גבורתיך. (דרשות חת"ס דף ל"ב ע"א, ח"א דף תצה אין נייעם דרוק. זע אויך תורת משה האזינו).

## משה רבינו האָט נישט געמעגט מחדש זיין קיין חידושי תורה

כאָטש חכמי ישראל אין אַלע דורות קענען מחדש זיין חידושי תורה, ס'ווערט פאַררעכנט ווי תורת אמת, זאָגט דער חתם סופר אַז דווקא משה רבינו איז נישט געווען ערלויבט מחדש צו זיין חידושי תורה. פאַרוואָס נישט? ווייל ער האָט געקענט פרעגן מפי הגבורה. "עמדו ואשמעה מה

יצוה ה' לכם". (דרשות חתם סופר ח"א לפרשת וילך שובה דף כד).

ער זאָגט דאָס אויך אין חתם סופר על התורה (עמ' קמ"ג): "דמשה רבינו ע"ה לא היה לו אותו כח שיש ביד נביאים וחכמי הדורות, אם נסתפק להם הדבר, הם מוצאים בשכלם וברוח ה' אשר בקרבם. שאם לא כן כשבאו בנות צלפחד, או אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם ולא יכלו לעשות הפסח, היה מוציא הדין על פי שכלו מרמזי התורה, או מי"ג מידות וכדומה. אך משה רבינו ע"ה לא היה לו אותו הכח, כיון שהיה יכול לשאול פי הקב"ה בכל זמן ועידן, הוה ליה כמורה הלכה בפני רבו. על כן אמר 'עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם', ובבנות צלפחד 'ויקרב משה את משפטן לפני ה'".

## משה רבינו האָט מתקן געווען קנין משיכה

דבר תורה, זאָגט רבי יוחנן, איז מעות קונות. מן התורה איז מען קונה מטלטלין מיט געלט. די חכמים האָבן אָבער מתקן געווען משיכה. נאָר דורך משיכה איז מען קונה מטלטלין. (גזירה שמא יאמר לו נשרפו חיטיך בעליה). זאָגט דער חתם סופר אַז משה רבינו איז עס געווען דער וואָס האָט מתקן געווען קנין משיכה. (תורת משה על התורה און חתם סופר על התורה פרשת חוקת)

## וויאַזוי האָבן די אנשי כנסת הגדולה אומגעבדרענגט יצרא עבודה זרה? דורך איינפירן צו דאַווענען 3 מאָל אַ טאָג

די אנשי כנסת הגדולה, זאָגט די גמרא אין יומא (ס"ט ע"ב), האָבן אומגעבראַכט דעם יצר הרע פון עבודה זרה. וויאַזוי האָבן זיי דאָס באַוויזן?

זאָגט דער חתם סופר אַז זיי האָבן דאָס געטאָן דורך מתקן זיין דעם נוסח התפילה און דעם חיוב צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג.

פאַר דעם, בזמן פון ערשטן בית המקדש, זענען אידן בלויז דריי מאָל אַ יאָר זיך צונויפגעקומען דינען דעם אויבערשטן – ווען זיי האָבן אין די שלש רגלים עולה רגל געווען צום בית המקדש. אַ גאַנץ יאָר זענען זיי קיינמאָל נישט צוזאַמענקומען דינען דעם אויבערשטן.

דאַקעגן האָבן זיי געזען ווי די אמוריים און די אַנדערע אַרומיגע פעלקער קומען זיך כסדר צונויף, יעדן טאָג אָדער יעדע וואָך, צו בעטן און דינען זייערע עבודה זרות. האָט דאָס אַפּעלירט צו זיי. זענען אידן בזמן הבית ראשון אויך געוואָרן עובדי עבודה זרה.

האָבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען דאָס דאַווענען, דעם נוסח התפילה און דעם חיוב פון דאַווענען, און דאַווענען מיט מנין דריי מאָל אַ טאָג. (כאָטש די מצוה פון תפילה איז אַ דאורייתא איז דאָס לויט'ן רמב"ן נאָר אין אַן עת צרה און לויט'ן רמב"ם וועלכער האַלט אַז דער חיוב תפילה איז יעדן טאָג איז מדאורייתא גענוג אַ קורצע תפילה. דער נוסח התפילה און דאָס דאַווענען 3 מאָל אַ טאָג איז נתקן געוואָרן דורך די אנשי כנסת הגדולה).

נאָכדעם וואָס די אנשי הכנסת הגדולה האָבן דאָס מתקן געווען האָבן אידן גענומען בויען בתי מדרשים וואו זיי זענען זיך צונויפגעקומען מתפלל זיין און דינען דעם אויבערשטן. איז קיינעם מער נישט איינגעפאַלן צו דינען עבודה זרה. (דרשות חתם סופר דף כ"ו).

אָט איז וויאַזוי זיין תלמיד דער לקוטי חבר בן חיים ברענגט דעם געדאַנק אין נאָמען פון חתם סופר: "מה דקטלו אנשי כנסת הגדולה ליצרא דעבודה זרה הכוונה, כי מה שישראל עבדו עבודה זרה בבית ראשון הגיע על ידי שלא ידעו מלהתפלל כי אם בבית ה' שלש פעמים בשנה, ואם אירע לאיש צרה וצוקה באמצע השנה בביתו לא ידע אל מי לפנות, זולתי יחידי סגולה כדוד המלך ע"ה שאמר ערב ובוקר וצהרים אשיחה, וגלל כן טעו ואמרו כי השי"י גבוה מעל גבוה ואין לבא לפניו כי אם ג' פעמים בשנה, ובכל עת אם יבקש האדם בקשה יבקשנה ממשמשי ה' צבא המרום. ולעומת זה תקנו אנשי כנסת הגדולה תפלה ג' פעמים בכל יום בכל מקום שהוא נמצא, כי ידעו כי אדרבא השי"י קרוב לכל קוראיו הן בבית הן בשדה הן ביער הן בבקעה, ולא כעבודה זרה שצריכה להיות מול פניו, ועל ידי תקנה זאת בטל יצרא דעבודה זרה". (לקוחב"ח ח"ד עמ' י"א).

## פון די עקרי האמונה: וואַרטן געדולדיג אויף דער גאולה

די בני אפרים זענען געווען אומגעדולדיג. "נושקי רומי קשת הפכו ביום קרב". האָבן זיך באַוואָפנט מיט געווער און נישט געוואָלט אויסוואַרטן גאולת מצרים.

דאָס איז איינס פון די ענינים, זאָגט דער חתם סופר, וואָס מען לערנט די קינדער פסח ביינאַכט: וואַרטן אויף שולחן עורך ביז'ן ענדיגן די עבודה פון סדר.

דער רשע האָט נישט קיין געדולד. פרעגט ער "מה העבודה הזאת לכם". וואָס איז דאָס גרויסע אריכות. ענטפערט מען אים "בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים", צוליב דעם געדולד, דאָס אויסוואַרטן די גאולה און נישט דוחה זיין דעם קץ, איז ערמעגליכט געוואָרן די גאולה. אילו היה שם לא היה נגאל, זאָגט דער חתם סופר, ווייל ער וואָלט נישט אויסגעוואַרט די גאולה נאָר וואָלט אַרויס פאַר דער צייט מיט די בני אפרים. (דרשות חתם סופר לפסח, ח"ב דף רנ"ח).

## ווער איז געווען דער בעל הסעודה ביי דער מעשה פון קמצא ובר קמצא?

אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים (גיטין נה:). ווער איז עס געווען דער באַלעבאָס פון דער סעודה וואָס זיין פריינט איז געווען קמצא און זיין פיינט איז געווען בר קמצא? דאָס זאָגט נישט די גמרא.

זאָגט דער חתם סופר "לבי אומר לי", אַז דער גאַסט-געבער איז געווען איינער פון די באַרימטע גדולי ישראל. דערפאַר טאַקע ווערט זיין נאָמען נישט דערמאַנט.

"לבי אומר לי שבעל הסעודה היה אחד מגדולי ישראל המפורסמים, ולכן לא הוזכר כאן כלל מי הוא. וכן נראה, הואיל וחכמי ישראל היו מסובין במסיבתו, ומיקירי ירושלים לא היו מסובים אלא אם כן ידעו מי מיסב עמהם". (דרשות חתם סופר ח"ג עמ' קט' ד"ה אקמצא).

[דער חתם סופר גיט צו: "ומטעם זה נראה שאמר מדיתבו רבנן ולא מחו ש"מ ניחא לרבנן. פירוש, שחשדם שמפני שהחכמים לא רצו לישב עמו, על כן הוציאו מביתו". ידידנו הרה"ג ר' הירצקא גרינפעלד שליט"א זאָגט נאָך אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט: פאַרוואָס טאַקע האָבן די חכמים נישט מוחה געווען? די אסיפה איז פאַררופן געוואָרן דורך די גדולי הדור וועלכע האָבן געזוכט צו שליכטן דעם קאָנפליקט מיט די רומיים אויף אַ פרידליכן אופן. האָבן זיי נישט געקענט ערלויבן אַז איינער פון די מיליטאַנטן און נישט ערליכע עלעמענטן זאָל אָנוועזנד זיין ביי דער אסיפה. דערפאַר איז די אסיפה גערופן געוואָרן דיסקרעט אין הויז פון איינעם פון די גרעסטע גדולי ישראל, ווי עס זאָגט דער חתם סופר. פונדעסטוועגן איז דאָס מבזה זיין פני חבירו און אַרויסוואַרפן בר קמצא'ן נישט געווען באַרעכטיגט].

## דער נאָמען "חתם סופר"

דעם נאָמען "חתם סופר" האָט אָפיציעל געגעבן זיין זון הגאון רבי שמעון סופר, וועלכער איז געווען דער ערשטער מסדר צו זיין צום דרוק די תורות און די תשובות פון חתם סופר. ער איז אָבער נישט געווען דער וואָס האָט ממציא געווען דעם נאָמען.

רבי שמעון סופר האָט דערציילט אַז זיין טאַטע דער חתם סופר האָט אים געזאָגט אַז נאָך אַלס קינד האָבן ער און זיינע חברים אָנגעשריבן העפטן מיט זייערע חידושים. האָט ער דאַן אַלס קינד אַ נאָמען געגעבן זיין קונטרס חתם סופר, ווייל חת"ם איז די ראשי תיבות פון ח'ידושי ת'ורת מ'שה סופר. (מסתמא גענומען פונעם לשון הגמרא אין גיטין וועגן אַ סופר וואָס חתמ'עט אויפ'ן גט).

הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן איז געווען אַן איידעם ביי רבי שמעון סופר'ס זון, הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר. שרייבט רבי יוסף נפתלי אין "קרית ספר", זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר: "וכבוד בנו מורי חמי הרב מוהרש"א סופר ז"ל כתב לי במכתב א' וז"ל: ע"ד קריאת שם חתם סופר, תוכל להזכיר בהקדמה שלך שאאמו"ר זצ"ל סידר התשובות וקרא להם שם חתם סופר, ואמר שכך שמע ממרן אביו החתם סופר ז"ל כשהיה ינוקא וחבריו היו ג"כ בשעשועי ילדים מחברים להם ספרים שכתבו מה שחידשו, וכל אחד התאמץ למצא לספרו שם הנאה לו, ואני קראתי את ספרי חת"ם סופר, נוטריקון ח'ידושי ת'ורת מ'שה, עכ"ל".

רבי יוסף נפתלי שרייבט אַז אין זיינע כתב יד'ן דערמאַנט דער חתם סופר נעמען פון קונטרסים וואָס ער האָט געשריבן בימי חורפו ווי "תקון סופרים", "ראשון לציון", "לוית חן", "קנה חכמה", "קנה בינה", "כבוד ה'", און "קונטרס קמ"ח". שפּעטער האָט ער מער נישט געגעבן קיין ספּעציעלע נעמען פאַר יעדן קונטרס באַזונדער נאָר האָט זיי גערופן מיט'ן שם הכולל חת"ם סופר.

אין חידושי חתם סופר אויף סימן קי"ז אין שו"ע יו"ד, געשריבן אין שנת תקנ"ט, שרייבט ער: "ויש לנו בזה אריכות בענין קריעת ים סוף לסתום פי דוברי שקר, ואכתוב בזה בחבורינו חת"ם סופר אי"ה".

## ווער באַשטימט אינטערנאַציאָנאַלע גרעניצן?

די גרעניצן פון לענדער אין אייראָפּע זענען קיינמאָל נישט געווען פּערמאַנענט. מער ווי דאָס: די סאָוועריניטעט און זעלבסטשטענדיגקייט פון גאַנצע מדינות איז נישט געווען קיין קביעות. גאַליציע למשל האָט באַלאַנגט צו פּוילן – און פּוילן האָט במשך הונדערטער יאָרן פּאַקטיש באַלאַנגט צו רוסלאַנד – און שפּעטער האָט גאַליציע באַלאַנגט צו עסטרייך-אונגאַרן. זיבענבערגן האָט באַלאַנגט צו אונגאַרן און דאַן צו רומעניע. דאָס זעלבע מיט אַנדערע שטעט, ראַיאָנען און מדינות.


ספר
חתם סופר
חלק
יורה דעה
ואת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל
תשובות שאלות
את הכל עשה יפה בעתו
Chasom Sopher.
פרעסבורג,
Pressburg 1841.

שער בלאַט פון ערשטן דרוק פון חתם סופר

שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי דאַרפן אידן פסק'ען ווען עס קומט צו שאלות ווי אַ היתר מאה רבנים, וואו דער היתר מוז קומען פון רבנים אין לכל הפחות דריי באַזונדערע לענדער. ווער באַשטימט דאָס די גרעניצן פון לענדער: זענען עס די קאַפּריזן פון דיקטאַטאָרן וואָס באַשטימען וואו און וואָס עס זענען די גרעניצן פון לענדער און צו וועמען יעדעס לאַנד אָדער פּראָווינץ באַלאַנגט?

זאָגט דער חתם סופר אַז די רבנים זענען עס די וואָס זענען קובע די גבולות לגבי אַ היתר מאה רבנים.

"והנה מה שפרט כגון אַרגאָן, לומברדיא וצרפת, שהם ג' מלכיות ממש, לומברדיא באיטליי תחת ממשלת הקיר"ה (עסטרייך-אונגאַרן), אַרגאָן בשפּאַניע, וצרפת ידוע. מ"מ נ"ל אם ע"י מלחמות נכנסו שלשתן תחת ממשלת אחד, ועתידה אדום שתפשוט מלכותה ט' חדשים על כל העולם כולו (יומא י' ע"א) לא מפני זה יגרע כח הרבנים ההמה להסכים בהיתר הנ"ל, כי אין המלך גורם אלא שיווי דעות אנשי מדינה, ורוב אנשי מדינה נמשכים אחר רבני מדינה ההוא ודיעותיהם, וא"כ במדינתינו כגון מלכות פולין גאַליציא ומלכות הגר ומלכות אוסטרייך, אעפ"י ששלושתן תחת ממשלת הקיר"ה, מ"מ לשלשה יחשבו, וכן נוהגין". (שו"ת חת"ס חאה"ע סימן ד').

## פלעגט נישט קוקן אין ספרים פון מחברים בני דורו אָדער פון אַ דור פריער

ער פלעגט נישט לערנען אין ספרים פון מחברים פון זיין דור אָדער אפילו פון אַ דור פריער. נאָר ספרים פון די ראשונים און פון די ערשטע אחרונים. חוץ די ספרים פון אַזעלכע אחרונים ווי דער נודע ביהודה, דער פני יהושע, דער רבי ר' יונתן און פון זיין רבי'ן דער בעל הפלאה. זיי, פלעגט ער זאָגן, זענען נישט קיין אחרונים, זיי זענען ראשונים. טאָמער האָט מען אים אָבער נאָכגעזאָגט עפּעס פון אַ דעמאָלטדיגן היינטצייטיגן מחבר אָדער פון אַ דור פריער פלעגט ער עס נאָכקוקן אין זייערע ספרים.

אַזוי שרייבט זיין תלמיד הגאון רבי אהרן דוד דייטש זצ"ל אב"ד באַלאַש יאַרמאַט דער בעל גורן דוד: "אך באמת אני יודע שלא היה רגיל בספרי גאונים מחברים בזמנו או דור שלפניו, ורק בספרי נודע ביהודה ותומים והפלאה ופני יהושע. אמר שאלו לא יחשבו בכלל האחרונים רק המה ראשונים. אך כשהיו מזכירים לפניו דברי המחברים היה מעיין בדבריהם". (גורן דוד ח"ב סימן מ"ח).

## דער פני יהושע און דער רבי ר' יונתן האָבן שוין שלום געמאַכט במתיבתא דרקיע

כאָטש דער חתם סופר האָט ווי געזאָגט געהאַט אין שטוב די ספרים פון פני יהושע און פון רבי ר' יונתן האָט ער במשך פון יאָרן נישט געלאָזט

זייערע ספרים ליגן אין ספרים שראַנק איינס נעבן צווייטן, צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געלעבט בשלום בעת דער מחלוקה צווישן יעב"ץ און רבי יונתן.

האָט דערציילט הגאון רבי דוב יעקב פרישמאַן זצ"ל, רב אין קאַרלבוג, וועלכער האָט צען יאָר געלערנט ביים חתם סופר, אַז אַמאָל האָט דער הויז בחור באַמערקט ווי דער חתם סופר שטעלט זייערע ספרים איינער נעבן צווייטן. ווען ער האָט געפרעגט מה יום מיומיים האָט אים דער חתם סופר געענטפערט "עבדו רבנו שלמא בינייהו במתיבתא דרקיע". (אַזוי האָט הגאון רבי יצחק ווייס ראב"ד ווערבוי דערציילט אין נאָמען פון רבי יעקב דוב פרישמאַן).

ווידער הגאון רבי יצחק שלמה אונגאַר זצ"ל דערציילט אין "רשומים בשמיך" אַז עס זענען געווען די ספרים פון יעב"ץ און פון רבי יונתן און אַז אויף זיי האָט דער חתם סופר געזאָגט עבדו רבנן שלמא בינייהו במתיבתא דרקיע.

## זכירת מחיית עמלק פרשת כי תצא אין אַ שנה מעוברת

אין שו"ת חת"ס חאה"ע ח"א סי' קי"ט שרייבט דער חתם סופר אַז כאָטש לגבי פילע ענינים איז דער שיעור פון שכחה אַ יאָר, מיינט דאָס נישט דוקא 12 חדשים. דער שיעור מיינט אַ יאָר מיט אַלע ימים טובים, תעניתים און וויכטיגע דאַטומס. אין אַן עיבור יאָר איז דערפאַר נישט קיין פראָבלעם וויאַזוי מען קען יוצא זיין זכירת מחיית עמלק פון פרשת זכור. ווייל אין אַ שנה מעוברת מיינט דאָס 13 מאָנאַטן.

שרייבט אָבער דער מהר"ם שיק (על תרי"ג מצות, מצוה תר"ה), אַז אין אַן עיבור יאָר האָט דער חתם סופר מחמיר געווען און האָט אינזין געהאַט יוצא צו זיין זכירת מחיית עמלק ביים לייענען מחיית עמלק שבת פרשת כי תצא דאָס יאָר בעפאָר אַ שנה מעוברת. דער מהר"ם שיק שרייבט אַז אַזוי דאַרף מען טאַקע טון.

דער רבי זי"ע, און אַנדערע, פרעגן אויף דעם מהר"ם שיק. זע שו"ת דברי יואל חאו"ח סי' ל"ג.

## אַ פלוצימדיגע התעוררות? פון הימל וויל מען אים גוטס טון

"דע לך", זאָגט דער חתם סופר היינטיגע וואָך אין דער פרשה פון שילוח הקן, אַז צומאָל קריגט אַ מענטש אַ פלוצימדיגע התעוררות. על פי רוב, זאָגט דער חתם סופר, איז דאָס ווייל דער אויבערשטער וויל מיט אים גוטס טון, נאָר דער מענטש איז נישט גרייט. שיקט מען אים די התעוררות ער זאָל זיין ראוי דערצו.

"דע לך כי כמה פעמים יבוא לאדם התעוררות תשובה ואהבת ה' או בכיה רבה והשתוקקות גדולה לה' ועשיית מצוה גדולה, והוא על הרוב מאת ה' מן השמים כשרוצה להטיב לאדם בטובה מן הטובות והוא אינו מוכן לקבל הטובה ההיא. אז מן השמים יבוא לו התעוררות כנ"ל כדי שיהי' ראוי לקבל טובה גופניות ההוא, וזהו ברור והאמן זה". (חתם סופר על התורה כי תצא, דף צ"ב ד"ה מס' מגילה).

## יעדער מוז אויף זיך נעמען איין חומרא נאָך דער חתונה

הגאון רבי עזריאל יהודה לעבאָוויטש, אב"ד קהל עדת יראים וויען זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט פון זיין רבי'ן הגאון דער לבושי מרדכי, דער מאַדער רב זצ"ל, אין נאָמען פון חתם סופר, אַז יעדער יונגערמאַן מוז נעמען אויף זיך איין חומרא נאָך דער חתונה. (הקדמה לספרו עזר מיהודה עה"ת ח"א).

*



דער ווינער רב ר' הגה"צ רבי עזריאל יודא לעבאָוויטש זצ"ל

דער ווינער רב הגאון רבי עזריאל יודא לעבאָוויטש האָט אויך דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון הגאון רבי מנחם צבי אייזענשטאַט פון קראָקע: דער בעל חלקת יואב, הגאון רבי יואב יהושע ווייַנגאַרטן, דער קינצקער גאון זצ"ל, האָט אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט זיך מפלפל געווען אין לערנען מיט הגה"ק מסאָכאָטשאָוו דער אבני נזר זצ"ל. טראָץ אַלע ראיות וואָס דער חלקת יואב האָט געברענגט האָט זיין רבי דער אבני נזר זיך געהאַלטן ביי זיינ'ס און נישט געוואָלט נאָכגעבן. צום סוף האָט דער חלקת יואב געברענגט אַ ראיה פון חתם סופר. אויפ'ן אָרט האָט דער אבני נזר צוריקגעצויגן און מודה געווען צו דער סברה פון חלקת יואב.

פאַר'ן חלקת יואב איז דאָס געווען אַ גרויסע פלא. טראָץ אַלע ראיות וואָס ער האָט פריער געברענגט פון ראשונים ואחרונים האָט דער אבני נזר זיך מפלפל געווען. פלוצים ווען ער צייגט אים דעם לשון פון אַ חתם סופר איז ער מודה צו זיינע טענות?

האָט דער אבני נזר געזאָגט פאַר'ן חלקת יואב: אינעם לשון פון חתם סופר זעט מען אַז דער אויבערשטער איז געווען מיט זיין פעדער. אויף די ווערטער פון חתם סופר איז נישט שייך זיך צו טענה'ן. (הקדמת ספרו עזר מיהודה עה"ת עמוד ע"ח).

## די קוויטלעך פון כנסת יחזקאל מראַדאָמסק אין תורת משה חתם סופר

אין ספר תורת משה חתם סופר וואָס האָט באַלאַנגט צום ראַדאָמסקער רבי'ן דער בעל "כנסת יחזקאל" זצ"ל האָט מען צווישן די בלעטער געפונען קוויטלעך וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע חסידים. ביי אַסאַך אַנדערע רבי'ס פלעגט מען טרעפן די קוויטלעך צווישן די בלעטער פון זוהר הקדוש. ביים ראַדאָמסקער רבי'ן דער כנסת יחזקאל זענען די קוויטלעך געלעגן צווישן די בלעטער פון חתם סופר. (תפארת ראַדאָמסק, חוברת ד', שנה ב', גליון ב' עמוד ל"א).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

עב

# דער הייליגער חתם סופר



**דער מלבי"ם אין פרעשבורג ביים חתם סופר – נישט מדחה געווען שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט-שי"ר, אים אַוועקגעצויגן פון די משכילים – נסיון העושר, דער לעצטער נסיון פאַר ביאת המשיח – דער לעצטער גלות, זאָגט דער חתם סופר, וועט זיין ווען מען וועט אויף אַ פריינטליכן אופן וועלן עוקר זיין די תורה אין ארץ ישראל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דמות דיוקנו פון ישעי' הנביא

דאָס געשטאַלט פון הייליגן חתם סופר, האָט געזאָגט הגאון רבי דוד דייטש, דער בעל אהל דוד זצ"ל, האָט געענדלט צו צלם ודמות דיוקנו פון ישעי' הנביא. ("בית אבות", די הקדמה צום ספר חתן סופר – מקנה וקנינים).

## קירוב רחוקים

איינער פון די טובי הקהל אין פרעשבורג, אַ חשוב'ער תלמיד חכם, איז אַמאָל געקומען צום חתם סופר אין שטוב עפּעס זיך דורכרעדן מיט אים. עמיצער איז פונקט געווען אינעווייניג און געשמועסט מיט'ן חתם סופר. האָט דער תלמיד חכם געוואַרט אין פאָרצימער. דעם חתם סופר'ס טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן איז אַריין צום חתם סופר אים זאָגן אַז דער תלמיד חכם וואַרט אינדרויסן. דער חתם סופר האָט איר גאָרנישט געענטפערט. אַזיווי דער שמועס מיט דעם מענטש האָט זיך צו לאַנג פאַרצויגן איז דער קהל'ס מאַן תלמיד חכם געוואָרן באַליידיגט און איז אַוועק.

נאָכדעם וואָס דער ערשטער, וואָס איז געווען אינעווייניג אין שטוב, איז אויך געגאַנגען איז דעם חתם סופר'ס טאָכטער אַריין אים פרעגן פאַרוואָס ער האָט אַזוי לאַנג געשמועסט מיט דעם מענטש. זי האָט אים געלאָזט וויסן אַז דער צווייטער האָט נישט געוואָלט אַזוי לאַנג וואַרטן און איז זיך געגאַנגען.

האָט דער חתם סופר איר געענטפערט: דער פאַרשוין מיט וועמען ער האָט אַזוי לאַנג געשמועסט איז אַ פראָפעסאָר אויף מאַטעמאַטיק און "ווילאַנג איך לעב וועט ער זיך נישט שמד'ן. מוז איך אים מקרב זיין".

אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר האָט יענער זיך גע'שמד'ט. (הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין דער הקדמה צו חתם סופר על התורה במדבר אין נאָמען פון זיין שווער הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל).

*

הגאון רבי יהודה גרינוואַלד, סאַטמאַרער רב זצ"ל, שרייבט אין זיין ספר שבט מיהודה (פרשת תולדות) וואָס ער האָט געהערט פון זיין פעטער הגאון רבי שמעון סופר (רבי יהודה גרינוואַלד איז געווען אַן איידעם ביים חתם סופר'ס יונגסטן זון רבי יוסף יוזפא זצ"ל): "אין פרעשבורג האָט זיך געפונען אַ תלמיד חכם וואָס מען האָט געהאַלטן אַז ער איז פאַרכאַפּט אין דעות כוזבות און אפיקורסות. יעדעס מאָל וואָס יענער איז געקומען צום חתם סופר האָט דער חתם סופר נאָכדעם וואָס יענער איז אַרויס פון שטוב גענומען אַ מוסר ספר – ס'זאָל זיך נישט אָנכאַפּן אין אים עפּעס מהבל פיו".

## נישט מדחק געווען שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט-שי"ר: ער זאָל נישט זיין מקדיח תבשילו

ווי מיר האָבן געשריבן אין קאַפּיטל ע' האָט דער חתם סופר געזאָגט צו זיינע תלמידים אַז די וואָס מיינען אַז זיי נאַרן אים איז דאָס נאָר ווייל ער וויל אַז זיי זאָלן אַזוי מיינען. דאָס זעלבע איז געווען בנוגע זיינע באַציאונגען מיט פערזענליכקייטן, כלל-טוער און אפילו רבנים.

געווען פערזענליכקייטן וואָס זענען געווען גינסטיג געשטימט כלפי די משכילים אָבער האָבן דאָך געזוכט צו געפעלן דעם חתם סופר, פרעטענדירנדיג צו זיין פולשטענדיג אין דעם לאַגער פון שלומי אמוני ישראל. דער חתם סופר האָט מיט זיי אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען, זאָגנדיג פאַר זיינע נאָענטע אַז ער ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס זענען זייערע אמת'ע השקפות און וואו עס ליגן זייערע ריכטיגע סימפּאַטיעס. דאָך איז ער זיי מקרב בכדי זיכער צו מאַכן אַז זיי גליטשן זיך נישט אינגאַנצן

אַריבער צום צד פון די משכילים.

אין זיין הקדמה צו ספר במדבר פון חתם סופר על התורה שרייבט הג"ר יוסף נפתלי שטערן: "אנו מבינים מעט מהילך רוחו, רבינו שהיה מפורסם להלוחם והקנאי הגדול, איש הכותב בתשובתו 'ואעפ"י שבכ"ז לא נירא ולא נחת כי מלחמת ה' אנו נלחמים ואלף כיוצא באלו יאבדו ועוקץ אחד ממנהגי ישראל לא יזוז ממקומו (שו"ת חת"ס ח"ו רסי' פ"ה)... וכן כל הדרשות בוערות באש להבה ובפרט הדרשות לח' טבת נגד אלו אשר בילדי נכרים יספיקו, ואעפ"כ קיים דברי חז"ל לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת, ודברי חכמים בנחת נשמעים בלשון חכמים מרפא, וגלל כן השיב לכל אדם, אם כי לא נעלם ממנו כי יש לו זיקה עם המשכילים נסה בכל הדרכים לקרבו כאמור לעיל 'כי די לנו אשר יכסה עוד הבושה פניו וירצה באהבתנו' והוכיחו בתוכחה מגולה ומוסתרת, וזה יוצא מתשובותיו ומאגרותיו בלי מספר".

איינע אַזאַ פּערזענליכקייט איז געווען שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט, באַקאַנט מיט דעם אַקראָנים שי"ר. נישט ווייניג עגמת נפש האָט ער פאַראורזאַכט דעם חתם סופר, דאָך האָט ער אים נישט מרחק געווען בכדי אים צוריקצוהאַלטן פון זיין לגמרי אַ מקדיח תבשילו.

## ווער איז דאָס געווען שי"ד, ראַפּאַפּאָרט?

שלמה יודא הכהן ראַפּאַפּאָרט איז געבוירן אין לבוב-לעמבערג צו דער מיוחס'דיגער ראַפּאַפּאָרט משפחה. פון זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַן עילוי נפלא און אַ מתמיד עצום. עד כדי כך אַז דער קצות, הגאון רבי ארי' לייב העלער, דער בעל קצות החושן, האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם.

זיין פאָטער ר' אהרן חיים ראַפּאַפּאָרט, אַ נגידי'שער תלמיד חכם, האָט אים אויסגעהאַלטן ער זאָל קענען זיצן און לערנען. אַלס יונגערמאַן האָט ער אָבער חוץ תורה אויך גענומען לערנען ספרי חקירה און דערנאָך שטודירן חכמות זרות און וועלטליכע לימודים. דאָס האָט אים מקרב געווען צו די ראשי המשכילים אין גאַליציע ווי נחמן קראָכמאַל, יעקב שמואל ביק און יוסף פערל. צוזאַמען מיט זיי איז ער געוואָרן פון די גרינדער און פירער פון "חכמת ישראל". ווען זיין טאַטע איז געוואָרן אַ יורד און האָט אים פינאַנציעל מער נישט געקענט שטיצן האָט יוסף פערל פון די הויפּט משכילים אין גאַליציע גענוצט זיין איינפלוס ביי דער רעגירונג אים אויפצונעמען אַלס רב אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע.

צו דער זעלבער צייט פלעגט ער אויך פאַרעפנטליכן פּאָרש אַרבעט און פאַרפאַסן לידער אויף וועלכע ער פלעגט זיך אונטערשרייבן ש. י. ר. די ראשי תיבות פון זיין נאָמען שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט. דערפאַר איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דעם נאָמען שי"ר.

זייענדיג אַ גרויסער תלמיד חכם און אַן עילוי האָט ער געדרוקט זיין שווער'ס, דעם קצות'ס, ספר "אבני מילואים", און ביים סוף צוגעדרוקט זיינע אייגענע לומדי'ש חריפות'דיגע חידושים.

דעם אבני מילואים, מיט זיינע הוספות צום סוף פון אייגענע חידושים, האָט ער געשיקט צום חתם סופר, ווי אויך די התרת הוראה וואָס ער האָט געהאַט געקראָגן פון דעם גרויסן גאון וגדול ישראל דער בעל חוות דעת.

דער חתם סופר האָט אים צוריקגעשריבן אַ בריוו מיט גאָר שיינע טיטלען ווי "ארי' דבי עילאי, לו תורה ולו חכמה נאה". דעם חתם סופר'ס ידידים פון גאַליציע, ווי הגאון רבי שלמה קלוגער, האָבן אים געשריבן אַז ראַפּאַפּאָרט איז אין רוח חכמים נוחה הימנו און אַז ער איז אַ היבשער משכיל. דער חתם סופר האָט דאָס גוט געוואוסט. טראָץ דעם עגמת נפש האָט ער אָבער אָנגעהאַלטן דעם בריוו אויסטויש מיט אים. ער האָט מיט רעכט געהאַלטן אַז דאָס וועט אים צוריקהאַלטן פון אינגאַנצן אַריבערגיין צום לאַגער פון די משכילים און פון דאָרט טון מער שאָדן.

אַזוי האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט. נאָך דער קעגנערשאַפט מצד ערליכע אידן אין טאַרנאָפּאָל האָט שי"ר פאַרלאָזט גאַליציע און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּראַג. אָנקומענדיג קיין פּראַג האָט ראַפּאַפּאָרט-שי"ר זיך אָנגעשטויסן אין אַ פולשטענדיג נייע רעאַליטעט. ער האָט אַנטדעקט דעם שרעקליכן חורבן וואָס די השכלה האָט אָנגעמאַכט אין מעהרין און אין פּראַג. רוב פון די אידישע איינוואוינער פון פּראַג זענען שוין בכלל נישט געווען קיין שומרי תורה ומצוות. אַ גרויסער טייל האָט אַזש אָנגעהויבן זיך צו אַסימילירן מיט די גויים רח"ל. די גאַנצע השכלה האָט זיי גאָר ווינציג פאַראינטערעסירט. שי"ר איז דאַן געוואָרן אַ גרויסער לוחם קעגן דער משכילי'שער "חכמת ישראל" באַוועגונג וואָס ער איז געווען פון די פירער און גרינדער. ווען די רעפאָרמער האָבן אָפּגעהאַלטן זייער קאָנפערענץ אין פראַנקפורט איז שי"ר אַרויסגעקומען מיט אַ ספר "תוכחת מגולה" קעגן די דייטשע רעפאָרמער און זייערע פירער אברהם גייגער און שמואל האָלדהיים.

*

דער חתם סופר האָט געהאַט אַ פאַרטרויאונגסמאַן אין ווין: דער נגיד און עסקן ר' שלמה ראָזענטאַל. אין זיין ספר "תולדות משפחת ראָזענטאַל" ברענגט דער היסטאָריקער ר' יקותיאל יודא גרינוואַלד אַ צאָל אינטערעסאַנטע בריוו צווישן שי"ר און ר' שלמה ראָזענטאַל.


תולדות משפחת ראזענטהאל
1920. —
Katzburg's Buchdruckerei Budapest, VII. Kazinczy-gasse 35.

אין איינעם פון די בריוו וואָס דער אָריגינאַל איז אויך פאַרעפנטליכט געוואָרן אין אַ ירחון אין ארץ ישראל, בעט שי"ר פון ר' שלמה ראָזענטאַל אַז ווען ער שרייבט וועגן אים צום חתם סופר זאָל ער אים באַטיטלען מיט "הגאון". שי"ר שרייבט אַז אויף קלענערע פון אים, ווי דער מהר"ץ חיות, – וועלכער איז געווען קודם זיין ידיד און דערנאָך אַ קאָנקורענט איבער רבנות פּאָסטנס – שרייבט מען דעם טיטל הגאון. פאַרדינט ער דאָס זיכער. ראַפּאַפּאָרט שרייבט אין דעם בריוו:

"ועוד דבר קטן אשר מעט בושתי לשאול, וחשבתי לנחוץ בכל זאת. הגאון מפרעשבורג כותב אלי "הגאון", ולכן גם פכ"ת לא ישמיט הכינוי הזה באיגרתו אליו, הניתן היום לכל רבני הגלילות. ואם ישמיט כ"ת התואר ההוא, אולי בזה לבד יקטין אותו כבר בעיניו. ויאמין לי כ"ת כי לא נופל אנכי מהרב אב"ד זאלקווא (דער מהר"ץ חיות), ועוד כמה קטנים ממני, ואשר על כולם נכתב היום התואר ההוא, אשר בימי קדם ניתן רק לראש-הישיבה בבבל, ומה נעשה כי נשתנו העיתים כ"כ".

שי"ר באַדאַנקט זיך צו ר' שלמה ראָזענטאַל און איז מגלה אין איינעם פון די בריוו אַז דער חתם סופר האָט אים דערלאַנגט פאַרציעס מוסר: "והאמת אגיד, כי לא הכרתי כ"כ מעלות האדם הגדול הזה בחכמה ובמידות, ה' יאריך ימיו, עד הפעם על ידי חליפת אגרות בינינו. לא מעט הלמני צדיק חסיד זה ויוכיחני. אך טובה לי תוכחתו, היוצאת מלב טהור, מכל תנופת אנשי מרמה".

הג"ר יוסף נפתלי שטערן ברענגט דעם בריוו אין זיין הקדמה צו חתם סופר על התורה במדבר, הערה ד'. ר' יוסף נפתלי שרייבט "חכם אחד כתב לר' שלמה ראָזענטאַל" אָן צו שרייבן ווער עס איז געווען דער חכם אחד. ווי געזאָגט איז דאָס געווען שלמה יודא ראַפּאַפּאָרט-שי"ר.

אין אַ בריוו פון יום ג' ה' כסליו שנת ת"ר שרייבט שי"ר צו ר' שלמה ראָזענטאַל:

"מצאתי לנכון להודיע לכ"ת, כי הגאון הצדיק, רבם של חכמי התלמוד בדורנו, בתורה וביראה, האבדק"ק פרעשבורג ז"ל, כתב אלי כמה שבועות לפני פטירתו, איך בא לפניו בחור אחד מפראג לקבל הסכמה על איזה מחברת, וסיפר לו עלי כי כתבתי ב"כרם חמד" לבזות את התלמוד ח"ו...

מיהרתי והשבתי לו וכו׳״

״על הגאון הצדיק אב״ד דק״ק פרעשבורג עשיתי ביום ה׳ וירא הספד גדול במשך שתי שעות בבית הכנסת הישן לפני קהל גדול ורב. ישבנו על הארץ, והעם בכה הרבה״.

דער צוגאַנג פון חתם סופר אים נישט דוחה צו זיין בשתי ידים האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס ריכטיג. הגאון רבי ברוך עפּשטיין דער בעל תורה תמימה שרייבט אין זיין ״מקור ברוך״ אַז סוף ימיו אין פּראַג איז ש״ר נהפך לאיש אחר פון דעם וואָס ער איז געווען אין גאַליציע. אויף אַזוי ווייט אַז ער איז געוואָרן אַ פּולשטענדיגער חסידי׳שער איד מיט׳ן גאַנצן חסידי׳שן לבוש, אַ זאַך – דער חסידי׳שער לבוש – וואָס האָט אפילו רבי ברוך עפּשטיין׳ נישט אינגאַנצן געשמעקט...

## וואָלט אַוועקגעגעבן העלפט פון זיין תורה פאַר קענען זינגען?

צווישן די פילצאָליגע כשרונות וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט דער חתם סופר אויך געהאַט אַ חוש פאַר פּאָעזיע, ווי מ׳זעט פון די פיוטים וואָס ער האָט פאַרפאַסט, געווייגליך צווישן יום כיפור און סוכות. קיין שטימע צו זינגען האָט ער אָבער נישט פאַרמאָגט, און איז נישט געווען קיין בעל תפילה.

זאָגט די וועלט אַז ער זאָל האָבן געזאָגט אַז ער איז גרייט אַוועקצוגעבן העלפט פון זיין תורה אויף צו האָבן אַ חוש פאַר נגינה. די שמועה האָט אָבער נישט קיין מקור פון פריער און קלינגט היבש איבערגעטריבן.

הגאון רבי עקיבא לודמיר שליט״א אב״ד דק״ק חשב סופר פון באָראָ פּאַרק, ברענגט אין זיין ספר ״עקבי הסופר״ פרשת בשלח וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ יצחק דאָנאַטה ז״ל פון פּרעשבורג/וויליאַמסבורג. ר׳ יצחק דאָנאַטה האָט נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט געהערט פון זיין זיידן הג״ר שמואל דאָנאַטה ז״ל בעמח״ס שמואל הרמש״י, רב פון דער חברה קדישא און גמ״ח אין פּרעשבורג, וועלכער האָט געהערט פון זיין זיידן הר״ר נתן קונשטאַט ז״ל פון פּרעשבורג וועלכער איז געווען שו״ב און בעל תפילה ביים חתם סופר. רבי נתן קונשטאַט איז געווען באַקאַנט אַלס אַ ירא שמים מרבים און אַ הערליכער בעל תפילה מיט אַ זיסער שטימע. האָט ער דערציילט, אַז דער חתם סופר האָט אַמאָל געזאָגט פאַר ר׳ נתן קונשטאַט אַז ער וואָלט אַוועקגעגעבן טייל פון זיין תורה צו פאַרמאָגן אַזאַ קול נעים ווי ער.

ר׳ יודל רעזמעוויטש (נחשוני) ז״ל ברענגט אין זיין ״רבינו משה סופר – החתם סופר״ אין נאָמען פון הגרי״נ שטערן אַז דערפאַר האָט דער חתם סופר געזאָגט אַז ער וואָלט געווען גרייט אַוועקצוגעבן פון זיין תורה ווייל אַן אדם גדול וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ חוש הנגינה איז בכח נאָך מער זיך משלים צו זיין אין תורה.

## דער מלבי״ם אין פּרעשבורג ביים חתם סופר

דער מלבי״ם (הגאון רבי מ׳איר ל׳ייבוש ב׳ן י׳חיאל מ׳יכל ווייזער) זצ״ל האָט צוליב זיינע מלחמות קעגן די משכילים אין רומעניע, רוסלאַנד און אוקראַינע, געליטן אַסאַך רדיפות און האָט דערפאַר אָפט געוואַנדערט פון איין מדינה צו דער צווייטער.

דערציילט די וועלט אַז אַמאָל איז ער געווען אין פּרעשבורג. איז ער בשעת רעוא דרעוין אַריין אין חתם סופר׳ס בית המדרש וואו ער איז געקומען דאַווענען מעריב. דער חתם סופר פלעגט פירן שלש סעודות ביי זיך אין שטוב און פלעגט דערנאָך גיין דאַווענען מעריב ביי זיך אין בית המדרש.

ווען דער מלבי״ם איז אָנגעקומען איז דאָס המדרש געווען ליידיג און היבש טונקל. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן דער עולם זאָל קומען צו מעריב. אין דער טונקל האָט ער זיך על פי טעות געזעצט אויפ׳ן אָרט פון חתם סופר.

ווען דעם חתם סופר׳ס תלמידים זענען אַריינגעקומען אין בית המדרש דאַווענען מעריב האָבן זיי אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ער זיצט אויפ׳ן חתם סופר׳ס פּלאַץ. דער מלבי״ם האָט גיך אויפגעשפּרונגען און געוואָלט אַוועקגיין פון דעם פּלאַץ. ווען דער חתם סופר האָט דאָס געזען האָט ער אים געבעטן בלייבן אויף זיין אָרט: ״בלייבן זי שטיין״, האָט דער חתם סופר אויסגערופן.

דער מלבי״ם האָט שפּעטער געזאָגט אַז די ווערטער פון הייליגן חתם סופר זענען געווען כשגגה היוצא מלפני השליט. צווישן די פילע חיבורים וואָס דער מלבי״ם האָט מחבר געווען איז פאַראַן אַ חיבור ״ארצות החיים״ אויף שולחן ערוך אורח חיים. פאַר זיין באַזוך אין פּרעשבורג האָט ער פּונקט געהאַט פאַרענדיגט דעם ערשטן חלק. זינט דאַן איז ער אָבער געבליבן שטעקן און האָט נישט געקענט ממשיך זיין מיט שרייבן די אַנדערע חלקים. ער איז געווען איבערצייגט אַז דאָס איז צוליב די ווערטער פון חתם סופר וועלכער האָט אים געזאָגט ״בלייבן זי שטיין״.

(קובץ ״אוצרות הסופר״ כ״א דף ק״ה בשם הדעת סופר זצ״ל).

## ברוך פרי בטנך — ברוך טנאך ומשארתך

באַקאַנט דאָס וואָרט פון חתם סופר היינטיגע וואָך: פאַרוואָס שטייט ביי די ברכות ערשט דער פסוק ״ברוך פרי בטנך״, און דערנאָך דער פסוק ״ברוך טנאך ומשארתך״, און ביי די קללות שטייט פאַרקערט. זאָגט דער חתם סופר: ס׳איז בעסער צו זיין געבענטשט מיט עשירות (טנאך ומשארתיך) ערשט נאָכדעם וואָס מ׳האָט שוין ערצויגן די קינדער ״כדי שיתגדלו בהכנעה ועבודת ה׳ טרם יהי׳ עשירים גדולים״. (חתם סופר על התורה פרשת כי תבא דף קי״א, ד״ה ברוך, אויך תורת משה ד״ה ברוך).

אין דרשות חתם סופר ברענגט ער אַ רמב״ן וואָס זאָגט אויפ׳ן פסוק אשר יעשה אותם האדם וחי בהם אַז אין זכות פון עסק התורה קען מען אויך זוכה זיין צו עשירות. זאָגט דער חתם סופר אַז נאָר אויב מיט׳ן עסק התורה איז מען אויך דבוק אין השי״ת, ולדבקה בו, שאַדט נישט דאָס עשירות פאַר די קינדער. טאָמער אָבער לערנט מען תורה כדי זוכה צו זיין צו עשירות און עולם הזה קען דערפון אַרויסקומען אַ מכשול פאַר די קינדער, ״וכן הוא בעו״ה רובא דעלמא שעשירות הוא מכשול לבניו״. (דרשות חתם סופר דרוש לפרשת נצבים, דף שמ״ד ד״ה העידותי).

## נסיון העושר — דער לעצטער נסיון אין גלות

נאָכדעם וואָס אידן וועלן במשך פון דורות ביישטיין דעם נסיון העוני וועלן זיי פאַר ביאת המשיח געשטעלט ווערן פאַר דעם נסיון העושר. אויב וועלן זיין עומד זיין אויך דעם נסיון העושר וועלן זיי זוכה זיין צו דער גאולה.

״אחר עמדנו בנסיון העניות והגלות, אַז ירום קרנינו וייטב לנו יותר מאבותינו בימי המשיח, כדי להעמידינו במבחן נסיון העשירות וראיית נקמה ונצחון באויבינו, ונתן כל הקללות האלה על אויביך, ואם גם בזה הנסיון נעמוד, והיינו ואתה תשוב ושמעת בקול ה׳ אחר העושר הזה, אז יהיה עולם התיקון ישוב ה׳ עליך לשוש לטוב. אבל הטובה הראשונה לא היה אלא לנסיון, ועכשיו שכבר עמדנו בנסיון כאבותינו שעמדו בנסיון, אז תהיה ההטבה בששון ושמחה״. (דרשות חתם סופר כ״ו אלול תקפ״ט, דף שס״ג ד״ה ושבת, חלק א׳ דף קע״ו אין נייעם דרוק).

*

אגב איז אינטערעסאַנט צו ברענגען וואָס ס'האָט געזאָגט גלייך נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה דער וואונדערליכער ליטווישער גאון וצדיק רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי זצ"ל. דער לעצטער גלות און גאולה וועט אויסזען פּונקט ווי דער גלות און גאולת מצרים. אין מצרים האָבן אידן מיטגעמאַכט אַ שעבוד גשמי פון עבודת הפרך און ווען זיי זענען געוואָרן אויסגעלייזט זענען זיי אַרויס מיט אַ געוואַלדיגע עשירות, ווי די גמרא זאָגט אין ברכות (לב.) אין לך אדם מישראל שלא היו עמו תשעים חמורים לובים טעונים כסף וזהב של מצרים וואָס האָט צום סוף געפירט צום נסיון העגל.



הגאון רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי זצ"ל

דערציילט דער ראב"ד הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א אַז רבי מאָטל פּאָגראָמאַנסקי האָט אים געזאָגט נאָך דער מלחמה, אַז אידן האָבן איצט מיטגעמאַכט דעם ברוטאַלסטן שעבוד גשמי און די שוידערליכע השמדות פון די זעקס מיליאָן וואָס אַזוינס האָבן זיי קיינמאָל פריער נישט מיטגעמאַכט אין לאַנגן גלות. אַצינד, האָט רבי מאָטל געזאָגט, וועט דער אויבערשטער אונז צושטעלן אידן מיליאָנערן און ביליאָנערן וואָס אַזוינס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דעם לאַנגן גלות. די הרווחה און פּראָספּעריטעט, האָט ער געזאָגט, וועט אָבער זיין נישט מער ווי אַ נסיון, אונז צו פּרואוון צי אידן וועלן נישט אַריינפאַלן אין געלט-גייציגקייט און רדיפת תאוות ותענוגים.

("מעונות אריות", זייט 346).

דאָס האָט רבי מאָטל געזאָגט אין תש"ו, ווען דער עקאָנאָמישער שטאַנד איז גאָרנישט געווען אַזוי גלענצענד און די פינאַנציעלע אויסזיכטן פון אידן זענען געווען גאָר ווייט פון פאַנטאַסטישער עשירות.

## ארמי אובד אבי וירד מצרימה: דוקא קיין מצרים ווייל דאָרט האָבן זיי נישט גערעדט די גוי'אישע שפּראַך

"מלמד שהיו ישראל מצויינים שם" (הגדה של פסח). פאַרוואָס זענען אידן פאַרטריבן געוואָרן דוקא קיין מצרים און נישט קיין ארם נהרים וואו יעקב אבינו איז פריער געווען אין גלות? זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס איז געווען דערפאַר ווייל אין ארם האָבן אידן גערעדט די אָרטיגע שפּראַך. אברהם אבינו איז דאָך געקומען פון דאָרט. בעבר הנהר ישבו אבותיכם. ווען זיי זענען געקומען קיין ארץ כנען האָבן זיי ווייטער גערעדט דעם לשון פון עבר הנהר און זיך געקליידעט ווי אין עבר הנהר. אינגאַנצן אַנדערש ווי די אָרטיגע פעלקער פון לאַנד כנען. ווען זיי וואָלטן נאָכאַמאָל פאַרטריבן געוואָרן קיין ארם וואָלטן זיי די 210 יאָר נישט געווען מצויינים, אייגנאַרטיג און באַזונדער מיט זייער לשון און מלבוש. דערפאַר האָט זיי הקב"ה פאַרטריבן קיין מצרים וואו זיי האָבן נישט גערעדט די לאָקאַלע גוי'אישע שפּראַך און זענען נישט געווען געקליידעט אין דעם גוי'אישן לבוש.

"ארמי אובד אבי", טייטשט דער חתם סופר, ווען אידן וואָלטן געבליבן ביי לבן אין ארם, וואָלטן זיי פאַרלוירן זייער אייגנאַרטיגקייט און אַנדערשקייט פון לבן און וואָלטן אין דעם גלות געוואָרן אַסימילירט מיט די גויים. דערפאַר איז געווען "וירד מצרימה", וואו ס'איז געווען "ויהי שם לגוי גדול, מלמד שהיו ישראל מצויינים". (חתם סופר על התורה ד"ה ארמי).

## משה רבינו האָט געקענט זיין דער מנהיג פון אידן ווייל ער האָט נישט געקענט די גוי'אישע שפּראַך

דער חתם סופר ברענגט אַן אבן עזרא וואָס זאָגט אין פרשת שמות אויפ'ן פסוק "כי כבד פה וכבד לשון אנכי", אַז משה רבינו, וועלכער איז אַלס קינד אַנטלאָפן פון מצרים, האָט מער נישט געקענט רעדן די מצרי'שע שפּראַך. האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט "אנכי אהי' עם פיך". זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס צייגט אַז נאָר איינער וואָס קען נישט די גוי'אישע שפּראַך איז ראוי צו רעדן און דרש'נען צו אידן. אויב וועט ער מוזן רעדן צו מלכים ושרים וועט אים שוין דער רבונו של עולם העלפן.

איינער וואָס איז אָבער יאָ אַן איש דברים, וואָס רעדט פליסיג די גוי'אישע שפּראַך צו פרעה וכיוצא בו, אַזאַ איינער איז נישט ראוי צו דרש'נען צו אידן ולהורות לעם ה' (דרשות חתם סופר ח"ב, דף של"ח).

## דער לעצטער גלות "פריינטליכע" עקידת הדת אין ארץ ישראל

הג"ר אברהם יעקב טייטלבוים זצ"ל פון קיו גאַרדענס, קווינס, (פריער פון וויען, עסטרייך), שרייבט אַז ער האָט געזען אַ כתב יד פון חתם סופר ביי הרב משה שרייבער ז"ל אין וויען, אין וועלכן דער חתם סופר זאָגט אויף דער גמרא אין מכות (כ"ד ע"ב) "ראו שועל שיצא מבית קדשי הקדשים התחילו הן בוכים ורבי עקיבא מצחק" וכו', זאָגט דער חתם סופר אַז דער שועל, דער פוקס, וויל אויסרייסן די תורה פון אידן אויף אַ פרידליך פריינטליכן וועג, ווי רבי עקיבא זאָגט דאָס אין ברכות צו פפוס בן יהודה דעם משל מיט'ן שועל וואָס האָט געזאָגט צו די פיש פון ים "רצונכם שתעלו ליבשה ונדור אני ואתם כשם שדרו אבותי ואבותיכם".




מצבה פון הגאון רבי אברהם יעקב טייטלבוים זצ"ל אין וואודברידזש, ניו דזשערזי

שרייבט דער חתם סופר אַז דער שועל וועט פאַר ביאת המשיח גיין קיין ארץ ישראל, על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו, און דאָרט וועלן עוקר זיין די תורה. ווען די חכמים האָבן דאָס געזען האָבן זיי געוויינט. אָבער רבי עקיבא האָט געלאַכט. ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז דער לעצטער גלות, ובמהרה יתגלה כבוד שמים.

שרייבט רבי אברהם יעקב טייטלבוים: "וכל אחד ששומע דברים אלה מתמה, שהרי בזמן החתם סופר היה התכסיס של הריפאָרעם למחוק כל זכר של ציון וירושלים מנוסח התפילה ומחקו התיבות 'ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים' מהסידור. והאיך ידע החתם סופר שיהיה תנועה דוקא לילך לארץ ישראל ולעשות שם חורבן רוחני, על זה צריך להיות בעל רוח הקודש שראה זאת במו עיניו". (הג"מ רבי אברהם יעקב טייטלבוים זצ"ל בספרו קול יעקב, עמוד רל"ד, במאמר שועלים הלכו בו, מוצ"ש נחמו).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**געגאַנגען אין מקוה יעדן צופרי ביים עלות – זיין מיינונג לגבי צוואת רבי יהודה החסיד – איז די צוואה פאַר גאַנץ כלל ישראל? – נאָר פאַר מאן דקפיד – זיין אייניקל רבי "משה" טוביה לעהמאַן, זיין מחותן רבי משה גייגער, די טאָכטער יוטל און איר שוויגער יוטל/"גיטל" און זיין ערשטער שווער רבי משה יערוויץ – די תשובות אין השיב משה, אבני צדק און דברי יואל – מקפיד געווען לסיים בדבר טוב, אפילו די מוסר דרשות**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דער מהר"ם שיק: דער חתם סופר איז געווען "אַ גרויסער מקוה גייער"

זיין תלמיד דער מהר"ם שיק האָט געזאָגט, אַז דער חתם סופר "איז געווען אַ גרויסער מקוה גייער. ער פלעגט גיין אין מקוה יעדן טאָג ביים עלות". (ספר הדרת קודש להגה"ק מנאַסויד זצ"ל).

*

ר' יקותיאל יודא גרינוואַלד ז"ל ברענגט אין זיין ספר "זכרון לראשונים" (אות י"ז): דער פרעשבורגער גביר ר' ישעי' מאָדערן, פאָטער פון הגאון רבי יודא מאָדערן זצ"ל, האָט געלאָזט מאַכן אַ ספּעציעלן אויבער-מאַנטל אין וועלכן דער חתם סופר איז געגאַנגען צו דער מקוה אין די קאַלטע ווינטער פאַרטאָגסן.

*

רבי שמואל בנימין שישאַ ז"ל פון שאָפּראָן / וויליאַמסבורג האָט דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן הגה"צ רבי שמעון ישראל פּאָזען, דער שאָפּראָנער רב זצ"ל. דעם שאָפּראָנער רב'ס זיידע, זיין מאַמע'ס טאַטע, האָט געהייסן רבי יצחק יודא מאָרטאָן זצ"ל פון פּאָפּא. רבי יצחק יודא איז געווען אַ זון פון רבי אביגדור מאָרטאָן זצ"ל וועלכער איז געווען אַ הויז בחור ביים חתם סופר.

האָט דער שאָפּראָנער רב דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין זיידן: אַמאָל איז דער חתם סופר געווען פאַרקילט און די רעביצין האָט אים פאַרבאָטן פון גיין אין מקוה. דער חתם סופר האָט איר אָבער נישט געפאָלגט און האָט געבעטן פונעם הויז בחור נישט אויסצוזאָגן דער רביצין אַז ער איז יאָ געגאַנגען אין מקוה. (סופרי המלך, רבי יום טוב ליפּא ראַקאָוו, חלק ג', דף נז)

## דעם חתם סופר'ס מיינונג לגבי צוואת רבי יהודה החסיד

נישטאָ נאָך אַ צוואה וואָס איז אַזוי באַקאַנט און אַזוי אָנגענומען ביי כלל ישראל ווי די צוואה פון רבי יהודה החסיד.

רבי יהודה החסיד, דער מנהיג פון די "חסידי-אשכנז" מיט איבער 800 יאָר צוריק, איז געווען אַ תלמיד פון רבי יצחק הלבן פון די בעלי תוספות, אַ תלמיד פון רבינו תם. רבי יהודה החסיד איז געווען דער רבי פון פילע פון די ראשונים וואָס מפיהם אני חיים, ווי דער סמ"ג, דער אור זרוע און דער בעל הרוקח.

ער האָט מחבר געווען אַסאַך ספרים אַנאָנים, אָן דעם וואָס מען זאָל וויסן ווער עס איז דער מחבר. רבי יהודה החסיד איז אָבער בעיקר באַקאַנט מיט זיין הייליג ספר – "ספר חסידים", אַן אייגנאַרטיג ספר פון דברי הלכה ומוסר, השקפה און יראת שמים, הנהגות און קורצע מוסר השכל'דיגע סיפּורים.

רבי יהודה החסיד האָט אויך געשריבן אַ צוואה, באַקאַנט אַלס צוואת רבי יהודה החסיד, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער אַריינגעדרוקט געוואָרן אין כמעט אַלע אויסגאַבעס פון ספר חסידים. די צוואה באַשטייט פון זיבעציג סעיפים און אזהרות. זיי באַרירן אַלע ארבע חלקי שולחן ערוך. עלף זענען נוגע שידוכים און הייראַטן, ניין דערפון וואָספאַראַ שידוכים נישט צו טון.

טייל פון די אזהרות והנהגות זענען געוואָרן אָנגענומען דורך גאַנץ כלל ישראל, אשכנזים און ספרדים צוגלייך. כאָטש נישט אַלע פון די אזהרות אין צוואת רבי יהודה החסיד זענען אָנגענומען געוואָרן איז אָבער די וועלט בדרך כלל שטאַרק נזהר אין די 11 צוואות וואָס זענען נוגע שידוכים.

געציילטע גדולי האחרונים, בפרט דער נודע ביהודה, האָבן נישט אָנגענומען די אזהרות. דער נודע ביהודה אין זיינע תשובות (מהדורא תניינא חלק אבן העזר סי' ע"ט) וואונדערט זיך פאַרוואָס די וועלט איז מקפיד אויף צוואת רבי יהודה החסיד אַז שם חתן זאָל נישט זיין כשם חמיו אָדער שם כלה כחמותה אין דער צייט וואָס פון דער גמרא אין פסחים (מ"ט ע"ב) אַז "כל המשיא בתו לעם הארץ כאילו כפתה לפני הארי" האָט די וועלט בכלל נישט קיין מורא, "ולא תהא תורה שלימה שלנו כצוואה בעלמא של רבי יהודה החסיד". אין דער תשובה צו זיין תלמיד רבי דוד דייטש פירט אויס דער נודע ביהודה אַז רבי יהודה החסיד האָט געשריבן זיין צוואה בלויז פאַר זיינע אייניקלעך און נישט פאַר כלל ישראל.

דאַקעגן איז באַקאַנט די תשובה פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע אין שו"ת דברי חיים ח"א אה"ע סימן ח' וועלכער וואונדערט זיך קודם אויפ'ן נודע ביהודה, אָבער פירט צום סוף אויס, אַז אַזוי ווי ס'איז טאַקע אַ ספק צי רבי יהודה החסיד האָט געשריבן די צוואה בלויז פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך אָדער אויך פאַר כלל ישראל איז פוק חזי מאי עמא דבר. די ענינים פון דער צוואה אין וואָס די וועלט איז אין זיי נישט פאַרזיכטיג קען מען אָננעמען אַז זיי זענען געזאָגט געוואָרן בלויז פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך, ווידער די וואָס די וועלט איז יאָ מקפיד אויף זיי דאַרף יעדער נזהר זיין און חייש זיין דערויף.

שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז געווען די מיינונג פון חתם סופר?

*

גדולי ישראל האָבן געפּראוואוט דרינגען וואָס ס'איז געווען זיין מיינונג פון דעם וואָס ער שרייבט אין עטליכע תשובות און בריוו, ווי אויך פון געוויסע פון זיינע אייגענע הנהגות – וויאַזוי ער האָט זיך זעלבסט געפירט.

אין איינעם פון די תשובות (שו"ת חת"ס אהע"ז ח"א סי' קט"ז) שרייבט דער חתם סופר: "ע"ד מי שרוצה לדבק בבן טובים בחור וטוב, אלא דחייש מ"ש העולם משום שמות הבחור עם החותן ושם אמו כשם אמה של המשודכת, אהובי, מאן דלא קפיד לא קפדינן בהדיה, ובפרט דאיכא כאן זכות תורה... ובאמת לא מצאתי חשש זה בספר חסידים כלל, כי אם בסי' תע"ז, שם נאמר דלא ישאו האב והבן ובן הבן שלשה נשים ששמות שלשתן שוות, ותו לא נמצא דבר, וזהו חבורו של ר"י החסיד, ש"מ דליכא קפידא במידי אחרינא, ויהי' זיווגם עולה יפה".

אין די ווערטער זעען מיר דריי זאַכן. א: דער חתם סופר האַלט אַז די אזהרות אין דער צוואת רבי יהודה חסיד זענען נאָר פאַר דעם וואָס האָט מורא, מאן דקפיד, אָבער מאן דלא קפיד דאַרף נישט חייש זיין. ב: ביי אַ בחור אַ בן תורה איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן ווייל דער זכות התורה איז מגין. ג: דער חתם סופר איז מפקפק, צי די צוואה איז טאַקע פון רבי יהודה החסיד.

דער חתם סופר שרייבט אַז אין ספר חסידים שטייט נאָר נזהר צו זיין אין "משולשין", דאָס הייסט עס זאָלן נישט זיין דריי דורות מיט די זעלבע נעמען, און זאָגט: "וזהו חבורו של ר"י החסיד". וואָס מיינט אַז דער ספר חסידים איז זיכער פון רבי יהודה החסיד, אָבער די צוואה איז נישט אַזוי זיכער צי ס'איז טאַקע פון רבי יהודה החסיד.

דאָס זעלבע איז אויך משמע פון אַ צווייטע תשובה פון חתם סופר. אין שו"ת יור"ד סי' קל"ח שרייבט ער "מה שנמצא כתוב בספר באר היטב ליורה דעה סי' קע"ט בשם צוואת ר"י חסיד, שיש סכנה לבונה אבנים, וגם לבונה בית במקום שלא היה שם בית מעולם... אבל טוב יותר שלא לחוש לדברים האלו וכיוצא בהם כלל, דברים שלא הוזכרו בש"ס ופוסקים, ולא ר"י חסיד חתום עליה, וכדמוכח ממ"ש בעצמו בספר חסידים סי' תס"א וכו', נראה דאין להקפיד בכיוצא בזה, וטוב שיחנך הבית בתורה ובתפלה זמן מה, כי היא חיינו ואורך ימינו, והיה זה שלום".

"ולא ר"י החסיד חתום עלה", שרייבט ער אין דער תשובה. ער צווייפלט צי די צוואה איז טאַקע פון רבי יהודה החסיד.

געווען גדולי ישראל, ווי דער מהר"ם בריסק (שו"ת מהר"ם בריסק ח"א סי' קכ"ט) וועלכע זאָגן אַז דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז צוואת רבי יהודה החסיד איז נישט געשריבן געוואָרן דורך רבי יהודה החסיד, נאָר דורך זיינע תלמידים. דערפאַר דאַרף מען נזהר זיין נאָר אין וואָס ער שרייבט אין ספר חסידים, ווי למשל שמות משולשים, די נעמען פון דריי דורות זאָלן נישט זיין די זעלבע.

אַנדערע אחרונים האָבן אָבער געהאַלטן – און אַזוי האָבן אָנגענומען רוב גדולי ישראל אין דער מיינונג פון חתם סופר – אַז דער חתם סופר האָט יאָ געהאַלטן אַז רבי יהודה החסיד האָט געשריבן די צוואה, נאָר אַז ער האָט דאָס געשריבן בלויז פאַר זיינע אייניקלעך. דערפאַר דאַרף מען נזהר זיין בלויז אין וואָס ער שרייבט אין ספר חסידים. ווי למשל שמות משולשים, וואָס ער האָט געשריבן פאַר יעדן, מה שאין כן די צוואה איז געשריבן בלויז פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך.

דער ערוגת הבושם (אין שו"ת ערוגת הבושם סי' רי"ט) ברענגט אַ ראיה דערצו אַז דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז צוואת רבי יהודה החסיד איז געשריבן לזרעו בלבד דערפון וואָס אין דער תשובה אין אבן העזר קמא (סוף סי' קט"ז) שרייבט ער אַז מאן דלא קפיד לא קפדינן בהדיה. אויב האָט דער חתם סופר געהאַלטן אַז רבי יהודה החסיד האָט דאָס געז'אסר'ט פאַר יעדן למאי נפקא מינה צי קפיד אָדער נישט? מוז זיין, זאָגט דער ערוגת הבושם, אַז דער חתם סופר האָט געהאַלטן אַז דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרן צו זיינע קינדער און אייניקלעך. אָבער אַזוי ווי ענייני שידוכים דאַרף מען חייש זיין פאַר עין הרע און שיחת הבריות דערפאַר איז מאן דקפיד, אפילו נישט קיין אייניקלעך, און אפילו בלויז ביי צוויי דורות, דאַרף זיך יאָ רעכענען מיט די אזהרות פון רבי יהודה החסיד.

*

דער שדי חמד אין "מערכת חתן וכלה" ברענגט פון ספר יפה ללב וועלכער וויל זיך דרינגען פון לשון פון תשובת חתם סופר אַז דער חתם סופר האָט בכלל נישט געזען די צוואה פון רבי יהודה החסיד, וואָס איז אין זיין צייט נישט געווען אַריינגעדרוקט אין ספר חסידים, דערפאַר נוצט ער אַ לשון אַז די וועלט האָט מורא פון צוואת רבי יהודה החסיד און ברענגט נישט דעם לשון פון דער צוואה, נאָר דעם לשון פון ספר חסידים ווי ער שרייבט "ובאמת לא מצאתי בספר חסידים כי אם בסי' תע"ז". (אַנדערע ווילן דאָס אויך דרינגען פון דעם פתחי תשובה אין שולחן ערוך אבן העזר סי' ב' ז', וועלכער ברענגט דעם חתם סופר). דער שדי חמד איז אָבער מדחה די ווערטער פון ספר יפה ללב און זאָגט אַז פון דעם לשון פון דער תשובה פון חתם סופר וואָס זאָגט אַז אין ספר חסידים שטייט בלויז משולשים איז בכלל נישט משמע אַז ער האָט נישט געזען די צוואה.

ס'איז זיכער אַז עוועטועל האָט דער חתם סופר יאָ געזען די צוואה פון רבי יהודה החסיד. אין אגרות סופרים (מכתב כ"ה) דערמאָנט ער די צוואה. אַנדערע זאָגן אַז בשעת ער האָט געשריבן די תשובה האָט ער נאָך נישט געהאַט געזען די צוואה אָבער ביים שרייבן דעם בריוו אין אגרות סופרים צו זיין מחותן רבי משה גייגער, אין שנת תקצ"ו, האָט ער שוין יאָ געזען די צוואה.

## וויאַזוי דער חתם סופר האָט זיך אַליין נוהג געווען בנוגע צוואת רבי יהודה החסיד

ווי געבראַכט פריער פון שו"ת חת"ס אהע"ז ח"א סי' קט"ז שרייבט דער חתם סופר ביי אַ בחור אַ תלמיד חכם "מאן דלא קפיד לא קפדינן בהדיה, דאיכא כאן זכות תורה". דער חתם סופר האָט ווי באַקאַנט געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם זיין תלמיד חביב רבי משה שיק, דער מהר"ם שיק.







הגאון רבי יצחק ווייס ראב"ד ווערבוי שרייבט אין אלף כתב (אות צ"ה) אַז דער טעם פאַרוואָס דער חתם סופר האָט געוואָלט טון דעם שידוך טראָץ דעם וואָס זייערע נעמען זענען געווען די זעלבע ווייל דער מהר"ם שיק איז שוין אַלס בחור געווען אַ תלמיד חכם עצום. איז איכא כאן זכות תורה.

פאַרוואָס דער שידוך איז נישט צושטאַנד געקומען זענען פאַראַן צוויי גירסאות. לויט איין גירסא האָט דער מהר"ם שיק רעאַגירט ווען מען האָט אים אָנגעטראָגן דעם שידוך: "מיר האָבן דאָך דעם זעלבן נאָמען". האָט דער חתם סופר געזאָגט אַז וויבאַלד דער מהר"ם שיק איז מקפיד דאַרף מען חייש זיין אויף צוואת רבי יהודה החסיד, ווייל ביי אַ גברא דקפיד העלפט נישט דאָס זיין אַ תלמיד חכם. לויט אַ צווייטע ווערסיע (אין די תולדות אין דער הקדמה פון מהר"ם שיק אויף אבות) זאָל דער מהר"ם שיק האָבן געזאָגט אַז ער האָט שוין פאַרשפּראָכן אַ צווייטן עווענטועל דאָרט צו ווערן אַן איידעם.

טראָץ דעם וואָס דער חתם סופר איז כידוע געווען אַ גברא דקפדנא, ווי ער שרייבט דאָס אַליין צווישן אַנדערן אין אַ בריוו צו רבי עקיבא איגר, איז ווען עס קומט צו דער צוואה האָט ער דוקא נישט מקפיד געווען. ער האָט נאָר געהאַלטן אַז אויב איינער פון די צדדים איז יאָ מקפיד דאַן דאַרף מען חייש זיין.

ווען דער חתם סופר האָט גענומען זיין תלמיד רבי משה לעהמאַן אַלס אַ חתן פאַר זיין טאָכטער שמחה האָט ער געשיקט זיין זון רבי שמעון סופר אים הייסן צוגעבן אַ נאָמען. ער האָט דאָס געטאָן ווייל ער האָט געזען ווי די לעהמאַן משפחה האָט מורא פאַר דעם וואָס שמותיהם שוות.

רבי שמעון סופר האָט אים צוגעגעבן דעם נאָמען טוביה. מסתמא צוליב דער גמרא אין סוטה וואָס זאָגט אַז איינע פון משה רבינו'ס נעמען איז געווען טוביה.

דערציילט הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, אין אגרות סופרים (אגרות הגרש"ס ז"ל סי' כ"ד בהערות): אויף צומאָרגנס איז רבי שמעון סופר געקומען אין בית המדרש ווען דער חתם סופר האָט פונקט געוואָלט לייגן תפילין. רבי שמעון סופר איז צוגעגאַנגען צום חתם סופר און אים געזאָגט: "כ'האָב אים צוגעגעבן אַ נאָמען". האָט דער חתם סופר געפרעגט: "כ'האָב דען געהייסן דו זאָלסט אים צוגעגעבן אַ נאָמען? כ'האָב געהייסן ער זאָל זיך אַליין צוגעבן אַ נאָמען". דער חתם סופר איז אַזוי געבליבן פאַרטראַכט און דאַן געגעבן אַ קרעכץ: "שמחה'לע נעבעך".

האָט רבי שמעון סופר זיך אָנגערופן: "אַ שיינער נעבעך, מיט הונדערט טויזנט האָלענדישע גילדען". זאָגט אים דער חתם סופר: "הונדערט טויזנט גילדען עסט מען שנעל אויף, דערנאָך קען מען משניות לערנען".

די חתונה איז פאָרגעקומען שוין נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר. דערציילט דער בערעגסאַזער רב אַז רבי משה טוביה לעהמאַן האָט אינוועסטירט דאָס גאַנצע געלט אין אַ באַנק אין וויען וועלכע האָט געצאָלט גרויסע דיווידענדן. פּלוצים האָט די באַנק באַנקראָטירט און רבי משה טוביה האָט ל"ע פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. זיינע שוואָגערס, די קינדער פון חתם סופר, האָבן אים געשטיצט פינאַנציעל ער זאָל ווייטער קענען זיצן און לערנען. ער האָט אויך געלערנט משניות לעילוי נשמות נפטרים אַרויסצוהעלפן מיט פרנסה. דאַן האָט מען געזען ווי די ווערטער פון חתם סופר, "דערנאָך קען מען משניות לערנען", זענען מקוים געוואָרן.

ווי מיר וועלן אי"ה ברענגען אין איינעם פון די שפּעטערדיגע מאמרים האָט מרת שמחה לעהמאַן מאריך ימים געווען לענגער ווי די אַנדערע קינדער פון חתם סופר. זי איז אַוועק י"ג אלול שנת תרע"א, דריי יאָר פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה.

*

פאַר זיין טאָכטער יוטל האָט דער חתם סופר גענומען אַ חתן זיין תלמיד ישראל גייגער. אָט דער שידוך האָט לויט דער צוואה פון רבי יהודה החסיד געהאַט שוין צוויי פּראָבלעמען: דער מחותן, ישראל גייגער'ס טאַטע, האָט געהייסן משה, רבי משה גייגער, אַזוי ווי דער חתם סופר, און זיין מוטער האָט געהייסן יוטל, אַזוי ווי די כלה – כלה וחמותה.

זענען וועגן דעם פאַראַן צוויי בריוו פון חתם סופר. איינס איז אגרות סופרים מכתב כ"ה (אין מהדורת ריעדער) אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט צו זיין מחותן רבי ישראל גייגער: "ואם מה' יצא הדבר, הוא יעזור ויושיע. והנני כי זקיני מוז"ה מהרשש"ך והגאון מו"ה' שמואל חיים ישעי' נתחתנו, ומזרעיה קאתינא, ולא חששו לשווי שם האבות, כי כל מה שלא נזכר בספר חסידים עצמו כי אם בצוואתו אין לחוש כי אם זרעו ממשפחת החסיד זצ"ל, אבל האמור בספר חסידים עצמו בסימן תע"ז מעניני זיווג יש לחוש לו".

וואָס שייך דעם פּראָבלעם פון כלה וחמותה,ביידע האָבן געהייסן יוטל, איז דאָ אַ בריוו געדרוקט אין אגרות סופרים מכתב כ"ט אין וועלכן דער חתם סופר שרייבט צו זיין מחותן רבי משה גייגער אַז אויך דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם: ערשטנס רופט מען די מחותנת'טע, דעם חתן'ס מוטער, גיטל, און דער נאָמען יוטל, אָדער יוטה, איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. און צווייטנס וועט ער צוגעבן פאַר זיין טאָכטער די כלה דעם נאָמען חנה, זי וועט הייסן חנה יוטל.

"והא דידן עדיף, דהרי שם הגבירה גיטל, ושם יוטה נשתכח כבר, וליתר שאת אכתוב שם בתי חנה יטל".

אין דעם בריוו שרייבט אויך דער חתם סופר "והיות כי קשה עלי מאוד לעבור על דבר המפורש בתורה בפירש"י סוף פרשת מסעי על בנות צלפחד, אעפ"י שמתחלה נכתבו דרך חכמתן, מכל מקום נשאו כדרך גדילותן, להורות נתן קיום וחיזוק למנהג שקודם מתן תורה, שלא לתת הצעירה לפני הבכירה, וגם סיפר לי מו"ר גאון ישראל מו"ה נתן אדלר זצ"ל דבדידיה הוה עובדא ונכשל, ע"כ אין דעתי לעבור ע"ד תורה מפני שיחת נשים".

שרייבט הגר"מ שלאַמיוק שליט"א אין זיינע הגהות אוצרות חת"ס אויף דעם בריוו אין אגרות סופרים, אַז ווי עס ווייזט אויס האָבן די גייגער מחותנים פאַרגעצויגן צו נעמען די יונגערע טאָכטער מרת שמחה, געבוירן יום א' דחנוכה תקפ"ב, ווי איידער די עלטערע מרת יוטל, געבוירן י"ד שבט תק"פ, צוליב די ענליכע נעמען. זאָגט דער חתם סופר אין דעם בריוו אַז ער וויל נישט עובר זיין אויף וואָס עס שטייט אין דער תורה ביי די בנות צלפחד, טראָץ די שיחת נשים וועגן די שווי השמות. נאָר אַזוי ווי זיי זענען מקפיד באַרואיגט ער זיי וועגן די שינויים אין די נעמען.

## שדה און שרל

סימן ס"ו אין צוואת רבי יהודה החסיד לויטעט: "ושלא ישא אדם אשה אחרת ששמה כשם אשתו הראשונה". דעם חתם סופר'ס ערשטע רעביצין האָט געהייסן שרה, (שרה יערוויץ). זיין צווייטע רעביצין, די טאָכטער פון רבי עקיבא איגר, האָט געהייסן שרל, ווי ס'שטייט אין דעם שטר תנאים, געדרוקט אין חוט המשולש, און ווי ס'איז דער נוסח פון איר מציבה, געדרוקט אין ספר אבני בית היוצר. כאָטש דער נאָמען שרל קומט פון זעלבן שורש ווי שרה דאַך האָט דער חתם סופר נישט מקפיד געווען. צי ווייל ער איז געווען לא קפיד, אָדער ווייל ער האָט געהאַלטן אַז זיי זענען צוויי באַזונדערע נעמען, אָדער אַז די כינויים מאַכן זיי פאַר באַזונדערע נעמען. מער וועגן דעם נאָמען שרל אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה.

לויט געוויסע נוסחאות אין צוואת רבי יהודה החסיד זאָל אַ מאַן אויך נישט חתונה האָבן מיט אַ פרוי וואָס דער נאָמען פון איר ערשטן מאַן איז געווען אַזוי ווי זיינס. דער נאָמען פון רבי עקיבא איגר'ס טאָכטער'ס ערשטער מאַן איז געווען רבי אברהם משה זצ"ל אב"ד פילא. שרייבט רבי נתן געשטעטנער זצ"ל אין להורות נתן (ח"ב אהע"ז סי' פ"ח) אַז וויבאַלד רבי אברהם משה האָט געהאַט צוויי נעמען איז נישט געווען קיין שום פראָבלעם.

לגבי דעם פאַרבאָט אין צוואת רבי יהודה החסיד אויף שמו כשם חמיו, די נעמען פון שווער און פון איידעם זאָלן נישט זיין די זעלבע, איז דאָ אַ מדובר צי דאָס איז נוגע אויך אויב דער שווער לעבט נישט. דעם חתם סופר'ס ערשטער שווער האָט געהייסן רבי משה יערוויץ. שרייבט הג"ר יצחק ווייס אב"ד ווערבוי אין אלף כתב (אות צ"ה), ווי אויך רבי אברהם פאַלאַגי' אין ספר פדה את אברהם (מערכת צ'), אַז דער חתם סופר האָט נישט חייש געווען דערויף ווייל ווען דער שידוך איז געוואָרן האָט זיין שווער שוין נישט געלעבט.

## די האַרבקייט פון צוואת רבי יהודה החסיד

צוויי אידן וואָס איינער האָט געהייסן נפתלי און דער צווייטער, וועמענ'ס לשון הקודש'דיגער נאָמען איז אויך געווען נפתלי אָבער מען האָט אים גערופן "הירץ", האָבן אָנגעפרעגט פון ישמח משה צי זיי מעגן זיך משדך זיין. האָט דער ישמח משה זיי געענטפערט – אין שו"ת השיב משה סימן ס"ט – אַז דער שטיקל שינוי אין די נעמען איז גענוג לגבי צוואת רבי יהודה החסיד.

דער ישמח משה, אַזוי ווי דער חתם סופר, איז געווען פון די מקילים בנוגע דער צוואה. גדולי ישראל האָבן אָבער געזאָגט אַז נאָר אַזעלכע צדיקים ווי זיי, וואָס מיט זייערע הייליגע אויגן האָבן זיי געזען אויף יעדן ספעציפישן פאַל צי עס קען שאַטן אָדער נישט, האָבן זיך געקענט ערלויבן צו זאָגן ווען מען קען מקיל זיין צוליב שינויים אין נעמען אָדער צוליב זכות התורה וואָס איז מגין.

דער יטב לב אין שו"ת אבני צדק סי' י' ברענגט די תשובה פון זיין זיידן אין השיב משה וואו דער ישמח משה שרייבט: "והבו דלא לוסיף עלה, וכל שיש איזה שינוי ממה שנאמר בהצוואה הולכין להקל". דער ייטב לב פירט אָבער אויס אַז מען זאָל נעמען אַן הסכמה פון דריי רבנים "כי כך מקובלני בעניינים אלו לעשות בהסכמת שלשה רבנים".

אויף אָט דעם ייטב לב, צו נעמען די הסכמות פון דריי רבנים, האָבן זיך פוסקים פאַרלאָזט אין די לעצטע דורות בנוגע שינויים אָדער הוספות ביי שם חתן כשם חמיו וכדומה.

כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע שרייבט אין אַ תשובה אין שו"ת דברי יואל (סימן קט"ו): "בענין ששם החתן כשם חמיו, ורגילין ליזהר בזה במדינותינו, אך במקום צורך גדול יש כמה גדולים שהקילו בזה, ובצוק העתים הללו שבעווה"ר נשארנו מעט מהרבה וקשה מאד בענין הזיווגים בוודאי הוא צורך גדול... ויוכל לעשות גם זה להוסיף שם להחתן ולקרוא אחר כך גם בשם הנוסף, ובצירוף זה יש על מה לסמוך".

מער אויף דער טעמע וועגן דער האַרבקייט פון צוואת רבי יהודה אין אַ קומענדיגן אַרטיקל.

## האָט תמיד מסיים געווען בדבר טוב

דער חתם סופר האָט מקפיד געווען צו ענדיגן יעדע דרשה בדבר טוב. אָפט שרייבט ער ביים סוף פון דער דרשה אין דרשות חתם סופר: "לסיים בדבר טוב".

אין זיין הקדמה "קרית סופרים" צו דרשות חתם סופר שרייבט הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן: "ברוב דרשות של מרן תמצא "לסיים בטוב", או "לסיים בדבר טוב". כן היה דרכו של רבינו. ולרוב מעין הפתיחה".

ווי שוין געשריבן אין איינעם פון די פריערדיגע אַרטיקלען זעט מען אַז אפילו אין די דרשות קעגן נייע פירצות בחומת הדת פירט ער אויס מיט "ולסיים בדבר טוב" און ענדיגט מיט דברי שבח וזכות אָדער מיט אַ שיינעם חידוש.

אין געוויסע תשובות זעען מיר אַז אויב ער ענדיגט מיט אַ וואָרט וואָס קען האָבן אַ נעגאַטיוון באַדייט, אפילו ווען דאָס איז ווייט פון דער כוונה, איז ער מוסיף עטליכע ווערטער פון דברי ברכה.

אין שו"ת חת"ס חאו"ח סי קכ"ח, געשריבן צו "הרב המופלג החרוץ והשנון מהו' דוד צבי ווילן נ"י" ענדיגט זיך די תשובה מיט די ווערטער "והקצרתי במובן". הגם ער זאָגט נישט מער ווי דאָס, אַז ער האָט מקצר געווען מיט דער תשובה, וויל ער אָבער נישט ענדיגן מיט די ווערטער. שרייבט ער ווי פאָלגענד: "והקצרתי במובן, וה' ימיו ושנותיו יאריך, כנפשו ונפש אוהב עבדי ה' ושומרי תורתו".

שרייבט רבי יוסף נפתלי שטערן אַז דער איידעם פון דעם רבי דוד צבי ווילן (אָדער ווילנער) האָט דערציילט פאַר רבי יוסף נפתלי'ס שווער, הג"ר שלמה אלכסנדרי סופר, אַז ווען זיין שווער רבי דוד צבי איז אַלט געוואָרן אַכציג יאָר איז ער געוואָרן שטאַרק נישט געזונט ל"ע. ווען זיינע קינדער און משפחה זענען געוואָרן דערשראָקן האָט ער זיי געזאָגט אַז זיי דאַרפן זיך גאָרנישט זאָרגן. ער האָט זיי געוויזן די תשובה פון חתם סופר אין וועלכן ער בענטשט אים מיט אריכות ימים ושנים. וכך הוה. דער איד האָט געלעבט ביז קרוב צו הונדערט יאָר.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

עד

# דער הייליגער חתם סופר



**דער בעל קורא די ימים נוראים ביים חתם סופר: דער צדיק נסתר רבי יוסף לוצאַטו – זיידע פון הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, בעל "לב העברי" – דעם חתם סופר'ס ברכות ביי רבי עקיבא יוסף'ס ברית – קורצע ביאָגראַפישע שטריכן צו רבי עקיבא יוסף'ס שטורעמדיג לעבן – דער חפץ חיים נעמט אַ באַגלייטער, אַן אייניקל פון חתם סופר – ווער איז געשטאַנען נעבן שפת אמת ראש השנה ביינאַכט ביים זאָגן לשנה טובה**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דעם חתם סופר'ס ימים נוראים בעל קורא: דער צדיק נסתר רבי יוסף לעצאַטע (לוצאַטו)

דער בעל קורא ביים חתם סופר אין די הייליגע טעג איז געווען דער צדיק נסתר רבי יוסף לעצאַטע זצ"ל. אַ וואונדערבאַרער בעל קורא, אַ דייקן נפלא וואָס האָט ביים לייענען מדייק געווען אויף יעדן וואָרט, אויף יעדער נקודה און יעדן טראָפּ.

אַז ער איז אַ גרויסער ערליכער איד און אַ געוואַלדיגער ירא שמים האָבן אַלע געוואוסט. מען האָט דאָס געזען פון זיין לייענען. יום הקדוש ביי דער קריאה פון אחרי מות האָט ער פאַרגאָסן טייכן טרערן. זיין אמת'ע גדלות האָט ער אָבער באַוויזן אויסצובאַהאַלטן ביז סוף ימיו. ערשט פאַר זיין הסתלקות האָט מען זיך דערוואוסט אַז ער איז אויך געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק נסתר.

ווען ער איז געוואָרן קראַנק איידער ער איז אַוועק פון דער וועלט איז דער חתם סופר געקומען אים מבקר חולה זיין. דער חתם סופר האָט מיט אים גערעדט אין לערנען. ערשט דאַן האָט ער דאָס ערשטע מאָל זיך דערוואוסט פון זיין גאונות און בקיאות בש"ס ופוסקים. ווען ער איז קורץ דערנאָך נפטר געוואָרן האָט מען ביי אים אין שטוב געפונען הויפענס כתבי יד מיט זיינע חידושי תורה.

ביי דער לויה האָט דער חתם סופר געבעטן מחילה. אים מפייס געווען פאַר נישט וויסן אים מכבד צו זיין כראוי פאַר זיין גדלות בתורה. ס'איז געווען "אשר לא ידע את יוסף", האָט דער חתם סופר געזאָגט.

ביים הספד האָט דער חתם סופר אים באַקרוינט מיט דעם טיטל "מורינו", וואָס מען האָט נישט געוואוסט אים צו געבן בחייו. "מורינו" איז געווען אַ ספּעציעלער טיטל וואָס איז אַמאָל אין אשכנז געווען רעזערווירט נאָר פאַר איינעם וואָס איז מוסמך לרבנות אָדער להוראה.

גערופן האָט מען אים רבי יוסף "לעצאַטע". זיין אמת'ער נאָמען איז אָבער געווען "לוצאַטו", פון דער משפחה פון רבי משה חיים לוצאַטו, דער בעל מסילת ישרים. נישט קיין אייניקל, ווייל דער רמח"ל האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זרע של קיימא, נאָר פון דער משפחה. די לוצאַטוס זענען אַן אשכנזי'שע משפחה פון איטאַליע. דער רמח"ל איז געווען אַן אשכנזי. רבי יוסף לוצאַטו'ס אור-עלטערן זענען געהאַט געקומען פון איטאַליע און זיך באַזעצט אין אייזענשטאַט, פון די שבע קהילות.

הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל הי"ד ראב"ד ווערבוי שרייבט: "הצדיק וחסיד התמים מו"ה יוסף לעצאַטע זצ"ל, תלמיד מובהק למרנא הגאון מהר"ם ברבי זצ"ל, הוא היה מהצדיקים בנעלם, והיה קורא בתורה בימים נוראים וד' פרשיות לפני מרנא בעל החת"ס זצ"ל בלי קבלת פרס. וקריאתו היתה בדקדוק גדול לקרות כנקודתן וכהלכתן. ומסדר קריאתו היה משמעות להכתובים על דרשות חכז"ל, והיה נזהר מאוד בטעמי הפסוקים לקרותן כהלכה, והיו הנקדנין כוספים אותו על כך לשמוע ממנו קריאתו בספר התורה". (הגרי"י ווייס זצ"ל בספרו אבני בית היוצר, עמ' ס"ד).

# זיין אייניקל רבי עקיבא יוסף שלעזינגער

אין דער הקדמה צו ספר "תורת יחיאל" שרייבן רבי עקיבא יוסף שלעזינגער'ס אייניקלעך: "השם 'יוסף' קראו אותו ע"ש זקינו הצדיק מורינו רבי יוסף לוצאַטו, מגזע משפחת רבי משה חיים לוצאַטו בעל מסילת ישרים, תלמידו המובהק של מהר"ם ברבי זצ"ל. רבי יוסף לוצאַטו היה קורא בתורה בימים נוראים לפני רבינו החת"ס, וביוה"כ כשקרא בפרשת אחרי מות נתמלא בדמע כל היריעה על אבדון דצדיקיא, כדאיתא בזוה"ק".

רבי עקיבא יוסף איז געבוירן אין פרעשבורג צו זיין פאָטער רבי יחיאל שלעזינגער, אַ תלמיד מובהק פון חתם סופר. רבי עקיבא יוסף'ס מוטער הצדיקת גיטל איז געווען אַ טאָכטער פון הצדיק רבי יוסף שמואל שוואַרץ, וואָס דער חתם סופר האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז פון די ל"ו צדיקים שבדור. לויט ווי זיינע אייניקלעך שרייבן האָט דער חתם סופר צוגעלייגט: "און איך בין נישט קיין בעל מגזם". רבי יוסף שמואל שוואַרץ איז געווען אַן איידעם ביי רבי יוסף לוצאַטו.

דער חתם סופר איז געווען רבי עקיבא יוסף'ס מוהל, און סנדק. אין זיין "מוהל ביכל" שרייבט דער חתם סופר: "מלתי ופרעתי על ברכי הילד עקיבא יוסף ב"ר יחיאל ב"ר הערש בער".

יענע יאָרן (צוויי יאָר פאַר זיין הסתלקות) פלעגט דער חתם סופר מער נישט מאַכן אַליין די פריעה. ער פלעגט זיין מוהל און די פריעה פלעגט מאַכן זיין איידעם הג"ר דוד צבי עהרנפעלד (פאָטער פון חתן סופר). ווען דער חתם סופר האָט גע'מל'ט רבי עקיבא יוסף און ס'איז געקומען צו דער פריעה האָט מען באַמערקט אַז רבי דוד צבי עהרנפעלד געפינט זיך נישט דאָרט. האָט דער חתם סופר אַליין געמאַכט אויך די פריעה. ווען ער האָט געענדיגט די פריעה האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן: "זעט, איך האָב נישט קיין נעגל. אליהו הנביא אַליין האָט מיר געהאָלפן מאַכן די פריעה".

דעם חתם סופר'ס שווער הגאון רבי עקיבא איגר איז געהאַט נפטר געוואָרן מיט צוויי מאָנאַטן פריער, י"ג תשרי תקצ"ח. דעם חתם סופר האָט מען דאָס אָבער נישט דערציילט. ער איז דערפון געוואויר געוואָרן ערשט יענעם צופרי, פאַר'ן ברית פון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער. האָט דער חתם סופר געהייסן אים געבן אַ נאָמען עקיבא יוסף – עקיבא נאָך רבי עקיבא איגר, און יוסף נאָך זיין עלטער זיידן רבי יוסף לוצאַטו.

ביי דער סעודת ברית האָט דער חתם סופר געזאָגט דברי תורה, און געבענטשט דעם רך הנימול. דער חתם סופר האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי לא עביד קוב"ה ניסא למיגנא און דאָ איז געשען דער נס פון דער פריעה מוז זיין אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן אַן אדם גדול און פיל אויפטון, בויען און מאַכן תיקונים.

דעם זיידן רבי יוסף שמואל שוואַרץ האָט דער חתם סופר געוואונטשן ביי דער סעודת ברית ער זאָל נאָך זוכה זיין צו הערן אַ דרשה פון דעם רך הנימול.

אַזוי איז טאַקע געווען.

מיט דרייצן יאָר שפּעטער איז דער זיידע אָנוועזנד געווען ביי דער בר מצוה וואו דער בחור עקיבא יוסף האָט געהאַלטן זיין ערשטע דרשה ברבים. באַלד דערנאָך איז ער נישט געזונט געוואָרן און אַ וואָך נאָך דער בר מצוה איז ער נפטר געוואָרן בשיבה טובה.



**דעם חתם סופר'ס מוהל צוונגל. געדרוקט אין ספר מראה כהן עמוד נ"ז, תולדות הג"ר חנניה דוב הכהן קאהן ז"ל ראב"ד בודאפעסט ברוקלין, וואס ער האט דאס באקומען במתנה פון דעם דעת סופר זצ"ל.**

רבי עקיבא יוסף איז געווען אַ היסטאָריש אייגנאַרטיגע פּערזענליכקייט. אויב איז געווען איין כאַראַקטער שטריך מיט וואָס רבי עקיבא יוסף האָט זיך אויסגעצייכנט איז עס געווען זיין קאָמפּראָמיסלאָזער קאַמף פאַר וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס דעם אַבסאָלוטן אמת. אַפּאַטיע און גלייכגילטיגקייט האָבן אין זיין לעקסיקאָן נישט עקזיסטירט. אויב איז ער געווען איבערצייגט אַז דאָס איז דער אמת איז ער גרייט געווען דערפאַר צו קעמפן ביזן סוף.

אַ טשעקאַווער עפּיזאָד: ווען ער איז געווען אַ יונגל האָט דאָס געזעץ אין אונגאַרן געלויטעט אַז חרדי'שע יונגלעך וואָס לערנען אין חדר מוזן עטליכע שעה אַ טאָג לערנען לימודי חול אין די שטאָטישע שולעס. אין איינעם פון די קלאַסן איז ר' עקיבא יוסף'ס לערער געווען אַ פּרעשבורגער חרדי'שער איד מיט באָרד און פאות, וואָס האָט דאָס געטאָן פאַר פרנסה. רבי עקיבא יוסף, וועלכער איז שוין אַלס קינד געווען אַ קנאי, האָט דעם לערער געזאָגט מוסר: "מילא איך מוז דאָ קומען לערנען. כ'האָב נישט קיין ברירה. ס'איז דאָס געזעץ פונעם לאַנד. אָבער פאַרוואָס מוזט איר קומען זיין דאָ אַ לערער: פעלן דען אַנדערע פרנסות?" האָט דער לערער אים געענטפערט: "איך ווייס אַז דו וועסט מיך אַרויסשלעפּן פון גהינום ביי די פאות. אַז נישט וועל איך דיך שלעפּן ביי די פיס זאָלסט מיך אַרויסציען פון גהינום".

מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער, אין שנת תרמ"ד, ווען רבי עקיבא יוסף האָט שוין געוואוינט אין ארץ ישראל, איז ער צוריקגעקומען קיין פרעשבורג צו דער ערשטער יאָרצייט פון זיין מאַמע, וועלכע האָט געבעטן אין איר צוואה אַז רבי עקיבא יוסף זאָל ביי דער ערשטער יאָרצייט קומען פון ארץ ישראל צו איר קבר.

צוזאַמען מיט זיין ברודער רבי שמואל יעקב איז ער אַרויס צום בית החיים אין פרעשבורג. רבי עקיבא יוסף האָט געפאַסט און ס'איז געווען אַ הייסער טאָג. פלוצים, גייענדיג צווישן די קברים, איז ער פון זיין אויסגעשעפּט און אָפּגעשוואַכט אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד אַ פאַר'חלש'טער. זיין ברודער האָט אים געמונטערט, אים אויפגעזעצט און געמאַכט זיך אָנלענען אויף אַ דערנעבנדיגער מציבה. ווען ער איז געקומען צו זיך און געוואָלט ווייטער גיין האָט זיין ברודער אים געוויזן דעם נאָמען אויף דער מציבה. "דאָס איז דער לערער וואָס האָט דיר געזאָגט אַז ער וועט דיך אָנכאַפּן ביי די פיס זאָלסט אים אַרויסשלעפּן".

"איך האָב געטאָן מיינס", האָט רבי עקיבא יוסף געזאָגט, "דער איד האָט זיכער באַקומען זיין תיקון. כי לא ידח ממנו נידח".

רבי עקיבא יוסף איז געווען אַ תלמיד פון כתב סופר וועלכער האָט אים געגעבן התרת הוראה און אויך דעם טיטול "מורינו הרב", ווען ער איז נאָך






**געמאָלן בילד און מצבה פון הרה"ג רבי יחיאל שלעזינגער זצ"ל, תלמיד החתם סופר, פאָטער פון הרה"ג רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל**

געוועזן אַ בחור פון נײַנצן יאָר.

גרויסע קהילות, ווי די שטאָט ניקלסבורג, האָבן אים אָנגעבאָטן רבנות פּאָזיציעס. ער האָט אָבער ממאס געווען ברבנות. אין שנת תר"ד איז ער געוואָרן אַן איידעם ביי דעם גרויסן לוחם מלחמות ה', הגה"צ רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל, און איז געוואָרן דיין אין קאָלאָמי. רבי עקיבא יוסף האָט נישט געוואָלט אָננעמען דאָס דיינות ביז זיין שווער רבי הלל קאָלאָמייער האָט גענומען אויף זיך דאָס אחריות פאַר יעדער שגגת הוראה.

אין שנת תרכ"ה האָט ער איבערגעדרוקט דעם חתם סופר'ס צוואה מיט אַ ברייטן פירוש. ער האָט מחבר געווען אַ ספר מיט'ן נאָמען "לב העיברי" – עיברי איז די ראשי תיבות פון עקיבא יוסף בן ר' יחיאל – וואָס דער ערשטער חלק איז די צוואה פון חתם סופר מיט זיין פירוש דערויף. זיין רעביצין, די טאָכטער פון רבי הלל קאָלאָמייער, האָט פאַרקויפט אירע צירונג צו פינאַנצירן דאָס דרוקן דעם ספר. זינט דאַן איז ער באַקאַנט מיט דעם נאָמען פון דעם ספר "לב העיברי".




שער בלאַט פון ספר "לב העברי" פון הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער

אין תרכ"ו איז אין מיהאַלאָוויץ פאָרגעקומען אַ לאַנדס-אסיפה פון ערליכע רבנים פון איבער גאַנץ אונגאַרן וואו אַרום 70 רבנים האָבן אונטערגעשריבן אויף אַ פסק דין וואָס אסר'ט שולן וואו די בימה איז פון פאָרנט, אַנשטאָט אינדערמיט, אסר'ט בויען אַ שול מיט אַ טורעם, און די אַלע אַנדערע שינויים וואָס די רעפאָרמער האָבן דאַן איינגעפירט כדי צו מאַכן זייערע שולן אויסקוקן ווי קלויסטערס להבדיל. רבי עקיבא יוסף איז נישט געווען צווישן די חותמים. ער איז נאָך געווען צו יונג. ער איז אָבער געווען דער איניציאַטאָר און רוח החיים הינטער די קוליסן פון דער אסיפה.

רבי עקיבא יוסף איז געווען אַ בעל מחשבה, אַן איש המעש, און אַ בעל מלחמה. ער האָט געהאַט גרויסצוגיגע טרוימען און וויזיעס און האָט פאַרמאָגט די געוואַגטקייט צו פּרואוון זיי דורכצופירן.

ער איז געקומען צו דער החלטה אַז רוב מנין ורוב בנין פון כלל ישראל אין אייראָפּע וועט ווערן אָפּגע'שמד'ט און סעקולאַר צוליב די פרייהייט וואָס זיי קריגן פון די מלוכות און צוליב דעם שטייגנדיגן כח פון דער השכלה און די רעפאָרמער.

דערפאַר האָט ער באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל וואָס איז דאַן געווען כמעט אינגאַנצן אומבאַוואוינט, און וואו עס איז נישטאָ, – ס'הייסט וואו עס איז דאַן נאָך נישט געווען – קיין סכנה פון השכלה און פריקת עול תורה.

ער איז פאַר דעם געפאָרן צו גדולי הדור צו נעמען זייערע הסכמות אויף פאָרן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. דער צאַנזער רב דער דברי חיים האָט מסכים געווען. אַנדערע צדיקים, צווישן זיי דער ייטב לב, האָבן אים אָבער געבעטן בלייבן אין אייראָפּע וואו דאָס יהדות החרדית נויטיגט זיך אין זיינע טאַלאַנטן און אין זיין דרייסטן קעמפערישן גייסט.

רבי עקיבא יוסף שרייבט וועגן זיין באַזוך אין סיגעט ביים ייטב לב: "הוא דיבר אלי בענווה יתרה כאילו אני הייתי הרב והוא התלמיד, להבדיל, ואמר, מה עושה לנו? יאמין לי כי אני אוכל לומר תירוץ על קושיות תוס' ולומר אגדה, אך אם בא דבר הנוגע לשער בת רבים אין לנו יד ופה כמוהו".

רבי עקיבא יוסף האָט געענטפערט דעם ייטב לב און די אַנדערע גדולים וצדיקים אַז ער פילט ווי די ערד ברענט אים אונטער פוס און ער מוז פאָרן קיין ארץ ישראל.

קיין ארץ ישראל איז ער אָנגעקומען אין עלטער פון 32 יאָר. ער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, עטליכע הייזער נעבן דעם כותל המערבי, וואו ער פלעגט יעדע נאַכט אָפּרעכטן תיקון חצות און אויסזאָגן גאַנץ תהלים.

כדי ערליכע אידן זאָלן קענען דינען דעם אויבערשטן און זעלבסטשטענדיג ערציען דורות על טהרת הקודש האָט ער געהאַט אַ טרוים אידן זאָלן עוסק זיין אין אַגריקולטור, האָבן פעלדער און פאַרמס, אָפּשיידן תרומות ומעשרות, און זיין פינאַנציעל זעלבסטשטענדיג. ער האָט פאַר דעם צוועק געגרינדעט, צוזאַמען מיט אַ צאָל חרדי'שע עסקנים, דעם ישוב פתח תקוה, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ שטאָט.



כתב יד פון ספר "חוקר ומקובל", פירוש על האדרא רבא קל"ח פתחי חכמה לרבי משה חיים לוצאטו זצ"ל, וואס האט באלאנגט צום חתם סופר

טראָץ די חילוקי דעות וואָס ער האָט געהאַט מיט די מנהלי הכוללים אין ירושלים וועגן דעם אופן פון דער חלוקה פון דער געלט שטיצע פאַר די לומדי הכוללים, און טראָץ זיינע אייגנאַרטיגע אַנדערע מיינונגען, ווי למשל זיין ווילן איינפירן בלאָזן שופר אין ירושלים אום ראש השנה שחל להיות בשבת, האָט ער סוף ימיו שלום געמאַכט מיט זיינע קעגנער וועלכע האָבן מודה געווען אין זיין צדקות און קדושה און אַז זיין זעלבסטשטענדיגע נאַטור נעמט זיך פון זיין גיין מיט'ן אמת ביז'ן סוף.

אַז ער האָט אַלץ געמיינט לשם שמים איז צווישן אַנדערן צו זען פון דעם פאַקט וואָס פילע טויזנטער מסלתה ומשמנה פון די ערליכע בני ישוב הישן עד היום הזה זענען אייניקלעך פון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל.

## דער חתם סופר אין אַ טיפער דבקות

רבי עקיבא יוסף'ס פאָטער, רבי יחיאל שלעזינגער, איז ווי געזאָגט געווען אַ תלמיד מובהק פון חתם סופר. שרייבט רבי עקיבא יוסף אין זיין ספר "בית יוסף החדש" אַז זיין טאַטע פלעגט באַאָבאַכטן אויפ'ן חתם סופר אַז אויב מ'ברענגט אים אַ שווערע שאלה פאַרמאַכט ער די אויגן און פאַרטיפט זיך אין אַ דבקות. ווען דער חתם סופר האָט געזען ווי זיין תלמיד רבי יחיאל באַמערקט דאָס און וואונדערט זיך האָט ער אים געזאָגט: דער פסוק זאָגט "והדבר הקשה תקריבון אלי" דאָס מיינט ווען עס קומט אַ שווערע שאלה איז נישט גענוג דער חלק הפלפול, נאָר תקריבון אלי, מען דאַרף זיך מקרב זיין צום רבונו של עולם.

"ראה אאמ"ו הי"ו ממרן החת"ס ז"ל, כאשר בא לפניו שאלה גדולה סגר עיניו והעמיק בדביקות, והתמיה על המראה. וראה החת"ס כי התמיה, ענה, אל תתמה, כי כן כתיב (דברים אַ י"ז) 'והדבר הקשה תקריבון אלי', ר"ל, תקרב עצמך להקב"ה אז ושמעתיו, כי לא הפלפול עיקר כי אם השכל וידוע אותו, ואם כי הא בלא הא לא סגי, אך ראשית חכמה יראת ה' כבגמ' שבת (דף לא), אז ושמעתיו" (בית יוסף החדש, עמ' קיא.).

## דער חפץ חיים נעמט מיט אַן אייניקל פון חתם סופר

די פוילישע רעגירונג האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ גזירה קעגן די אידישע חדרים צוליב אַ מסירה פון די פרייע און די משכילים. איז דער חפץ חיים געפאָרן קיין וואַרשע אָפּצושרייען די גזירה.

איידער ער איז געפאָרן קיין וואַרשע האָט ער געבעטן פון איינעם פון דער קאָרניצער משפחה, אַן אייניקל פון חתם סופר, ער זאָל אים באַגלייטן צו די רעגירונגס ביוראָען אין וואַרשע – וואָס ער האָט גערן געטאָן.

יענער האָט געמיינט אַז דער חפץ חיים נויטיגט זיך אין זיין הילף ווייל ער האָט געקענט די פוילישע שפּראַך. למעשה האָט דער חפץ חיים אים נישט געבעטן רעדן. דער חפץ חיים האָט איבעראָל גערעדט אידיש און אַנדערע עסקנים האָבן עס איבערגעטייטשט אויף פויליש.

די שתדלנות איז געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג. ווען דער חפץ חיים האָט אים שטאַרק באַדאַנקט פאַר באַגלייטן אים האָט ער געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָ בכלל אויסגעפעלט?

האָט דער חפץ חיים אים געענטפערט: "ווייל איר זענט אַן אייניקל פון חתם סופר. כ'האָב געוואָלט אַז דער זכות פון חתם סופר זאָל אונז באַגלייטן, ובפרט אין באַקעמפן די משכילים און מתחדשים." (בית אב על התורה, לאָנדאָן תשמ"ז, עמ' פ"ו).

ווען דער חפץ חיים איז געווען אין ווין איז זיין אכסניא געווען ביי רבי עקיבא שרייבער ז"ל, אַן אייניקל פון חתם סופר. מסתמא אויך צוליב דער זעלבער סיבה.

אַן ענליכע מעשה האָט דערציילט הגאון רבי העניך פּאַדווא זצ"ל, וועגן דעם בעלזער רב, הגה"ק רבי יששכר דוב זצ"ל. ווען דער בעלזער רב האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט רעגירונגס פירער האָט ער געבעטן רבי אברהם חיים דוד סופר זצ"ל זאָל אים באַגלייטן, כדי מצליח צו זיין אין זכות פון חתם סופר. (אוצרות הסופר, קובץ כ"א. הליכות חנוך ברוקלין תשע"ב, עמ' רמ"ד).

הג"ר יואל שרייבער זצ"ל, זון פון הגאון רבי שמעון סופר, דער מכתב סופר זצ"ל, איז אַמאָל געפאָרן צום שפת אמת קיין גער. ווען ער האָט געהערט אַז ער איז אַן אייניקל פון חתם סופר האָט דער שפת אמת אים שטאַרק מקרב געווען. ראש השנה ביינאַכט האָט דער שפת אמת געבעטן פון רבי יואל שרייבער ער זאָל שטיין נעבן אים דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער עולם איז דורכגעגאַנגען וואונטשן און ווערן געבענטשט מיט אַ לשנה טובה. (אפריון לרבי שמעון, בני ברק תשע"ו, עמ' 134).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר

## די 185'סטע יאָרצייט

כ"ה תשרי ת"ר – כ"ה תשרי תשפ"ה

**דער חתם סופר וועגן דער מצוה פון כתיבת ספר תורה** – זיין הכנסת ספר תורה, בצנעה, סוכות פון שנת תקע"ב – **נשים האָבן נישט געמאַכט די ברכה פון לישב בסוכה** – די מבוכה וועגן ישיבת נשים בסוכה – **די שיטה פון חכם צבי און דער מנהג צאַנז** – די תשובה פון ייטב לב – **די אויסערגעוועגליכע שמחת יום טוב** – די געשעענישן פון סוכות שנת תקפ"א און דער לעצטער סוכות שנת ת"ר – **האָט שמחת תורה עולה געווען דער פופציגסטער: שער הנו"ן**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## די מצוה פון כתיבת ספר תורה

די מצוה פון כתיבת ספר תורה איז די לעצטע מצוה, די זעקס הונדערט און דרייצנסטע מצוה אין דער תורה.

פון דעם פסוק אין פרשת וילך: "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת" לערנען חז"ל אַרויס (סנהדרין כ"א:) – און אַזוי ווערט גע'פסק'עט אין רמב"ם (פ"ז הלכות ס"ת ה"א) און אין טושו"ע (יו"ד סי' ע"ר) – אַז יעדער איד איז מחויב צו שרייבן אַ ספר תורה.

כאָטש רש"י זאָגט אויף דעם פסוק ועתה כתבו לכם את השירה הזאת אַז דאָס מיינט שירת האזינו, (ווי רש"י זאָגט "האזינו השמים עד וכפר אדמתו עמו") איז דער בית יוסף דאָס דאָרט מסביר: ווי מיר ווייסן איז "תורה חתומה ניתנה" (גיטין ס.), וואָס מיינט אַז מ'טאָר נישט שרייבן בלויז שטיקער פון דער תורה, קען נישט זיין אַז די מצוה איז צו שרייבן בלויז פרשת האזינו. די מצוה איז צו שרייבן די גאַנצע תורה פונעם אָנהויב ביז'ן סוף, ביז שירת האזינו וואָס משה רבינו האָט דאַן געזאָגט.

באַקאַנט דער חידוש פון דעם רא"ש. דער רא"ש טוט אויף (הלכות קטנות הל' ספר תורה סי' א', געבראַכט אין טור יו"ד סי' ע"ר) אַז די מצוה פון כתיבת ספר תורה איז שייך געווען נאָר אַמאָליגע צייטן, ווען ס'איז געווען ערלויבט צו שרייבן בלויז תורה שבכתב און מ'האָט געלערנט תורה אין אַ ספר תורה. היינט אָבער, ווען די ספר תורה ליגט אין בית המדרש אין ארון הקודש, און תורה לערנט מען אין געשריבענע – און היינט אין געדרוקטע – חומשים, משניות, גמרא און מפרשים, איז די מצוה בעיקר צו שרייבן און קויפן ספרים, די ספרים אין וועלכע מען לערנט.

דער בית יוסף וואונדערט זיך אָבער אויפ'ן רא"ש וויאַזוי ער קען אינגאַנצן מבטל זיין די מצוה פון כתיבת ספר תורה און זאָגן אַז מען איז יוצא די מצוה מיט חומשים, משניות און גמרות. נאָכ'ן פרעגן עטליכע קשיות זאָגט דער בית יוסף פשט אין רא"ש אַז ער מיינט נישט מבטל צו זיין די מצוה פון שרייבן אַ ספר תורה, וואָס איז דער עיקר מצוה. דער רא"ש מיינט נאָר, זאָגט דער בית יוסף, אויסצוברייטערן די מצוה, נעמליך: אַז היינט איז מען מחויב אויך צו שרייבן און קויפן ספרים אין וועלכע מען לערנט.

דער פרישה און דער ש"ך נעמען נישט אָן דעם בית יוסף'ס פשט אינעם רא"ש. לויט'ן רא"ש, זאָגן זיי, איז מען היינט טאַקע פטור פון דער מצוה פון כתיבת ספר תורה. היינט איז די מצוה בלויז דאָס קויפן ספרים אין וואָס מען לערנט.

אַלע אַנדערע אחרונים זענען אָבער מחולק אויפ'ן פרישה און אויפ'ן ש"ך. דער לבוש און דער ב"ח, דער ט"ז און דער שאגת ארי', דער גר"א און דער חתם סופר, האַלטן אַלע אַזוי ווי דער בית יוסף: אפילו לויט'ן רא"ש גייט ווייטער אָן די מצוה פון כתיבת ספר תורה.

נאָך מער, זאָגט דער חתם סופר: "נ"ל הא דנדחק הרב בית יוסף וכל הבאים אחריו להעמיס בלשון הרא"ש שגם בזמן הזה שעיקר הלימוד הוא בתוך שאר ספרים אכתי יש מצוה בכתיבת ס"ת, לא היו צריכים לכל האריכות הזה, כי לא אמר הרא"ש דבריו אלא אם נדרוש טעמא דקרא... אמנם הרי אנו קי"ל כר' יהודה דלא דריש טעמא דקרא היכא שע"י הטעם נבוא להקל, א"כ אי אפשר לפטור עצמו מכתיבת ס"ת ע"י הטעם... א"כ אי אפשר מבלי ס"ת שלם. אלא שעדיין אינו יוצא ידי חובתו עד שיקח ספרים שיכול הוא ובניו להגות בהם ולהבין ולהשכיל, דס"ת עצמו קצרה דעתנו בעו"ה". (שו"ת חת"ס יו"ד סי' רנ"ד).

## דעם חתם סופר'ס הכנסת ספר תורה, בצנעה, סוכות שנת תקע"ב

דער חתם סופר אַליין האָט אויך מקיים געווען די מצוה פון כתיבת ספר תורה. ווי ער שרייבט דאָס אין אַ תשובה: "ביו"ט חג הסוכות (שנת תקע"ב) נגמר כתיבת ס"ת שלי תלי"ת בכמה מיני יופי והידור ודקדוקים הרבה". (שו"ת חת"ס יו"ד סי' רע"ו).

פון די ווערטער נגמר "כתיבת" ס"ת שלי ווייזט אויס אַז נישט בלויז האָט מען יענעם טאָג אַריינגעגעבן די ספר תורה נאָר מען האָט עס יענעם טאָג אויך געענדיגט שרייבן. זע אַ גאַנצע שקלא וטריא וועגן גומר זיין כתיבת ספר תורה אום חול המועד אין שו"ת בצל החכמה (ח"ד סי' ב').

די ספר תורה האָט דער חתם סופר אַריינגעגעבן חול המועד סוכות, בסתר ובצנעה. אָט איז וואָס עס שרייבט הגאון רבי נפתלי סופר זצ"ל, זון פון דעם חתם סופר'ס נאָענטער תלמיד און מקורב הגאון רבי פישל סופר זצ"ל: "ושמעתי שאדמ"ו הגאון מהרמ"ס (דער חתם סופר) כאשר היה מקיים מצות עשה 'כתבו לכם וכו', היה נותן ספר תורה בבית המדרש בסתר. וגם המנוח הנגיד הרבני המפורסם מו"ה קלמן פפ"ה ז"ל בק"ק פ"ב הלך בדרכו של רבינו זצ"ל, לקיים כמו שאמר מיכה 'מה ה' דורש ממך הצנע לכת וכו'." ("בית אפרים", דרוש ב' פרעשבורג תרל"ב, דף ד').

דער חתם סופר האָט פריער נאָך געהאַט אָפּגעקויפט פאַר טייער געלט די ספר תורה פון זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער. דאָך האָט ער געלאָזט שרייבן אַן אייגענע ספר תורה. ווי זיין אייניקל דער בערעגסאַזער רב שרייבט דאָס אין חוט המשולש (עמ' קנ"ג):

"מאוד היה מהדר בעשותו מצוה לעשות אותה באופן הנאות ובשלימות האפשר בדקדוקיה ופרטיה, וכגודל ערכו בתורה ובחכמה כן בקיום המצות הידר וטרח והשתדל לקיים 'זה אל-י ואנוהו'... ולכן אף שקנה בדמים יקרים את ספר התורה אשר כתבו רבו המובהק הגאון הקדוש רבי נתן אדליר זצ"ל, עוד זאת קיים ואתם כתבו לכם את השירה הזאת ע"י סופר מומחה ומובהק מהו' זוסמאַן ז"ל, ומרן זצ"ל למד עמו כוונות אשר יכוון בהם בכתיבה וסודות האותיות אשר יכוון בהון, ולתשלומים נתן לו קודם הכתיבה עשרים אדומים, ולגמר נתן לו עיקר התשלומים עוד מאה אדומים. ומלבד זה קנה מרן זצ"ל כלי קודש של כסף גדולים ויקרים עד שעלה הס"ת לאלף זהובים כסף, כה הידר במצוה זו, ובערך זה הידר ג"כ בשאר מצות על צד היותר נאה ומהודר".

הגאון רבי בן ציון שטראַסער שליט"א אין "אורות חתם סופר" (דברים ב' דף תתקמ"ט) ווייזט אָן דערויף וואָס אין חתם סופר'ס רבנות קאָנסוס ווערט אויסגערעכנט זיין געהאַלט "משכורתו תהי' שלימה מקופת הקהל דקהלתינו סך חמשה עשר זהובים לשבוע". קומט אויס, זאָגט הגרב"צ שטראַסער, אַז אויף דער ספר תורה האָט דער חתם סופר זיך געלאָזט קאָסטן פיל מער ווי ס'איז געווען זיין יערליכער געהאַלט.

## נשים זענען געזעסן אין דער סוכה — אָבער נישט געמאַכט אַ לישב בסוכה

דעם חתם סופר'ס קינדער, זון און טעכטער, זענען אַלע געזעסן מיט אים אין דער סוכה. אַזוי שטייט אין חוט המשולש (עמוד קמ"ב) און אין



**דאס הויז פון חתם סופר אויף לינקס. 76 שלאס גאסע**

"מנהגי החתם סופר". די פרויען האָבן אָבער נישט געמאַכט קיין ברכת לישב בסוכה.

געווען צייטן וואָס ביי געוויסע איז געווען אַ שטיקל מבוכה איבער דער פראַגע וויאַזוי עס איז געווען דער מנהג אין דער סוכה פון חתם סופר. געווען וואָס האָבן געהאַלטן אַז ביים חתם סופר האָבן נשים בכלל נישט געגעסן אין דער סוכה. דער מקור פון דער שמועה איז געווען דער ספר שו"ת "מי יהודה" פון הגאון רבי יהודה אַלטמאַן אב"ד טשאַטא זצ"ל, וועלכער ברענגט (סוס"י י') פון זיין רבי'ן הגאון רבי יהושע ברוך רייניץ (בעל ה"מכתבים") אב"ד טשעטשאָוויץ זצ"ל, אַז דער חתם סופר האָט מקפיד געווען פרויען זאָלן בכלל נישט עסן אין דער סוכה. פאַראַן ספרים וואָס האָבן – באַזירט בלויז אויף די ווערטער פון טשעטשאָוויצער רב הג"ר יהושע ברוך רייניץ – געשריבן גאַנצע טעמים און סברות פאַרוואָס דער חתם סופר האָט טאַקע נישט ערלויבט פאַר נשים מקיים צו זיין די מצוה פון סוכה, טראָץ דעם וואָס זיי זענען מקיים געוויסע אַנדערע מצוות שהזמן גרמא.

דער טשעטשאָוויצער רב רבי יהושע ברוך רייניץ האָט געהאַט אַן אייניקל רבי אשר אנשיל מילער אב"ד פעטרושאַן, וועלכער האָט אַלס בחור געלערנט ביים שבט סופר אין פרעשבורג. לערנענדיג אין פרעשבורג האָט ער זיך כסדר געשריבן מיט זיין זיידן, אַ בריוו-אויסטויש פון חידושי תורה. דער זיידע האָט געשריבן חידושי תורה צו אים און ער האָט דעם זיידן צוריק געשריבן זיינע אייגענע חידושים, פאַר וועלכע דער זיידע האָט אים אָפט באַלוינט מיט מתנות.

אַמאָל האָט אים דער זיידע געשריבן אַז דער חתם סופר האָט נישט ערלויבט זיין רעביצין און זיינע טעכטער צו עסן אין דער סוכה, טראָץ דעם וואָס אין ש"ס און פוסקים געפינען מיר אַז מען האָט יאָ ערלויבט פרויען צו עסן אין דער סוכה. דער זיידע האָט אים געשריבן דריי טעמים וואָס ער האַלט פאַרוואָס דער חתם סופר האָט אַזוי געטאָן. ער, דער אייניקל הבחור אשר אַנשיל מילער, האָט צוריק געשריבן דעם זיידן דריי אייגענע סברות מסביר צו זיין אָט די שיטה פון חתם סופר.

דער אייניקל אשר אַנשיל מילער איז געווען אַ קרוב משפחה מיט דעם חתם סופר'ס טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן, וועלכע האָט געוואוינט אין פרעשבורג. זי איז אים געווען אַן עלטער מומע. האָט ער נאָכ'ן שרייבן דעם בריוו צו זיין זיידן באַשלאָסן אַליין צו גיין פרעגן פון דער מומע שמחה.

דערציילט רבי אשר אַנשיל מילער אין זיינע זכרונות "עולמו של אבא"



**דעם חתם סופר'ס הויז חרוב דורך די נאציס ימ"ש, שנת תש"ד**

אַז ווען ער האָט געפרעגט פון הרבנית הצדיקת מרת שמחה לעהמאַן פאַרוואָס דער חתם סופר האָט נישט ערלויבט פרויען צו עסן אין דער סוכה האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. "לא היו דברים מעולם", האָט זי אים געזאָגט, "מיין מאַמע, מיינע שוועסטער און איך זענען אַלע געזעסן אין דער סוכה צוזאַמען מיט'ן טאַטן זצ"ל".

מיר ציטירן די ווערטער פון רבי אשר אַנשיל מילער, דער פעטרושאַנער רב: "צחקה ואמרה שלא היו דברים מעולם. אדרבה, אמרה, אמא, אחותי ואני, כולנו ישבנו בסוכה יחד עם אבא זצ"ל, וכן נהג אחי (הכתב סופר), שסעד בסוכתו יחד עם כל בני משפחתו. מיד כתבתי מכתב נוסף לסבי מטשעטשאָוויץ, כי בתו של מרן החתם סופר העידה באזני שהיא כן ישבה בסוכה של אביה. התשובה מסבי לא איחרה לבוא. הוא כתב לי כי מעולם לא דחה אדם את דבריו כמוני, ושלח לי סכום נוסף בתור מתנה".

[אגב ווייטער שרייבט רבי אשר אַנשיל מילער אַז דער שבט סופר פלעגט יעדן יום יום טוב גיין באַזוכן די מומע שמחה (שוועסטער פון זיין פאָטער דער כתב סופר) און פלעגט זאָגן בדרך מליצה: "רואין מומין ביום טוב"].

דאָס זעלבע שרייבט אויך דעם חתם סופר'ס אייניקל דער חתן סופר. דער חתן סופר שרייבט וואָס ער האָט געהערט פון זיין מאַמע, די עלטסטע טאָכטער פון חתם סופר: פרויען פלעגן עסן אין דער סוכה אָבער האָבן נישט געמאַכט די ברכה פון לישב בסוכה. "אמרה לי אמי מורתי הצדקת תחי', שמעולם לא ראתה בבית אביה קדוש זקני רבינו בעל חתם סופר ז"ל שבירכו הנשים ברכת לישב בסוכה". (חתן סופר או"ח שער הגדילים כ"ג).

אַנדערע האָבן אויך אָנגעוויזן אויף וואָס דער חתם סופר אַליין שרייבט אין תורת משה השלם סוף ספר דברים (דרשה לכ"ז אלול ד"ה הנה דרש) "הני

נשים במה זכיין וכו׳ כי מקיימים הרבה מצות, וכמעט כל מ״ע שהזמן גרמה מקיימות ג״כ כמו האנשים, ויושבות בסוכה ואוכלות מצה״.

דעם חתם סופר׳ס אייניקל הגה״ק רבי שמעון סופר דער ערלויער רב זצ״ל, שרייבט אין התעוררות תשובה (ח״א סי׳ קע״ז), אַז אויף אַלע אַנדערע מצוות שהזמן גרמא, איינשליסנדיג נטילת לולב, האָבן זיי יאָ געמאַכט אַ ברכה.

דער חתן סופר שרייבט עטליכע טעמים פאַרוואָס ישיבת סוכה איז אַנדערש ווי אַנדערע מצוות עשה שהזמן גרמא. איין טעם: ביי סוכה שטייט כל ״האזרח״ בישראל, להוציא את הנשים.

הגאון רבי ישראל וועלץ זצ״ל שרייבט: נאָר אויף מצוות וואָס פרויען האָבן אויף זיך מקבל געווען און זענען עס קיינמאָל נישט מבטל, ווי שופר און לולב, מעגן זיי מאַכן אַ ברכה, אָבער אַזעלכע מצוות וואָס זיי זענען נישט תמיד מקיים, ווי ישיבת סוכה, וואָס אָפט עסן זיי אין שטוב, טאָרן זיי נישט מאַכן קיין ברכה, אפילו ווען זיי עסן אין דער סוכה. (שו״ת דברי ישראל סי׳ קצ״ז).

דער ישועת יעקב שרייבט אַז אין זיין שטאָט, לעמבערג/לבוב, איז אויך אַזוי געווען דער מנהג: נשים האָבן געמאַכט אַ ברכה אויף נטילת לולב און נישט אויף ישיבת סוכה.

כאָטש נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא זאָגט דער רבינו תם (קידושין לא.) אַז אויב ווילן נשים יאָ מקיים זיין די מצות קענען זיי מאַכן די ברכת המצות. ס׳איז נישט קיין ברכה שאינה צריכה. דער רמב״ם דאַקעגן איז חולק אויף רבינו תם. ער האַלט אַז נשים טאָרן נישט מאַכן קיין ברכה אויף מצות עשה שהזמן גרמא. אין שולחן ערוך פסק׳עט דער בית יוסף ווי דער רמב״ם, און אַזוי פירן זיך רוב ספרדים. דער רמ״א דאַקעגן פסק׳עט ווי דער רבינו תם, און אַזוי פירן זיך מיר אשכנזים.

דאָס איז אָבער אַלץ נאָר אין אַלגעמיין. פאַראַן אויסנאַמען ביי ביידע. צווישן די ספרדים אין ארץ ישראל איז ביז מיט אַ דור צוריק געווען איינגעפירט אַז פרויען האָבן יאָ געמאַכט אַ ברכה אויף מצות עשה שהזמן גרמא. דער חיד״א אין ״ברכי יוסף״ שרייבט ״מה שנהגו קצת נשים בארץ הצבי (ארץ ישראל) לברך על הלולב זה שנים רבות ערערתי על זה, דנהגו כן מעצמן, ואנן קבלנו הוראות הרמב״ם ומרן (דער בית יוסף), הם פסקו שלא לברך״. ביים סוף זאָגט אָבער דער חיד״א אַז האָט ער געזען אין ספר ״שו״ת מן השמים״ אַז מען האָט אים געוויזן מן השמים אַז נשים מעגן מאַכן אַ ברכה אויף שופר און לולב און ס׳איז נישט קיין ברכה לבטלה.

אין זיין שו״ת ״יוסף אומץ״ שרייבט דער חיד״א ״ולענין הלכה אני הדל מעת שראיתי מה שהשיבו מן השמים לרבינו יעקב ממרוי״ש כמו שהבאתי בספרי הקטן ברכי יוסף סימן תרנ״ד אות ב׳ נהגתי לומר לנשים שיברכו על הלולב, וכמנהג קדום שהיו נוהגות הנשים בעה״ק ירושלים ת״ו״.

ווידער דער אויסנאַם ביי אשכנזים איז דער חכם צבי. דער חכם צבי זאָגט אַז נשים טאָרן נישט מאַכן אַ ברכה אויף מצות עשה שהזמן גרמא.

אַ ראיה דערצו ברענגט דער חכם צבי (ב, ב) פון דער מעשה אין סוכה דף ב עמוד ב׳ מיט הילני המלכה, וועלכע איז געזעסן אין אַ פסול׳ע סוכה ולא אמרו לה חכמים דבר. אויב מעגן פרויען מאַכן אַ ברכה אויף מ״ע שהז״ג האָט דאָך הילני המלכה מסתמא אויך געמאַכט די ברכה פון לישב בסוכה. טאָ פאַרוואָס האָבן די חכמים איר נישט געזאָגט אַז ס׳איז אַ ברכה לבטלה? אפילו אויב די חכמים האָבן נישט געוואוסט צי זי האָט טאַקע געמאַכט אַ ברכה וואָלטן זיי איר לכל הפחות געדאַרפט מזהיר זיין אַז זי זאָל נישט מאַכן קיין ברכה אין דער פסול׳ער סוכה. מוז דאָך על כרחך זיין, זאָגט דער חכם צבי, אַז נשים מאַכן טאַקע נישט קיין ברכה אויף מצות עשה שהזמן גרמא.

כאָטש אין חכם צבי שרייבט ער דאָס בלויז בדרך פלפול און נישט הלכה למעשה שרייבט אָבער הגאון רבי יעקב אָרענשטיין אין ישועות יעקב (או״ח י״ז א׳): ״העידו לפני אנשים כשרים שהגאון אבי זקני החכם צבי מיחה בנשים שלא יברכו על מצוות עשה שהזמן גרמא, וכן העידה זקנתי בת הגאון זקני מוהר״א ליבוש אב״ד דק״ק אמשטרדאם שהוא היה חתן הגאון החכם צבי שלא הניח לנשים לברך״.

מעגליך אַז דער חכם צבי האָט אַזוי גע׳פסק׳עט, אַנדערש פונעם מנהג אשכנז, ווייל אַלס בחור איז ער געווען אַ תלמיד פון די חכמי הספרדים אין סאַלאָניקי. שפּעטערדיגע יאָרן איז ער אויך געווען רב ביי די ספרדים – דערפאַר דער טיטל ״חכם״ צבי.

לויט ווי אַנדערע שרייבן האָט דער חכם צבי אפילו געלאָזט צוואה פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך אַז נשים זאָלן נישט בענטשן אתרוג.

כידוע האָט דער הייליגער צאַנזער רב, דער דברי חיים זצ״ל, נישט געלאָזט פרויען מאַכן די ברכה על נטילת לולב אָדער לישב בסוכה. ס׳זאָל הייסן אַז ער האָט אפילו מבטיח געווען אַז נשים וואָס וועלן זיך מונע זיין פון נטילת לולב און ישיבת סוכה וועלן זוכה זיין צו ערליכע קינדער.

הגם דער צאַנזער רב האָט נישט געזאָגט קיין טעם, איז אָנגענומען אַז ער האָט אַזוי פאַרלאַנגט צוליב דעם פסק פון זיין זיידן דער חכם צבי, וואָס ער איז געווען אַזוי דבוק אין אים. אין דברי חיים ברענגט ער אַסאַך פון די פסקים פון חכם צבי און פאַרענטפערט אים פון אַלע וואָס זענען משיג אויף אים. אין אהע״ז א, ג, שרייבט ער: ״ומחמת שמיוצאי ירכו אני החיוב עלי ליישב דבריו״. צי: ״לא יכולתי עצור במלין במה שבתשובה הנ״ל דחה בפטומי מילי דברי גאון ישראל החכם צבי ז״ל״, (שם נב). אָדער: ״גם שאין רצוני בעת בפלפולים, לא נמנעתי מלהליץ בעד זקני ז״ל״, (שם צ״ט).

פאַראַן צאַנזער אייניקלעך וואָס זאָגן אָבער אַז אויב האָט דער דברי חיים דאָס געזאָגט צוליב דעם פסק פון חכם צבי וואָלט ער דאָס געדאַרפט הייסן ביי אַלע מצות עשה שהזמן גרמא, נישט בלויז ביי סוכה און לולב. ער האָט מקפיד געווען בלויז ביי סוכה און לולב, זאָגן זיי, ווייל בימים ההם האָט רוב עולם נישט פאַרמאָגט קיין אייגענע ארבע מינים. מ׳פלעגט גיין צום רב און מאַכן אַ ברכה אויף זיינע ארבע מינים. אויך סוכות אין אַסאַך שטעט האָבן נישט אַלע פאַרמאָגט אַן אייגענע סוכה. ס׳איז געווען כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת. דערפאַר, צוליב גדרי הצניעות, האָט דער צאַנזער רב געוואָלט נשים זאָלן נישט עסן אין דער סוכה און נישט בענטשן אתרוג, ס׳זאָל נישט זיין יצא שכרן בהפסידן.

גאָר אַסאַך צאַנזער אייניקלעך האַלטן אָן דעם מנהג. אַנדערע צאַנזער אייניקלעך נישט.

הגה״ק דער ייטב לב זי״ע אין זיין שאלות ותשובות ״אבני צדק״ (או״ח, מו) קומט צו דער מסקנה אַז דער רא״ש און דער טור האַלטן אויך אַז נשים זאָלן נישט מאַכן קיין ברכה אויף מצות עשה שהזמן גרמא. נאָר אַזויווי אין דער וועלט איז איינגעפירט אַז נשים מאַכן יאָ אַ ברכה, איז אויב וועט מען זיי קיינמאָל נישט לאָזן מאַכן די ברכה וועלן זיי זיך פילן באַקריוודעט, דערפאַר איז מען זיך סומך אויפ׳ן רבינו תם ״שכדאי ר״ת לסמוך עליו בשעת הדחק״. שרייבט דער ייטב לב: ״מפני כן עוד יש נשים ממשפחת חכם צבי ז״ל שאוחזין מעשה אבותיהם ואין נוטלים לולב ולא מברכין וכדעת החכ״צ ז״ל.... שהביא ראיה ברורה שנשים לא יברכו על מ״ע שהזמ״ג״. דער ייטב לב פירט אויס: ״ובכל זאת אותן נשים שנהגו לברך אין מוחים בידם שכדאי ר״ת לסמוך עליו וכמו שכתבתי״.



אברהם חנוך פריעדמאן
דומ"ץ דפה
סאטמארע (סאטמאר)



דעם חתם סופר'ס אייניקל הג"ר אברהם חנוך פריעדמאַן זצ"ל, דיין אין סאטמאר – בריוו מיט זיין דרוק-סאָרט

## די שטימונג פון שמחה אין וואָס דער חתם סופר האָט זיך געפונען יום טוב סוכות

סוכות האָט ער זיך געפונען אין אַ גאָר געהויבענע שטימונג. סוכות, ובפרט די ערשטע נאַכט, איז ער געווען מער בשמחה ווי אַלע אַנדערע ימים טובים.

דעם חתם סופר'ס אייניקל הגאון רבי אברהם חנוך פריעדמאַן זצ"ל, דיין אין סאַטמאַר, שרייבט אין "זכרון למשה", עמוד קפ"ד, וואָס ער האָט געהערט פון זיין מאַמע'ן הצדקת רעכל ע"ה, די טאָכטער פון חתם סופר: אין דער צייט וואָס יעדן שבת האָבן אויפ'ן טיש געברענט פיר ליכט האָבן סוכות געברענט זעקס ליכט אויפ'ן טיש "להרבות שמחה יתירה".

אָנהויב יאָר פון שנת תק"פ האָט געהערשט אַן עפידעמיע ל"ע. דעם חתם סופר'ס קליינע קינדער זענען געווען נישט געזונט און געלעגן אין בעט. יענעם סוכות איז זיין 4 יעריג יונגל יצחק לייב ל"ע נפטר געוואָרן.

ווען ער איז אַהיימגעקומען פון שול האָט ער געזען ווי זיין רביצין זיצט מיט טרערן אין די אויגן. האָט ער איר אויפמערקזאַם געמאַכט אַז יום טוב איז אסור באבילות. מער האָט זי קיין טרער נישט פאַרלאָזט ביז נאָך יום טוב.

אין איינעם פון די ערשטע נעכט פון יענעם סוכות, ווען דער חתם סופר איז געזעסן אין דער סוכה מיט זיין משפחה, האָט ער זיך פלוצלינג אַנגערופן אַז ער הערט ווי מ'זאָגט אויבן תהלים, זאָגנדיג אַז מסתמא זאָגט מען תהלים אין זיין בית המדרש. דאָס בית המדרש האָט זיך געפונען אויפ'ן ערשטן שטאָק. זענען זיינע שטוב מענטשן אַרויף אין בית המדרש זען. קיינער האָט זיך אָבער נישט געפונען אין בית המדרש.

זענען זיי צוריק אין דער סוכה און געזאָגט דעם חתם סופר אַז ס'איז קיינער נישטאָ אין בית המדרש. דער חתם סופר האָט אָבער געזאָגט אַז ס'איז אוממעגליך. ער הערט ווי אַן עולם זאָגט אויבן תהלים. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז ס'איז נישטאָ קיין נפש חי' נישט אין בית המדרש און נישט אין גאַנצן הויז האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן, "נו, אַז מען זאָגט נישט אונטן זאָגט מען אויבן". ווי דער בערעגסאַזער רב שרייבט דאָס: "אבל הוא עמד בדיבורו ששומע שאומרים תהלים, וגם המה השיבו שאין איש בבהכ"נ ולא בבהמ"ד, אז ענה ואמר, אם אין אומרים למטה אומרים למעלה, ודי למבין. ושאר בניו אחת לאחת חזרו לאיתנם הראשון והדרי ברי אולם". (חוט המשולש מהדורה חדשה דף ע"ח)

דער בערעגסאַזער רב שרייבט דאָרט אַז ער האָט געהערט פון זיין פעטער רבי שמעון סופר, אַז עטליכע וואָכן איידער זיינע קינדער זענען קראַנק געוואָרן האָט דער חתם סופר געהאַט גילוי אליהו, וועלכער האָט אים פאָראויס מגלה געווען וואָס ס'גייט פאַסירן.



די אידישע גאַס אין פרעשבורג פאַר דער קריג – ווערט געזען דער אָרטאָדאָקסישער ביהמ"ד

סוכות פלעגט ער צוליב שמחת יום טוב טיילן ניסלעך פאַר די קינדער אין שטוב ווי דער רמב"ם זאָגט אין הלכות יו"ט (פ"ו הי"ז): "כיצד, הקטנים נותן להם קליות ואגוזים ומגדנות". אגב: בלויז ראש השנה האָט דער חתם סופר מקפיד געווען נישט צו עסן קיין אגוזים.

דער חתם סופר איז ווי באַקאַנט געווען אַן אויסטערלישער גיבור. דעם לעצטן סוכות, שנת ת"ר, ווען ער האָט געטיילט די אגוזים האָט ער צעבראָכן די ניס צווישן די פינגער פון איין האַנט, אַ זאַך וואָס זיין זון דער כתב סופר איז נישט געווען בכח צו טון אפילו מיט צוויי הענט. (חוט המשולש עמ' קמ"ב).

ער פלעגט אויך טיילן נאַש, צוקערלעך און ניסלעך, צו אַלע יונגלעך וואָס זענען געקומען צו אים. דאָס לעצטע יאָר, סוכות פון שנת ת"ר, האָט ער פאַר יום טוב פאַרגעסן צו הייסן אָנגרייטן די נאַש פאַר די קינדער. ווען ער האָט זיך יום טוב דערמאַנט האָט ער געפרעגט פון זיין טאָכטער שמחה (וועלכע איז דאַן געווען אַ כלה) פאַרוואָס זי האָט אים נישט דערמאַנט. ווען די טאָכטער האָט געזען אַז ס'פאַרדריסט אים פאַרוואָס ער אַליין האָט פאַרגעסן זיי צו דערמאַנען האָט זי אים געפרעגט וואָס ס'אַהרט אים אַזוי שטאַרק אַז ער האָט פאַרגעסן אַזאַ מינדערוויכטיגע זאַך? האָט ער איר



דער אַריינגאַנג צום "קבר חתם סופר" אין פרעשבורג, וועלכער געפינט זיך אונטער די באַן־שינעס

געענטפערט: "איך בין אָבער נישט געוואוינט צו פאַרגעסן". ("אלה תולדות" פון הג"ר יודא לייב בן הג"ר יצחק אהרן לאַנדסבערג עמוד מ"ט; און חוט המשולש עמוד קנ"ו).

## שמחת תורה: 49 עליות - און ער די פופציגסטע

שמחת תורה בייטאָג ווען מען האָט געלייענט וזאת הברכה האָט מען געמאַכט 49 עליות. דער חתם סופר האָט עולה געווען דער פופציגסטער, חתן תורה.

הג"ר יצחק ווייס ראב"ד ווערבוי זצ"ל שרייבט: מעגליך אַז דער חתם סופר האָט עולה געווען דער פופציגסטער ווייל ער איז געווען נשמת הרמב"ן, און דער רמב"ן איז געווען ניצוץ נשמת משה רבינו. משה רבינו האָט דאָך דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן משיג געווען דעם שער הנו"ן, "כפירוש של"ה הקדוש זי"ע עה"פ 'ויעל משה מערבות מואב אל הר נבו', הוא נוטריקון 'נו"ן בו' שהשלים שער הנו"ן". (אלף כתב, ח"ב אות תתקפ"ו).

## דער לעצטער שמחת תורה - צו דער 185'סטער יאָרצייט

דעם לעצטן שמחת תורה האָט ער געהאַט אַ מנין ביי זיך אין שטוב און ווי אַלע יאָר האָט ער עולה געווען צו חתן תורה. ווען דער בעל קורא האָט געלייענט "וימת שם משה עבד ה'" האָט דער חתם סופר אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן געוויין. (לב העברי).

הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל שרייבט אַז דאָס לעצטע וואָרט וואָס דער חתם סופר האָט פאָרגעלערנט ברבים איז געווען "אחד". "ויצתה נשמתו באחד, כי בסוף לימודו ברבים סיים בפרשת בראשית "יום אחד". (לב העברי).

אין איינעם פון די שפעטערדיגע קאַפּיטלען וועלן מיר אי"ה באַשרייבן דאָס לעצטע יאָר און די הסתלקות. ס'איז בלויז וויכטיג צו דערמאַנען אַז קומענדיגן א' נח, כ"ה תשרי תשפ"ה, פאַלט אויס די 185-סטע יאָרצייט פון מרן רבן של ישראל רבינו משה סופר, דער הייליגער חתם סופר, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**רבי יששכר בער פרענק, בן בית און "שמש נאמן" – סעקרעטאַר, גבאי, שמש, שוחט און שרייבער פון דער פרעשבורגער קהילה – טרייער געהילף און פערזענליכער שליח פון חתם סופר – בעל מחבר פון ספרים אויף אידיש און דייטש, מיט וואַרעמע הסכמות פון חתם סופר – שווער פון גדולי ישראל, מגדולי תלמידיו פון חתם סופר – מאָלער פון דעם באַרימטן פאָרטרעט פון חתם סופר – זיין איידעם רבי מנחם כ"ץ-פרוסטיץ אבדק"ק צעהלים**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## זיין געהילף און בן בית רבי בער פרענק — "שמש ונאמן" פון דער פרעשבורגער קהילה

איינער פון דעם חתם סופר'ס טרייסטע, נאָענטסטע און גרעאָטנסטע געהילפן איז געווען רבי יששכר בער פרענק, באַקאַנט אַלס רבי בער פרענק.

דעם טיטול וואָס ער האָט געטראָגן איז געווען "שמש ונאמן" פון דער פרעשבורגער קהילה. "שמש ונאמן" איז אָבער אין דעם פאַל געווען אַ קאָמבינאַציע פון עטליכע פּאָזיציעס. ער איז געווען סיי וואָס ווערט היינט גערופן סעקרעטאַר, סיי שמש און סיי הויפּט גבאי פון דער קהילה. במשך פילע יאָרן איז ער אויך געווען שוחט, איינער פון די שוחטים פון דער קהילה.

רבי בער פרענק איז געווען אַ ספרא רבה. אַ באַגאַבטער און געלונגענער שרייבער, געשריבן אַ רייכן מליצות'דיגן לשון קודש; געשריבן אַ ריינעם קאָרעקטן אידיש; און אַ פּערפעקטן דייטש. אַלס אַזעלכער איז ער געווען דער אָפיציעלער שרייבער פון דער קהילה וואָס האָט פאַרצייכנט און רעקאָרדירט אין דעם פנקס פון דער חברה קדישא די וויכטיגסטע געשעענישן פון דער שטאָט און קורצע לעבנס ביאָגראַפיעס פון די נפטרים. ער איז אויך געווען אַ פּראָדוקטיווער בעל מחבר פון ספרים, טייל פון זיי, ווי מיר וועלן באַלד זען, מיט גאָר וואַרעמע הסכמות פון חתם סופר.

דערצו איז ער געווען געבענטשט מיט קינדער און איידעמער גדולי ישראל, מגדולי תלמידי החתם סופר.

צווישן זיינע פילצאָליגע טאַלאַנטן איז ער אויך געווען אַן אַרטיסט, אַ מאָלער. ווי מיר וועלן באַלד זען איז עס געווען רבי בער פרענק וואָס האָט געמאָלן דעם באַקאַנטן פּאָרטרעט וואָס האָט פאַראייביגט די הייליגע צורה פון חתם סופר, דאָס בילד וואָס איז אגב די אינספּיראַציע פאַר דער צייכענונג פון חתם סופר וואָס באַצירט דעם קעפּל פון אונזער סעריע אַרטיקלען.

זייענדיג באַשאָנקען מיט פילזייטיגע טאַלאַנטן און גלייכצייטיג אַ גרויסער תלמיד חכם וירא שמים איז ער געווען דעם חתם סופר'ס נאָענטער פאַרטרויאונגס מאַן, אינסטרומענטאַל אין אויספירן קהל'ישע אויפגאַבעס ווי אויך דעם חתם סופר'ס פערזענליכע שליחות'ן.

נישט געווען קיין קהל'ישע אונטערנעמונג אין פרעשבורג אין די צייטן פון חתם סופר אין וועלכע רבי בער פרענק האָט נישט געשפּילט קיין אַקטיווע און פירנדע ראָלע. אַלס הויפּט גבאי איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך אַז די אָריגינעלע מנהגי אשכנז ווערן ערליך אויפגעהיטן אין פרעשבורג – ער אַליין האָט אָבער געשטאַמט פון ספרדי'שע עלטערן. ער איז געווען אַ קינד און אַן אָפּשטאַמיגער פון אַ ספרדי'שער משפחה מיוחסת.

רבי יששכר בער פרענק איז געבוירן אין פרעשבורג, אַרום שנת תקל"ז, צו זיין פאָטער רבי גרשון הלוי, וועלכער איז אַלס יונגערמאַן געקומען פון קושטאַ/איסטאַמבול, טערקיי. רבי גרשון האָט באַלאַנגט צו

אַ פּראָמינענטע און רייכע ספרדי'שע משפחה אין טערקיי.

קיין פּרעשבורג איז ר' גרשון געקומען צוליב געשעפטן. אַלס גרויסער ערליכער איד האָט ער אָבער באַשלאָסן צו בלייבן וואוינען און זיך באַזעצן אין פּרעשבורג וואו זיינע קינדער וועלן קריגן אַ מער ערליכן און תורה'דיגן חינוך ווי זיי וואָלטן געקראָגן אין טערקיי.

ער האָט זיך באַזעצט אין דער צוקערמאַנדל געגנט, אין צענטער פון דער שטאָט פּרעשבורג. געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער מיט'ן גאַנצן ספרדי'שן טראַכט, דער דעמאָלטדיגער לבוש פון די טערקישע אידן. דערפאַר האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען "פּרענק", ווי מ'האָט גערופן די ספרדי'שע אידן – וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין אָפיציעלער משפחה נאָמען. ער האָט זיך אָבער שנעל אינטעגרירט צווישן די אשכנזי'שע אידן און איז געוואָרן פון די הויפּט עסקנים פון דער קהילה.

געשעפטליך האָט ער אין פּרעשבורג נישט מצליח געווען. דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געבראַכט פון טערקיי איז געגאַנגען לטמיון ל"ע. ווען זיין משפחה אין איסטאַמבול האָט זיך דערוואוסט פון זיין פינאַנציעלן צושטאַנד האָבן זיי אים געבעטן ער זאָל צוריקקומען און צוריק זיך איינגלידערן אין זייערע געשעפטן אין טערקיי. ר' גרשון האָט זיי אָבער געענטפערט מיט די ווערטער פון ר' יוסי בן קסמא אין אבות (פרק ו'): "אם אתם נותנים לי כל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם איני דר אלא במקום תורה".

ר' גרשון'ס וואונטש איז מקויים געוואָרן. אין צוגאָב צו דעם זון ר' בער פרענק האָט ער געהאַט לכל הפחות נאָך צוויי זין וואָס זענען באַקאַנט – ר' מרדכי סג"ל פרענק און ר' מיכאל סג"ל פרענק – פון די ראשי קהילה און הויפּט גבאים פון דער שטאָט רעכניץ אין בורגענלאַנד, אונגאַרן (היינט עסטרייך), ווי אויך אייניקלעך און אור-אייניקלעך טייל פון זיי גדולי וצדיקי הדור אין שפּעטערדיגע דורות.

אין אַזאַ שטוב, פול מיט אהבת תורה ויראת שמים, איז רבי בער פרענק אויפגעוואַקסן.

ווען רבי בער איז געבוירן איז אין פּרעשבורג געווען רב הגאון האדיר רבי מאיר ברבי זצ"ל. בעת דער הסתלקות פון רבי מאיר ברבי איז רבי בער פרענק געווען 17 יאָר אַלט. דאַן איז אין פּרעשבורג געוואָרן רב הגאון האדיר רבי משולם איגרא פון טיסמעניץ זצ"ל. רבי בער פרענק איז קודם געווען אַ תלמיד פון רבי מאיר ברבי אין דערנאָך פון רבי משולם איגרא, אין וועמענ'ס ישיבה עס האָבן געלערנט שפּעטערדיגע גדולי ישראל פון איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין שנת תקס"ג, פיר יאָר איידער דער חתם סופר איז געקומען קיין פּרעשבורג, איז רבי בער פרענק אויפגענומען געוואָרן אַלס "שמש ונאמן" פון דער פּרעשבורגער קהילה, אַן אַמט וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן, במשך פון איבער פערציג יאָר.

אין שנת תקס"ז איז דער חתם סופר אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּרעשבורג. רבי בער פרענק איז פון דאַן און ווייטער געוואָרן דבוק אין הייליגן חתם סופר בכל נימי נפשו. במשך פון די קומענדיגע 33 יאָר איז ער געווען ממש ווי אַ בן בית און האָט באַדינט דעם גדול הדור מיט זעלטענער איבערגעגעבנהייט און מסירות נפש.

כידוע האָט דער חתם סופר פאַרלאָזט זיין געבורטסשטאָט פראַנקפורט אין עלטער פון 19 יאָר און קיינמאָל נישט צוריק. זייענדיג רב און ראש ישיבה אין פּרעשבורג האָט ער אַמאָל געוואָלט צוריקפאָרן קיין פראַנקפורט צו באַזוכן זיין מאַמע'ן. ער האָט אָבער געצווייפלט צי ער מעג דאָס טון צוליב ביטול תורה דרבים. דערציילט דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי חיים חזקי' פלויט, דער שוראַנער רב, אין ליקוטי חבר בן חיים:

"והנה היה בנפשו ספק אם עדיפה מצות כבוד אם או תלמוד תורה ברבים. ויען כי לא חפץ להורות לעצמו הלכה בדבר גדול כזה הציע ספיקו לפני הרבנים הדיינים בית דין צדק דק"ק פפד"מ, שהמה יגידו ויבארו לו די באר איך ינהג בזה. והשיבוהו, כי תלמוד תורה דרבים עדיף, ולא יסע אליה. וכן עשה. אבל שלח עבורו (תחתיו) את הרבני המופלג החכם והסופר ר' בער פרענק זצ"ל, שהיה נאמן בעדתו, כי יגיד לה את כל שאותה לדעת וידרוש שלומה. וכאשר ביקר אותה ר' בער פרענק שאלה אותו: נו, וואָס מאַכט מיין יונג (זון)?"

ווען דער כתב סופר איז געווען אַ יונגל פון 6 יאָר איז ער אַמאָל געווען קריטיש קראַנק. די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפענונג. די חברה קדישא איז גערופן געוואָרן און ווי ס'איז געווען דער מנהג אין אַזאַ פאַל ל"ע האָבן זיי געצינדן ליכט צוקאָפּנס פונעם קינד. ווען דער חתם סופר האָט דאָס געזען איז ער אַריין אין זיין ספרים צימער, זיך געשטעלט נעבן די כתבים מיט זיינע חידושים, און געשפּעשעט אַ תפילה פאַר אַ רפואה שלימה פאַר'ן קינד. דער חתם סופר איז דאַן אַרויסגעקומען און געזאָגט: "אויף אַ יובל יאָרן האָב איך אים אויסגעבעטן". אַזוי איז טאַקע געווען. דער כתב סופר איז אַוועק אין עלטער פון 56 יאָר.

ביי דעם כתב סופר'ס בר מצוה האָט ר' בער פרענק געברענגט דעם בר מצוה בחור אַ מתנה: די ליכט וואָס די חברה קדישא האָט דעמאָלט ווען ער איז אין עלטער פון זעקס יאָר געווען מסוכן קראַנק געהאַט געצונדן ביי אים צוקאָפּנס.

ווען דער בעלזער רב מהר"א זי"ע האָט אין ארץ ישראל באַזוכט דעם פּרעשבורגער רב דער "דעת סופר" זצ"ל האָט דער בעלזער רב אים געפרעגט צי ער האָט עפּעס אַ חפץ פון חתם סופר. האָט דער דעת סופר אים געוויזן די ליכט וואָס ר' בער פרענק האָט געגעבן דעם כתב סופר במתנה אין נאָמען פון דער חברה קדישא. די ליכט זענען אַריבער בירושה צו די קינדער און אייניקלעך פון כתב סופר. דער בעלזער רב האָט גענומען די ליכט און זיי צוגעלייגט צו זיינע הייליגע אויגן אַלס אַ סגולה פאַר אַ רפואה. ער האָט געליטן אויף די אויגן און אַ חפץ פון אַ צדיק איז אַ סגולה לישועה.

## דעם חתם סופר'ס טיטל אויף אים: "קם חד מן קמאי"

אויך זיין שרייבערישן טאַלאַנט האָט רבי בער פראַנק געווידמעט לטובת הכלל. צוועלף ספרים האָט ער מחבר געווען. טייל פון די ספרים זענען געווען געשריבן אין אידיש געצילט צו פאַרשפּרייטן ידיעות פון הלכות אָדער סתם כשר'ע לייען מאַטעריאַל מיט אַן ערליכן און תורה'דיגן אינהאַלט צווישן פשוטי עם און פרויען און מיידלעך וואָס קענען נישט קיין לשון הקודש. געוויסע פון די ספרים זענען געווען געשריבן אין דייטש כדי צו גרייכן די וואָס קענען אפילו נישט קיין אידיש.

צווישן דעם עם שבשדה, די איינוואוינער פון פילע שטעט און דערפער אין אונגאַרן, האָבן פילע פשוט נישט געקענט קיין לשון הקודש. געווען צווישן זיי ווייסטע עמי הארץ וואָס האָבן אפילו אַ פּסוק חומש נישט געקענט. כאָטש גדולי ישראל אין פריערדיגע דורות האָבן פאַרפאַסט ספרים אויף אידיש, ווי דער ספר "צאנה וראינה", – אַ ליקוט פון מאמרי חז"ל און פירושים אויף דער פרשה פון דער וואָך וואָס ערליכע פרויען און מיידלעך האָבן במשך פון דורות געלערנט דערפון שבת און יום טוב – ווי אויך אַנדערע ענליכע ספרים, זענען די ספרים געשריבן געוואָרן אין אַן אַלט-מאָדישן פאַרצייטישן און אָפּט פאַרגרייזטן אידיש. די משכילים


זכרון הישועה

דער אריגינעלער פנקס פון דער חברה קדישא אין פרעשבורג אין וועלכן רבי בער פרענק פארצייכענט "זכרון הישועה" פון א נס וואס האט פאסירט בעת א שריפה אין פרעשבורג און דער שאדן וואס דער פייער האט פאראורזאכט

דאַקעגן האָבן אין יענעם דור געגומען פראָדוצירן מער פּאָרגעשריטענע, און מער ציענד און אינטערעסאַנטע ליטעראַטור און לייען מאַטעריאַל, וואָס זענען געווען פול מיט מינות ואפיקורסות.

זייענדיג אַ טאַלאַנטפולער שרייבער האָט רבי בער פרענק געגומען פּאַרפּאַסן ספרים אין אַ קאָרעקטן און ליטעראַרישן אידיש, ווי אויך אין אַ פּערפעקטן און אפילו אינטעליגענטן דייטש.

מיט אַ דור שפּעטער האָט הגה"צ רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל אויך געשריבן ספרי מוסר אין אַ ריינעם, גוטן און קאָרעקטן אידיש. בשעתו איז רבי בער פרענק אָבער געווען דער איינציגער און דער ערשטער דאָס צו טון, צו שרייבן ספרי מוסר והלכה און ערליכע לייען מאַטעריאַל אין אידיש און אין דייטש וואָס איז געלייענט געוואָרן דורך די ברייטע מאַסן


אלה שמות המנדבים

טאָוועל פון הכרת טוב פאַר די נדבנים פאַר'ן ווידעראויפבוי פון פרעשבורג נאָך דער שריפה פון ערב שבועות תקע"ג און אַ בילד פון דער שריפה געמאָלן דורך ר' בער פרענק ז"ל

דאָס ערשטע ספר וואָס רבי בער פרענק האָט פאַרפאַסט איז געווען דער ספר "מחנה ישראל", הלכות ומוסר אויף דייטש, "כולל דיני מליחה חלה טהרות הדלקה (ר"ת מחנ"ה)". גאָר אינטערעסאַנט איז די הסכמה וואָס דער חתם סופר האָט דערויף געשריבן (געדרוקט אין ליקוטי תשובות "חלק ההסכמות" סי' ד'):

"טובה צפורנן של ראשונים נוחי נפש זצ"ל, עט ברזל וצפורן שמור על כל משמר, שמו לבם לחקוק חוקים ומשפטים לכל ישראל, ומרום גבהם הביטו גם לאמר לבית יעקב אלו הנשים, ואנשים הדומים לנשים בלשון רכה ללועזים בלע"ז, כמו שחיבר הגאון תוספות יום טוב בלשון אשכנז על הלכות מליחה, הוא פקד על כל יושבי תחת דגל תורתו לאספו הביתה ולעסוק בו, כמבואר בהקדמה שם. וחיבור מגאון אחד על הלכות נדה, הביאו דרכי משה (סי' ק"ע סק"ז), וספר מצות הנשים, והרבה ספרי מוסר, וספר "חקירת הלב", ו"שמחת הנפש", והני נשי בהני זכיין, ואם היות לשון אשכנזי ההוא לשון עלגים, לא שתו הגאונים עיניהם ולבותם גם לזאת, רק יהיה מובן להקוראים בספריהם, ואל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, והן עתה אקשור דרי בקשר אמיץ בצחות הלשונות, ולמדו לשונם דבר צח וצחצחות, ומאסו בהספרים ההמה, בהקנקן ובמה שיש בו, ודין גרמא אשר פועל ה' לא יביטו ומעשי ידיו לא ראו, והמירו ספרי מוסר ויראה בספרי חשק ולצנות המדברים צחות, ומה נעשה לאחותינו ביום שידובר בה דיני נדה ומליחה וצרכי הבית, וגידול בנים לתלמוד

תורה, והיא לא ידעה מה, לא שמעה אזנה שמץ מנהו, ולא ראו עיניה לנוכח, בשום ספר המדבר מזה והמעורר לבה על ככה".

"והנה קם חד מן קמאי המשמשים לפנינו במרום שבת קריתינו הקדושה פרעשבורג ה"ה התורני ר' בער פרענק שמש דהנ"ל, וליקט כל הדינים מספרי הקדמונים רובם מכוונים להלכה, והרבה דברי מוסר ומעשים מדברי חז"ל, וחברם בלשון אשכנזי צח כפי ההגות עתה, והראה לפנינו וישרו הדברים בעינינו. והנני מסכים עמו להביאו למכבש הדפוס. והשבעתיו שלא יוסיף ולא יגרע ממה שהראה לפנינו ובזאת ידי תכון עמו, וזרועי תאמצנו, וביקש אני מאחרים לתמכו בדבר מצוה רבה, ומכל שכן שלא יוסג גבולו לכל הפחות משך שלשה שנים מיום כלות דפוס ספר מחנה ישראל הלזו, וכל הסומכו ועוזרו ומסייעו, יתברך מאלקי ישראל. הכ"ד הבעה"ח פה מרחץ פיזונג יום ד' אלול תקעו"ל."

**"משה הק' סופר מפ"פ דמיין".**

די הסכמה איז איינס פון די אינטערעסאַנטסטע הסכמות וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן. הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין זיין הקדמה צו דרשות חתם סופר (אין "קרית סופרים" מדור "משה בהסכמה עלה") רעכנט אויס די אינטערעסאַנטע הסכמות, וואָס דער חתם סופר האָט זיי גענוצט אויך אַלס אַ געלעגנהייט ללמד ולהורות מוסר. ביים סוף שרייבט רבי יוסף נפתלי: "גם לדוגמא ההסכמה מהחתם סופר להלכות רמב"ן על מס' בכורות חלה ונדרים, ולספר מחנה ישראל לתלמידו ר' בער פרענק ז"ל, או הסכמה לחיבור נר מערבי מבעהמ"ח מפרשי הים ז"ל על הירושלמי, נפלאת היא".

## דער שווער, צווייי מאָל, פון הגאון רבי מנחם כ"ץ-פרוסטיץ אב"ד צעהלים, מגדולי תלמידי החתם סופר

רבי בער פרענק האָט זוכה געווען צו איידעמער גאונים וצדיקים מגדולי תלמידי החתם סופר: הגאון רבי מנחם כ"ץ-פרוסטיץ אב"ד צעהלים זצ"ל, און הגאון רבי אשר וואָכטערליץ זצ"ל אב"ד שטאַמענסדאָרף זצ"ל.

רבי מנחם כ"ץ איז געבוירן אין דער שטאָט פרוסטיץ, אין מעהרין. אַלס יונגער בחור איז ער געקומען לערנען צום חתם סופר אין פרעשבורג וואו ער איז ביז אַ קורצער צייט געוואָרן פון די מצוינים און פון זיינע נאָענטסטע תלמידים. שוין אַלס בחור דערמאַנט דער חתם סופר איינעם פון זיינע חידושים: "תלמידי הבח' המופלג כ"ה מנחם כ"ץ שיחי'... ונכון הוא". (חידושי חת"ס בבא בתרא ד' ע"א).

אַ שטיק צייט האָט ער געדינט אַלס אַ "הויז בחור" ביים חתם סופר, ווען ער האָט געגעסן און איז געשלאָפן ביים חתם סופר אין שטוב.

ער איז געווען אַזוי דבוק אין חתם סופר אַז ער האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין שידוך וואָס איז נישט פון פרעשבורג. ער האָט געוואָלט בלייבן לערנען ביים חתם סופר אויך נאָך דער חתונה.

ווען רבי בער פרענק האָט געבעטן פון חתם סופר ער זאָל אים אָנטראָגן איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים פאַר אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער הינדל, האָט דער חתם סופר אים געזאָגט אַז ער קען אים מציע זיין דעם גרעסטן מצוין, מנחם כץ-פרוסטיץ, אָבער אַזוי ווי דער בחור איז עדיו לגאון, האָט אים דער חתם סופר געזאָגט, מוז ער זיך מתחייב זיין אים אויסצוהאַלטן ער זאָל קענען בלייבן זיצן ביים לערנען עטליכע יאָר. טראָץ דעם וואָס רבי בער פרענק איז געווען ווייט פון פאַרמעגליך האָט ער מיט שמחה מסכים געווען און געטאָן דעם שידוך. דער חתם סופר איז געווען נישט בלויז מסדר קידושין נאָר אויך דער עומד מצד החתן.

נאָך דער חתונה איז ער געבליבן לערנען ביים חתם סופר. ער האָט מיטגעהאַלטן די שיעורים פון דער ישיבה און פלעגט יעדן טאָג גיין צום שיעור פון חתם סופר. ביינאַכט האָט ער געלערנט זיינע אייגענע שיעורים. אַלס יונגערמאַן דערמאַנט אים דער חתם סופר אויך אין זיינע חידושים (חידושי חת"ס חולין ל' ע"א), צוזאַמען מיט זיין איידעם הרה"ג ר' דוד צבי עהרנפעלד, וועגן פאַרענטפערן אַ קושיא חמורה פון איינעם פון די תלמידים. אין דער זעלבער מסכת (ריש פרק ראשית הגז) דערמאַנט אים דער חתם סופר נאָכאַמאָל בנוגע אַ קשיא וואָס דער חתם סופר האָט אים געפרעגט, און טיטולירט אים "תלמידי הרב מ"ה מנחם פרוסטיץ".

זיבעצן יאָר האָט ער געלערנט ביים חתם סופר. צען יאָר פאַר דער חתונה און זיבן יאָר נאָך דער חתונה. כאָטש דער חתם סופר האָט אויסבאַהאַלטן זיינע ידיעות אין תורת הנסתר איז רבי מנחם כ"ץ-פרוסטיץ געווען פון די געציילטע תלמידים מיט וועמען ער האָט געלערנט קבלה. רבי מנחם כ"ץ'ס אייניקל הרה"ג ר' מרדכי ראָטענבערג אב"ד אַנטווערפּן הי"ד (איידעם פון זיין איידעם און ממלא מקום אַלס צעהלימער רב, רבי דוד פריעדמאַן האָט געהאַט אַ כתב יד, אַ דיקן קונטרס פון קבלה מעשיות וואָס רבי מנחם כ"ץ האָט אָנגעשריבן פון וואָס ער האָט אַלץ מקבל געווען פון חתם סופר. אויף יעדן פרט האָט ער געשריבן "קבלתי ממורי". דער קונטרס איז אַוועקגעקומען ווען ר' מרדכי ראָטענבערג איז בעת דער צווייטער וועלט מלחמה פאַרשיקט געוואָרן דורך די נאַציס ימ"ש צו די פאַרניכטונגס לאַגערן אין מזרח אייראָפּע.

אַ ריי גרויסע שטעט האָבן רבי מנחם כ"ץ'ן אָנגעבאָטן רבנות פּאָסטנס.



הגאון רבי מנחם כ"ץ-פרוסטיץ אב"ד צעהלים,
מגדולי תלמידי החתם סופר




**דער פארטרעט פון חתם סופר זי"ע, געמאלן דורך רבי בער פרענק ז"ל**
**"צורת הרב האי גאון אמיתי המפורסם מו"ה משה סופר נ"י אב"ד ור"מ דק"ק פ"ב יע"א"**

בחיים חיותו פון חתם סופר האָט ער אָבער נישט געוואָלט אָננעמען קיין שום רבנות פּאָסטן פון אַ שטאָט וואָס איז ווייט פון פּרעשבורג. ער האָט געוואָלט זיין נישט ווייט פון זיין רבי'ן. אין שנת תקצ"ד איז פריי געוואָרן דאָס רבנות פּאָסטן פון ראָגינדאָרף, אַ שטעטל נעבן פּרעשבורג, האָט ער אָנגענומען דאָס רבנות. נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר האָט ער אָנגענומען דאָס רבנות פון דער גרויסער שטאָט צעהלים, פון די שבע קהילות, וואו ער האָט משמש געווען ברבנות אַ יובל יאָרן, ביז צו זיין הסתלקות ט"ז אדר א' שנת תרנ"א.

כידוע האָט דער חתם סופר די לעצטע טעג פון זיין לעבן איבערגע'חזר'ט אַלעס וואָס ער האָט געלערנט און מחדש געווען דאָס גאַנצע לעבן. ערב סוכות פון יענעם יאָר, שנת ת"ר, האָט ער געשריבן אַ בריוו צו רבי מנחם כ"ץ קיין ראָגענדאָרף אין וועלכן ער בעט אים ער זאָל שוין קומען צו אים קיין פּרעשבורג. מיט אַסאַך יאָרן פריער האָט אים דער חתם סופר געזאָגט עפּעס אַ חידוש אויף סוף מסכת סוטה. בעט ער רבי מנחם זאָל קומען עס אים דערמאַנען. מאיזה סיבה האָט עס געדויערט מער ווי אַ וואָך ביז רבי מנחם כ"ץ האָט ערהאַלטן דעם בריוו. ער איז גלייך געקומען צו פאָרן הגם ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס פאַר'ן חתם סופר איז עס אַזוי דרינגענד זיך צו דערמאַנען דעם חידוש, נישט וויסנדיג פון דעם קריטישן מצב אין וועלכן דער חתם סופר געפינט זיך.

אָנקומענדיג קיין פּרעשבורג האָט ער געזען ווי אַרום דעם חתם סופר'ס הויז זענען פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן, אנשים, נשים וטף, אַלע מיט טרערן אין די אויגן. מיט גרויס מי האָט מען אים געעפנט אַ וועג און ער איז אַריין צום חתם סופר אין צימער. נאָכדעם וואָס דער חתם סופר האָט אים מיט אַ שמייכל געגעבן שלום האָט רבי מנחם כ"ץ אים איבערגעזאָגט דעם חידוש וואָס ער האָט פון אים געהערט מיט יאָרן פריער. ווי נאָר ער האָט געענדיגט האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן: "רבי מנחם כ"ץ, גסיסה", און געוויזן מיט'ן פינגער ער זאָל אַרויס פון שטוב, ווייל ער איז געווען אַ כהן. ווי נאָר ער איז אַרויס פון הויז האָט ער געהערט קולות פון "שמע ישראל".

רבי מנחם כץ-פּרוסטיץ איז געווען צוויי מאָל אַן איידעם ביי רבי בער פרענק. ווען זיין ערשטע פרוי די טאָכטער פון רבי פרענק איז יונגערהייט נפטר געוואָרן האָט ער חתונה. געהאַט בזיווג שני מיט איר שוועסטער אַן אַנדערע טאָכטער פון רבי בער פרענק.

רבי בער פרענק'ס אַנדערער איידעם, הגאון רבי אשר וואָכטערליץ, איז אויך געווען אַ תלמיד אהוב ביים חתם סופר. אין אַ תשובה צו אים שרייבט דער חתם סופר "תלמידי ידידי וחביבי הרב המופלג ומפורסם כמוה' אשר נ"י אב"ד דק"ק שאַטלסדאָרף יע"א, די"ה הגיעני ונפשו היפה בשאלתו.... וראיתי דברי מעלת התלמיד נ"י שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר... (שו"ת חת"ס חיו"ד סי' רעט).

רבי בער פרענק האָט אויסגעהאַלטןביידע איידעמער, ווי ער האָט זיך געהאַט פאַרפליכטעט. ווען ס'זענען אָפּגעלאָפן די זיבן יאָר קעסט האָט רבי בער פרענק זיי ביידע, איטליכן באַזונדער, געעפנט געשעפטן. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן אויך עטוואָס עוסק זיין אין מסחר און דערפון ציען פרנסה. זיי האָבן זיך אָבער בכלל נישט אָפּגעגעבן מיט די געשעפטן. בלויז געזעסן און געלערנט. די געשעפטן האָבן אַזוי נישט געקענט אָנגיין

אַמאָל האָט דער חתם סופר געפרעגט פון רבי אשר וואָכטערליץ וויאַזוי ס'גייט דאָס געשעפט. האָט רבי אשר געענטפערט: "פון מיר אויס קען משיח שוין קומען". האָט ער געפרעגט פון רבי מנחם כ"ץ-פּרוסטיץ וויאַזוי ס'גייט ביי אים דאָס געשעפט, האָט ער געענטפערט: "פון מיר אויס האָט משיח צייט ביז זעקס וואָכן אַרום". אַ רמז אויף דעם מאמר חז"ל פון "אין בן דוד בא עד שיכלה פרוטה מן הכיס". (באַמערקונג פון הר"ר אברהם שישא ז"ל).

## דער וועלט באַרימטער פּאָרטרעט פון חתם סופר געמאָלן דורך רבי בער פרענק

ווי געזאָגט האָט רבי בער פרענק אויך פאַרמאָגט אַן אַרטיסטישן טאַלאַנט פון מאַלעווען. האָט רבי בער אַמאָל געמאָלן אַ פּאָרטרעט, דאָס באַקאַנטע בילד פון דער הייליגער צורה פון חתם סופר. ער האָט דאָס געטאָן דיסקרעט, אָן דעם וואָס איינער זאָל דערפון וויסן.

ווען ער האָט אַ שידוך געטאָן און גענומען רבי מנחם כ"ץ פאַר אַן איידעם האָט ער געלאָזט דרוקן אין וויען אַ גרויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דעם געמאָלענעם פּאָרטרעט און זיי פאַרקויפט איבער'ן לאַנד. דאָס האָט אים געהאָלפן דעקן די הוצאות פון דער חתונה און פון אויסהאַלטן דאָס פּאָרפאָלק.

אין "אגרות סופרים" כתבי רבינו עקיבא איגר זצ"ל, מכתב כ"א, איז דאָ אַ בריוו וואָס רבי עקיבא איגר האָט געשריבן צו זיין איידעם דער חתם

סופר. אין דעם בריוו שרייבט רבי איגר "מכתביכם הגיעני לנכון, גם הגיע מכתב היקר ר' בער עם הפּאָרטרעט".

הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב, אין זיינע הגהות אין אגרות סופרים, קלערט אויף אַז די "פּאָרטרעט" וואָס רבי איגר שרייבט אַז ער האָט געקראָגן פון ר' בער איז דער פּאָרטרעט פון חתם סופר וואָס רבי בער פרענק האָט געמאָלן. ער האָט עס געשיקט אויך צו רבי עקיבא איגר

רבי שלמה סופר שרייבט אַז ווען דער חתם סופר האָט זיך דערוואוסט פון דעם פּאָרטרעט האָט דאָס אים שטאַרק פאַרדראָסן. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז רבי בער פרענק האָט דאָס געמאָלן און פאַרשפּרייט האָט ער אים געלאָזט רופן און געפרעגט פון וואו ער האָט גענומען די העזה דאָס צו טון. האָט רבי בער אים געזאָגט "אל יחר אף רבינו בי", צוליב דעם שידוך וואָס ער האָט געטאָן מיט רבי מנחם כ"ץ נויטיגט ער זיך אין הוצאות החתונה און אין נדן. ווי רבי שלמה סופר שרייבט האָט ער געזאָגט: "איך קאָן מיין פּנים ניכט צו וואַשן געבן לבקש מבני אדם מתנת חינם, ע"כ חשבתי צורת רבינו אשר עליה יקפצו קונים הרבה בהעיר ובמדינה תביא כל צרכי בזה, ע"כ כבוד רבינו מחול אם עשיתי זאת". שרייבט ווייטער דער בערעגסאַזער רב: "והשיב לו ק"ז ז"ל: איר ווילט אייך אייער פּנים ניכט צו וואַשען געבן, גיבט איר מיין פּנים צו וואַשן".

אין שנת תרפ"ה איז אין אונגאַרן געדרוקט געוואָרן אַ ספר "תמונת הגדולים", אַרויסגעגעבן דורך הרה"ג ר' אביגדור קאַטצבורג ז"ל. דאָס ספר האָט אַן הסכמה פון הגאון רבי קאָפּל רייך, בודאַפּעסטער רב זצ"ל, און פונעם פאָטער פון בעל מחבר הגאון רבי דוד צבי קאַטצבורג זצ"ל, דיין אין ווייצען און עורך פון תורה'דיגן ירחון "תל תלפיות".

שרייבט רבי דוד צבי קאַטצבורג אין זיין הסכמה אַז כמעט אין יעדעס הויז פון די תלמידי החתם סופר וואָס ער האָט ביי זיי באַזוכט איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון חתם סופר. מיר ציטירן פון דער הסכמה:

"והנוגע לאשר טרחת להשיג ולהציג בספרך צורות ותמונות של הגדולים אשר המדובר בם, כפי מסת ידך והשג יד, אחשוב כי גם בזה עשית נכונה, כי חכמת אדם תאיר פניו... כדמצינו ביוסף הצדיק דיוקנו של אביו, וכן עמא דבר, שמחבבים להביא הביתה צורות גדולי הדור, וכמעט אין אחד מתלמידי החתם סופר זצוק"ל אשר הייתי בביתם שאין תלוי בהיכלו צורת רבו החתם סופר לכבוד ולתפארת, למען בראותו לוקח לקח ממנו ותעוררהו לזכור תוקף גדלו בתורה וביראת שמים ובמדות טובות ונכבדות וימריצהו להשתדל לילך בעקבו וכמתכנתו".

ביים מאַטערסדאָרפער רב הגאון רבי שמואל עהרנפעלד זצ"ל איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון חתם סופר. מאַטערסדאָרפער רב האָט געזאָגט פאַר הרב אַנשיל קליין, ראש כולל מהר"ם שיק אין ירושלים, אַז הרבנית שמחה לעהמאַן ע"ה, טאָכטער פון חתם סופר, האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי געגנוי האָט טאַקע אויסגעזען דער חתם סופר.

מענין לענין ממש באותו ענין: פאַראַן אַ באַקאַנטע אויטענטיש בילד פון הגאון רבי מנחם כ"ץ-פּרוסטיץ זצ"ל אב"ד צעהלים. דאָס בילד איז אַ פאָטאָגראַפיע וואָס איז גענומען געוואָרן ווען ער איז אין שנת תרכ"ד אויפגענומען געוואָרן דורך קייזער פראַנץ יאָזעף אין קעניגליכן פּאַלאַץ אין ווין.

ער איז געווען פון דער דעלעגאַציע פון זיבן רבנים, די מנהיגים פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין אונגאַרן, וועלכע האָבן געקראָגן אַן אודיענץ



**הגאון רבי מנחם כ"ץ-פּרוסטיץ זצ"ל, תלמיד חביב פון חתם סופר און איידעם פון רבי בער פרענק ז"ל, פאטאגראפירט אין קעניגליכן פאלאץ אין וויען**

ביים קייזער, וואו זיי האָבן אויסגע'פועל'ט אָפּצושאַפן דעם פּלאַן פון לאָזן גרינדן אַ נעאָלאָגישן רבנים סעמינאַר.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון די גאונים וצדיקים: דער כתב סופר, פּרעשבורגער רב; רבי יודא אַסאַד, סערדאַהעלער רב; רב ירמי' לעוו, אוהעלער רב; רבי מנחם א"ש, אונגוואַרער רב; רבי ישעי' בינעט, קאַליווער רב; רבי מנחם כ"ץ, צעהלימער רב; רבי חיים סופר (בעל מחנה חיים), סענטפּעטערער רב.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**פאַרפאַסט אַ חיבור אויף אידישע שפּריכווערטער – והייתם נקיים: "כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה" – פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט ווערן הויפּט רב פון אונגאַרן? – די קדושה פון לשון הקודש – די הייליגקייט אויך פון אידיש – דער אידיש/דייטש וואָס דער חתם סופר האָט גערעדט**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## פאַרפאַסט אַ חיבור אויף אידישע שפּריכווערטער

טראָץ זיינע אומגעהויערע טרדות – ווי ער שרייבט דאָס אין אַ תשובה "אדוני יודע כי עמוס התלאות אנכי, מוקף בהקפת כל הראש בחבלי טרדין וכו' ממש לבלוע רוקי לא אוכל (שו"ת יור"ד סי' פ"ח) – דאָך האָט ער אַדאַנק זיינע פילזייטיגע כשרונות באַוויזן אָנצושרייבן אַ קליינעם חיבור אויף אידישע שפּריכווערטער.

אין דעם קונטרס האָט ער געוויזן וויאַזוי פּאָפּולערע אידישע שפּריכווערטער, היינו דאמרי אינשי'ס, האָבן אַלע אַ מקור און אַ שורש אין דער תורה און אין דברי חז"ל.

הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין זיין הקדמה צו חתם סופר על התורה חלק במדבר ברענגט עטליכע ביישפּילן.

אין לקוטי חבר בן חיים חלק ד', פרשת פנחס, ברענגט דעם חתם סופר'ס תלמיד רבי חזקי' פייבל פלויט, דער שוראַנער רב, צווישן אַנדערן דעם פאָלגענדן ביישפּיל פון דעם קונטרס: אַ שלימזל הייסט אויף אידיש "אַ שלומיאל". זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס די גמרא זאָגט (סנהדרין פ"ב:) אַז זמרי בן סלוא האָט געהאַט פינף נעמען "ומה שמו, שלומיאל בן צורישדי". אין תרגום יונתן און אין ילקוט שמעוני שטייט אַז ווען פנחס האָט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא-שלומיאל האָבן מיט פנחס'ן פּאַסירט פינף ניסים. קומט אויס אַז דער שלומיאל בן צורישדי איז געווען אַ גרויסער שלימזל. דערפאַר רופט מען אַ שלימזל אויף אידיש אַ שלומיאל.

וואו געפינט זיך דער קונטרס?

רבי יוסף נפתלי שרייבט אַז דער קונטרס איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין באַזיץ פון חתם סופר'ס איידעם הגאון רבי דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל. דער קונטרס איז שפּעטער אַוועקגעקומען. היינט ווייסט מען נישט צי דער קונטרס עקזיסטירט נאָך, און אויב יאָ, וואו ער געפינט זיך.

## אָפּגעוואָרפן פּאָזיציע פון הויפּט רב אין אונגאַרן

שלמה מאיר ראָטשילד איז געווען איינער פון ר' מאיר אַנשיל ראָטשילד, דער גרינדער פון דער ראָטשילד דינאַסטיע'ס, פינף זון. אַלע פינף האָבן אויך גענוצט דעם טאַטנ'ס נאָמען מאיר אַלס זייער משפחה נאָמען. דערפאַר דער נאָמען שלמה מאיר ראָטשילד.

ווען ר' מאיר אַנשיל ראָטשילד, דער פראַנקפורטער איד וואָס איז געוואָרן פון די גרעסטע מאַגנאַטן אין דער געשיכטע, האָט געגרינדעט זיין ראָטשילד באַנק, האָט ער יעדן איינעם פון זיינע פינף זין געשיקט צו אַן אַנדערער אייראָפּעאישע הויפּטשטאָט אָנצופירן דאָרט מיט אַן אַנדערן צווייג פון דער באַנק. שלמה מאיר ראָטשילד איז געשיקט געוואָרן קיין וויען, די הויפּטשטאָט פון עסטרייך און דאָס זיץ אָרט פון דער האַבסבורג דינאַסטיע, וועלכע האָט געוועלטיג איבער דער עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע.

שלמה מאיר ראָטשילד, וועלכער האָט געקראָגן דעם טיטול און ראַנג פון "באַראָן", האָט אָנגעקניפּט גאָר נאָענטע באַציאונגען מיט'ן קייזער פראַנץ יאָזעף און מיט'ן עסטרייכישן קאַנצלער און אויסערן מיניסטער

מעטערניך. הגם שלמה מאיר ראָטשילד איז שוין געווען מאָדערניזירט איז ער נאָך געווען אַ שומר תורה ומצוות און האָט געוואוסט צו שעצן און צו שטאָלצירן מיט'ן חתם סופר, וואָס פונקט ווי ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין פראַנקפורטער אידישן געטאָ.

האָט באַראָן שלמה מאיר ראָטשילד גע'שתדל'ט ביי דער רעגירונג צו קרוינען דעם חתם סופר אַלס הויפט-רב, אַלס רב הראשי, אָדער לאַנדסראַבינער, איבער אונגאַרן.

די שכנות'דיגע מדינות ווי בעהמען און מעהרין האָבן פאַרמאָגט לאַנדסראַבינער, הויפט רבנים. אָן דער גוטהייסונג פונעם הויפט-רב האָט קיין שום קהילה איבער'ן לאַנד נישט געקענט אויפנעמען אַ רב. ווען דער חתם סופר איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דרעזניץ אין שנת תקנ"ד האָט ער צוערשט געמוזט קריגן סמיכה פון הגאון רבי מרדכי בינעט זצ"ל, וועלכער איז געווען דער רב הכולל און הויפט רב פון מעהרין.

אַזאַ פאָזיציע אין אונגאַרן וואָלט דעם חתם סופר געגעבן די מאַכט אַז מבלעדיו לא ירים איש את ידו, קיין שטאָט אָדער קהילה זאָל נישט קענען אויפנעמען אַ רב אָדער סיי וועלכן קהל'ישן באַאַמטן, אָן דער גוטהייסונג פון חתם סופר. דערמיט וואָלט ער געקענט באַגרעניצן און אונטערדרוקן די שפעטערדיגע רעפאָרמער.

דער חתם סופר האָט אָבער אָפגעוואָרפן די פאָזיציע. ער גלויבט, האָט דער חתם סופר געזאָגט, אַז פון אים וועט טאַקע מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף נישט אַרויסקומען קיין מכשולות אַלס הויפט רב. ער ווייסט אָבער נישט וואָס וועט זיין נאָך אים. ווער ווייסט וועמען די רעגירונג וועט באַשטימען נאָך אים אַלס הויפט ראַבינער. וויל ער נישט אַז אין אונגאַרן זאָל עקזיסטירן אַזאַ פאָסטן, אַ פאָזיציע פון אַ צענטראַלע אויטאָריטעט וואָס קען חלילה פירן צו מכשולות אויב פאַלט עס אַריין אין נישט ריכטיגע הענט. (חוט המשולש דף לב, חוט המשולש החדש דף פח).

גיט צו דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש: "על קדוש זקיני ז"ל נאמר החכם עדיף מנביא, כי כדבריו כן הוא, ומדינת מעהרן יוכיח אשר מעולם משנים קדמוניות היה לגאונים מופלגים התמנות זו, והורק מכלי אל כלי ובא מיד ליד, וראה מה עלתה להם, וד"ל. וכמו כן אנו רואים איך פעלו עולה הקאָנסיסטאָריען במדינת וועסטפאהלען וריין וכדומה שכל הממשלה בעניני הדת בידם, ורובם רע-בנים ויושבי קרנות ורודים בעם ה' כבדגת הים ומכלים ומבלעים את הקודש, שועלים הלכו בו, וה' ירחם". (חוט המשולש, דאָרט).

## "כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה: והייתם נקיים מה' ומישראל"

פון וואָס האָט דער חתם סופר ס'מערסטע מורא געהאַט צי ער האָט עס פולשטענדיג יוצא געווען?

פון "והייתם נקיים".

די וואָרענונג פון משה רבינו צו די בני גד ובני ראובן, "והייתם נקיים מה' ומישראל", זיי זאָלן זיין ריין אין די אויגן פון אויבערשטן און אין די אויגן פון אַנדערע אידן.

"כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה", זאָגט דער חתם סופר. נישט אויף די ערשטע העלפט, צו זיין ריין ביים רבונו של עולם. דאָס איז פיל לייכטער. אָבער זיין ריין אין די אויגן פון מענטשן, דאָס איז כמעט אוממעגליך. ובפרט פאַר אַ תלמיד חכם און אַן אַנערקענטע פערזאָן, וואָס אַזאַ איינעם זענען פראָסטע מענטשן אויסן נאָר צו קריטיקירן און טרעפן חסרונות, וואָס איז דאָס האַרבסטע: חילול השם.

דער לשון פון חתם סופר וואָרט ביי וואָרט:

"דע בני ותלמידי שיחי' כי כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה, והייתם נקיים מה' ומישראל, ועל השני יותר מהראשון. כי יותר אפשר לצאת ידי החוב הראשון, היינו ידי שמים, יותר הרבה מלצאת ידי הבריות, ועוד עונשו של מי שאינו יוצא ידי הבריות הוא יותר קשה מאד מאד עד לאין מספר ממי שאינו יוצא ידי שמים ח"ו, ובי' דברים אלו הוא מש"ס (ס"פ יה"כ) בענין חילול ה' דאחז"ל שאין לו כפרה כלל ר"ל, וגם אמרו דשיעור חילול ה' כגון רב דשקיל בשרא ולא יהיב דמי לאלתר, ובעוו"ה הבריות חושבים מחשבות זרות ונושאים ונותנים מוזרות בלבנה, ושכיח בדברי הבריות לומר למדן כזה יעשה דבר זה, והוא שגור בפיהם אפילו על חשד סברא בעלמא, והשתא אי נמי הי' אותו הלמדן עושה כשורה ויצא ידי שמים בכל יכולתו בחוזק האפשרי אלא שלא נזהר עד שטעו בו שותי שכר ועשאוהו מנגינותם, הרי הוא כבר נלכד במצודתו, על זה ידון כל הדווים, והכתוב צווח הרכבת אנוש לראשנו, ואני הרהרתי כמה פעמים אם אפשר לקיים אדם בעולם מקרא זה על מתכונתו, ואולי על זה אמר שהמע"ה אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, רצונו לומר שאפילו בעשייתו כל טוב א"א שלא יחטא עכ"פ באופן השני ביציאת ידי הבריות, ואינני כדאי להזכיר אבותינו הקדושים מ"מ תורה היא, וחוכך אני בני גד ובני ראובן אשר עליהם נאמר מקרא זה והייתם נקיים, ועפ"י עצת מרע"ה שהי' עפ"י ה' עשו את שלהם לנקות עצמן, והוא במה שיצאו חלוץ י"ד שנה לפני צבא המלחמה, האם יצאו ידי חובת המקרא הזה בשלימות, כי לא על חנם גלו ראשונה לפני כל השבטים, וקראו חז"ל עליהם מקרא הזה, נחלה מבוהלת בראשונה אחרי ה' לא תבורך, עיין ברבה פ' מטות". (שו"ת חתם סופר ח"ו, סי' נ"ט, ד"ה העתרתני, וד"ה ואני).

הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל אין שו"ת "שבט הלוי" וואונדערט זיך אויפ'ן חתם סופר. "ואי לאו דאמרה מרן הייתי אומר דאי אפשר לאמרו. דהלא כתוב הדור הוא בספר יהושע כ"ב, דקרא יהושע לראובני ולגדי ולחצי שבט מנשה ויאמר אליהם אתם שמרתם את כל אשר צוה אתכם משה עבד ה' ותשמעו בקולי לכל אשר צויתי אתכם, לא עזבתם את אחיכם זה ימים רבים עד היום הזה ושמרתם את משמרת ה' אלקיכם... וא"כ ניקום אנחנו לומר שלא יצאו לגמרי לידי והייתם נקיים מה' ומישראל, עד כדי שזה הי' הסיבה שגלו לפני שאר השבטים". (שו"ת "שבט הלוי", חלק שביעי סי' ל').

אייגנטליך איז אויפ'ן חתם סופר בכלל נישט שווער. דאָס מיינט דאָך טאַקע דער חתם סופר. כאָטש זיי האָבן פולשטענדיג דורכגעפירט זייער התחייבות צו משה רבינו, ווי ס'שטייט אין ספר יהושע, דאָך האָבן זיך געפונען מענטשן וואָס האָבן זיי באַרעדט, נישט פאַרגינען און קריטיקירט זיי פאַר'ן נעמען זייער חלק ערשט אין עבר הירדן. טראָץ דעם וואָס זיי האָבן פולשטענדיג אויסגעפירט זייער התחייבות האָבן די קריטיקירער געזאָגט אַז זיי האָבן נישט געטאָן גענוג. האָבן נישט געטאָן די מאַקסימום. לגבי די מענטשן האָבן זיי נישט יוצא געווען דעם והייתם נקיים, ווי דער חתם סופר זאָגט "שאפילו בעשיית כל טוב א"א שלא יחטא עכ"פ באופן השני הנ"ל ביציאת ידי הבריות".

## אין יעקב שלא יפגעו עשיו

אין דער זעלבער תשובה (ח"ו סי' נ"ט) אין וועלכן ער שרייבט "כל ימי הייתי מצטער על המקרא הזה והייתם נקיים מה' ומישראל" שרייבט ער ווייטער ווי פאָלגענד:

"ובכל זאת אמר הכתוב עם נבר תתברר ועם עקש תתפל. וידעת את אשר מרגלא בפומי תמיד, אין יעקב שלא יפגעו לבן, ומעטי לבן שיפגעו



**שלמה מאיר ראטשילד'ס פאלאץ אין וויען, וואס איז פריער געווען אַן האטעל וואו ער האט געדונגען אַ דירה ווען אידן זענען נישט געווען ערלויבט צו פארמאגן ריעל-עסטעיט אין וויען. אין שנת תר"ג איז ער געווען דער ערשטער איד וואס איז ערלויבט געווארן צו קויפן ריעל-עסטעיט. האט ער אפגעקויפט דעם האטעל און עס פארוואנדעלט אין זיין פאלאץ.**

בהם יעקב. שמור זה כי הוא אמת. ובחון הדברים ותראם אמיתיים. ורצוני כי ברית כרותה שכל תלמיד חכם וצדיק המכונה יעקב יש לו מצירים נגדו המכונים לבן, אמנם מעטים הם הרשעים האלו אשר ימצאו נגדם מי שהוא אחיהם ברמאות כיעקב נגד לבן. והוה יודע כי הרבה פעמים הפכתי בהם ומהם ומהמונם, ואמרתי להשמר מהם ולעשות העקוב למישור, ואמרתי לברוח מן הקטנה שבתרמיתם, ונכשלתי בגדול ממנו, ולא זה בלבד עמי הארץ והמון עם, אלא לומדי תורה ואפילו רבנים, כל שאין דובר אמת בלבבו, ולא היושר והצדק מרכבו, הרחק דרכך מנתיבו".

## די קדושה פון לשון הקודש

קרוב צו טויזנט יאָר האָבן אידן געוואוינט אין ארץ ישראל פאַר'ן ערשטן חורבן. פון ביאת הארץ ביז חורבן בית ראשון. וויאַזוי איז עס מעגליך, פרעגט דער חתם סופר, אַז נאָך חורבן בית ראשון, זייענדיג נישט מער ווי 70 יאָר אין גלות בבל, האָט אַ גרויסער טייל פון אידישן פאָלק אינגאַנצן פאַרגעסן לשון הקודש?

"ובניהם חצי מדבר אשדודית ואינם מכירים לדבר יהודית וכלשון עם ועם", געפינען מיר אין נחמיה (נחמיה י"ג כ"ד). העלפט פונעם פאָלק האָט פשוט נישט געקענט די אידישע שפּראַך, לשון הקודש. וויאַזוי האָבן זיי דאָס פאַרגעסן אין אַזאַ קורצע צייט אין גלות בבל?

היינט זעען מיר, פרעגט דער חתם סופר, ווי אידן וואָס וואוינען אין פּוילן, רוסלאַנד און ליטע רעדן אידיש, נישט פּויליש, רוסיש אָדער ליטוויש, כאָטש פילע הונדערטער יאָרן זענען שוין פאַריבער זינט זייערע זיידעס זענען אין תתנ"ו אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד וואו דער אידישער זשאַרגאָן האָט זיך געשאַפן.

"אולם נחזה ונשית לבנו", זאָגט דער חתם סופר, "אחינו יוצאי פולאניא, המה דרים במדינה אשר כל עמה מדברים שפת פּוילן וליטויא ורוסיא, ואינם מכירים בכלל לשון אשכנזי, והיהודים כולם להיותם גולי אשכנז שלפני גזירת תתנ"ו עודם מדברים בלשון עמם אשכנז כאשר בראשונה, ולא נשתנה ללשון העמים אשר הם יושבים בקרבם. וכן מגורשי ספרד הנפוצים בערי תוגר, ולא שינו לשונם, והיה זה כיון שגלו שם אבות ובנים ואמותם, הרי מתגדלים הבנים על ברכי האבות וידברו בשפתם, וזה הוא כבר כמה מאות שנים". זאָגט דער חתם סופר: "והוא אחת מהתמיהות הגדולות שבעולם".

נישט אַנדערש, זאָגט דער חתם סופר, נאָר די קדושה פון לשון הקודש איז אַזוי גרויס אַז עס האַלט זיך פשוט נישט אין אַ טמא לאַנד ווי בבל. "אין זה כי אם מרוב קדושת הלשון הזה שאיננו נשאר ברצון בין בני אדם,

מה גם בארץ העמים הטמאה, ומפני כן נס וברח מאנשי המגדל בדור הפלגה ונשתנה לשבעים לשונות אחרות למען לא ישתמשו בו אנשים שאינם מהוגנים, וככה אירע לבני אומתינו באותו המקום בעצמו בבל מקום המגדל, כי שם בלל ה' שפת כל הארץ, ואם כן מה שאנו רואים שנשכח חיש מהר מאומה שלימה אנו רואים קדושתו, וראוי לקרותו לשון הקודש, כמו שאנו אומרים תורתינו הקדושה". (דרשות חתם סופר ח' טבת, חלק א' דף ק אין אַלטן דרוק, חלק ב' דף תי"ג אין נייעם דרוק).

דערמיט פאַרענטפערט דער חתם סופר וואָס עס פרעגן דער רמב"ם און דער רמב"ן פאַרוואָס די שפּראַך הייסט לשון "הקודש". "דהנה כל הראשונים רעשו העולם מאי טעמא לקרות הלשון קודש, מה קדושה נמצאת בו". (לשון החת"ס אין דער דרשה). נאָכ'ן ברענגען די תירוצים פון רמב"ם אין ספר המורה און פון רמב"ן אין פרשת כי תשא זאָגט דער חתם סופר אַז דער פאַקט וואָס לשון הקודש איז נאָך 70 יאָר אין גלות בבל פאַרגעסן געוואָרן אין דער צייט וואָס אַנדערע שפּראַכן ווערן נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן צייגט די קדושה פון לשון הקודש.

געני וויבי תורה ווערט פאַרגעסן שנעלער ווי אַנדערע חכמות, התעיף עיניך בו ואיננו, צוליב קדושת התורה וואָס האַלט זיך שווער אין גוף פון אַ מענטש. "והטעם לזה הוא", זאָגט דער חתם סופר, "כי כל דברים הקדושים שהם רוחניים אינם חונים ברצונם אצל הגשמיים העכורים". דאָס זעלבע איז מיט לשון הקודש.

לשון הקודש, זאָגט דער חתם סופר, איז בלויז די שפּראַך און אויסשליסליך נאָר די ווערטער וואָס געפינען זיך אין דער תורה. די ווערטער וואָס דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה און צו די נביאים.

דערמיט איז דער חתם סופר מסביר פאַרוואָס לשון הקודש פאַרמאָגט ווינציגער ווערטער ווי דער לעקסיקאָן פון היינטצייטיגע מאָדערנע שפּראַכן. לשון הקודש באַשטייט נאָר פון די ווערטער אין דער תורה. מאָדערנע שפּראַכן ערפינדן און פּראָדוצירן כסדר נייע ווערטער. די ווערטער וואָס דייטשן לייגן צו אין יעדן דור צו דער דייטשער שפּראַך, צי ענגלענדער, און היינט אַמעריקאַנער, צו ענגליש, ווערן דייטשע און ענגלישע ווערטער. לשון הקודש איז אָבער בלויז די ווערטער וואָס זענען געניצט געוואָרן דורכ'ן רבונו של עולם און דורך די נביאים און וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך. נאָר די ווערטער פאַרמאָגן די קדושה צו ווערן גערופן "לשון הקודש". פאַראַן פילע הונדערטער ווערטער וואָס געפינען זיך אין משנה און גמרא און נישט אין תנ"ך. די ווערטער זענען נישט לשון הקודש. די ווערטער, זאָגט דער חתם סופר, זענען לשון שבדו חכמים.

"אין לתמוה שלשון הקודש איננו ממולא ורחב כשארי הלשונות כמ"ש בחובת הלבבות בהקדמתו, וקשה, יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא, לא קשה מידי, כי כל בעל לשון אשר המציא לשונו לפי עת וזמן ההוא בשעת הפלגה, ושוב בכל דור ודור מתחדשים מלאכות וסחורות ופעולות, ואפילו פירות ובהמות ע"י הרכבה, ובעלי אותו הלשון ממציאים להם שמות וגזרות ובנינים לפי העת והזמן, והכל יקרא על שם הלשון ההוא. ע"ד משל, אשכנז הוא ראש לאומה וללשון אשכנז, וכל מה שימציאו בני אומתו עד סוף הדור יקרא לשון אשכנז כי מה לי אשכנז הראשון שהמציא הלשון בתחלה או אשכנז האחרון הזה שמוסיף אלו המלות, הכל בשם אשכנז יקרא. אך לשון הקודש יקרא על שם הממציא הראשון קדוש עליון ית"ש כמ"ש רמב"ן פ' כי תשא. וכל מה שהיה בראשית הבריאה והקב"ה דיבר בו או אפי' מה שנתוספו פעולות ומלאכות אח"כ והקב"ה דיבר מהם עם נביאיו הוא קרא שמם והוא להק"ק, אבל מה שלא דבר הקב"ה וקרא שמו ונתוספו פעולות ומלאכות ואם אפי' בעלי לשון הקודש דהיינו ישראל יקראו להם שמות במשנה וגמרא איננו לשון הקודש מהקדוש ית"ש אלא לשון שבדו חכמים".

(חתם סופר על התורה, פרשת נח, דף ל"ה).

**אידן האָבן געענדערט און משנה געווען די נעמען פון הונדערטער שטעט אין אייראָפּע עד כדי כך אַז אָפט איז עס פשוט נישט צו דערקענען אַז דאָס זענען די זעלבע שטעט...**

"לשון הקודש" אַלס דעם נאָמען פון דער שפּראַך געפינען מיר נישט אין נ"ך. אין נחמיה ווערט די שפּראַך גערופן לשון "יהודית". צי פריער אין ישעיה (ל"ו) וואו רבשקה האָט געזאָגט: "ואל תדבר אלינו יהודית". יהודית. די אידישע שפּראַך. ערשט שפּעטער, בימי הבית שני, געפינען מיר דאָס ערשטע מאָל דעם נאָמען לשון הקודש.

זאָגט דער חתם סופר (אין דער פריער דערמאַנטער דרשה פון ח' טבת), אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ערשט נאָכדעם ווי די שפּראַך איז ביי פילע פאַרגעסן געוואָרן במשך פון די 70 יאָר אין גלות בבל, האָבן זיי אַנערקענט די קדושה פון דער שפּראַך. דער פאַקט וואָס די שפּראַך איז פאַרגעסן געוואָרן האָט זיי איבערצייגט אין דער קדושה פון לשון הקודש.

## אויך אידיש האָט אין זיך אַ קדושה

אידיש איז אַ זשאַרגאָן פון דייטש. זשאַרגאָן מיינט אַ ספּעציעלער דיאַלעקט אָדער שפּראַך וואָס איז געמישט מיט ווערטער וואָס קומען פון מער ווי איין שפּראַך. אַ זשאַרגאָן ווערט גערעדט אָדער געניצט דורך אַ געוויסע מינדערהייט, אָדער אַ געוויסע קלאַס, צי מענטשן פון אַ געוויסע פּראָפעסיע, אַ געוויסע "לייַן".

אידיש קומט טאַקע פון דייטש. ס'איז אָבער אַ פאַרדרייטער דייטש און אַ געמיש פון גאָר אַ סאַך און אָן אַ שיעור ווערטער פון לשון הקודש. שוין די ווערטער וואָס מיר האָבן דאָ געניצט, "גאָר אַ סאַך" און "אָן אַ שיעור". סאַך, אָדער סך, קומט פון לשון הקודש און דאָס זעלבע איז מיט "שיעור". זיי האָבן "לגמרי" נישט קיין "שייכות" מיט דייטש. יאָ, אויך "לגמרי" און "שייכות". אַ דייטשער "גוי" וואָלט זיי "בכלל" נישט פאַרשטאַנען. אויך "גוי" און "בכלל" זענען "ממש" נישט דייטש.

אידיש איז גערופן געוואָרן, בעיקר דורך גוים און אַסימילירטע אידן "זשאַרגאָן" אַלס אַן אויסדרוק פון ביטול. דער "ביטול" איז אָבער געווען אַ "חשיבות" ביי אידן. די פילע לשון הקודש'דיגע ווערטער זענען "בכוונה" אַריין אין דער אידישער שפּראַך נישט צופעליג. אידן האָבן "דוקא" פאַרדרייט די דייטשע שפּראַך און עס איבערגעפילט מיט לשון הקודש'דיגע ווערטער אַלס אַ פאַנצער און אַ שוץ קעגן דער סכנה פון "ויתערבו בגויים".

נישט בלויז די לשון הקודש'דיגע ווערטער. אויך דער געבוי פון זאַצן און דער אויסלייג פון ווערטער איז אינגאַנצן אַנדערש ווי דער סינטעקס און סטרוקטור פון דער דייטשער שפּראַך.

אַ "פרשה" פאַר זיך זענען די נעמען וואָס אידן האָבן געגעבן פאַר גוי'אישע שטעט. אידן האָבן געענדערט און משנה געווען די נעמען פון הונדערטער שטעט אין אייראָפּע עד כדי כך אַז אָפט איז עס פשוט נישט צו דערקענען אַז דאָס זענען די זעלבע שטעט. אפילו אויב דער שינוי

השם איז נישט געווען אַזוי דראַסטיש האָט מען זיך לכל הפחות באַגנוגענט מיט קליינע שינויים.

דער חתם סופר שרייבט אין אַ תשובה (אבהע"ז ח"ב סימן י"א) אַז אונזערע חכמים און אַמאָליגע גדולים האָבן גאַנץ גוט געקענט די גוי'אישע שפּראַך. זיי האָבן עס אָבער פאַרדרייט צוליב די גזירות י"ח דבר. "לדעתי גם הקדמונים הי' בקיאים בלע"ז, אך בכוונה שבשו הלשונות מפני גזירת י"ח דבר שבירושלמי פ"ק דשבת דפוס וויען דף וי"ו ע"א ועל לשונם יע"ש". דערפאַר, שרייבט דאָרט דער חתם סופר, האָבן אידן געזאָגט און געשריבן "פּעסט", און נישט "פּעסטה".

## דעם חתם סופר'ס אידיש

אין "ספרא רבה דישראל" ווערט געברענגט אַז דער חתם סופר האָט גערעדט אַזויווי מ'האָט גערעדט אין זיין געבורטשטאָט פראַנקפורט, וואָס איז געווען אַ "פאַרדאָרבן דייטש", אָדער וואָס מ'פלעגט אויך רופן "אידיש-דייטש". פון אַ פנקס כתב יד פון הגר"י יוסף נפתלי שטערן ברענגען זיי: "מרן הי' מדבר לשון לע"ז כלשון עיר מולדתו, אך גם זה הי' 'פערדאָרבען דייטש'". ("ספרא רבה דישראל", עמ' ר"ט).

אין ספר "רבי שמעון חסידא" (עמ' שפ"ח) ווערט געבראַכט פון ספר "דבר אמת" (עמ' ל') פון הג"ר קלמן גאָלדבערגער זצ"ל אַ תלמיד פון שבט סופר זצ"ל, אַז אַמאָל האָט הגה"ק רבי שמעון סופר, דער ערלויער רב, זיך געטראָפן מיט זיין ברודער דער שבט סופר אין פרעשבורג. האָבן זיי געשמועסט צי דער חתם סופר האָט גערעדט דייטש אָדער נישט. האָט דער ערלויער רב געזאָגט: ווער עס האָט געהערט דעם חתם סופר רעדן און האָט געהערט להבדיל אַ גוי רעדן דייטש האָט גלייך געזען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די צוויי שפּראַכן. דעם חתם סופר'ס אידיש-דייטש איז בלויז געווען אַן אַנדערער דיאַלעקט ווי דער אידיש וואָס אונגאַרישע אידן האָבן גערעדט. ס'איז אָבער נישט געווען דער דייטש וואָס נישט אידן האָבן גערעדט אין דייטשלאַנד. ס'איז געווען דער דויטשמעריש אידיש וואָס מען האָט גערעדט אין פראַנקפורטער אידישן געטאָ.

הג"ר עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל שרייבט אין לב העברי (חלק א' ד"ה הזהרו משינוי השם) אַז וויבאַלד אידיש איז געשאַפן געוואָרן כדי צו רעדן אַנדערש ווי די גויים – ווי דער חתם סופר זאָגט אויפ'ן פסוק ודתיהם שונות, אַז דער דער דת פון די אידן איז "שונות מכל עם", צו זיין אַנדערש ווי די גויים – האָט אידיש דערפאַר אַן ענליכע קדושה צו לשון הקודש. אַזוי ווערט אויך געברענגט פון בני יששכר.

מרן רבינו הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע ברענגט דעם פריערדערמאַנטן חתם סופר על התורה פרשת נח – וואָס די פינף בענדער חתם סופר על התורה זענען געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל דורך הרה"ג רבי יוסף נפתלי שטערן קורץ פאַר דער רבי האָט געשריבן דעם ויואל משה – אין וועלכן דער חתם סופר זאָגט אַז די אַלע ווערטער וואָס געפינען זיך דאָס ערשטע מאָל אין משניות און נישט אין תנ"ך זענען נישט לשון הקודש מהקב"ה נאָר לשון שבדו חכמים. זאָגט דער רבי זי"ע אַז אפילו אָט די ווערטער האָבן אין זיך אַ קדושה, אפילו אויב די חכמים האָבן ערפינדן די ווערטער.

"ויהי' איך שיהי' הפירוש בדברים האלו זה ודאי שאף אלו הוסיפו חכמי המשנה והגמרא איזה מילות בלשון אף שאינו לה"ק ממש אלא לשון שבדו להם חכמים מ"מ כיון שחכמים בדו אותם יש בהם קדושה כי ממקום קדוש יהלכו וכל דיבורם הי' בדעת ובתבונה ורוה"ק הופיע בבית מדרשם. אבל מה שבדו המינים והאפיקורסים להוסיף בלשון טמא טמא יקרא וחלילה לערב טומאה בקודש, וזה ודאי ברור בלי ספק כי מה שבדו המינים מלות חדשות ויסדום בזה נשאר להם שם הרבה מס"ת שכתבו מין שלא חידשו שם אף נקודה אחת, ולא יסתפק בזה אלא מי שרוצה להכחיש את האמת". (ויואל משה, מאמר לשון הקודש, סי' כ"ח).

דעם סימן, סי' כ"ח, אין מאמר לשון הקודש, הייבט דער רבי אָן מיט די ווערטער: "והחת"ס עה"ת שנדפס כעת מחדש בירושלים". דערציילט הרבני החסיד ר' שלמה הערצאָג שליט"א אין זיין ספר "מספרים לדור אחרון" אַז ווען רבי יוסף נפתלי שטערן האָט אַרויסגעגעבן די פינף חלקים "חתם סופר על התורה" האָט דער רבי זי"ע מרוב חביבות דורכגעלערנט אַלע פינף בענדער מרישא ועד גמירא, פון אָנפאַנג ביז'ן סוף.

## פאַרוואָס האָט אברהם אבינו נישט צעבראָכן די עבודה זרות אין ארץ ישראל?

אברהם אבינו האָט זיך מוסר נפש און צעבראָכן די עבודה זרות אין אור כשדים. פרעגט דער חתם סופר: פאַרוואָס האָט ער נישט געטאָן דאָס זעלבע אין ארץ כנען, וואָס איז געווען פול מיט עבודה זרה'ס? "ולמה לא עשה כן בארץ כנען שהיתה מלאה גלולים, ואין לך עץ רענן שלא היתה תחתיו ע"ז, וכן הר גבוה וגבעה נישאה כדאיתא במס' ע"ז. ולא מצינו ששיבר אליליהם".

ענטפערט דער חתם סופר אַז אין אור כשדים האָט זיך קיינער נישט גערעכט מיט זיין מוסר און מיט זיינע שטראָף רייד. ער איז געווען איינער אַליין. דער איינציגער מאמין בה'. האָט ער צעבראָכן זייערע עבודה זרות אפילו אויב דאָס וועט אים קאָסטן דאָס לעבן. נישט געווען וואָס צו דערלייגן.

אין ארץ ישראל האָט ער אָבער איבערצייגט פילע טויזנטער אין דער אמונה. איז ער נישט געווען באַרעכטיגט צו שטעלן זיין לעבן אין געפאַר און פאַרלירן די אַלע תלמידים וואָס ער האָט זיי אַריינגעברענגט תחת כנפי השכינה.

"אך בארץ ישראל קרא בשם ה' ונתגדל שמו, וקבלו ממנו אלפים ורבבות ועשה נפשות הרבה, ע"כ אין לו רשות למסור נפשו להתגרות עם אותן שלא שמעו לו ולא נתגיירו, כי אם ימיתוהו מה יעשו כל אותן תלמידים הסמוכים על הוראתו ותורתו, ואין לומר לסמוך על הנס, אין זה מידת חכמים כי אולי לא יעשה לו נס, רק מוסר עצמו למיתה עכ"פ, וזה אין לו רשות אם מפסיד לתלמידים, ונמצא בארץ ישראל ע"י שנתגדל שמו ונאספו אליו הרבה גרים עי"ז עבד ה' במנוחה והשקט, ולא היה צריך להתקוטט עם הרשעים, אלא השומע ישמע והחדל יחדל, נמצא היה זה להנאתו וטובתו" (חתם סופר על התורה פרשת לך לך עמוד ל"ט ד"ה לך לך א').

## "ווי די שטערן: פאַראַן וואָס זענען קליין אין אונזערע אויגן, אָבער זענען גדולים וצדיקים"

"וספור הכוכבים ... כה יהיה זרעך". די שטערן אין הימל קוקן אויס קליין, פיצל אין אונזערע אויגן – אין דער צייט וואָס באמת זענען זיי געוואַלדיג גרויס. דאָס זעלבע, זאָגט דער חתם סופר, איז מיט אידן. פאַראַן צווישן אונז אידן וואָס אין אונזערע אויגן קוקן זיי אויס קליין און נישטיג, אין דער צייט וואָס באמת זענען זיי גאָר גרויס, גדולים וצדיקים. (תו"מ מ"ד ד"ה וספור; אורות חתם סופר דף ס"ה).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

# דער הייליגער חתם סופר



**"ובספרי רמ"ד, אל תשלחו יד" – ספרי "רמד" אָדער ספרי "חמד", און מיט אַ סגו"ל? – די פיקטיווע "רעוועלאַציע" אין "וויענער איזרעאַליט" – רבי אברהם שישאַ ווייזט אויף דעם משכיל'ישן זיוף – דער אַרטיקל פון הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, זון פון קראָקעווער רב רבי שמעון סופר זצ"ל, אין "קול מחזיקי הדת" אין גאַליציע**

[פאָרזעצונג פון פריער]

כ"ז שבט שנת תקצ"ז האָט דער חתם סופר זיך געזעצט שרייבן זיין צוואה. די צוואה האָט ער געשריבן פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך, און אין אַ געוויסן זין אויך פאַר כלל ישראל. פון די סאַמע באַקאַנטסטע ווערטער אין דער צוואה זענען די פאָלגנדע שורות:

**"ובספרי רמ"ד,**
**אל תשלחו יד,**
**עולמי עד,**
**אז רגלך לא ימעד".**

די ווערטער זענען אַ באַפעל און אַ וואָרענונג נישט צו לערנען און נישט אַריינצוקוקן אין די ספרים פון משה דעסויער, משה מענדעלסאָן, הויפּטזעכליך זיין "ביאור", זיין דייטשע איבערזעצונג פון חומש.

ביי דער לויה פון חתם סופר האָט רבי דניאל פּרוסטיץ, דער ראש בית דין פון פּרעשבורג, פאָרגעלייענט די גאַנצע צוואה און עס איבערגעזעצט אויף אידיש. רמ"ד האָט ער איבערגעטייטשט משה דעסויער. די צוואה איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן און ביי קיינעם איז נישט געווען קיין ספק אין דעם באַדייט פון די ווערטער.

רבי עקיבא יוסף שלעזינגער האָט שפּעטער געדרוקט די צוואה אין זיין ספר "לב העברי" וואָס איין חלק איז אַ פּירוש אויף דער צוואה. רבי עקיבא יוסף שרייבט אַז רמ"ד איז די ראשי תיבות ר'שע מ'שה ד'עסויער. אַזוי האָבן אויך געהאַלטן רוב תלמידים פון חתם סופר.

כאָטש בשעתו האָבן אַלע געוואוסט אַז דער חתם סופר האָט געשריבן רמ"ד זענען שפּעטער פאַרשפּרייט געוואָרן העתקות פון דער צוואה וואו אַנשטאַט רמד מיט אַ ריי"ש שטייט חמד מיט אַ חי"ת. אַזוי זעט מען אויך היינט אין געוויסע קאָפּיעס פון דער אָריגינעלער צוואה. פילע ווייזן אָן אויף דעם ח' וואָס מ'זעט היינט אין די קאָפּיעס פון דער צוואה, אַז עס קוקט אויס אַנדערש ווי די אַנדערע חית"ן אין דער צוואה. מ'קען באַמערקן אַז אָריגינעל איז דאָס געווען אַ ריי"ש. פאַראַן אַ בריוו פון פּרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר, דער בעל "דעת סופר", צו הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן אין שנת תרפ"ו, אין וועלכן ער שרייבט אויך אַז דעם חי"ת וואָס מ'זעט היינט אין דער צוואה, בספרי חמ"ד, איז שטאַרק ניכר אַז ס'איז פריער געווען אַ ריי"ש, רמ"ד, און איז דערנאָך געטוישט געוואָרן צו אַ חי"ת און אַז בכל אופן איז נישטאָ קיין צל ספק אַז דאָס מיינט משה דעסויער.

אָבער אפילו אויב ס'איז אַ ח' מיינט דאָס חכם משה דעסויער. מיט יאָרן פריער האָט דער חתם סופר אין אַ תשובה צום מהר"ץ חיות וועגן הלנת מתים (יור"ד סי' של"ח) געשריבן אויף אים החכם רמ"ד, ווייל אַזוי איז ער דאַן געווען באַקאַנט. אין יענער תשובה, וואָס מיר האָבן שוין אַמאָל געברענגט, קומט דער חתם סופר שאַרף אַרויס קעגן מענדלזאָן'ס היתר פון הלנת מתים און שרייבט אַז אויך דער יעב"ץ רייסט אים אַראָפּ: "אך הגאון מו"ה יעב"ץ מחה לי' אמוחא מאה עוכלי בעוכלא ולא נשא לו פנים".

מיר ווילן אָבער דאָ רעדן וועגן אַן אַנדערן פּאָלעמיק אַרום דעם וואָרט רמ"ד/חמד וואָס איז אַנטשטאַנען נאָענט צו אַ יובל יאָרן שפּעטער.

# די סענזאַציאָנאַלע "רעוועלאַציע" פון "וויענער איזראַעליט"

אין יאָר תרמ"ו האָבן די משכילי'שע קרייזן געפייערט 100 יאָר זינט משה מענדעלזאָן'ס טויט. אין ווין פלעגט ערשיינען אַ משכיל'ישע צייטונג "וויענער איזראַעליט". דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט געהייסן מאָריץ דאַרנבוש, אַ לאַנגיאָריגער זשורנאַליסט, אַ משכיל וואָס איז אָריגינעל געקומען פון גאַליציע.

אין שנת תרמ"ו, דריי יאָר נאָך דער הסתלקות פון הגאון רבי שמעון סופר, קראָקאָווער רב, דער בעל מכתב סופר זצ"ל, איז מאָריץ דאַרנבוש אַרויסגעקומען מיט אַ פאַנטאַסטישע סענזאַציע אין זיין צייטונג.

מיט יאָרן פריער, האָט ער געשריבן, ווען רבי שמעון סופר איז געווען אַ דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט איז פּאַרגעקומען אַן אסיפה אין רבי שמעון סופר'ס דירה אין ווין. האָט רבי שמעון סופר דאַן געזאָגט, שרייבט דער רעדאַקטאָר פון "וויענער איזראַעליט", אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס אָרטאָדאָקסישע אידן האָבן קעגן משה מענדעלזאָן און זיינע חיבורים. ער איז דאָך געווען אַ שומר תורה ומצוות ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן".

האָט איינער פון די אָנוועזנדע געפרעגט פון רבי שמעון סופר, שרייבט דאַרנבוש, "אויב אַזוי פאַרוואָס האָט אייער פאָטער געשריבן אין זיין צוואה 'ובספרי רמ"ד אל תשלחו יד?"

האָט רבי שמעון סופר געענטפערט, שרייבט ער ווייטער, דאָס וואָרט רמ"ד איז אַ טעות פון די מעתיקים. דאָס וואָרט איז חמד. און עס מיינט בכלל נישט משה דעסויער. חמד איז אַ לשון פון חמדה. זיי זאָלן נישט לייענען קיין ראָמאַנען און ספרי חשק.

טראָץ דעם אַבסורד פון דער "אַטפּלעקונג", כאילו דער חתם סופר, דער גרויסער לוחם קעגן מענדעלזאָן, קעגן זיין ביאור און קעגן דער השכלה, האָט בכלל נישט געמיינט אים אין זיין צוואה נאָר ספרי חמד און ספרי חשק, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ סענזאַציע און אַ פּאָלעמיק.

אויב האָט דער באַריכט פּאַראורזאַכט אַ סענזאַציע וואָלט די לעכערליכקייט דערפון געדאַרפט אַרויסרופן אַ פּיל גרעסערע סענזאַציע. ווי איז דאָס מעגליך אַז אַזאַ פּראָפּעסיאָנעלער זשורנאַליסט איז אַזויפיל יאָרן געזעסן אויף וואָס מ'רופט היינט אַזאַ "סקופּ" און עס נישט פאַרעפנטליכט? וואָס האָט ער געוואַרט אַזויפיל יאָרן אויף צו פאַרעפנטליכן די עקספּלאָסיווע רעוועלאַציע? און דערצו ווען רבי שמעון סופר לעבט שוין נישט עטליכע יאָר?

וואָס מער: ער שרייבט אַז רבי שמעון סופר האָט דאָס געזאָגט ביי אַן אסיפה אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט מערערע מענטשן. וואו זענען די אַלע אַנדערע אָנוועזנדע און באַטייליגטע? פאַרוואָס האָט מען נישט געהערט פון זיי?

# די באַוויזן פון הרב אברהם שישאַ ז"ל

דער געניאַלער חוקר תורני און וועלט באַרימטער מומחה בתולדות ובתורת החתם סופר, הרבני הג"מ אברהם שישאַ פון לאָנדאָן (שאָפּראָן) ז"ל, אַן אייניקל פון חתם סופר, האָט געהאַט געשריבן עטליכע מאמרים אויפצואווייזן די אַבסורדאַלע לעכערליכקייט פון דער פאַלשער "רעוועלאַציע" אין "וויענער איזראַעליט". זיינע מאמרים האָט ר' אברהם שישאַ פאַרעפנטליכט אין קובץ "המעיין" תשרי תשכ"ט און טבת תשכ"ט, שפּעטער אין זיין ספר "סופרי המלך". לעצטנס זענען זיי אויך געוואָרן ציטירט אין קובץ "אוצרות הסופר" קובץ ל"ד.


הרב אברהם שישאַ ז"ל

די "רעוועלאַציע" פון דעם משכיל'ישן רעדאַקטאָר פון דעם וויענער צייטונג, שרייבט רבי אברהם שישאַ, איז נישט קיין "אַנטדעקונג" נאָר אַ פיקציע. נישט קיין אויפדעקונג נאָר אַ ביליגער זיוף.

ערשטנס: אַ גרויסער טייל פון דער צוואה, וויזט אָן רבי אברהם שישאַ, איז געשריבן אין פּראָזן וואָס גראַמען. אויך אָט דער פראַגמענט:

ובספרי רמ"ד,
אל תשלחו יד,
עולמי עד,
אז רגלך לא ימעד,

רמ"ד, יד, עד, ימעד, זענען אַלע אויף'ן גראַם. צי וועלן זיי אויך גראַמען אויב דאָס וואָרט איז נישט רְמ"ד נאָר חֶמד מיט אַ סגו"ל? אודאי נישט.

צווייטנס: לאָמיר קוקן אויף דעם קאָנטעקסט. לאָמיר זען וואָס דער חתם סופר שרייבט פאַר דעם, און נאָכדעם. פאַר די שורות ובספרי רמ"ד שרייבט דער חתם סופר ווי פאָלגענד:

אל תט לבכם לדבר רע להתעולל עלילות ברשע את אנשים פועלי און החדשים מקרוב נתרחקו מאת ה' ותורתו בעו"ה, אל תדורו בשכנותם ולא תתחברו עמהם כלל וכלל, ובספרי רמ"ד אל תשלחו יד..."

דער חתם סופר וואָרנט זיינע קינדער נישט צו האָבן קיין שייכות מיט די קרייזן וואָס זענען לעצטנס דערוויטערט געוואָרן פון השי"ת, ובספרי רמ"ד, מיט אַ וי"ו החיבור, און נישט צורירן צו די ספרים פון רמ"ד, וועלכער איז דער פירער און פאָן טרעגער פון די לעצטנס דערוויטערטע קרייזן.

דריטנס: לאָמיר זען דעם המשך וואָס דער חתם סופר שרייבט באַלד דערנאָך.

"ובספרי רמ"ד, אל תשלחו יד, עולמי עד, אז רגלך לא ימעד, תנ"ך עם פירש"י ותורה פי' רמב"ן תהגו, ותלמדו את בניכם כי הוא ראש אומן, ובו תתחכמו מכלכל דרדע והימן...".

דער חתם סופר הויבט דאָ אַרויס דעם קאָנטראַסט. נישט לערנען תנ"ך אין די ספרי הרמ"ד, נאָר מיט רש"י און רמב"ן.

פערטנס: אין דער תשובה אין יורה דעה סי' של"ח (וואָס מיר האָבן פריער געברענגט) וועגן הלנת מתים און טומאת כהן בגוסס רופט דער חתם סופר אָן מענדלזאָהן רמ"ד. נישט איינמאָל נאָר צוויי מאָל. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר נישט אין ערגעץ דער חתם סופר זאָל נוצן דעם אויסדרוק "ספרי-חמד", ווען ער רעדט וועגן ספרים חיצונים אָדער נישט כשרע ספרים און ביכער. שטימט נישט דער אויסדרוק ספרי חמד, נישט לאָגיש און אויך נישט, ווי פריער געזאָגט, לויט'ן ריטם.

רבי אברהם שישאַ ברענגט פון אַ צווייטן שרייבער, מרדכי ווייסמאַן-חיות, וועלכער האָט געשריבן אין דער משכיל'ישער צייטונג "המגיד", אַז אויך ער האָט עפּעס צו דערציילן פון רבי שמעון סופר. ווייסמאַן-

חיות שרייבט אַז ער האָט געפרעגט פון קראָקעווער רב: דער חתם סופר שרייבט ובספרי רמ"ד אל תשלחו יד. על פי דקדוק מיינט דאָך שליחות יד לרעה און נישט לטובה. קען דאָך נישט זיין אַז דער חתם סופר האָט געמיינט מ'זאָל נישט קוקן אין מענדעלזאָן'ס ספרים. ער מיינט מען זאָל עס נישט טשעפּען און נישט טון שאָדן דערצו. רבי שמעון סופר האָט אים געענטפערט, שרייבט ער, "מיין פאָטער האָט געקענט דקדוק בעסער ווי איר".

זעלבסטפאַרשטענדליך, שרייבט רבי אברהם שישאַ, אַז אויב דער דיאַלאָג צווישן רבי שמעון סופר און וויסמאַן-חיות איז בכלל פּאַרגעקומען איז רבי שמעון סופר'ס ענטפער געווען נישט מער ווי אַ דיחוי בעלמא, אים אָפּגעשטופּט נישט צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט קשיות פון דקדוק. וואָרום ערשטנס ווייזט דאָך יעדער אַז ביים שרייבן לשון קודש באַרגט מען אָפט אַ מליצה פון אַ פסוק, ווי אל תשלחו יד, ס'איז אָבער נישט מער ווי אַ שרייבערישע מליצה און האָט גאָרנישט צו טון ווערטערליך מיט די הלכות פון שליחות יד. צווייטנס, פרעגט ר' אברהם שישאַ, ווען דאָס זאָל מיינען ספרי-חמד און ספרי חשק ווי די משכילים ווילן זאָגן, שטימט דען יאָ דער לשון פון שליחות יד? מען זאָל די ספרי חמד וספרי חשק נישט טון קיין שלעכטס?

דאָס פּלאַץ ערלויבט דאָ נישט צו ציטירן אַ ריי אַנדערע הוכחות וואָס רבי אברהם שישאַ ברענגט אויפצואווייזן אַז דער חתם סופר האָט אין דער צוואה געשריבן ספרי רמ"ד און נישט ספרי חמד, און אַז דאָס מיינט משה דעסויער. מיר וועלן ברענגען בלויז נאָך איין באַווייז וואָס רבי אברהם שישאַ ברענגט:

דעם חתם סופר'ס צוואה איז נאָך אין די שלושים פון זיין הסתלקות איבערגעזעצט געוואָרן צו דייטש. די דייטשע איבערזעצונג איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג "איזראַעליטישע אַנאַלן". אָט איז גענוי וויאַזוי דאָס איז דאָרט געווען געדרוקט:

*Die bucher des R Mose as Dessau* (M. Mendelson) *ruhret nicht an, dann wird euer fuss nicht gleiten in ewigkeit.*

קלאָר און דייטליך די ביכער פון משה דעסויער – נישט "ספרי חמד".

רבי אברהם שישאַ ברענגט אויך פון ר' יקותיאל יודא גרינוואַלד'ס ספר "אוצר נחמד", ניו יאָרק תש"ב, זייט 29, וואו עס ווערט ציטירט פון דער משכיל'ישער צייטונג "אַלגעמיינע צייטונגס דעם יודענטומס" פון ח"י טבת שנת ת"ר וואו עס איז געוואָרן באַריכטעט אַז די צוואה פון פרעשבורגער רב, דער חתם סופר, איז פאַרשפּרייט געוואָרן סיי אין אָריגינעלן לשון הקודש און סיי אין דייטשער איבערזעצונג און "מענטשן וואונדערן זיך" פאַרוואָס ער האָט פאַרבאָטן צו לייענען אַלע ביכער פון משה מענדעלסאָן, איינשליסנדיג זיין "ביאור", זיין דייטשע איבערזעצונג פון חומש.

## דער מאמר פון הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר, זון פון רבי שמעון סופר, אין "קול מחזיקי הדת" שנת תרמ"ו

אַסאַך יאָרן איידער רבי אברהם שישאַ האָט פאַרעפנטליכט זיינע מאמרים אין וועלכע ער ווייזט



אויף דעם זיוף פון דעם משכיל'ישן "וויענער איזראַעליט" לגבי דעם לשון און טעקסט פון דער צוואה האָט דעם חתם סופר'ס איינ‏יקל הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, זון פון רבי שמעון סופר דער בעל מכתב סופר זצ"ל, פאַרעפנטליכט אַ מאמר אין וועלכן ער שילדערט דעם חתם סופר'ס מיינונג וועגן משה דעסויער/מענדלזאָן.

רבי שלמה אלכסנדרי סופר איז געווען יד ימינו פון זיין טאַטן רבי שמעון סופר. אים האָט רבי שמעון סופר געגעבן אַלע כתבים פון חתם סופר זיי מסדר צו זיין און צוגרייטן צום דרוק. רבי שלמה אלכסנדרי האָט זיי איבערגעגעבן צו זיין איידעם רבי יוסף נפתלי שטערן, וועלכער האָט זיי במשך פון יאָרן באַאַרבעט און צום סוף געדרוקט.

הגאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, זון פון הגאון רבי שמעון סופר קראָקעווער רב זצ"ל, און שווער פון הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל

רבי שלמה אלכסנדרי האָט באַגלייט זיין פאָטער רבי שמעון סופר קיין ווין ווען ער איז ערוויילט געוואָרן צום פּאַרלאַמענט. אָנקומענדיגן אין פּאַרלאַמענט האָט דער פּאַרזיצער אים געזאָגט: דעם קראָקעווער רב'ס זיץ איז די און די נומער. האָט רבי שמעון סופר געזאָגט צו זיין זון "דער נומער איז די גימטרי' פון אַ געוויסן שם, עס פעלט אָבער אַ יו"ד". האָט רבי שלמה אלכסנדרי אים געזאָגט: "ווען דער טאַטע וועט זיך אַוועקזעצן וועט זיין אויך אַ יו"ד".

ווען דער רעדאַקטאָר פון משכיל'ישן "וויענער איזראַעליט" האָט געדרוקט זיין פיקטיווע "רעוואָלאַציע", וואָס ער האָט כלומר'שט געהערט פון רבי שמעון סופר כאילו דער חתם סופר האָט נישט גע'אסר'ט די ספרים פון משה מענדעלסאָן-דעסויער האָט רבי שלמה אלכסנדרי סופר געשריבן און פאַרעפנטליכט אַ מאמר אין דער חרדי'שער צייטונג "קול מחזיקי הדת" אין גאַליציע אין וועלכע ער שליידערט אָפּ די פיקציע און לאָזט וויסן דעם אמת, וואָס ער ווייסט און וואָס ער האָט שטענדיג געהערט פון זיין טאַטן רבי שמעון סופר לגבי דער מיינונג פון חתם סופר כלפי משה דעסויער.

מיר וועלן צוערשט ברענגען דעם עיקר תמצית פון דעם אַרטיקל אין אידיש און דאַן וועלן מיר ציטירן דעם גאַנצן אַרטיקל אין אָריגינעלן לשון קודש.

רבי שלמה אלכסנדרי דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן רבי שמעון סופר:




אַמאָל האָט דער חתם סופר געזאָגט תורה, און האָט זיך אויסגעדריקט אַז ער קען אָנווייזן וואו יעדנ'ס נאָמען איז מרומז אין דער תורה. הונטער אים איז געשטאַנען אַ בחור פון גאַליציע, וואָס מ'האָט געוואוסט אַז ער איז צריך

בדיקה, און האָט זיך אָנגערופן: רבי! וואו איז מרומז דעם רמב"ם'ס נאָמען אין דער תורה?" דער עולם איז געוואָרן שאָקירט פון זיין חוצפה אַריינצופרעגן. דער חתם סופר האָט אים נישט אָנגעקוקט נאָר מיט אַ רואיגקייט געקוקט אויפ'ן עולם און געזאָגט "למען ר'בות מ'ופתי ב'ארץ מ'צרים, דאָס איז דער רמב"ם וועלכער האָט געמאַכט וואונדער אין מצרים".

"האָט דער בחור מיט חוצפה ווייטער געפרעגט: "און וואו איז מרומז דער נאָמען פון משה בן מנחם?". (משה מענדעלסאָן'ס פאָטער האָט געהייסן מנחם, דערפאַר האָט ער זיך גערופן מענדעלזאָן און אויך משה בן מנחם). ווען דער חתם סופר האָט דאָס געהערט האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין כעס, האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דעם בחור און געשריגן הויך אויפ'ן קול: "מ'שחתם ב'הם מ'ום ב'ם, איז משה ב'ן מ'נחם ב'ערלין!"

נאָך שבת האָט מיר מיין טאַטע דערציילט, שרייבט ווייטער רבי שלמה אלכסנדרי סופר, האָט מען פאַרשיקט דעם בחור פון דער ישיבה. ער איז געוואָרן אַ לערער אין איינעם פון די אַרומיגע דערפער און ביז אַ קורצע צייט איז געוואָרן נתגלה קלונו און ער איז אַרויס לתרבות רעה.


שנה רביעית
ב״ה
4 Jahrgang
KOL
Machsike Hadas
קול
מחזיקי הדת
Lemberg, den 26 Jänner 1888.
Nr. 8
לבוב, יום ה׳ י״ג שבט תרמ״ח.

דער "קול מחזיקי הדת" פון גאַליציע

שרייבט רבי שלמה אלכסנדרי ווייטער: "מיין טאַטע (רבי שמעון סופר) האָט מיר ווייטער דערציילט אַז ער האָט געפרעגט פון זיין טאַטן (דער חתם סופר): "פון וואו האָט דער טאַטע געוואוסט צו וואָרענען די קינדער זיך צו היטן פון מענדלזאָן'ס ספרים האָסט דאָך קיינמאָל נישט געקוקט אין זיינע ספרים?", האָט דער חתם סופר געענטפערט מיט דעם מאמר חז"ל (ע"ז דף לא) אויף דעם פסוק אין קהלת מקום שיפול העץ שם יהו. שם יהו? זאָגט די גמרא שם יהו פירותיו. (וואָס מיינט ווי מ'זאָגט אויף אידיש אַז דאָס עפּלע פאַלט נישט ווייט פון בוים). דער חתם סופר האָט געזאָגט: מענדלזאָן שטעלט אַ פנים פון אַ פרומען איד. זע אָבער זיינע תלמידים. אַלע מינים ואפיקורסים. פון זיינע תלמידים זעט מען וואָס ליגט ביי אים אין האַרץ.

"זע דעם ווייטן בליק פון מיין טאַטן דער חתם סופר", האָט רבי שמעון סופר ווייטער געזאָגט צו זיין זון רבי שלמה אלכסנדרי, "משה מענדעלזאָן האָט היינט נישט קיין איין קינד אָדער אייניקל וואָס איז געבליבן אַ איד. אַלע האָבן זיך גע'שמד'ט".

## פאָלגענד איז דער פולער אָריגינעלער נוסח פון רבי שלמה אלכסנדרי'ס אַרטיקל אין קול מחזיקה הדת:

"אשמיעך מה ששמעתי מפה קדוש אאמו"ר ז"ל: פעם אחת יתיב קדוש זקני חתם סופר במתיבתא רבא (כמדומה שהיה זה בסעודה שלישית בשבת) וזקוקין דנורא נפקין מפיו בדבקות נפלא, ושפתיו מרחשין בדברי אגדה על דרך האמת, ובלי רצון בחיריי, התמלט מפיו שיודע לרמז כל הנשמות באיזה תיבה או אות אחיזתם בתורה. לדבר זה השתוממו כל שומעיו, בניו ותלמידיו ודיינא קרתא, והסמוכים על השולחן, כי מאמר זה או כיוצא בו היה נגד מדתו, כי היה צנוע בענינים כאלו".

"בין המון תלמידיו אשר מלאו את הבית עמד בחור אחד מגאַליציען, מאחז מאחורי הכסא, וכבר היה נחשד בין בני הישיבה שצריכים בדיקה אחריו, כי היו ספרי מינות נושרין מתוך חיקו. הבחור הזה בשמעו אזנו דברים אשר לא היה ראוי להם, העיז לנסות את רבו, רבינו הגדול, וישאלהו בחלקת שפתיו: "רבי! היכן מרומז רבינו משה בן מיימוני (רמב"ם) בתורה?" כקש אש קדחה באף המסובים חציפתו של השואל. הס הס לחשו כולם, אך האומן הגדול רבן של ישראל לא נרגז ממנוחתו, ולא פנה אליו, כי אם הטיף מלתו לשתילי זתים אשר סביב שולחנו (שמות יא ט) למען ר'בות מ'ופתי ב'ארץ מ'צרים, זהו (ר"ת) רמב"ם, שהראה נפלאות השם במצרים. ותוך כדי דיבור הפליג בשבחו של הרמב"ם, ויספר מעשיו למען ישתוממו השומעים על מעשי הרמב"ם".

"אך הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו, וכל רוחו הוציא הכסיל, ואל פחזותו שב ככלב על קיאו, והתנכל בשאלתו, איפה מרומז משה בן מנחם (מענדלזאָהן נקרא על שם אביו מנחם). פה הגיעה סבלנותו דמרן עד מרום קצה, ויקם מזעם מכסאו, והושיט ידיו אל מול פני החצוף אשר מאחוריו, וצווח בקול עז (ויקרא כב, כה) מ'שחתם ב'הם מ'ום ב'ם זה (ר"ת) מ'שה ב'ן מ'נחם ב'ערלין. אחר יום השבת גורש הבחור מהסתפח בנחלת ה' והלך נודד אל אחת הכפרים לשרת בתור הויז-לערער (מלמד פרטי), ובימים לא מעטים נתגלה קלונו".

"בהמשך הסיפור הנוכחי אמר לי אאמו"ר (רבי שמעון סופר), אני בעצמי שאלתי את אבי אחר שהזהיר אותנו להשמר מהרמ"ד, הן ידעתי שבודאי לא הצצת בספריו, מאין ידעת לשפוט אותו? והשיב לי פירוש המאמר חז"ל (ע"ז לא) על דברי קהלת מקום שיפול העץ שם יהו, שם יהו סלקא דעתך? אלא שם יהו פירותיו. הכוונה, מקום שיהיו פירותיו נדע ששם יפול העץ, והוא מליצה שהתלמידים מעידים על מקומו ומדריגתו של רבו, ואפילו אם הרב מראה בעצמו כל סימני טהרה, אך על ידי תלמידיו יתגלה מצפון לבו, כי שפך רוחו עליהם. וסיום דברי אאמו"ר זצ"ל (רבי שמעון סופר), וראה בני כמה גדול כחו של אבא זצ"ל (החת"ס) שצפה למרחוק, כי אין לרמ"ד נין ונכד בישראל, כולם המירו דתם, ואין אחד מהם כהיום הזה בברית אברהם אבינו!".

"קורא אני עליו תורת אמת היתה בפיו יען עולה לא נמצא בשפתיו, לדבר סרה על זולתו מפאת שנאה עצמית, אם לא נמצא בו אותות תגדנה על קלקולו המחייבים הרחקה מאתו, והאותות אשר בחר בו לעד לא בדאם מלבו, כי לב האדם עלול לטעות, אך ממה שמצא בדברי חז"ל תקע לו יתד במקום נאמן, על כן תורת אמת היתה בפיו ולא טעה בשפטו דרכי בני אדם".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

עט

# דער הייליגער חתם סופר

**די וויכטיגקייט פון תפילה ביי שידוכים – מרת שמחה לעהמאַן אין איר צוואה: "שווייגן און נישט האָבן דאָס לעצטע וואָרט, דאָס איז דער סימן פון אַ יחסן" – דער חתם סופר איז זיך משדך מיט אַ בעל הבית פונעם שטעטל סאָבאָטיש – די קאָרניצער דינאַסטיע: דעם חתם סופר'ס אייניקלעך די רבנים פון דער עיר ואם בישראל קראָקע – יחוס אין דער השקפה און אין דער משפחה פון חתם סופר**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## שידוכים

פאַרוואָס האָט אליעזר עבד אברהם געהאַט קפיצת הדרך נאָר אויפ'ן וועג קיין חרן, און נישט אויפ'ן וועג צוריק, ווען ער איז שוין געקומען מיט רבקה?

פאַראַן אַ מסורה: "אחותינו את היי לאלפי רבבה", "ושנים ינוסו רבבה", "ומאה מכם רבבה ירדופו", "רבבה כצמח השדה". זאָגט דער חתם סופר: פונקט ווי מיר געפינען אין פרשת בראשית אויף "כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ ואדם אין לעבוד את האדמה" אַז דערפאַר האָט פריער נישט געשפראָצט פון דער ערד ווייל קיינער האָט נאָך נישט מתפלל געווען דערויף – ווי רש"י זאָגט "ומה טעם לא המטיר הקב"ה את הארץ, כי אדם אין לעבוד את האדמה, ואינו מכיר בטובתן של גשמים, וכשבא אדם הראשון וידע שהם צורך לעולם התפלל עליהם וירדו וצמחו האילנות והדשאים" – זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס זעלבע איז ביי שידוכים. אַ שידוך קען זיין באַשערט, און אפילו שוין אויפ'ן וועג, עס קומט אָבער נישט צושטאַנד אָן תפילות.

די ברכות פון אחותינו את היי לאלפי רבבה, און די ברכות אויף כלל ישראל פון ושנים ינוסו רבבה און פון ומאה מכם רבבה ירדופו זאָגט אונז די מסורה אַז זיי האָבן נישט געקענט צושטאַנד קומען אָן תפילות – גענוי ווי ביי רבבה כצמח השדה, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעשפראָצט אָן די תפילות פון אדם הראשון.

זאָגט דער חתם סופר: כאָטש יצחק אבינו'ס זיווג איז שוין געווען אויפ'ן וועג האָט ער זיך נישט דערוואוסט דערפון און דער זיווג האָט זיך נישט באַוויזן צו אים איידער ס'איז געווען ויצא יצחק לשוח בשדה, איידער ער האָט מתפלל געווען.

"נראה לענ"ד, כי עתה הלך יצחק לשוח ולהתפלל על הצלחת העבד עם הזדמנות בת זוגו, והקב"ה לא רצה לגלות לו ליצחק את בת זוגו עד שהתפלל תחלה, כי הקב"ה התאוה לתפלתו, ע"כ נתאחרו בדרך ולא קפצה להו ארעא. אמנם מיד כשיצא יצחק לשוח בשדה אחר תפלתו מיד וישא עיניו וירא והנה גמלים באים ברגע כמימרי' ראה אותם. וזה שספר לו העבד שקפצה לו הארץ בהליכתו ומכ"ש שהי' לו לקפוץ בחזירתו, אלא שנזדמנה לו רבקה בתפלתו של יצחק. (חתם סופר על התורה חיי שרה, דף צד, ד"ה במסורה רבבה ד').

## תורה "מחזרת" על אכסניא שלה

ווי איז מעגליך די ערשיינונג, פרעגט דער חתם סופר, וואָס משפחות פון דורות תלמידי חכמים קענען האָבן אייניקלעך נישט תלמידי חכמים? די גמרא זאָגט דאָך (ב"מ פה.) ביי כל שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם אַז תורה מחזרת על אכסניא שלה?

ברענגט דער חתם סופר אויף מערערע ערטער דעם ספר חסידים (סי' קנו) אַז דאָס איז דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך משדך געווען מיט אינם מהוגנים. מיט דורות שפּעטער ווען זיי וועלן זיך ווידעראַמאָל משדך זיין מיט אנשים מהוגנים וועט זיין תורה "מחזרת" על אכסניה שלה, די תורה

ווען זיך אומקערן צו זיי. דער חתם סופר ברענגט דעם געדאַנק אין תורת משה מהדורא תנינא פרשת וישב, עה"פ וידע אונן; דרשות חת"ס ח"א עמ' ל"א; און תורת משה פרשת האזינו עה"פ שחת לו.

אין זיין הספד אויף זיין רעביצין הרבנית שרל ע"ה, גיזאָגט לויט די פסוקים פון אשת חיל, האָט ער איר משבח געווען פאַר מקפיד זיין זיך משדך צו זיין מיט יראי ה' און אנשים מהוגנים. "דרשה צמר ופשתים ותעש בחפץ כפיה, שדרשה וחקרה בכל עוזה שלא ישב בקרב ביתה עושי רמיה, ולא עם בנינו ובנותינו ח"ו מי שאינו ירא ה', הן בחיתונים והן בהתחברות, כמפורסם לכל העומדים פה עמנו". (דרשות ח"ב דף שפ"ו).

## מרת שמחה לעהמאַן ע"ה: "שווייגן און נישט האָבן דאָס לעצטע וואָרט, צייגט אַ מענטש'ס יחוס"

דער חתם סופר און זיינע קינדער האָבן ביי שידוכים מקפיד געווען אויף איידלקייט און מדות טובות. אין איר צוואה צו אירע קינדער שרייבט דעם חתם סופר'ס טאָכטער מרת שמחה לעהמאַן וועגן דער וויכטיגקייט פון גוטע מדות. "ביי אַן אַרגומענט און אַ ויכוח", שרייבט זי, "זאָל מען נישט וועלן האָבן דאָס לעצטע וואָרט נאָר זיין דער ערשטער צו שווייגן. דערמיט זאָגן חז"ל דערקענט מען דעם אָפּשטאַם און דעם יחוס פון אַ מענטש". פאָלגענד איז אָט דער אויסצוג פון דער צוואה אין איר אָריגינעלן אידיש-דייטש:

"אונד ווען מאַן מיט יעמאַנדען אין וואָרטא-וועקסעל קאָממט, זאָל מען ניט וואָללען דאָס לעצטע וואָרט האָבען, אונד פריהער שווייגען, דאָמיט ערקענט מאַן זיינע אַבקונפט. זאָ זאָגען אונזערע חכמים, ווער ביים צאַנק פריהער נאָכגיבט, ערקענט מאַן זיינען יחוס".

די חז"ל צו וואָס מרת שמחה לעהמאַן באַציט זיך איז די גמרא אין קידושין וואָס דערציילט אַז דער אמורא עולא האָט געפרעגט פון רב יהודה פאַרוואָס זיין זון רב יצחק בריה דרב יהודה עלטערט זיך און ער מאַכט אים נישט חתונה. ווען ער האָט געענטפערט אַז ער קען נישט דעם יחוס פון די וואָס מען טראָגט אים אָן האָט אים עולא גיזאָגט: טו אַזוי ווי מען פירט זיך אין ארץ ישראל. ווען צוויי מענטשן קריגן זיך זע ווער ס'שווייגט ערשט. יענער האָט דעם בעסערן יחוס.

"עולא איקלע לפומבדיתא לבי רב יהודה, חזייה לרב יצחק בריה דרב יהודה דגדל ולא נסיב, אמר ליה, מאי טעמא לא קא מנסיב ליה מר איתתא לבריה, אמר ליה, מי ידענא מהיכא אנסיב, אמר ליה, אטו אנן מי ידעינן מהיכא קאתינן וכו' אמר ליה היכא נעביד, אמר ליה, זיל בתר שתיקותא, כי האי דבדקי בני מערבא, כי מינצו בי תרי בהדי הדדי, חזו הי מנייהו דקדים ושתיק, אמרי האי מיוחס טפי". (קידושין ע"א:).

## דער שידוך מיט רבי מנחם מאַנעלע קאָרניצער

תמוז שנת תקצ"א האָט דער חתם סופר אַ שידוך געטאָן מיט זיין טאָכטער הצדקת גיטל. גאָר אינטערעסאַנט און באַלערנד איז וויאַזוי דער שידוך איז צושטאַנד געקומען.

אין דעם שטעטל סאָבאָטיש, נעבן ברעזעווע, האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַן ערנסטע שאלה איבער דער שטאָטישער מקוה. זענען דער רב און די ראשי קהילה געקומען צום חתם סופר אים בעטן ער זאָל קומען באַטראַכטן די מקוה. נאָכ'ן בודק זיין די מקוה האָט דער חתם סופר זיי געלאָזט הערן זיין פסק און זיין דעת תורה: על פי הלכה איז די מקוה כשר. הגם לכתחילה וואָלט באמת בעסער געווען, האָט דער חתם סופר געזאָגט, צו רענאָווירן


בעה"
נך נאך עטוואס צוא איך טה ענקעלקינדער, גיבט איך
אכט רעדעט קיין לשון הרע. פיר ערסט איזט עס
איינעם פאן דיא גרעסטען עבירות, 2-טענס צייגט עס
איין קאראקטער שוועכע. דער פראממער קאראקטער
מענש זאל שטעטס דיא גוטע מעלות פאן זיינען נעכסטען
הערפארהעבען אונד ניכט זיינע פעהלער. יעדער שטערב-
ענארעטער האט פעהלער, אין צדיק בארץ אשר יעשה
טוב ולא יחטא. עס גיבט קיין געראכטער דער ניכט
זינדיגט, מאן בראויך נימאנד צו לאבען אבער ניכט
דאס געלעגענהייל צו טוהן. איך איזט איינע גראסע מצוה
אונד טוגענד ווען מאן יעדען דן לכף זכות איזט און ניכט
אללעס צום שלעכטען דייטעט. אונד ווען מאן מיט
יעמאנדען אין ווארטא-וועקסעל קאממט זאל מאן ניט
וואללען דאס לעצטע ווארט האבען, און פריהער שווייגען.
דאמיט ערקענט מאן זיינע אבקונפט. זא זאגען אונזערע
חכמים ווער ביים צאנק פריהער נאכגיבט ערקענט מאן
זיינען יחוס. זא זאלט איהר אויך טוהן זא ווא איך היער
שרייבע, זא האבען אויך אונזערע גראסען וייזען אונז
פארגעשריבען איהר זאלט זאגהאר אייערע נעכסטען
פארוואהרען פון דעם לשון הרע אונד דאס ניכט גוט
דענקען איבער יעדען וי מעגליך אמטע אבצוגעוועהנען.
טוט אויך ווא אין משלי שטעהט, קויפט אייך גוטע
פריינדע דאמיט ווען מאן עמאנד אין דער נאטה ברויך.
אויך ניכט שטאלץ ניכט האכמיטהיג זיין.
אויך האט שלמה המלך געזאגט, דער נער וויל נימט
לערנען, וויל זיינע פעהלער ניכט אויסבעססערן לאססען,
זא בלייבט ער עוויג אין נער. דער חכם לערנט גערנע
זא ווירד ער שטעטס מער חכם.
פון אייערע איפריכטיג טרייע גוט מיינענדע גראססמוטער
דיא אייך אללעס ערדענקליך גוטע ווינשט, הקבה זאלל
אייך מיט אללעס גוטען בענשען אמן!
צוואת הצדקת המפורסמת מרת שמחה לעהמן ע"ה
בתו של מרן החתם סופר זי"ע

די צוואה פון הרבנית הצדקנית מרת שמחה לעהמאן ע"ה

די מקוה און מאַכן עטליכע תיקונים. היות ווי דאָס וועט אָבער אַריינציען אין גרויסע הוצאות און סאָבאָטיש איז אַ קליין שטעטל וואָס קען זיך דאָס נישט ערלויבן איז די מקוה כשר אַזוי ווי עס איז.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער חתם סופר באַגעגנט דעם מרא דאתרא, דעם סאָבאָטישער רב הג"ר ישראל שויער זצ"ל, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר. האָט דער חתם סופר זיך פאַראינטערעסירט אין וואָס ס'איז געוואָרן מיט דער מקוה. האָט רבי ישראל שויער אים געזאָגט אַז איינער פון די בעלי בתים פון דער שטאָט, וועלכער איז אָנוועזנד געווען בשעת דער חתם סופר האָט געזאָגט זיין פסק, איז דערנאָך געקומען צו אים און געזאָגט אַז ער איז גרייט צו באַצאָלן פון זיין אייגענע טאַש אַלע הוצאות וואָס ס'דאַרף קאָסטן צו פאַררעכטן די מקוה ס'זאָל זיין כשר בתכלית ההידור, אָבער בתנאי כפול: ס'מוז בלייבן בסוד. ער מוז בלייבן אַנאָנים – קיינער זאָל נישט וויסן אַז ער איז דער נדבן. אַזוי האָט מען געטאָן און די מקוה איז היינט כשר מיט אַלע הידורים.

דער חתם סופר איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון די השגות פון אַ איד אַ בעל הבית למען טהרתן של ישראל. זאָגט אים דער חתם סופר: "מיט אַזאַ בעל הבית וויל איך מיך משדך זיין!".

דער חתם סופר האָט אַ צייט שפּעטער נאָכאַמאָל באַגעגנט זיין תלמיד דער סאָבאָטישער רב אין דעם קור-אָרט פּישטיאַן וואָס איז אויך נעבן סאָבאָטיש. האָט זיך נאָכאַמאָל געמאַכט אַ שמועס איבער דער מקוה און דער חתם סופר האָט נאָכאַמאָל משבח געווען דעם אַנאָנימען נדבן וואָס האָט לגמרי לשם שמים זיך געלאָזט קאָסטן אַזויפיל געלט למען זיכוי הרבים. דער חתם סופר האָט אים נאָכאַמאָל געזאָגט אַז ער וואָלט זייער







**מצבות פון די "קארניצער" רבנים אויפן בית החיים אין קראקע - הגאון רבי עקיבא זצ"ל, הגאון רבי יוסף נחמי' זצ"ל, און הגאון רבי שמואל שמעלקא זצ"ל הי"ד, וועלכער איז אומגעקומען אין אוישוויץ.** (זע דעם אויפשריפט אויף דער מצבה: האפר של הרב הגאון הקדוש והטהור ירא השם שלשלת היוחסין המפורסם בשבחו ובמדות טובות אשר נהרג על ק"ד בשנת ת"ש ע"י הגרמנים הרשעים ימ"ש באשפצין והובלה האפר לפה)

געוואָלט זיך משדך זיין מיט דעם טייערן איד.

אַצינד האָט דער סאָבאָטישער רב מגלה געווען פאַר'ן חתם סופר ווער עס איז דער איד. ער הייסט רבי מנחם מאַנעלע קאָרניצער און האָט אַ זון, אליהו קאָרניצער, וואָס לערנט יעצט ביים חתם סופר אין פרעשבורג. "דער בחור וואָלט טאַקע געווען זייער פּאַסיג פאַר'ן חתם סופר'ס טאָכטער גיטל וועלכע איז יעצט אין דער ריי", האָט דער סאָבאָטישער רב געזאָגט. גיטל איז געווען דעם חתם סופר'ס דריטע קינד. די עלטסטע איז געווען הינדל, אשת הגאון רבי דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל, דערנאָך דער כתב סופר, און דאַן די טאָכטער גיטל.

דעם חתם סופר איז דאָס שטאַרק געפעלן. נאָך אין פּישטיאַן איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן און דאָרט איז געשריבן געוואָרן די תנאים.

אין אַ בריוו וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן נאָך פון פּישטיאַן, ח"י תמוז שנת תקצ"א, צו זיין שווער הגאון רבי עקיבא איגר, לייענען מיר ווי פאָלגענד:

"ואבשר טוב וברכת מז"ט, כי פה נגמר ונכתבו תנאים בתי הכלה גיטל תחי', עם אחד מתלמידי הלומד בישיבתינו, שמו הבחור הר"ר אלי', בן נגיד א' שמו הר"ר מנלי מק"ק סאָבאָטיש, והוא בן יחיד לאביו ואמו הישישה, וערך הנדן וכו' מלבד החזקה אחר החתונה ללמוד. והבחור עודנו רך בשנים והוא עדיין מתלמידים בינונים, אבל מוכשר להיות מופלג בתורה בעה"י, והוא ירא שמים ושוקד יומם ולילה על דלתי התורה. זכות מורי חמי הגאון נ"י יעמוד לזרעו ולזרע זרעו עד עולם...".

ווי מיר האָבן געשריבן אין איינעם פון די פריערדיגע מאמרים זענען מערערע פון די חתונות פון די קינדער און אייניקלעך פון חתם סופר פאָרגעקומען ל"ג בעומר. דער חתם סופר אַליין האָט אויך חתונה געהאַט בזיווג ראשון אין סעמניץ, זונטאָג ל"ג בעומר שנת תקמ"ז. אויך די חתונה פון רבי אליהו און גיטל קאָרניצער איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר שנת תקצ"ב. די חתונה איז פאָרגעקומען אין סאָבאָטיש, און דער מסדר קידושין איז געווען דער מרא דאתרא הג"ר ישראל שויער.

די חתונה איז leider געווען געמישט מיט טרויער. די מוטער פון דער כלה, הרבנית שרל, איז ליידער געהאַט נפטר געוואָרן אין איר כלה'שאַפט. אין אַ בריוו, געשריבן כ"ה ניסן תקצ"ב, שרייבט דער חתם סופר בעת די הכנות צו דער חתונה: "לא אוכל להאריך מפני טרדות חתונת בתי הבתולה הכלה תחי' למז"ט בימים האלה, ועזרתי אין איתי בעוה"ר."

די טאָכטער גיטל פלעגט דער חתם סופר רופן "מיין הייליגעס קינד". מער בפרטיות ווען מיר וועלן אי"ה באַשרייבן די קינדער פון חתם סופר.

פון דעם פּאָר-פּאָלק רבי אליהו און גיטל קאָרניצער זענען אַרויסגעקומען גאונים אדירים, די גדולי ישראל פון דער קאָרניצער משפחה וואָס האָבן באַלויכטן די אידישע וועלט מיט זייער תורה און חכמה.

רבי אליהו קאָרניצער אַליין איז ליידער אַוועק אין יונגען עלטער פון 27 יאָר. זייער זון רבי עקיבא קאָרניצער איז געווען אַן איידעם ביי זיין פעטער רבי שמעון סופר, און איז געוואָרן ממלא מקומו אַלס קראָקעווער רב. נאָך אים איז רבי עקיבא קאָרניצער'ס זון הגאון רבי יוסף נחמיה קאָרניצער געוואָרן קראָקעווער רב.

די קראָקעווער רבנים, רבי עקיבא און רבי יוסף נחמי', זענען ווי מיר וועלן אי"ה זען, געווען געבענטשט מיט גלענצנדע כשרונות, ווי דער חתם סופר שרייבט צו רבי עקיבא איגר וועגן זייער פאָטער און זיידע, דער חתן רבי אליהו קאָרניצער, "אבל מוכשר להיות מופלג בתורה אי"ה".

דאָס רבנות אין קראָקע איז געגאַנגען פון איין קאָרניצער צום צווייטן נישט דוקא בירושה און לאו דוקא צוליב זייער יחוס. קראָקע האָט זיך געקלאַמערט אין זיי הויפּטזעכליך צוליב זייער גדלות בתורה, זייער חכמה און געלונגענע כשרונות.

רבי יוסף נחמיה קאָרניצער איז פאַר'יתומ'ט געוואָרן פון זיין מאַמע'ן אין טאָג פון זיין ברית. ווידער פון זיין טאַטן איז ער פאַר'יתומ'ט געוואָרן אין עלטער פון 11 יאָר. ווערנדיג אַ קיילעכדיגער יתום איז ער ערצויגן געוואָרן אין שטוב פון זיין פעטער רבי שלמה אלכסנדרי סופר, זון פון רבי שמעון סופר. רבי יוסף נחמיה האָט במשך פון יאָרן נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות פּאָסטן. שפּעטער איז ער געוואָרן ראש ישיבה און דערנאָך רב אין סעליש, אין אונגאַרן, אויפ'ן אָרט פון זיין שווער רבי פנחס חיים קליין, זון פון רבי שמואל שמעלקא קליין, רבי שמעלקא סעלישער.

נאָכדעם וואָס קראָקע איז 33 יאָר געבליבן אָן אַ רב זינט די פטירה פון רבי עקיבא קאָרניצער האָט זיין זון רבי יוסף נחמיה אין שנת תרפ"ה אָנגענומען דאָס רבנות פון קראָקע. נאָך זיין הסתלקות אין שנת תרצ"ג איז זיין זון רבי שמואל שמעלקא קאָרניצער אויפגענומען געוואָרן אַלס דער לעצטער קראָקעווער רב און דער לעצטער אין דער דינאַסטיע פון חתם סופר וואָס האָבן במשך פון פיר דורות משמש געווען ברבנות אין דער עיר ואם בישראל קראָקע. הגאון רבי שמעלקא קארניצער איז געווען פון די ערשטע אידן אומגעבראכט צו ווערן על קידוש השם אין אוישוויץ. זיין אַש איז נאָך צוריקגעבראַכט און נקבר געווארן אין קראקע. זע ביילייגענד בילד פון זיין מציבה. הי"ד.

## יחוס

דער חתם סופר איז געווען אַן אָפּשטאַמיגער פון דורות תלמידי חכמים מופלגים, גדולי עולם, פון אשכנז און פראַנקפורט. דאָך האָט ער זיך נישט

געגרויסט אָדער גערימט מיט זיין יחוס.

ער האָט נישט גערעדט דערפון און כמעט וואָס ער דערמאַנט דאָס נישט. עד כדי כך אַז זיין אייניקל הגאון רבי שלמה סופר דער בערעגסאַזער רב, בעל מחבר פון חתם סופר'ס ביאָגראַפיע "חוט המשולש", קלאָגט זיך אַז ער האָט אַ מאַנגל אין אינפאָרמאַציע איבער די זיידעס פון דער משפחה.

דער בערעגסאַזער רב שרייבט אין אַ בריוו: יחוסינו מהגאון מורינו שמואל שאַטטין כ"ץ, נקרא מהרשש"ך, זקן החת"ס. אינני יודע ממנו ולמעלה מי היו אבותיו, ואף עד אליו אין ברור לי כל כך... יש לנו בקבלה ליחס אחרי המהר"ל מפּראַג ז"ל, ואינני יודע מנין לנו זאת". (מכתב הגאון רבי שלמה סופר נדפס בספרו של ריט"ל ראַקאָוו, למטה משה, עמ' רצב-רצג).

אפילו דעם יחוס ביז צום מהרשש"ך דערמאַנט דער חתם סופר בלויז איינמאָל בכתב. ווען זיין קרוב הרה"ג רבי שמעון כ"ץ שאַטין איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שאַראָש פּאָטיק שרייבט אים דער חתם סופר אַ בריוו און אין דער צווייטער העלפט בריוו אַדרעסירט ער די דאָרטיגע קהילה און שילדערט דעם יחוס פון זייער נייעם רב:

"על כן אקוה כי תמצאו נחת, עד לאחת, ויהיה כבודו לכם לשם ולתפארת, ופאר רוח מעלתו יהיה לו שעשועים וטיול, תעלוז קריה ברבות צדיקים, ואשמח גם אני, כי הרב נ"י הוא שארי ממשפחתי, דהיינו הגאון מהור"ר יוזפא הנ"ל היה בן אחי אם אבי זצ"ל, שהיו בני הגאון מהרשש"ך זצ"ל. זכות הצדיקים ותלמידי חכמים יעמוד לנו עד עולם". (אגרות סופרים מכתב ל"ט).

דאָס איז דאָס איינציגסטע מאָל וואָס דער חתם סופר דערמאַנט דעם יחוס בכתב.

ווידער דאָס איינציגסטע מאָל וואָס די כותבי התולדות ברענגען אַז ער האָט בעל פה דערמאַנט זיין יחוס ביז צו רבי שמואל שאַטין דער בעל "כוס הישועות", אב"ד דאַרמשטאַט ור"מ פראַנקפורט, באַקאַנט אַלס דער מהרשש"ך, איז וואָס ס'ברענגט זיין תלמיד רבי חזקי' פייביל פלויט אין ליקוטי חבר בן חיים:

פאַר דער הסתלקות, ווען ער איז געלעגן על ערש דוי, האָט דער חתם סופר געבענטשט זיין זון דעם כתב סופר, זיין צוקונפטיגער ממלא מקום, און אים געזאָגט: "מיין זון האָב נישט קיין מורא. איך פאַרזיכער דיר אַז דו ביסט ראוי דערצו, אויך וועט דיר ביישטיין זכות אבות. פון דיין מוטער'ס זייט הגאון רבי עקיבא איגר, פון מיין זיידע'ס זייט דער מהרשש"ך, און איך וועל אויך זיין מיט דיר".

"בני אל תערוץ ואל תחת, כי אני מבטיחך שאתה ראוי לכך, וגם זכות אבותיך יעמוד לך. מצד אמך הרב הגאון מו"ה עקיבא איגר נ"י, ומצד זקני הגאון מהרשש"ך נ"ע, ואני אהיה תמיד עמך". (ליקוטי חבר בן חיים ח"ה).

דאָס ערשטע מאָל וואָס די וועלט האָט זיך דערוואוסט די נעמען פון פילע פון זיינע אור עלטערן, אבותיו ואבות אבותיו פון חתם סופר, איז געווען ווען הגאון רבי יום טוב ליפּמאַן ראַקאָוו שליט"א, רב דביהמ"ד היכל התורה פון לאָנדאָן, האָט אין שנת תשס"ז אַרויסגעגעבן זיין ספר "למטה משה", אַ מאָנומענטאַל ווערק מיט דעם גענויעם אילן היוחסין פון חתם סופר. די נעמען פון דורות גדולי ישראל חכמי אשכנז, טייל באַקאַנטע, און פילע ווינציגער-באַקאַנטע, רבנים, דיינים, ראשי ישיבות און תלמידי חכמים מופלגים אין די אור אַלטע קהילות ווי וואָרמס (וורמישא), פרידבערג, נירענבערג, לאַנדאו, מייץ, און טריר. די איבערוויגענדע מערהייט, איבער הונדערט פערזענליכקייטן און גדולים, זענען אָבער פון פראַנקפורט דמיין.


דער קראָקעווער רב הגאון רבי יוסף נחמי' קארניצער זצ"ל

כאָטש דער חתם סופר האָט זיך נישט געגרויסט און האָט ווי עס קוקט אויס כמעט נישט גערעדט פון זיין אייגענעם יחוס האָט ער שטאַרק מכבד געווען אַנדערע מיוחסים.

מען זעט דאָס אין די הספדים. איין ביישפּיל: "אמרתי בהספד של יניק וחכים... היה ממשפחת רם ונישא, קדושי עליונים, ממשפחת 'מגלה עמוקות' ושמו עליו". (תורת משה פר' ויגש עה"פ ויצא אחד, מהד' מכון חת"ס ירושלים תש"ן, עמ' קפ"ט).

אין אַ פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר געברענגט דעם בריוו וואָס דער חתם סופר שרייבט צו הג"ר זכרי' ישעי' יאַלעס, וועלכער האָט געדרוקט אַ פּאָלעמיש ספר קעגן איינעם פון די ספרים פון הגאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן און זיין שוואָגער הגאון רבי מרדכי זאב איטינגע. דער חתם סופר האָט אים געשריבן אַ מכתב מחאה, וואָס יאַלעס האָט שפּעטער אַליין געדרוקט אין זיין ספר "התורה והחכמה". שרייבט אים דער חתם סופר: "הלא גם המה ממיוחסי הדור, ולא חס לכבוד אבותם ואבותיהם עד עולם, כדאמר רב הונא... חס לי דלכסוף זרעא דרב על ידי".

אין צענדליגער תשובות און בריוו אַדרעסירט דער חתם סופר די צו וועמען ער שרייבט מיט די טיטלען: "שלשלת היוחסין", צי "שלשלת היחוס בנן של קדושים", וכדומה.

ער האָט אַזוי שטאַרק מכבד געווען אייניקלעך פון גדולי ישראל אַז ער האָט בשום אופן נישט ערלויבט זיי זאָלן אים באַדינען. הגאון רבי יצחק ווייס ראב"ד ווערבוי דערציילט אין אלף כתב (ח"א אות ר"ו): ווען רבי זלמן לייב ליפּשיץ ז"ל האָט געוואָלט העלפן דעם חתם סופר אָנטון דעם מאַנטל האָט ער בשום אופן נישט געלאָזט. "וכי אשתמש באיש אשר הוא מגדולי היחוס, ממשפחה היותר מיוחסת בישראל?". רבי זלמן לייב ליפּשיץ איז געווען פון דער משפחה פון בעל "תפארת ישראל" אויף משניות.

מענין לענין באותו ענין: אַ בנן של קדושים, אין דעם פאַל אַן אייניקל טאַקע פון חתם סופר, וואָס האָט געדינט אַלס אַ משמש בקודש:

ווי מיר האָבן שוין געשריבן האָט רבי שמעון סופר געהאַט אַ זון, רבי יואל שרייבער, וועלכער איז אין די צייטן פון שפת אמת געוואָרן אַ גערער חסיד. שפּעטער ווען דער גערער רבי הגאון רבי אברהם מרדכי אלתר זצ"ל, דער בעל אמרי אמת, איז געוואָרן רבי פלעגט רבי יואל שרייבער מיט אים פאָרן קיין מאַריענבאַד און פלעגט ברענגען די טיי ווען דער גערער רבי איז געגאַנגען אויף שפּאַציר.

אַמאָל איז זיין קאָזין הגאון רבי שלמה סופר דער בערעגסאַזער רב, דער בעל חוט המשולש, זון פון כתב סופר, געווען אין מאַריענבאַד אין דער זעלבער צייט און געזען ווי רבי יואל שרייבער טראָגט די טיי פאָרן אמרי אמת. האָט דער בערעגסאַזער רב אים געזאָגט: "רבי יואל, עס פּאַסט נישט פאַר אַ חתם סופר'ס אייניקל צו טראָגן אַ טיי-קענדל".

האָט רבי יואל אים געענטפערט, שוין מיט כאַראַקטעריסטישער גערער שאַרפקייט: "איך ווייס נישט פון וועמען דער זיידע האָט מער הנאה, פון מיין שמשות אָדער פון אייער רבנות".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פ׳

# דער הייליגער חתם סופר

**המשך וועגן יחוס – דער הייליגער צאַנזער רב: "פון חתם סופר'ס אַ קינד דאַרף מען ציטערן" – עדים נאמנים וואָס האָבן געקענט דעם איד – די יראת הכבוד פאַר די אייניקלעך פון חתם סופר אין גאַליציע – רבי יצחק לייב סופר, דער בעל "סופר מהיר", נשיא פון מחזיקי הדת און כולל חיבת ירושלים – זיין זון רבי אברהם חיים דוד, "אח"ד סופר" – דער מהרש"ם מברעזשאַן באַשטימט אים אַלס נשיא צוליב אַ חלום מיט'ן חתם סופר**



[פאָרזעצונג פון פריער]

## זכות אבות

ווי געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל האָט דער חתם סופר נישט געמאַכט קיין ווענן, און האָט בכלל נישט גערעדט, פון זיין אייגענעם יחוס. ווען ס'איז אָבער געקומען צו אַנדערע בנן של קדושים'ס אָפּשטאַמיגע פון גדולים האָט ער שטאַרק מכבד געווען זייער יחוס.

אַן אינטערעסאַנט וואָרט זאָגט ער היינטיגע וואָך, פרשת תולדות, וועגן דער חשיבות פון בעלי יחוס. אויף די ווערטער פון יצחק אבינו "כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ ויעל משם באר שבע" זאָגט דער חתם סופר, אַז יצחק האָט זיך נישט געפרייט דערמיט וואָס ענדליך קען ער אָפּאָטעמען. גאָר פאַרקערט: בעפאָר, כל זמן ער האָט געליטן פון רדיפות און ענגשאַפט, איז ער געווען שטאַרק צופרידן. ערשט יעצט ווען ער האָט ערוואָרבן מנוחה און רחבות איז ער געוואָרן באַזאָרגט.

"כי מדרך הצדיקים", זאָגט דער חתם סופר, "שמתיראים כי הרחיב ה' להם, אולי מקבלים שכרם בעוה"ז ח"ו, ודרכם לקבל עול גלות וכדומה". דערפאַר, זאָגט ער, איז געווען "ויעל משם באר שבע". יצחק איז געגאַנגען אין גלות. זאָגט אָבער דער חתם סופר, אַז דאָס איז אַלץ נאָר ביי די וואָס האָבן נישט קיין זכות אבות. די דאַרפן מורא האָבן צי זיי זענען נישט מקבל שכרם בעולם הזה. די וואָס האָבן אָבער זכות אבות געניסן אויף דער וועלט בזכות פון זייערע אבות.

"אבל מי שאוכל בעוה"ז זכות אבותיו אין לו לירא. והיינו כי ראה כי הרחיב ה' לו קבל גלות על עצמו ויעל משם באר שבע, כי ירא שלא יקבל שכרו בעה"ז ח"ו. ואמר לו ה' אל תירא במה שאתך אנכי ותירא שזה הוא מקבול שכרך, לא כן הוא, כי אקום השבועה שנשבעתי לאברהם אביך, אבל שכרך שמור לך לעה"ב". (חתם סופר על התורה, תולדות, דף קט"ו).

אין אַ תשובה צו אַ רב וואָס קריטיקירט דעם נוסח פון אַ גט פון אַ צווייטן רב שרייבט אים דער חתם סופר: "היה מהראוי שלא לעיין בהאי מלתא כלל ולהחזיר הגט ליד הרב המסדר ויתקן אשר עיוות. אך גדול כבוד התורה. ולא קטלי קני באגמא הוא הרב הנ"ל, וירא שמים מרבים, וזכות אבותיו מסייעו". (שו"ת חת"ס, אה"ע, ח"ב, סי' מז).

## "פון חתם סופר'ס אַ קינד דאַרף מען צו ציטערן!"

ווען הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל איז געוואָרן קראָקעווער רב האָט ער דאָרט געבויט אַ מי גשמים מקוה. פריער זענען געווען בלויז מעיין מקווה'ס, קוואַל-מקוואות. חסידים האָבן געוואוסט אַז דער דברי חיים איז קעגן מקוואות פון מי גשמים. האָבן זיי געוואָלט שטערן רבי שמעון סופר פון זיין אונטערנעמונג צו בויען אַ מקוה פון רעגן וואַסער. האָט רבי שמעון סופר געלאָזט וויסן דעם הייליגן צאַנזער רב אַז אַזאַ מקוה האָט געהאַט זיין טאַטע דער הייליגער חתם סופר. ווען דער צאַנזער רב האָט דאָס געהערט האָט ער מחזק געווען רבי שמעון סופר אָנצוגיין מיט בויען זיין מקוה.

דאָך האָבן זיך געפונען מאַנכע וואָס דאָס האָט זיי נישט געשמעקט. איינער אַזאַ איד איז געקומען צום צאַנזער רב און גערעדט אויף רבי שמעון סופר פאַר'ן בויען אַזאַ מקוה. ווען דער הייליגער צאַנזער רב האָט דאָס געהערט האָט ער גענומען שרייען אויף דעם איד: "וואָס? אויפ'ן פרעשבורגער רב'ס זון האָט איר די חוצפה צו רעדן? פון חתם סופר'ס אַ זון דאַרף מען ציטערן!" דער צאַנזער רב האָט דערביי געוויזן מיט די הענט וויאַזוי מען דאַרף ציטערן. פון דעמאָלט אָן האָבן דעם איד'ס הענט ל"ע נישט אויפגעהערט ציטערן כל ימי חייו.

מיט עטליכע יאָר צוריק האָבן זיך געפינען אידן וואָס האָבן נאָך געהערט פון עדות וואָס האָבן געקענט דעם איד און האָבן געדענקט ווי די הענט האָבן אים ל"ע געציטערט.

פאַראַן עטליכע וואַריאַציעס אין געוויסע פרטים פון דער מעשה. צי די וואָס האָבן גערעדט צום דברי חיים אויף רבי שמעון סופר האָבן דאָס געטאָן צוליב זייער התנגדות צו דער מקוה אָדער ווייל זיי האָבן זיך גלאַט מתנגד געווען צו אויפנעמען אַן "אשכנזי"שן" גדול אַלס רב אין קראָקע, ווי אויך צי דאָס איז געווען בלויז איין יחיד אָדער מערערע.

בכל אופן זענען געווען פילע עדות, צווישן זיי גדולי ישראל, וואָס האָבן געקענט דעם איד וואָס זיינע הענט האָבן ל"ע געציטערט. ער פלעגט דאָס אַליין דערציילן, צוליב והוי זהיר בגחלתן, וויאַזוי ער האָט זיך אָפּגעבריט צוליב די ווערטער פון צאַנזער רב ווייל ער האָט גערעדט אויפ'ן חתם סופר'ס אַ קינד.

אין ספר "אור מאיר" (ח"א ע' קכ"ח בהג"ה) ווערט געברענגט ווי פאָלגענד: "שמע הדברי חיים שבעיר קראָקא נבנה מקוה חדש ממי גשמים כתשובת החת"ס (יו"ד סי' רי"ד) ע"י הגאון רבי שמעון סופר גאב"ד דשם. ודעת הדברי חיים היתה דלכתחילה אין לבנות מקוה כזה. ופעם היו שם אנשים אברכים קנאים דברו נגד מקוה זה בקנאות, באשר הוא לא כדברי חיים. ושמע הדברי חיים וכתב להם לא לדבר נגד המקוה של החת"ס. ולא שמעו אליו ודברו עוד מזה. עד ששלח להם הד"ח ואמר בזה"ל: אַז מען טשעפּעט דעם חתם סופר'ס זון דאַרף מען ציטערן. והם עוד לא שמעו אליו והמשיכו לדבר נגד הך מקוה של הגר"ש סופר. ואחזום רתת וחלחלה עד יום מותם. ושמעתי דבר זה מפי הר"ר שלמה שטערן ז"ל שהי' דר בפּרעשבורג והי' נכד החתם סופר, ופעל הרבה במלחמה בשואה להצלת בני ישראל ביחד עם הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאַנדל ז"ל. והוא הגיד לי ששמע מהגאב"ד ק"ק נאָוועמעסטא שהי' נכד הג"ר שמעון סופר, ונקרא בשמו, והי' במאַריענבאַד וראה איש זקן מאד יושב על הספסל, והיו רתת וחלחלה אוחזות בו עד שהי' מנענע כנוע עצי יער מפני הרוח. והוא בהביטו אליו קראו אליו, ושאל אותו כשהכיר צורת פניו כזקנו, האתה נכדו של הגר"ש סופר אב"ד קראָקא? ואמר הן. והאיש אמר לו באידיש-דייטש



**הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל**



**הגאון רבי שמחה זעליג ריגער זצ"ל, בריסקער דיין**

בזה"ל: 'די גלעקלעך האָט אייער גרויספאַטער מיר אָנגעהאָנגען' – דהיינו שזקנו גרם לו את המחלה הזאת, והגיד לו כל מעשה הנ"ל, ואמר שהוא הי' אחד מאותם האברכים, ונגע בו ההקפדה של הגה"ק בעל הד"ח".

אין "אוצרות הסופר" (ח"ב י' ע' קי"ח) ווערט געברענגט פון הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער, דער בעל "שבט הלוי" זצ"ל, אַז אַלס בחור ווען ער האָט געלערנט אין "ישיבת חכמי לובלין" איז ער אַמאָל געפאָרן פון לובלין קיין קראָקע צו רעדן אין לערנען מיט הגאון המפורסם רבי יאָסעלע שטיינהאַרט זצ"ל. האָט אים הגר"י שטיינהאַרט דערציילט אַז ער געדענקט גוט יענעם אַלטן איד וואָס די הענט האָבן אים געציטערט במשך פון 30 יאָר נאָכדעם וואָס דער צאַנזער רב האָט אים געזאָגט "פון חתם סופר'ס אַ זון דאַרפן ציטערן די הענט".

די מעשה האָט אויך דערציילט דער טשעבינער רב זצ"ל, געברענגט אין ספר "שר התורה", ירושלים תשס"ט. זייט 661.

אין ספר "באר שמחה", עמ' תקמ"ב, ווערט געברענגט פון הרה"ח רבי שמחה בונם נויפעלד ז"ל מזקני יקירי ירושלים, וועלכער איז געווען אַ דייקן נפלא אין זיינע סיפורים, וואָס ער האָט געהערט צוויי מאָל (און ער פאַרצייכנט די גענויע דאַטומס און די ערטער וואו ער האָט דאָס געהערט) פון הרה"ח ר' יצחק צבי פרייא, וועלכער האָט דאָס געהערט פון אַ צאַנזער אייניקל הרב תאומים פרענקל, הרב מפּאָדגורזש. הרב פרענקל האָט דערציילט אַז ער האָט געקענט דעם איד, אַ צאַנזער חסיד, און ער שרייבט דעם נאָמען, וואָס די הענט האָבן אים כל ימיו געציטערט ווייל דער צאַנזער רב האָט אים געזאָגט "פון חתם סופר'ס אַ קינד דאַרף מען ציטערן".

אין ספר "שמוש חכמים" (זייט ע"ה) ווערט געברענגט פון הגאון רבי צבי אייזענשטאַט זצ"ל, אַז ער האָט געקענט דעם איד וואָס די הענט האָבן אים געציטערט און יענער האָט אים אויך דערציילט די מעשה.

די אייניקלעך פון חתם סופר האָבן גענאָסן די גרעסטע מאָס הערצה און רעספּעקט נישט בלויז אין אונגאַרן, נאָר אויך אין פּוילן און גאַליציע און אויך אין ליטע. הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל האָט שטאַרק געזוכט זיך משדך צו זיין מיט דער משפחה פון חתם סופר. פאַר זיין זון הגאון רבי וועלוועלע בריסקער זצ"ל האָט זיך אַמאָל גערעדט אַ שידוך מיט אַן אייניקל פון חתם סופר. הגאון רבי שמחה זעליג ריגער, דער בריסקער דיין זצ"ל, האָט דערציילט, אַז ווען דער שידוך איז נישט געוואָרן האָט רבי חיים בריסקער געהאַט גרויס עגמת נפש.

# דער יחוס אין גאַליציע — דער בעל "סופר מהיר" און זיין זון "אח"ד סופר"

אין דער צייט וואָס אין דער עיר ואם בישראל קראָקע, די הויפּט שטאָט פון מערב גאַליציע, האָבן ווי געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל משמש געווען ברבנות דעם חתם סופר'ס זון רבי שמעון סופר, און נאָך אים דעם חתם סופר'ס אייניקלעך רבי עקיבא, רבי יוסף נחמי' און רבי שמואל שמעלקא קאָרניצער, זענען צו דער זעלבער צייט די קינדער און אייניקלעך פון כתב סופר באַשטימט געוואָרן אַלס די נשיאים פון "מחזיקי הדת", די אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו באַקעמפן די משכילים און רעפאָרמער, און זיי זענען אויך באַשטימט געוואָרן אַלס די נשיאים פון גאַליציאַנער כולל "חיבת ירושלים".



**הגאון רבי יצחק לייב סופר זצ"ל, בעל "סופר מהיר", נשיא מחזיקי הדת און כולל חיבת ירושלים פון דראהביטש, גאליציע**

אין שנת תר"ל איז דעם כתב סופר'ס זון הגאון רבי יצחק לייב סופר-שרייבער זצ"ל, דער בעל "סופר מהיר", געוואָרן אַן איידעם אין גאַליציע, ביי הנגיד המפורסם הרב דוד לינדנבוים זצ"ל, אין דראָהביטש, נעבן קראָקע.

צו דער חתונה איז דער כתב סופר געפאָרן קיין דראָהביטש. רבי שמעון סופר, וועלכער איז שוין געווען רב אין קראָקע, האָט געברענגט קיין דראָהביטש אַ בריוו צו זיין ברודער דער כתב סופר פון די ראשי קהילה אין קראָקע אין וועלכן זיי זענען אים מפציר צו קומען באַזוכן די שטאָט און מחזק זיין די קהילה.

דאָנערשטאָג איז דער כתב סופר געפאָרן מיט זיין משפחה און מיט די מחותנים מיט דער באַן קיין קראָקע. ביי דער באַן סטאַנציע אין קראָקע האָבן אים אָפּגעוואַרט טויזנטער מענטשן און אַריינקומענדיג אין דער שטאָט זענען די גאַסן געווען פול מיט אנשים, נשים וטף וועלכע זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם רבן של ישראל דער כתב סופר, פּרעשבורגער רב און זון פון חתם סופר.

די ראשי ונכבדי העדה האָבן מכבד געווען דעם כתב סופר צו האַלטן שבת אַ דרשה אין דער גרויסער שטאָטישער שול. די שול איז געווען שבת געפּאַקט עד אפס מקום. דער כתב סופר האָט געהאַלטן אַ פייערדיגע פיר שעה'איגע דרשה. היות מיר רעדן וועגן יחוס וועלן מיר ברענגען די באַקאַנטסטע ווערטער פון דער דרשה, וואָס זענען טאַקע וועגן יחוס. דעם כתב סופר'ס זון הגאון רבי שלמה סופר ברענגט דאָס אין "חוט המשולש" (עמ' רצט).

דער כתב סופר האָט געזאָגט:

פּוילישע אידן האָבן ליב זיך צו גרויסן מיט זייער יחוס. דער איז אַן "אוהר-אייניקל" פון ב"ח, דער איז אַן "אוהר-אייניקל" פון מגלה עמוקות, און יענער פון בעל מגיני שלמה. דאָס איז אַלעס זייער גוט און זייער חשוב. די זאַך מיט אַן "אוהר" (אַ זייגער) איז אָבער אַז אויב ציט מען עס אָן און עס האַלט אין איין גיין האָט מען דערפון אַ נוצן. טאָמער אָבער האַקט זיך איבער די קייט און עס שטעלט זיך אָפּ איז עס קאַפּוט. ס'איז אַ שברי כלי און מער גאָרנישט ווערט. טאָ וואָס האָבן די אַלע אוהר-אייניקלעך אויב זייער קייט האַקט זיך איבער און ס'דערקענט זיך נישט מער וועמענס אייניקלעך זיי זענען? אויב גייען זיי מער נישט בדרכי אבותם איז עס ווי אַ צעבראָכענער אוהר.

ווי געזאָגט האָבן אידן אין גאַליציע דוקא געוואוסט וויאַזוי צו שעצן די קינדער און אייניקלעך פון חתם סופר. די חרדי'שע אָרגאַניזאַציע "מחזיקי הדת" איז געגרינדעט געוואָרן אין גאַליציע דורך הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, קראָקעווער רב, און דורך הגה"ק רבי יהושע מבעלזא זצ"ל. נאָך דער הסתלקות פון רבי שמעון סופר איז פאַררופן געוואָרן אַן אסיפה דורך רבי יהושע'לע בעלזער און דורך אַנדערע גדולי ישראל וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצונעמען דעם כתב סופר'ס זון רבי יצחק לייב שרייבער פון דראָהביטש צו שטיין בראש פון מחזיקי הדת.

בראש פון דעם גאַליציאַנער כולל "חבת ירושלים" איז געהאַט געשטאַנען דער לעמבערגער רב הגאון רבי יצחק אהרן איטינגא זצ"ל. נאָך דער הסתלקות פון לעמבערגער רב איז פאָרגעקומען אַן אסיפת הרבנים אין לאַנצהוט בראש מיט די גדולי וצדיקי הדור הגה"ק משינאָווע זצ"ל און הגה"ק רבי יהושע מבעלזא זצ"ל וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצונעמען רבי יצחק לייב שרייבער אַלס נשיא פון כולל חיבת ירושלים.

רבי יצחק לייב האָט איבערגעפירט דעם ביוראָ פון כולל פון לעמבערג קיין דראָהביטש, וואו ער האָט במשך פון די קומענדיגע 25 יאָר אומערמידליך געאַרבעט לטובת דעם כולל.

ווי עס איז צו ערוואַרטן פון אַן אייניקל פון חתם סופר און אַ זון פון כתב סופר איז רבי יצחק לייב סופר געווען אַ גאון עולם. נאָך אַלס בחור פלעגט ער פאָרלערנען די שיעורים אין דער פּרעשבורגער ישיבה ווען זיין טאַטע דער כתב סופר פלעגט פאָרן זיך היילן אָדער זיך ערהוילן פון די מחלות פון וואָס ער האָט געליטן.

אין דראָהביטש האָט ער זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד. מ'פלעגט אויף אים נוצן דעם פסוק פון היינטיגע וואָך ויזרע "יצחק" בארץ ההוא וימצא מאה שערים ויברכהו ה'.

טראָץ זיין עשירות און זיין עסקנות האָט ער רוב פון זיין צייט געווידמעט פאַר לימוד התורה און הרבצת תורה. ער האָט געלערנט מיט תלמידים און כסדר געשריבן תשובות בהלכה. אין תשובה ספרים זענען פאַראַן צענדליגער תשובות פון פוסקי זמנו וואָס זענען אַדרעסירט צו אים.

ווען ער האָט געדרוקט זיין פאָטער'ס שאלות ותשובות כתב סופר האָט ער ביים סוף חלק חושן משפט צוגעלייגט זיינע אייגענע חידושים נפלאים וואָס ער האָט גערופן "סופר מהיר".

## ברעזשאַנער רב, דער מהרש"ם, שטיצט די קאַנדידאַטור פון חתם סופר'ס אייניקל

י"ג תמוז תרס"ז איז רבי יצחק לייב סופר נפטר געוואָרן. צוויי מאָנאַטן שפּעטער איז אין דער שטאָט סאַנדאָווע-ווישניע, נעבן לעמבערג, פאָרגעקומען אַן אסיפה מיט דער באַטייליגונג פון איבער 200 רבנים און



**פון ל. צו ר.: הגאון רבי אברהם חיים דוד סופר זצ"ל, הגאון רבי דוד מנחם מאניש באב"ד זצ"ל בעמח"ס "חבצלת השרון", און דער הייליגער בעלזער רב מהר"א זצ"ל, ביי אַן אסיפת הרבנים אין לעמבערג תרפ"ח**

גדולי התורה פון איבער גאַנץ גאַליציע, בראש מיט'ן ברעזשאַנער רב, דער מהרש"ם, און הגה"צ דער ציעשינובער רב, זכרונם לברכה, וואו מען האָט דן געווען וועמען אויפצונעמען אויף זיין אָרט אַלס נשיא פון כולל גאַליציע.

הגה"ק רבי ישכר דוב דער בעלזער רב זצ"ל און הגה"ק דער ציעשינובער רב זצ"ל, ווי אויך אַנדערע גדולי וצדיקי הדור האָבן געשטיצט די קאַנדידאַטור פון רבי אברהם חיים דוד סופר, זון פון רבי יצחק לייב סופר. ביי רבי אברהם חיים דוד, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן אח"ד, און איז באַקאַנט אַלס "אח"ד סופר", איז פונקט ווי ביי זיין פאָטער געווען תורה וגדולה במקום אחד. ביי דער אסיפה האָט זיך אָבער געשאַפן אַן אָפּאָזיציע קעגן רבי אברהם חיים דוד'ס קאַנדידאַטור מצד צוויי קעגענזעצליכע לאַגערן. מער מאָדערנע און האַלב ציוניסטישע עלעמענטן זענען געווען קעגן רבי אברהם חיים דוד'ס קנאות'דיגע אָנשויאונגען. ווידער געוויסע חסידי'שע קרייזן זענען געווען קעגן זיין אשכנזי'ש אויבערלענדיש חיצוניות'דיגן לבוש.

דער פוסק הדור פון גאַליציע, הגאון האדיר רבי שלום מרדכי הכהן שוואַדראָן, דער מהרש"ם מברעזשאַן זצ"ל, וועלכער איז געווען דער יושב ראש פון דער אסיפה, איז אויסגעשטאַנען גרויס דרוק פון ביידע צדדים. נישט וויסנדיג וויאַזוי צו באַשליסן האָט ער אויסגערופן אַן הפסקה, אַ פויזע פון איין שעה.

דער מהרש"ם איז דערווייל אַריין אין אַ דערנעביגן בית המדרש און איז צוגעגאַנגען צו דער ספרים שאַפע. אָן קוקן וועלכן ספר ער נעמט האָט ער געעפנט דעם ערשטן ספר וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט. צו זיין איבערראַשונג איז דאָס ספר געווען אַ שו"ת חתם סופר.

פלוצים האָט זיך דער מהרש"ם דערמאַנט אין אַ חלום וואָס ער האָט געהאַט מיט עטליכע מאָנאַטן פריער.

מיט עטליכע מאָנאַטן צוריק איז דער מהרש"ם געווען זייער קראַנק ל"ע. האָט זיך אים געחלומ'ט אַז ער שטייט פאַר'ן בית דין של מעלה. זיינע אויסזיכטן פאַר'ן בית דין של מעלה האָבן נישט אויסגעזען גינסטיג. דער בית דין האָט נוטה געווען לכף חובה. פלוצים רופט זיך אָן איינער פון די מיטגלידער פון בית דין, וועלכער איז געווען דער חתם סופר: "לאָזט אים זיך אומקערן צום עולם השפל, ער דאַרף נאָך אַ טובה טון פאַר מיינס אַן אייניקל". דאָס בית דין האָט מסכים געווען.



**הגאון האדיר רבי שלום מרדכי הכהן שוואַדראָן, דער מהרש"ם מברעזשאַן זצ"ל**

דער מהרש"ם איז געוואָרן געזונט. פון דעם חלום האָט ער אָבער אינגאַנצן פאַרגעסן. אַצינד, ווען ער האָט גענומען דעם חתם סופר און עס געעפענט האָט ער זיך פלוצים אַלצדינג קלאָר דערמאַנט. מער האָט ער קיין ספיקות נישט געהאַט. ער האָט געוואוסט וואָס דער באַשלוס דאַרף זיין. לטובת דער קאַנדידאַטור פון רבי אברהם חיים דוד, אח"ד סופר.

דער מהרש"ם איז צוריק אַריין צו דער אסיפה און געמאָלדן אַז רבי אח"ד סופר איז דער נייער נשיא פון כולל חיבת ירושלים – אַן אַמט וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זיין פטירה ז' ניסן תרצ"ז.

דער הייליגער שינאָווער רב, דער דברי יחזקאל זי"ע, איז אַמאָל געפאָרן אונטערוועגנס און די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דראָהביטש. זענען אַלע נכבדים פון דער שטאָט אַרויס אים מקבל פנים זיין ביי דער באַן סטאַציע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען רבי יצחק לייב סופר וועלכער האָט געברענגט זיינע צוויי יונגלעך זיי זאָלן זען דעם שינאָווער רב.

האָט דער שינאָווער רב גענומען רבי אברהם חיים דוד, אים געזעצט אויף די שויס און אים געפרעגט: "דו ווייסט וועמענ'ס אייניקל דו ביסט?"

האָט דאָס קינד געענטפערט: "יאָ, אַן אייניקל פון חתם סופר".

זאָגט אים דער שינאָווער רב: "כ'האָב געהערט פון טאַטן דער הייליגער דברי חיים, אַז אין יעדן דור שיקט דער רבונו של עולם אַראָפּ איינעם וואָס זאָל זיין דער פוסק הדור. אין אונזער דור איז דאָס דער חתם סופר!". (ר' אברהם חיים דוד ז"ל האָט דאָס דערציילט פאַר זיין זון ר' משה שרייבער ז"ל, שפּעטער פון בני ברק, וועלכער האָט דאָס דערציילט פאַר ר' יודל רעזמאָוויטש-נחשוני ז"ל וואָס ברענגט דאָס אין זיין "רבנו משה סופר" זייט 248).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פא

# דער הייליגער חתם סופר



**דער פּאָלעמיק אַרום שערן חול המועד – דעם חתם סופר'ס הערצה פאַר'ן פוסק הדור פון אַ דור פריער, דער נודע ביהודה, וועמען ער רופט "רבן של כל בני הגולה" און "לבן של ישראל, קברניטא דספינתא ומנהיגן" – נאָענט צו טויזנט מאָל דערמאַנט אים דער חתם סופר אין די תשובות, פיל מער ווי סיי וועלכן אחרון – דאָך איז ער שאַרף חולק אויפ'ן נודע ביהודה'ס היתר פון גילוח בחול המועד – הגאון רבי אהרן פולד, דעם חתם סופר'ס שליח אין פראַנקפורט ד'מיין, וואָס האָט דאָס געוואָלט מתיר זיין – די עדות'שאַפּט פון חיד"א**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## דער פולמוס אַרום "גילוח בחול המועד"

שנת תקט"ו איז דער נודע ביהודה אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּראַג. קומענדיג פון פוילן און וואָהלין – געבוירן אין אַפּטא, געלערנט אין בראָד, אין בראָדער קלויז, און געוועזן רב אין יאַמפּולאַ, אין וואָהלין – האָט דער נודע ביהודה אין פּראַג אַנטדעקט אַ "פּנים חדשות", אַזוי צו זאָגן, פון אַ אידישער געמיינדע.

אין פּוילן און אין וואָהלין זענען אידן שומרי תורה ומצוות בלי שום יוצא מן הכלל געגאַנגען אין באָרד און פאות. אין פּראַג דאַקעגן איז אַ גרויסער טייל פונעם ציבור שומרי תורה ומצוות געווען מגולחים, אָן בערד.

די ערשטע תקנה וואָס דער נודע ביהודה האָט איינגעפירט, ווי דאָס איז דאָקומענטירט אינם פּנקס פון דער קהילה, איז געווען דאָס קאָנטראָלירן די ראַזירער, די באַרבער, האָבן איבער זיי אַן אויפזיכט זיי זאָלן נישט נוצן קיין גאָל-מעסער, קיין תער, און זיכער מאַכן אַז זיי לאָזן איבער אַ שיעור פאות. די ערשטע דרשה פון נודע ביהודה אין פּראַג איז געווען אויף דער טעמע פון גילוח הזקן.

דער נודע ביהודה האָט פּערזענליך באַשוואוירן יעדן איינעם פון די באַרבער/שערער פון פּראַג נישט צו נוצן קיין תער (זע שו"ת נודע ביהודה תנינא אורח חיים, סי' קא).

איינע פון די אויפגאַבעס פון בית דין אין פּראַג אונטער'ן נודע ביהודה איז געווען דער קאָנטראָל איבער די באַרבער. צוויי פון די דיינים פון דער שטאָט האָבן צווישן אַנדערן געהאַט די אויפזיכט אויף דער "השגחה על השארת פּיאות הראש והזקן".

חול המועד איז פאַרשטענדליך דאָס שערן נישט געווען ערלויבט, ווי עס איז די הלכה אַז חול המועד טאָר מען זיך נישט שערן.

שנת תקכ"ג האָט אַ איד אַ סוחר וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט רעגירונגס באַאַמטע זיך געווענדעט צום נודע ביהודה מיט אַ שאלה: חול המועד דאַרף ער זיך באַגעגענען מיט הויך ראַנגיקע רעגירונגס באַאַמטע און דאָס איז פאַר אים אוממעגליך מיט באַוואַקסענע האַר. דער נודע ביהודה האָט אים געזאָגט אַז היות ווי ער האָט זיך געשוירן ערב יום טוב גיט ער אים אַן איינמאָליגן היתר, אַן הוראת שעה, יעצט איינמאָל זיך צו מעגן שערן חול המועד.

דער נודע ביהודה האָט דאַן אָפּגעשריבן פאַר זיך אַ תשובה אין וועלכן ער איז מברר זיין היתר. ער האָט אָבער די תשובה נישט גלייך מפרסם געווען. ער האָט געוואָלט ס'זאָל הייסן אַן הוראת שעה.

די הלכה איז אַז "אין מגלחין במועד", ווי די גמרא זאָגט אין מועד קטן און ווי עס ווערט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך. דער טעם פאַרוואָס די חז"ל האָבן פאַרבאָטן זיך צו שערן חול המועד איז ווי די גמרא זאָגט "שלא יכנסו לרגל כשהן מנוולין". וואָס מיינט אַז אויב וואָלט מען זיך געמעגט שערן חול המועד וואָלט מען געוואַרט ביז חול המועד זיך צו שערן און מען וואָלט אַריין אין יום טוב מיט לאַנגע האַר. "אם היו מגלחין במועד לא היו מגלחים לפני המועד, ונכנסים לרגל כשהן מנוולין". (רש"י, מועד קטן י"ד).

איז אָבער פאַראַן אַ שיטה וואָס ווערט געברענגט אין די ראשונים, און אין טור ווערט דאָס געברענגט אין נאָמען פון רבינו תם (ס'געפינט זיך נישט אין תוספות), וואָס האַלט אַז אויב האָט מען זיך יאָ געשוירן ערב

יום טוב, וואָס דאַן איז שוין נישטאָ דער חשש פון שלא יכנסו לרגל כשהן מנוולין, מעג מען זיך יאָ שערן חול המועד. אַלע ראשונים זענען אָבער מחולק אויף דער שיטה, און אַזוי ווערט אויך גע'פסק'עט אין שולחן ערוך, נישט ווי דער רבינו תם.

דער הגהות אשר"י, דער שלטי גבורים און דער הגהות מימונית ברענגען די שיטה, נישט אין נאָמען פון רבינו תם נאָר אַלס א יש אומרים, און אַלע דריי זענען דערויף מחולק.

דער טור ברענגט דאָס אין נאָמען פון רבינו תם, און איז אויך מחולק דערויף. אָט איז דער לשון פון טור: "ורבינו תם פירש כיון שזהו הטעם (כדי שלא יכנסו לרגל מנוולין) אם כן אם גילח קודם המועד, מותר לגלח במועד. וקשה מאוד להתיר, וגם אינו נראה מתוך הגמרא... הלכך נראה שאין להתיר".

אַזוי פסק'עט טאַקע דער מחבר אין שולחן ערוך או"ח הלכות חול המועד, סימן תקלא, סעיף ב': "אין מגלחין במועד אפילו אם גילח קודם המועד".

זיין היתר באַזירט דער נודע ביהודה אויף דער שיטה פון רבינו תם. ער איז מתיר זיך צו שערן חול המועד אויב האָט מען זיך געשוירן פאַר יום טוב. דער נודע ביהודה שטעלט נאָך אַ באַדינג: דער שערער זאָל זיין אַ פועל עני, אַן אָרעמאַן וואָס דאַרף האָבן די הכנסה פאַר צרכי יום טוב, וואָס דאַן איז שוין אויך נישטאָ דער איסור פון מלאכה אום חול המועד.

די תשובה האָט דער נודע ביהודה פאַר אַסאַך יאָרן נישט געוואָלט דרוקן. ווי ער שרייבט דאָס שפּעטער אין נודע ביהודה מהדורה תנינא או"ח סימן צט: "זה שנים רבות כמו י"ב או ט"ו שנים נשאלתי דין זה הלכה למעשה לאחד שהיה נחוץ לו הגילוח בחוה"מ. ובררתי אז דין זה ורשמתי לעצמי. ולהשואל הסתרתי הטעם ותליתי לו כאילו הוא הוראת שעה. ואמרתי לו מה שהתרתי לך היה לי טעם שהיה שייך רק בפעם ההיא ולא לעתיד, והעלמתי ההיתר ממנו. ואמנם טעמי היה לא בשביל חשש של מעלתו שיקילו גם בענינים אחרים, אבל היה טעמי הואיל במקומות אחרים נכשלים בהשחתת זקן בתער שהוא חמשה לאוין ולמה אפתח להם שערי ההיתר בחוה"מ, ומי יתן למצוא מקום להחמיר בכמה זמנים".

מיט יאָרן שפּעטער האָט דער נודע ביהודה באַשלאָסן יאָ צו פאַרעפנטליכן די תשובה. אין אַ תשובה אין סימן ק' שרייבט ער אַז וואָס האָט אים באַוואויגן יאָ צו דרוקן די תשובה איז הויפּטזעכליך מטעם כמוס. פונדעסטוועגן איז ער מגלה אַ צווייטן טעם פאַרוואָס ער דרוקט יאָ די תשובה: אַ גאַנץ יאָר ווערט קיינער אין פּראַג נישט נכשל אין שערן בתער ווייל די שערער און די באַרבער זענען נזהר דערין. טאָמער וועט אָבער זיין אינגאַנצן פאַרבאָטן דאָס שערן חול המועד וועלן מענטשן גיין צו די גוי"אישע באַרבער און חלילה זיך לאָזן שערן בתער.

"שהיה בדעתי להעלים הוראה זו ושלא לפרסמה אבל מטעם הכמוס פירסמתי ההוראה, והשומע ישמע והחדל יחדל. וידע מעלתו שגם מלבד הטעם הכמוס ג"כ מצאתי עצמי מחויב בדבר עכ"פ לפרסם ההיתר בכאן בקהלתינו. שבכאן בעזה"י נזהרים מלהשחית בתער, ובחוה"מ מחמת שננעלו שערי האומנים היהודים לפניהם הלכו לאומנים נכרים בחוה"מ וממילא היו משחיתים בתער, כי הנכרי אין בקי לגלח במספרים או במשיחה, ולכך מצאתי עצמי כמחויב לפתוח להם שערי היתר אצל יהודים, אלא שהיה בלבי דאזלינן בתר רובא דעלמא במדינות שאינם נזהרים מן התער לכן רציתי להעלים, עד שמטעם הכמוס אשר עמי הכרעתי לפרסם ההיתר".

אויף אָט דעם פסק פון נודע ביהודה האָבן מחולק געווען אַלע אחרונים. (זע "שדי חמד", כרך ח', מערכת חול המועד אות א', אַ ברייטע אריכות איבער דער נושא).



געמאָלן בילד פון הגאון רבי יחזקאל לאנדא זצ"ל, בעל נודע ביהודה

דער נודע ביהודה איז געווען דער גדול און פוסק הדור איין דור פאַר'ן חתם סופר. צדיקים און גדולי ישראל האָבן געזאָגט אַז דער נודע ביהודה און דער חתם סופר זענען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט צו זיין די פוסקים און די גדולי האחרונים פאַר די לעצטע דורות.

אין זיין הספד אויפ'ן נודע ביהודה באַצייכנט אים דער חתם סופר אַלס "אדוננו מורנו ורבנו רבן של כל בני הגולה... כי אדמו"ו הגאון הגדול מו"ה יחזקאל סג"ל אב"ד דק"ק פראַג היה ממש לבן של ישראל קברניטא דספינתא ומנהיגן, אביהן של חכמים, מפרק קושיותיהן והוויותיהן". (דרשות חתם סופר ח"א, דף ק"ג).

אַזעלכע אויסדרוקן נוצט נישט דער חתם סופר אין קיין איינעם פון זיינע הספדים. דעם טיטל "קברניטא דספינתא" געפינען מיר נאָך איינמאָל: אויף הגאון רבי מרדכי בינעט זצ"ל, דער רב המדינה פון מעהרין: "דאיהו קברניטא דספינתא, מרא דהאי מדינתא". (שו"ת חתם סופר, אבן העזר א' סי' קנ).

אין תשובות חתם סופר ווערט דער נודע ביהודה געבראַכט הונדערטער מאָל. קיין פאַרגלייך צו קיין שום אַנדערן אחרון. נאָענט צו טויזנט מאָל ברענגט ער אים און איז דן אין זיינע פסקים און מהלכים אין "נודע ביהודה", "צל"ח", און "דגול מרבבה". (מיר וויסן דאָס פון די מפתחות ביים סוף פון די בענדער חתם סופר פון "מכון חתם סופר", ווי אויך פון אַנדערע מפתחות). דאָס איז מער ווי צוויי און דריי מאָל אַזויפיל ווי די אַנדערע אחרונים וואָס זענען געווען שטאַרק חביב אויפ'ן חתם סופר, ווי רבי יעקב עמדין, דער פני יהושע, דער בית מאיר און דער פרי חדש.

ווי מיר האָבן שוין געברענגט האָט זיין זון רבי שמעון סופר מעיד געווען אַז דער חתם סופר האָט זיך מונע געווען פון זאָגן "לשם יחוד" בלויז צוליב דעם נודע ביהודה'ס קפידא קעגן זאָגן לשם יחוד.

## "ואני הולך רכיל ומגלה סוד"

פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט מונע געווען פון אַרויסקומען מיט דער גרעסטער מאָס שאַרפקייט קעגן דעם נודע ביהודה'ס פסק פון מתיר זיין גילוח חול המועד במקום צורך ובשעת הדחק.

מיר ציטירן פון זיין תשובה – שו"ת חתם סופר או"ח סי' קנ"ד:

"והנה בענין תגלחת בחול המועד, הגאון בנב"י חא"ח סי' י"ג התיר לא'



די שטאָט פראַג

ההולך בין השרים בהוראת שעה לגלח בחה"מ לסמוך אר"ת באם גילח ערב הרגל יגלח בחה"מ ע"י עני שאין לו מה יאכל, ולחשדא לא חייש כמ"ש שם באורך. וחלקו עליו גאוני דורינו. והגאון מו"ה צבי אב"ד דק"ק בערלין ז"ל בס' בנין אריאל במס' מ"ק השיב תשובה נוצחת... והנה בנב"י תנינא סי' צ"ט ק' ק"א נראה שהרגיש בחולשת הלכה זו וכתב שלא רצה להדפיסו רק מטעם הכמוס. ואני הולך רכיל ומגלה סוד, כי בעו"ה רבו המשחיתים בעם בתער, ואם יגדל זקנם בחול המועד יהיה כדי לכוף ראש לעיקר ושוב אחר י"ט ישחיתוהו בתער ועוברים על כמה לאוין דאורייתא, ע"כ טוב להתיר איסור דרבנן בחה"מ..."

דער חתם סופר זאָגט אַז דער טעם כמוס פון נודע ביהודה מפרסם צו זיין זיין היתר גילוח בחול המועד איז געווען אָפּצוהיטן די וואָס שערן זיך יאָ בתער פון עובר זיין אויף השחתת שער מדאורייתא. ווייל אויב שערן זיי זיך יעדן טאָג צי יעדן צווייטן טאָג און די האָר האָבן קוים אַרויסגעשפּראָצט איז נאָך נישטאָ קיין איסור דאורייתא. טאָמער שערן זיי זיך אָבער נישט גאַנץ חול המועד וועלן די האַר אַרויסוואַקסן גענוג גרויס "כדי לכוף ראש לעיקר", וואָס דאַן איז שוין דאָ אַ חיוב דאורייתא.

שרייבט ווייטער דער חתם סופר:

"וראה והביטה, כי הגאון נודע ביהודה המתיר לא כתב אלא להוראת שעה, לההולכים בין השרים ופני מלכים יתיצבו... וטעה בזה, כי נהי אם יראו תלמידי חכמים וגודרי גדר להפר תורה, לפי הזמן והמקומות יתקבצו וישאו ויתנו פנים אל פנים או במכתבים ולכשיסכימו יפרסמו במכתבים ויחתמו תחתיו גדולי פארי הזמן, כך עלתה במחשבתינו להתיר איסור דרבנן פלוני מטעם כך וכך, וכעין תקנת הקהילות ורבינו תם בסוף תשובות מהר"ם בפּראַג וכהנה, אבל יחיד בדורו, אפילו הוא חסין כאלונים וכגובה ארזים גבהו ודבריו כראי מוצקים, לא יהין להתיר אפילו מנהג קטן ממנהגי ישראל, היום יאמר כך וידפיסנו ויפרסמנו ומחר יאמר אחר כך בסברות הלשון צנומות דקות, עד שיתירו איסור דאורייתא, כאשר אירע בעו"ה בזמנינו, כי רבו פריצי הדור והעמידו חזון לומר, הלוא גילוח חול המועד, כמה מאות שנים נהגו אבותינו איסור ונצטערו ונתנולו ועתה התירו פרושים את הדבר, כך נמי נבוא ונתיר לחלל שבת בפרהסיא בעו"ה והקולר תלו אחר כך בהגורמים, ומשו"ה לא התיר הגאון נב"י בפרהסיא ומ"מ נכשלו בה, ע"כ שומר נפשו יזהר וישמור ה' רגלי חסידיו מלכד".

## הגאון רבי אהרן פולד, זיין שליח אין פראַנקפורט וואָס האָט געוואָלט מתיר זיין גילוח

רבי משה פולד איז געווען אַ תלמיד פון רבי נתן אַדלער אין פראַנקפורט. זיין זון רבי אהרן פולד איז געווען אַ תלמיד חכם עצום, פון די שפּעטערדיגע דיינים און ראשי ישיבות אין פראַנקפורט. ביי דער בר מצוה האָט ער שוין געקראָגן דעם טיטול "מורינו", גאָר אַ זעלטענע ערשיינונג. דעם פאָטער רבי משה פולד האָט דער בעל הפלאה געשאָנקען דעם טיטול מורינו ערשט ביי זיין לויה. דער זון רבי אהרן איז שוין אָבער אַלס קינד געווען אַן עילוי עצום וואָס איז אויסגעוואַקסן צו זיין פון די שפּעטערדיגע גאונים פון פראַנקפורט.

כאָטש רבי אהרן פולד איז געווען צענדליגער יאָרן יונגער פון חתם סופר איז ער געווען שטאַרק בידידות מיט אים. אין חתם סופר זענען פאַראַן מערערע תשובות צו אים. זע שו"ת חת"ס יו"ד סי' פח; רכד; שיט; שכג; חו"מ סי' כז; און נאָך.

חוץ די תשובות צו אים ברענגט דער חתם סופר פאַרשידענע הערות, קשיות און תירוצים פון רבי אהרן פולד: "נתעוררתי על קושיא זו מאז ממו"ח הגאון דק"ק פוזנא (רבי עקיבא איגר) נ"י וגם מרב חרוץ מהו' אהרן פולדא מפפ"ד נ"י". (שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב סי' נ"ו, ד"ה ואמנם).

"דברי תוס' תמוהים, קושיא זו הקשה לי במכתבו הרבני מו"ה אהרן פולדא מפ"פ דמיין". (חתם סופר עמ"ס כתובות דף לב ע"א).

"הרבני ידידי כבוד מהו אהרן פולדא מפפד"מ נ"י כתב לי תירוץ על קושיא זו... עד כאן דבריו, ונכון ודפח"ח". (חת"ס עמ"ס פסחים, דף קב ע"ב).

די באַציאונגען צווישן חתם סופר און רבי אהרן פולד זענען אָבער נישט געווען באַגרעניצט בלויז צו תשובות און חידושים.

צוליב כיבוד אם פלעגט דער חתם סופר יעדעס יאָר שיקן אַ מתנה צו זיין מאַמע אין פראַנקפורט. דער שליח איבערצוגעבן די מתנה איז געווען רבי אהרן פולד.

אויך פלעגט דער חתם סופר שיקן געלט צו רבי אהרן פולד ער זאָל דינגען אַ תלמיד חכם וואָס זאָל מתפלל זיין פאַר אים ביי קברי אבותיו ורבותיו ביי זייערע יאָרצייטן. צוזאַמען מיט דעם געלט האָט ער אים אויך געשיקט געלט שטיצע איבערצוגעבן פאַר רבי שמעון אַדלער, זון פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַסאַך יאָרן – ביז רבי אהרן פולד איז אויך געוואָרן פאַרמישט אין דעם פּאָלעמיק פון גילוח בחול המועד, און האָט נוטה געווען דאָס מתיר צו זיין.

אַזוי ווי די פירצה פון שערן חול המועד איז געוואָרן שטאַרק איינגעריסן אין דייטשלאַנד האָט רבי אהרן פולד געהאַלטן אַז מען זאָל דאָס לכתחילה ערלויבן אויפ'ן סמך פון די מתירים. אין אַ תשובה וואָס רבי אהרן פולד האָט געשריבן צו עטליכע גדולי הדור בראש מיט'ן חתם סופר שרייבט ער "וכבר רבים עברו לגלח זקנם, מעט הם אשר עוד מחזיקים בתומם

אחד מעיר ושניים ממשפחה", האָט ער מציע געווען דאָס מתיר צו זיין לויט די באַדינגונגען פון האָבן זיך געשוירן פאַר יום טוב און אַזוי ווייטער.

דעם חתם סופר'ס ידיד רבי צבי הירש לעהרין, דער ראש האמרכלים פון אַמסטערדאַם, האָט געשריבן דעם חתם סופר אַ בריוו וועגן די שמועות וואָס קורסירן באשר ובכן רבי אהרן פולד האָט מתיר געווען גילוח בחול המועד.

נאָכ'ן ערהאַלטן די תשובה פון רבי אהרן פולד אין וועלכן ער איז מציע מתיר צו זיין גילוח בחול המועד האָט דער חתם סופר אים צוריקגעשריבן די האַרבקייט לאיסור. מער האָבן זיי זיך אָבער נישט געשריבן בהלכה. זייערע באַציאונגען זענען געוואָרן באַגרעניצט צו די געלט שליחות'ן וואָס דער חתם סופר האָט אים יערליך געשיקט קיין פראַנקפורט. מער נישט קיין משא ומתן בהלכה.

אין קובץ "כרם שלמה", חוברת ר, עמ' מח-מט, איז אין אלול תשנ"ח דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטליכט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער בריוו וואָס דער חתם סופר האָט געשריבן צו רבי הערש לעהרין וועגן דעם ענין. מיר ציטירן פונעם בריוו:

"וידע פר"מ, כי מיום שסירב לשמוע בקולי אין לי עמו עסק, כי אם בדבר אחד הורגלתי זה זמן רב לשלוח לפ"פ דמיין אדומים על פורים ועל ראש השנה, אשר מהם יוקח איזה זהובים לשכר תלמיד חכם אחד המתפלל עבורי על קברי רבותי הקדושים ועל קברי אבותי ביאַרצייט שלהם, והמותר לבנו של רבינו הגדול מה' שמעון אַדלער שי', והוא (רבי אהרן פולד) מוחזק במצות שליחות ההוא, ואני שולח לידו ואינו משיב לי כלל מקבלה ואילך, ואפילו הכי מוחזק אני שעושה שליחותו, והלא המעות אינם חוזרים, ואיני רוצה לשנות מהנ"ל מכמה טעמים, א' אין לי אחר בפ"פ, שנית מערבין בבית ישן, ואין להראות שנאה בפרהסיא, כמו שכתבו תוס' פסחים קי"ג ע"ב ד"ה שראה כו'".

אין פראַנקפורט איז די פירצה פון זיך שערן חול המועד געווען איינגעריסן אַסאַך פריער, נאָך צענדליגער יאָרן איידער רבי אהרן פולד האָט געוואָלט אַרויסקומען מיט זיין היתר. דאָס איז צו זען דערפון וואָס רבי צבי הירש הורוויץ, דער בעל "מחנה לוי" ו"לחמי תודה", זון פון בעל הפלאה, האָט מעורר געווען דערוועגן און מוחה געווען דערקעגן במשך פון יאָרן אין יעדן איינעם פון זיינע שבת תשובה און שבת הגדול דרשות. רבי אהרן פולד איז געווען אַ תלמיד פון בעל מחנה לוי.

שוין אין זיין ערשטע שבת הגדול דרשה, אין שנת תקס"ו, געדרוקט אין לחמי תודה, זאָגט דער מחנה לוי: "יש לעורר העם בענין גילוח במועד שמקילין בו כמה בני אדם, והוא עון פלילי... כבר נשרש הדבר אליהם עד שנעשה כהיתר". אויב וויל מען זיי זאָגן מוסר דערוועגן, זאָגט דער מחנה לוי, ענטפערן זיי: "שכבר נשרש הדבר הלז בתוך המון עם ואי אפשר לבטלו".

אין יעדן איינעם פון זיינע שבת תשובה און שבת הגדול דרשות, געדרוקט אין "לחמי תודה", האָט ער מוחה געווען דערקעגן, ווי עס איז צו זען אין די דרשות – פון זיין ערשטע דרשה אין שנת תקס"ו ביז צו דער שבת הגדול דרשה פון שנת תק"ע. שפּעטער האָט ער אויפגעהערט צו רעדן דערפון. מעגליך אַז דאָס איז דערפאַר ווייל אין שנת תקע"א איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן דער ספר שאלות ותשובות נודע ביהודה מהדורה תניינא, וואו עס איז געדרוקט דעם נודע ביהודה'ס תשובות להקל לגבי גילוח בחול המועד.

למעשה האָט רבי אהרן פולד קיינמאָל נישט פאַרעפנטליכט זיין תשובה להיתר. נאָכדעם וואָס ער האָט ערהאַלטן דעם חתם סופר'ס שאַרפע תשובה לאיסור האָט ער נישט מתיר געווען גילוח בחול המועד.

פאַראַן אַ בריוו, געדרוקט אין "תולדות אהרן" עמ' 2-3, וואָס ער האָט געשיקט צום חתם סופר, אין וועלכן ער שרייבט אַז ער איז מיראי ההוראה און האָט קיינמאָל נישט מתיר געווען תגלחת בחול המועד. ס'קוקט אָבער נישט אויס ווי דער חתם סופר זאָל האָבן ערהאַלטן זיין בריוו.



געמאָלן בילד פונעם חיד"א
הגאון רבי חיים יוסף דוד אֲזוּלַאי זצ"ל

# די עדות'שאַפט פון חיד"א

ווי מיר זעען איז דער חתם סופר אַרויסגעקומען באַזונדערס שאַרף קעגן דעם היתר גילוח, וואָרענענדיג אַז אויב וועט מען מתיר זיין גילוח בחול המועד וועלן פורצי גדר זאָגן אַז אויך אַנדערע זאַכן וואָס זענען שטענדיג געווען אסור, אפילו איסורי דאורייתא, קען מען אויך מתיר זיין. ווי ריכטיג זיין בליק איז געווען איז צו זען פון דעם וואָס דער חיד"א, וועלכער איז געפאָרן איבער דער וועלט, שרייבט אין איינעם פון זיינע תשובות.

אין זיין שאלות ותשובות "יוסף אומץ", אין סימן ז', שרייבט דער חיד"א אַ תשובה צו אַ רב וואָס האָט אים אָנגעפרעגט וועגן דעם היתר גילוח בחול המועד. אַלע "רבני גאוני פולין ואשכנז", זאָגט דער חיד"א, זענען אַרויס קעגן דעם היתר, "ואין ספק כי רבני ארץ ישראל וקונשטנדינה רבתי, ואיזמיר ושלוניקי וכל טורקיאה ומצרים ודמשק וארם צובה וערי מערב הפנימי (וואָס מיינט מאַראָקאָ) וחיצון, כולם יסכימו עם רבני פולין ואשכנז", קעגן דעם היתר. טראָץ די טעמים להתירא, שרייבט דער חיד"א, "מכל מקום ודאי יצא תקלה מזה, שהדור פרוץ ביותר ונאחזים בסבך ויבואו להתיר כמה איסורין ביד רמה כנודע לכל עוברי דרך ערי אירופה".

נאָכ'ן באַריכטן וואָס ער האָט אַלץ געזען אין אייראָפּע פירט אויס דער חיד"א: "אנא זעירא בלכת דמצוה בשליחות עיה"ק שמעתי דיבת רבים דאמרו אינשי, הנה החכמים שקדמו בבלי דעת אסרו לנו כמה דברים בשבת ובעריות וסתם יינם וכיוצא, ועתה חכמי הדור נפקחו עיניהם והתחילו להבין שהראשונים טעו... והן עתה התירו לגלח בחול המועד, וכזאת וכזאת יהיה כל מה שאסרו וכו'. ובשמעי דבריהם עמדתי מרעיד, וגערתי בהם. דברתי בלשוני כמלא פי תנור בוערים בעם וזלזלתי בהם פעם בדברים קשים ופעם בלשון רכה, לפי המקום והזמן... והני מילי אשר שמעתים כזבי"ם לכל דבריהם, כי אין היום מתיר אסורים במחנה העברים שגבלו ראשונים עושי אורים ונתפשטו בכל ישראל הכשרים".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פב

# דער הייליגער חתם סופר



**הגאון רבי חיים עוזר זצ"ל פון ווילנע וועגן די אייניקלעך פון חתם סופר – די סגולה פון אַ מלבוש פון אַ צדיק – דעם חתם סופר'ס שטעקן, "מטה משה" – הגאון רבי ישׁשכר בער בלאָך זצ"ל, דעם חתם סופר'ס מסדר קידושין, זיין פאָרגייער אַלס רב אין מאַטערסדאָרף און דער רב צו וועמען דער נודע ביהודה האָט געשריבן די תשובה וועגן לשם יחוד – הג"ר משה אלכסנדר קינסטליכער ז"ל, דער גרויסער מומחה בתולדות החתם סופר ותלמידיו**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## הגאון רבי חיים עוזר: "די אייניקלעך פון חתם סופר האָבן אַ באַזונדערע שמירה צו זיין ערליכע אידן"

אַליין און עלנד האָט דער בחור, אַן אייניקל פון חתם סופר, איבערגעלעבט די מלחמה. נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ער זיך געוואַלגערט אין די דייטשע די פּי לאַגערן איינזאַם און אַליין, אָן טאַטע מאַמע, אָן נאָענטע קרובים און אָן משפחה.

די ציוניסטן האָבן אים געבראַכט קיין ארץ ישראל און אים פּלאַצירט אין אַ פרייען קיבוץ. איז ער פון דאָרט, ווידעראַמאָל איינער אַליין, אַנטלאָפן – כאָטש ער האָט אינדרויסן נישט געהאַט קיין שום מאַטעריאַלע און פינאַנציעלע אויסזיכטן. ער איז אַנטלאָפן פון קיבוץ און זיך באַזעצט אין אַ חרדי'שן ישוב וואו ער האָט שפּעטער אויפגעשטעלט הערליכע אידישע דורות.

בשעתו האָט מען דאָס דערציילט דעם באַרימטן פּאָניוועזשער ראש ישיבה הגאון רבי שמואל ראָזאָווסקי זצ"ל, באַוואונדערנדיג דאָס מסירות נפש פון דעם בחור דעם יתום.

האָט רבי שמואל ראָזאָווסקי געזאָגט: "ס'איז בכלל נישט קיין פלא. כ'האָב אַליין געהערט פון הגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל אין ווילנע אַז היות ווי דער חתם סופר האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר קיום התורה האָבן זיינע אור-אייניקלעך אַ באַזונדערע זכות און אַ באַזונדערע שמירה זיך צו האַלטן ביי אידישקייט".

"הגאון רבי שמואל ראָזאָווסקי ראש ישיבת פּאָנאוויעש בבני ברק אמר בעת שדברו בהתפעלות על בחור אחד ששרד את המלחמה ונותר ללא אב ואם וללא משפחה רח"ל, והציונים העלוהו לארץ ישראל ולקחוהו לקיבוץ רח"ל, והבחור הצעיר השבור בגופו ברח ללא שום תקוה גשמית, וכולם הפליאו את המסירות נפש של הבחור. נענה הגר"ש זצ"ל שזה אינו פלא, וציין למה ששמע מהגאון רבי חיים עוזר זצ"ל: 'שמעתי מהגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי מוילנא זצ"ל שהחתם סופר שמסר נפשו על קיום התורה, זכותו עומדת לצאצאיו אחריו, וזוכים לשמירה מיוחדת". (אוצרות הסופר, קובץ כ"ב, עמ' צז).

איז עס טאַקע אַ זעלטן וואונדערליכע ערשיינונג. איבער דער וועלט זענען היינט פאַראַן צענדליגער טויזנטער אייניקלעך פון חתם סופר כ"י, און טראָץ די אויפטרייסלונגען און איבערקערענישן וואָס די וועלט, און די אידישע וועלט, איז במשך פון די יאָרן אַריבער זענען רובם ככולם יראים וחרדים לדבר השם.

## די סגולה פון אַ מלבוש פון אַ צדיק — און להבדיל פאַרקערט

אַ מלבוש פון אַ צדיק האָט אין זיך אַ ספּעציעלע קדושה. אָנטון אַזאַ מלבוש איז אַ סגולה פאַר יעדן וואָס קליידעט זיך דערמיט. דער חתם סופר ברענגט דאָס (תורת משה און חתם סופר על התורה פרשת תולדות) פון אַ ירושלמי אין מועד קטן.

"דבמלבושיו של אדם נאצלים מקדושתו של הלובש, וה"ה בהיפוך,



**הגאון רבי חיים עוזר גראדזענסקי זצ״ל [רעכטס] מיט הגאון רבי שמעון שקאפ זצ״ל**

והלובש אותם אחריו יאצל עליו מאותו הרוח לטוב ולמוטב. וזהו סוד אשר ילבשם הכהן תחתיו מבניו״. (חת״ס עה״ת פ׳ תולדות דף קכ״ה, ד״ה הלא).

דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, האָט רבקה געהייסן יעקב׳ן אָנטון עשיו׳ס בגדים ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסקריגן די ברכות. יעקב איז געווען אַן איש תם, אַן איש אמת, וואָס האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן פון מויל עפּעס וואָס איז נישט אינגאַנצן אמת. אַזויווי ס׳איז אָבער געווען אַ צורך שעה ער זאָל אַרויסקריגן די ברכות האָט אים רבקה געהייסן אָנטון עשיו׳ס מלבושים ער זאָל קענען קריגן די ברכות במרמה.

דער לשון פון ירושלמי אין ואלו מגלחין אין מועד קטן וואָס דער חתם סופר ברענגט איז ״ויש אומרים מקלו של רבי מאיר היתה בידו והיא היתה מלמדתו דעת״, און ווי דער פני משה אויפ׳ן ירושלמי זאָגט האָט אפילו דער שטעקן פון רבי מאיר האָט געהאַט אַזאַ קדושה. (זע הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן אין ״שער יוסף״ דאָרט אין חתם סופר על התורה).

דאָס זעלבע זאָגט ער אין חתם סופר על התורה פרשת לך (עמ׳ מב ד״ה כי היה רכושם רב): ״בהיות האנשים קדושים ואז תתקדש גם כל מאודם ומקנה בהמתם עמם, ואל תתמה שהרי כלי נכרים צריכים טבילה בהכנסתם לקדושת ישראל״.



**הגאון רבי שמואל ראזאווסקי זצ״ל ר״י פאנאוויעש מיט׳ן חזון איש זצ״ל, און הרב יעקב האלפערין ז״ל מייסד שכונת זיכרון מאיר בני ברק**

## דעם חתם סופר׳ס שטעקן — דער ״מטה משה״

דער חתם סופר האָט געהאַט אַ שטעקן וואָס ער האָט גערופן ״מטה משה״.

ווי באַקאַנט האָט ער אין עלטער פון זעכצן יאָר מסיים געווען ש״ס. זיין רבי הגה״ק רבי נתן אַדלער זצ״ל האָט אים דאַן געהייסן פאַסטן דריי טעג. דעם דריטן טאָג איז ער אַרויס מיט זיינע חברים אין וואַלד שעפּן פרישע לופט. ווען גויים האָבן זיי באַפאַלן האָט דער חתם סופר אויסגעריסן אַ צווייג פון אַ בוים און דערלאַנגט אַ גוי איין זעץ. דער גוי איז אַוועקגעפאַלן אַ פגר. לויט ווי עס ווערט געבראַכט איז דער גוי געווען אַן עמלקי און דער חתם סופר האָט מקיים געווען מחיית עמלק.

דעם צווייג האָט דער חתם סופר גענומען צו זיך. ווען ער איז יאָרן שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב האָט ער געלאָזט אַ בעל מלאכה לייגן דערויף אַ גאָלדענעם הענטל און עס גענוצט אַלס אַ רבני״שן שטעקן.

רבי יוסף נפתלי שטערן זצ״ל שרייבט אין זיין הקדמה צו ספר ״מכתב סופר״ פון רבי שמעו סופר זצ״ל, אַז דער חתם סופר האָט געזאָגט צו זיינע קינדער: ״מיט דיזען שטאָק האָב איך ניסים באַוויזן״.

דער חתם סופר האָט אין דעם שטעקן געהאַט אַריינגעקריצט די ווערטער: ״שיעורין חציצין ומחיצין הללמ״מ״ (הלכה למשה מסיני).

ווען דעם חתם סופר׳ס קינדער האָבן צווישן זיך צעטיילט די ירושה האָט רבי שמעון סופר זוכה געווען אין דעם שטעקן אין זיין חלק פון דער ירושה. דער שטעקן איז ביי אים ווערד געווען כל הון דעלמא.

אַלס אַ דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט איז רבי שמעון סופר אַמאָל געפאָרן מיט דער באַן קיין וויען און פאַרגעסן דעם שטעקן אויף דער באַן. אין דער אכסניא אין וויען האָט ער באַמערקט ווי ער האָט נישט דעם שטעקן. האָט מען געשיקט צוויי טעלעגראַמען: איין טעלעגראַם צו דער לעצטער סטאַנציע פון דער באַן מודיע צו זיין וועגן דער אבידה און אַ צווייטן טעלעגראַם צו דער לעצטער סטאַנציע אין קראָקע. ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין קראָקע האָט מען געפונען דעם שטעקן אויפ׳ן זעלבן אָרט וואו רבי שמעון סופר האָט עס געלאָזט אין דער באַן.

ר' יודא לייב שרייבער ז"ל פון ניו יאָרק האָט דערציילט אַז ער געדענקט נאָך דעם שטעקן וואָס האָט זיך געפונען ביי זיין פאָטער ר' משה סופר-שרייבער ז"ל פאַר דער מלחמה, און אַז מ'האָט דערקענט אויפ'ן שטעקן אַז ס'איז געוואָרן אָפּגעריסן פון אַ בוים. (ארחות הסופר תשס"ז עמ' פב).

## דאָס הענטל פונעם מוהל מעסער

ווען די כוללים און דער ישוב אין ארץ ישראל האָבן אויפגענומען דעם חתם סופר אַלס נשיא האָבן זיי אים געשיקט אַ שטיק האָלץ פון אַ בוים וואָס לויט ווי ס'איז געווען מקובל איז דאָס געווען דער בוים אונטער וועלכן די מלאכים זענען געזעסן ביי אברהם אבינו, וישענו תחת העץ ויאכלו.

דער חתם סופר האָט דאָס געגעבן פאַר אַ פאַכמאַן, וועלכער האָט עס געמאַכט פאַר אַ הענטל פאַר דעם מוהל מעסער וואָס ער האָט געהאַט פון זיין רבי'ן הגה"ק רבי נתן אַדלער זצ"ל.

דאָס הענטל איז געוואָרן באַצירט מיט גאָלד. דער חתם סופר האָט דערין געלאָזט איינקריצן די ווערטער: "והנה שלשה אנשים נצבים עליו". (חוט המשולש עמ' קי"ח).

דער בערעגסאַזער רב, רבי שלמה סופר זצ"ל, שרייבט אין חוט המשולש אַז לויט ווי ער האָט געהערט האָט דער חתם סופר געזאָגט אַז זינט ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם מעסער האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט קיין תקלה ביי אַ ברית.

## הגה"צ רבי ישכר בער בלאָך זצ"ל, דעם חתם סופר'ס מסדר קידושין און פאָרגייער אַלס מאַטעדסדאָרפער רב

דער ציל פון אונזער סעריע איז צו באַשרייבן נישט בלויז די אויסשליסליכע ביאָגראַפיע פון הייליגן חתם סופר נאָר אויך, און הויפּטזעכליך, צו מאָלן אויף אַ ברייטערן קאַנוואַס דעם הונטערגרונט פון זיין וועלט, דורך נאָטירן וואָס מער ענינים און נושאים, באַקאַנטע און נאָך מער נישט גענוג באַקאַנטע, געשעענישן און פּערזענליכקייטן, כדי צו קריגן אַ מער קלאָרן בילד און אַ מער גרונטליכן באַגריף איבער דאָס לעבן און שאַפן פון הייליגן חתם סופר.

צווישן אָט די נישט גענוג באַקאַנטע גדולים און פּערזענליכקייטן געפינט זיך הגה"צ רבי ישכר בער בלאָך זצ"ל, וועלכער איז געווען סיי דעם חתם סופר'ס מסדר קידושין אין סעמניץ ביי זיין זיווג ראשון, און סיי שפּעטער דעם חתם סופר'ס פאָרגייער אַלס רב אין מאַטערסדאָרף.

הגאון "החסיד" (אזוי באַצייכנט אים דער חתם סופר) רבי ישכר בער בלאָך זצ"ל, בעל מחבר ספר "בינת יששכר", איז געווען אַ זון פון הגאון החסיד רבי שמשון בלאָך, באַקאַנט אַלס רבי "שמשון חסיד", פון אַלטונא-האַמבורג, בעל מחבר ספר "נזירות שמשון" אויפ'ן מגן אברהם און "תוספות חדשים" אויף משניות.

רבי ישכר בער בלאָך איז געווען אַ תלמיד פון הגאון רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל אין האַמבורג. פריער איז רבי ישכר בער געווען רב אין עטליכע שטעטלעך אין מעהרין. דאַן, אין שנת תק"מ, איז ער געוואָרן רב אין סעמניץ, אין אונגאַרן. ווען דער חתם סופר האָט אין שנת תקמ"ז חתונה געהאַט בזיווג ראשון אין סעמניץ איז רבי ישכר בער בלאָך געווען דער מסדר קידושין.


ספר
בינת יששכר
ישכר בער בלאך
חתם סופר
בני יששכר
שמשון חסיד
רבינו יהונתן
Zu beziehen bei:
SCHREIBER H. MICHALOVCE
Slovensko.
משה גרינפעלד

שער בלאַט פון ספר "בינת יששכר" פון הגה"צ רבי ישככר בער בלאך זצ"ל – דפוס מיהאלאוויץ תרפ"ח

שנת תקנ"ג איז רבי ישכר בער בלאָך אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין באָסקאָוויץ. מיט פיר יאָר שפּעטער, אין שנת תקנ"ז, איז ער געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף. אַ קורצע צייט דערנאָך, ט"ז שבט תקנ"ח, איז ער דאָרט נפטר געוואָרן, לליידער אָן איבערצולאָזן זרע של קיימא. ער ליגט אין מאַטערסדאָרף.

ווען דער חתם סופר איז נאָך זיין חתונה געזעסן און געלערנט אין פּרוסטיץ האָט ער זיך געשריבן אין לערנען מיט רבי יששכר בער בלאָך, רב אין סעמניץ. דער בריוו אויסטויש צווישן זיי איז געדרוקט אין שו"ת חתם סופר חלק שביעי (סימן י', י"ז, י"ח, כ"ג), און קונטרס הויכוח (ירושלים תשל"ב סי' ס"א ס"ב). אין די בריוו טיטולירט אים דער חתם סופר אַלס "איש אלוקים קדוש" (שו"ת שם סי' י', י"ח).

אין נודע ביהודה זענען פאַראַן עטליכע תשובות געשריבן צו רבי יששכר בער בלאָך.

די באַקאַנטע תשובה פון נודע ביהודה קעגן זאָגן לשם יחוד (קמא, יו"ד סימן צ"ג) איז געשריבן צו הג"ר יששכר דוב בלאָך זצ"ל, וועלכער איז געווען דער שואל וואָס האָט אים אָנגעפרעגט וועגן זאָגן לשם יחוד.

אינטערעסאַנט איז אַז טראָץ דעם שרייבט רבי יששכר דוב בלאָך אין זיין ספר "בינת יששכר", וואָס איז שפּעטער געשריבן געוואָרן, וועגן דעם חשיבות פון זאָגן לשם יחוד. נאָך מער: אין "בינת יששכר" ביי דיני פדיון הבן (סעיף ט') שרייבט ער אַז דער אבי הבן זאָל זאָגן: "והנני מוכן לפדות אותו על ידך, לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה". און נאָך מער אינטערעסאַנט: דער ספר "בינת יששכר" האָט אַ וואַרימע הסכמה פון נודע ביהודה.

אין ספר הקדוש "ויואל משה" מאמר ישוב ארץ ישראל סימן מ"ז, עמ' רמ"ח-רמ"ט זאָגט דער רבי זי"ע אַז ווי עס ווייזט אויס האָט דער נודע ביהודה צוריקגעצויגן פון זיין שאַרפע קעגנערשאַפט צו זאָגן לשם יחוד. והא ראיה: הגאון רבי זרח איידליץ זצ"ל, דיין און דרשן ביים נודע ביהודה אין פראַג, שרייבט אין דעם ערשטן דרוש אין זיין ספר "אור לישרים" עטליכע טעמים פאַר זאָגן לשם יחוד, ווי למשל: דאָס זאָגן לשם יחוד פאַרזיכערט די סיטרא אחרא זאָל נישט קענען אָוועקכאַפּן די מצווה. דאָך האָט דער ספר "אור לישרים" אַ וואַרימע הסכמה פון נודע ביהודה.

"ואף שהנוב"י פליג על אמירת לשם יחוד, מ"מ אנו רואים שנתן הסכמה חמה על אותן הדרושים שבס' אור לישרים, וכתב עליו שהוא בעצמו שמע מפיו דברים מתוקים ונכנסים בלב השומע להלהיב הלבבות ליר"ש, ושם באותו ספר בדרוש הראשון כתב הטעם הנ"ל על אמירת לשם יחוד. ונראה שאחר שאמר טעם זה קבלה ממנו, אלא שעכ"פ צריך לכוין דעתו לידע מה הוא אומר באמירת לשם יחוד". (ויואל משה עמוד רמט).

דער ספר "בינת יששכר" איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין פּראַג אין שנת תקמ"ה. ווי געזאָגט האָט דאָס אַן הסכמה פון נודע ביהודה.

אויף האָט דאָס אַן הסכמה פון הגאון רבי גרשון חיות אבד"ק ניקלשבורג זצ"ל, פון הגאון רבי מאיר ברבי אב"ד פּרעשבורג זצ"ל און נאָך.

אַזוי ווי רבי יששכר בער בלאָך האָט ליידער נישט איבערגעלאָזט קיין זרע של קיימא זענען זיינע ספרים איבערגעגאַנגען צום רשות פון חתם סופר ווען ער איז געוואָרן מאַטערסדאָרפער רב נאָך אים. אויף די גליונות פון זיינע משניות האָט רבי יששכר בער געהאַט פאַרצייכנט אַ שלל מיט רייכע און טיפזיניגע הגהות. נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר איז עס געוועז רבי שמעון סופר וואָס האָט גע'ירש'נט די משניות.

שפּעטער ווען ער איז געוואָרן קראָקעווער רב האָט רבי שמעון סופר איבערגעגעבן די הגהות צו דרוקן דערפון אַ גאַנץ ספר. דעם ספר האָט מען אַ נאָמען געגעבן "בני יששכר".

אין זיין הסכמה צום ספר "בני יששכר" אויף משניות פון רבי יששכר בער בלאָך שרייבט רבי שמעון סופר:

"הגהות כתב ידי הגאון המפורסם מו"ה יששכר בער ז"ל הנקרא בפי כל מו"ה בער חסיד, בנו של הגאון מו"ה שמשון חסיד ז"ל בעהמ"ח ספר נזירות שמשון... והוא הוא השואל בנודע ביהודה מן סימן צ"א עד סימן צ"ג ועד בכלל, והיה אז אב"ד בק"ק גוטיין במדינת מעהרן, ומשם עלה ונתעלה לאב"ד בקהל קדושה סעמניץ במדינת אונגאַהרן, ומשם נתעלה לעת זקנתו לאב"ד בק"ק מאַטערסדאָרף, ואחריו נתקבל שם אאמ"ו מאור הגולה זצ"ל, וכמה פעמים שמעתי מאאמ"ו זצ"ל מפליג מאוד בשבחי תורתו וקדושתו".

## איז די חתונה פאָרגעקומען ל"ג בעומר?

רבי יששכר בער בלאָך איז ווי געזאָגט געוועזן דער מסדר קידושין פון חתם סופר בזיווג ראשון אין סעמניץ. ווי מיר האָבן שוין געהאַט געשריבן אין צוויי פריערדיגע אַרטיקלען איז די חתונה פאָרגעקומען ל"ג בעומר שנת תקמ"ז.

דער מקור פון וואו מיר האָבן דאָס גענומען, אַז די חתונה איז פאָרגעקומען ל"ג בעומר, איז הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל אין זיין הקדמה צום מכתב סופר ח"א, באר מרים עמוד כ"ג. רבי יוסף נפתלי שרייבט נישט קיין מקור פון וואו ער נעמט דאָס. הגאון רבי עקיבא מנחם סופר שליט"א – זון פון ערלויער רב האדמו"ר רבי יוחנן סופר זצ"ל, און אייניקל פון ירושלימער רב בעל מנחת יצחק זצ"ל – אין זיין ספר "קורות דברי הימים לחתם סופר", בני ברק תשפ"ד, ח"א עמ' פ"ד, ברענגט עטליכע ראיות אויפצואווייזן פון פאַרשידענע תשובות און בריוו פון חתם סופר אַז די חתונה האָט געמוזט זיין נישט פריער און נישט שפּעטער ווי ל"ג בעומר.

איז עס אינטערעסאַנט: הרב משה אלכסנדר זושא קינסטליכער ז"ל, דער גרויסער מומחה בתולדות החתם סופר בדורינו, אין זיין ספר "אישים בתולדות החתם סופר" אות תרס"ז, שרייבט אַז די חתונה האָט נישט געקענט זיין ל"ג בעומר. כדרכו ווייזט ער אָן גאָר בקיצור אויף צוויי ערטער, איינס אין תשובות חתם סופר חלק ז', און צווייטנס אין חידושי חתם סופר אויף מסכת שבת, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין יענער תקופה, פון וועלכע ס'איז משמע אַז די חתונה איז פאָרגעקומען פריער, נאָך אין חודש אדר. רבי זושא קינסטליכער ז"ל איז נישט צופיל מאריך וויאַזוי דאָס איז אַזאַ הכרח.

ידידינו הנכבד איש האשכולות הרה"ח רבי מענדל מאיר (בהרה"ח רבי בערל) יאַקאָבאָוויטש שליט"א פון וויליאַמסבורג, אַרבעט יעצט אויף אַ מאָנומענטאַל ווערק, שרייבנדיג אַ ספר מיט רייכע מחקרים בתולדות ובתורת החתם סופר. אין דעם ספר, רייך באיכות ובכמות – ווי עס קוקט אויס וועט דער ספר באַשטיין פון אַרום 700 זייטן – האָט ער אויך אַ פּרק אויפצואווייזן די ריכטיגקייט פון רבי אלכסנדר זושא קינסטליכער'ס טענות אַז די חתונה האָט געמוזט פאָרקומען פריער, אין חודש אדר. אין דעם פרק ברענגט ר' מענדל מאיר צען טענות – ראיות פון תשובות און פון היסטאָרישע דאַטומס, וואָס לויט זיי איז שטאַרק מסתבר אַז די חתונה האָט געמוזט פאָרקומען חודש אדר.

מיר וועלן דאָ נישט ציטירן זיינע ראיות. ניתי ספר ונחזי. ס'איז כדאי צו וואַרטן ביז רבי מענדל מאיר וועט ענדיגן שרייבן, מסדר זיין, און אי"ה דרוקן זיין גאָר אינטערעסאַנט ספר "פליטת בית סופריהם".

אַדאַנק זיין עוסק זיין די אַלע יאָרן בתורת ובתולדות מרן האָט רבי מענדל מאיר געהאַט די זכיה אָפּצוקויפן דאָס הויז פון חתם סופר אין דרעזניץ. ווי מיר וועלן נאָך אי"ה שרייבן וועט דאָס הויז עווענטועל, נאָך אַלע שטאָטישע ערלויבענישן, זיין אָפן לתועלת הרבים לתורה ולתפילה – ובית צדיקים יעמוד.

## רבי משה אלכסנדר זושא קינסטליכער זצ"ל

רעדנדיג פון רבי משה אלכסנדר זושא קינסטליכער זצ"ל איז וויכטיג צו ווידמען עטליכע ווערטער לזכרו הטהור.

ווי איז דען מעגליך צו שרייבן וועגן חתם סופר, צו געניסן פון דער עבודת הקודש פון רבי זושא'ן, ווי ער איז געוועזן באַקאַנט, און נישט באַרייכן די ידיעות פון די לייענער מיט אַביסל ידיעות וועגן דעם גרעסטן ידען רבי זושא אַליין.

רבי זושא קינסטליכער איז בימינו געוועזן די העכסטע אויטאָריטעט און דער גרעסטער מומחה אויף די תולדות פון הייליגן חתם סופר, די תולדות פון זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו, און דער גרעסטער עקספּערט און בקי אויף דער געשיכטע, די ביאָגראַפיעס, תורות און ספרים פון גדולי אונגאַרן בכלל.

עטליכע ביאָגראַפישע שטריכן:

הרה"ג רבי משה אלכסנדר זושא קינסטליכער איז געבוירן שבועות תש"ט צו זיין פאָטער רבי דוב זצ"ל, וועלכער איז געוועזן דער יונגסטער זון פון הגאון רבי צבי קינסטליכער זצ"ל אב"ד סעבען-הערמאַנשטאַט, בעמ"ח שו"ת באר צבי.

אַלס יונגל האָט רבי זושא געלערנט אין מוסדות בית יוסף צבי דושינסקי. זייענדיג אַן עילוי און אַ גרויסער בעל כשרון האָט ער אַסאַך מקבל געוועזן פון זיין גרויסן זיידן וועמענ'ס ספרים ער האָט שפּעטער מסדר געוועזן צום דרוק.

אַלס בחור האָט ער געלערנט, בהתמדה רבה, אין דער פּרעשבורגער ישיבה אין ירושלים וואו ער איז אויסגעוואַקסן אַ געוואַלדיגער תלמיד חכם וירא שמים. שוין אַלס בחור האָט ער אָנגעהויבן עוסק זיין בתורתו ומורשתו פון חתם סופר. ער איז געוואָרן אַ נאָענטער מקורב צו הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל, צו הגאון רבי יששכר דוב גאָלדשטיין זצ"ל און צו הגאון רבי ישראל וועלץ זצ"ל. מיט זייער הילף האָט ער באַאַרבעט און פאַרצייכנט די מנהגים פון חתם סופר וואָס ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אין אַ ספר "מנהגי החתם סופר השלם". ער האָט זיך אויך מסתופף געוועזן "בצל" פון זיין פעטער דער בעל "בצל החכמה", הגאון רבי בצלאל שטערן זצ"ל.

שנת תשל"א איז ער געוואָרן אַן איידעם ביי רבי משה יוחנן וויינבערגער ז"ל, אַן אייניקל פון מהריא"ץ און מהרש"ז מאַרגערעטין זצ"ל. רבי משה יוחנן וויינבערגער איז געוועזן מחשובי חסידי סאַטמאַר אין בני ברק, וואָס





רבי משה אלכסנדר זושא קינסטליכער זצ"ל

צוזאַמען מיט הרב בן ציון יאַקאָבאָוויטש ז"ל האָט ער געקויפט דעם באָדען און מייסד געווען דעם סאַטמאַרער שיכון אין בני ברק. רבי משה יוחנן איז געווען אַ שוואָגער מיט הגאון רבי משה שפּיץ, אב"ד ביסטריץ זצ"ל.

שוין אַלס יונגערמאַן איז רבי זושא געוואָרן דער עורך פון אַ ריי תורה ירחונים, ווי "מעיין התורה", "צפונות" און נאָך. ער האָט געלערנט אין כולל "מכון ירושלים" וואו ער איז געווען דער עורך פונעם מנחת חינוך וואָס דער מכון האָט אַרויסגעגעבן, ווי אויך די ספרים פון מהר"ם שיק, און נאָך.



הגאון האדיר בעל שבט הלוי זצ"ל באַזוכט אינעם מכון "זכרון - להנצחת יהדות הונגריה" פון רבי משה אלכסנדר זושא קינסטליכער זצ"ל

גלייכצייטיג האָט ער מחבר געווען אייגענע וואונדערבאַרע ספרים. ער האָט למשל מחבר געווען אַ ספר "תענית בכורים – וסעודות מצוה בערב פסח". דער ספר איז נישט בלויז אַן ענציקלאָפּעדישע אַרבעט אויף די אַלע מקצועות נאָר איז אַ גרונטליכער בירור וליבון פון יעדן מנהג און יעדע הלכה, פון די מקורות אין ש"ס ופוסקים ווי אויך פון אַלטע כתבי יד, לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא. אַלץ אין אַ קלאָרער און דייטליכער שפּראַך, בטיב טעם ודעת.

הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער דער בעל שבט הלוי זצ"ל שרייבט אין זיין הסכמה אויף דעם ספר: "בתחלה חשבתי שהוא מעשה ליקוט בעלמא בדרך שאנחנו עדים היום על קלקול השורה בענין זה – אבל הצצתי קצת בדבריו היקרים וראיתי שהוא מעשה ידי אומן מופלא רב הכשרון, ונוגע עי"ז בדיני מנהגים בכלל, ובכל דבר ממקורו ושרשו בפרט, והכל בהשכל ודעת וטוב טעם, טעם זקנים".

אַלס יונגערמאַן האָט ער געקראָגן הצעות פון גרויסע פּאָסטענס און אפילו רבני'שע פּאָזיציעס. ער האָט אָבער אַלעס אָפּגעוואָרפן. ער האָט באַשלאָסן נישט אָפּצוגעבן זיך מער אפילו מיט מחבר זיין אייגענע ספרים נאָר מקדיש צו זיין זיין לעבן אויף צו פאַראייביגן דעם אָנדענק פון די טויזנטער אונגאַרישע רבנים ביז דער קריג – בראש מיט די תולדות פון הייליגן חתם סופר ותלמידיו.

דער גולת הכותרת פון רבי זושא קינסטליכער'ס אַרבעט און זיין ירושה לדורי דורות זענען זיינע ספרים וועגן חתם סופר, זיין משפחה און זיינע תלמידים. די ספרים: "החתם סופר ותלמידיו", "אישים בתשובות חתם סופר – החתם סופר ובני דורו", און "פנקס מוהל החתם סופר". אין צוגאָב צו די אַנדערע ספרים וועגן חתם סופר: "מנהגי בעל החתם סופר", "קונטרס תומר דבורה – קונטרס אחרון למנהגי בעל החת"ס", "מנהגי החתם סופר ובית מדרשו".

רבי זושא האָט געגרינדעט און אָנגעפירט מיט מכון "זכרון – להנצחת יהדות הונגריה". במשך פון פופציג יאָר האָט ער געזאַמלט אַן אומשאַצבאַרן אוצר פון אונגאַרישע רבנים און קהילות: כתבי יד, חיבורים, מאַנוסקריפּטן, בריוו, פנקס'ן פון קהילות, מאַטריקל דאָקומענטן, פנקסי מוהלים, פנקסי חברה קדישא, טופסי גיטין, צייטונגען, ירחונים, ספרי



ביי זיין בר מצוה מיט זיין זיידן הגה"צ רבי צבי קינסטליכער זצ"ל סעבענער רב



ביי זיין בר מצוה – פון ר. צו ל.: זיין פעטער הגה"צ רבי בצלאל שטערן זצ"ל בעל "בצל החכמה", דער בר מצוה בחור ר' זושא ז"ל, זיין זיידע דער סעבענער רב זצ"ל, און הגאון רבי אפרים פישל קליין זצ"ל אב"ד מ. וואשארהעלי – פון הונטן שטייט זיין פאָטער הרב דוב קינסטליכער ז"ל

זכרון, מאמרים, בילדער פון רבנים און פּערזענליכקייטן, בילדער פון שולן און בתי מדרשים, בילדער פון מצבות, ליסטעס פון בתי חיים, קאַלענדאַרן און לוחות, פאַרשריבענע מנהגים און תקנות פון קהילות.

עטליכע מאָל אַ יאָר פלעגט ער אַרויסגעבן אַ קובץ "עלי זכרון", וואו ער פלעגט פאַרעפנטליכן מאמרים מיט ידיעות און כסדר נייע אַנטפּלעקונגען וועגן רבנים, קהילות און בעלי בתים אין אונגאַרן וואָס ער האָט אַנטדעקט אין זיינע אוצרות. אין "עלי זכרון" האָבן זיך אויך באַטייליגט שרייבער, קענער און בקיאים פון איבער דער וועלט, וועלכע האָבן דאָרט פאַרעפנטליכט מאמרים איבער די ענינים. דער קובץ גייט אָן און ערשיינט ווייטער פיר יאָר נאָך זיין פריצייטיגער הסתלקות.

רבי זושא איז געווען אַן עדין הרוח ואציל הנפש. ער פלעגט עפענען זיינע אוצרות בחנם, צושטעלן ידיעות, אַרויסהעלפן מיט אָנווייזונגען און ראָטן מיט עצות יעדן וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט.

רבי זושא האָט צונויפגעשטעלט אַ רשימה, וואָס ווערט היינט גערופן אַ "דאַטאַ-בעיס", פון פינף טויזנט רבנים פון אונגאַרן. די רשימה האָט ביאָגראַפישע פרטים אויף יעדן איינעם פון די רבנים. ס'איז צו האָפן אַז זיינע חשוב'ע קינדער וועלן זיין ביכולת דאָס צו פאַרענדיגן און וועלן קריגן די הילף דאָס אַרויסצוגעבן.

רבי משה אלכסנדר זושא בן רבי דוב זצ"ל איז ליידער נפטר געוואָרן נאָך אַ קורצע מחלה י"ג שבט תשפ"א אין פריצייטיגן עלטער פון 72 יאָר. תהא זכרו ברוך.

[המשך קומט אי"ה]

# נפלה עטרת ראשנו

בלב קרוע ומורתח הננו מודיעים על הסתלקותו של בעלי, אבינו וזקננו שהדריכנו בדרך המסורה, מגזע תרשישים, איש האשכולות, מופלג בתורה וביראה, חיבר ספרים רבים ויגע רבות בשנים להוציא לאור את תורת ותולדות ומנהגי גדולי ארץ הונגריה והחתם סופר ותלמידיו, שהזדכך ביסורים וקיבלם באהבה

הרה"ג רבי

## משה אלכסנדר זושא קינסטליכער

זצ"ל

בן מוה"ר **דוב** ז"ל    חתן מוה"ר **משה יוחנן ווינברגר** ז"ל

נכדו חביבו של הגה"ק רבי **צבי קינסטליכער** וצוק"ל אב"ד סעבען

**יו"ר מכון "זכרון" להנצחת יהדות הונגריה**

הלווייתו תצא **היום יום שלישי** י"ג שבט **בשעה 10:00** בבוקר **מביתו**

רח' **אבני נזר 7** בני ברק ותעבור דרך **בית המדרש דישיבת חכמי לובלין** רח' ולקומירו

**ובשעה 13:00 מבית הלוויות שמגר** בירושלים **להר המנוחות**

**יושבים שבעה בביתו**    **המשפחות המתאבלות**

טלפונים 03-5703446 050-4115532    קינסטליכער, גומבו, לעווין, ווינברגר, אולעך, ברקש

**מכון "זכרון" להנצחת יהדות הונגריה**

בית הוג חתם סופר שיכון ה' - רחוב בית יוסף 11 בני ברק

# נסתמו מעיינות החכמה

נסתם כל חזון, אורים וגם תומים, בהסתלקותו לשמי רום של מורה דרכנו ומאיר נתיבתנו, הגאון המובהק בעל סברא ישרה, אציל הרוח ופאר המידות, שהקדיש חייו ומסר נפשו לגלות צפונות ולפענח נסתרות, וזכה להוציא לאור תשלומות חכמה, חיבורים יקרים נפלאים, הן בחקרי הלכה והן בחקר הליכות גדולי הדורות, ובמיוחד לרבן של ישראל מרן רבינו החתם סופר ותלמידיו ותלמידי תלמידיו זי"ע, הוזכך ביסורים

ראש ומייסד מכוננו

רבי **משה אלכסנדר**

**זושא קינסטליכער** זצ"ל

בן הרבני רבי דוב ז"ל

בנו של הגאון הגדול בעל ה"באר צבי" אב"ד סעבען זי"ע

**אהה! מי יורה לנו דעה מי יבין לנו שמועה!**

**חכמי ורבני המכון**    **הנהלת המכון**

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

**הגאון רבי עקיבא איגר אויפ'ן חתם סופר: "ורוח ה' דיבר בו" – די הלכה איז אַנדערש אין לעמבערג ווי אין פרעשבורג – דער חתם סופר און הגאון רבי שלמה גאַנצפריד, דער בעל קיצור שולחן ערוך – די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון ספר קיצור שולחן ערוך, וואָס איז ביז לעצטנס געווען דאָס אַממערסטנס איבערגעדרוקטע ספר אין דער אידישער געשיכטע**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## נישט שטענדיג געשיקט בריוו מיט דער פּאָסט, צוליב התורה חסה על ממונם של ישראל

הגה"צ רבי יששכר בער בלאָך זצ"ל, דעם חתם סופר'ס בעל מסדר קידושין בזיווג ראשון און זיין פאָרגייער אַלס מאַטערסדאָרפער רב, פון וועמען מיר האָבן געשריבן אין פריערדיגן אַרטיקל, אַנטשולדיגט זיך אין אַ בריוו צום חתם סופר פאַר'ן פאַרזוימען זיך מיט'ן צוריק ענטפערן צו זיין בריוו.

"אני טרם אכלה לדבר", שרייבט רבי יששכר דוב בלאָך צום חתם סופר, "אוחילה על איחור כתבי עד הנה, שלא יחשוב עלי מחשבת חוץ לזמנו פן ידמה לבבו הטהור שאמרותיו אינם חשובים וספונים אצלי להשיב עליהם כראוי לכבודו, הס מלהזכיר, אדרבה, שמחתי עליהם כמוצא שלל רב, כל היום לא פסק חוכא מפומי, ואימא ליה על מה התעכב כתבי, כי מנעתי לשולחו על הבי דואר דחוששני מחטאת, כי התורה חס על הוצאת חנם משני צדדים.... וגלל כן ציפיתי בכל יום על איזה שיירא שיזדמן מהכא להתם, עד כי דיבר אלי האיש התורני הקצין מו"ה ליב מפה שהוא עומד לפלס דרכו לשם, אמרתי זה היום שקווינוהו שאוכל לצאת ידי חובתי נגד רום מעלתו נ"י, ועכ"פ אקוה שאל ירע לבבו עלי וידון אותי לכף זכות וכו' והכי קי"ל (חגיגה י"ז ע"א) עצרת יש לו תשלומין".

דאָס זעלבע געפינען מיר אין אַ תשובה וואָס דער חתם סופר שרייבט צו אַ תלמיד. דער חתם סופר אַנטשולדיגט זיך פאַר'ן פאַרזוימען זיך מיט'ן ענטפערן יענעם אַ תשובה. ערשטנס איז ער געווען צו פאַרנומען און צווייטנס האָט ער נישט געוואָלט ענטפערן מיט דער פּאָסט צוליב התורה חסה על ממונם של ישראל.

"שוכ"ט לתלמידי האברך החו"ש המופלא כבוד מהו' ישראל נ"י. מכתביו הנעימים הגיעוני בזמנם ולהיות הזמן מאוד יקר וחבילי טרדין הקיפוני בהקפת כל הראש, ובשגם התורה חסה על ממונם של ישראל, דין גרמא שמנעתי מלהשיב על הדואר, כי אם על שאלה ופסק דין הנצרך לשעה, או לצורבא מרבנן מפני הכבוד להרבות כבודו בעיני בני עירו וכדומה, ולגבי מעלתו ליתא לכל הני מילי, כי כפי הנשמע כבר ברכו ה' בכבוד והון תלי"ת, וגם דבריו במכתבו לא נצרכה אלא לפלפולא ולפירוק קושיא בעלמא, אמנם על עתה באתי להיות נפשו בשאלתו אודות וכו' ". (שו"ת חת"ס חיו"ד סי' פ"ז, שנת תקס"ט).

## רבי עקיבא איגר וועגן חתם סופר: "ראיתי כמה גדול כחן של צדיקים... ורוח ה' דיבר בו"

ווען מען האָט אים אָנגעפרעגט שאלות להלכה האָט ער, ווי ער שרייבט אין דער נאָר-וואָס געבראַכטער תשובה, גלייך געענטפערט. ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין איינעם פון די ערשטע אַרטיקלען האָט ער געוויינליך געענטפערט נאָך דעם זעלבן טאָג. ווי ער האָט געזאָגט צום כתב סופר האָט ער געוואוסט אַז זיין שליחות און תפקיד מן השמים איז צו זיין דער פוסק פאַר'ן דור. דערפאַר האָט ער – ווי ער שרייבט דאָס אין זיין תשובה צו זיין תלמיד הגאון רבי ישראל דוד מרגליות יפה שלעזינגער, פּעזינגער רב – קיינמאָל נישט צוריקגעצויגן פון אַ תשובה, חוץ צוויי מאָל, וואָס שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס צוריקציען איז געווען אַ טעות און ער איז געווען גערעכט לויט ווי ער האָט גע'פסק'עט במושכל ראשון ובהשקפה ראשונה.

נישט בלויז זיין כח התורה און זיין גאונות זענען געקומען צום אויסדרוק אין זיינע הוראות נאָר אויך זיין כח הקדושה, און אָפט – אָפּענע רוח הקודש. רבי שלמה סופר זצ"ל דערציילט אין חוט המשולש (עמ' קיב), אַז זייענדיג

רב אין מאַטערסדאָרף איז אַמאָל געשיקט געוואָרן צו אים אַ שאלה וועגן אַ היתר עגונה. די שאלה איז שוין געהאַט אָנגעפרעגט געוואָרן צו אַסאַך אַנדערע רבנים און אַלע האָבן דאָס מתיר געווען. נאָכ'ן דורכלייענען די תשובות פון אַנדערע רבנים האָט דער חתם סופר געזאָגט: על פי דין קען איך נישט אָפּפרעגן די התירים. על פי הלכה איז עס ריכטיג. ס'איז אָבער ליבי אומר לי אַז דער מאַן לעבט נאָך.

די פרוי האָט זיך גערעכנט דערמיט און געוואַרט. ביז אַ קורצע צייט איז דער מאַן צוריקגעקומען.

אַן ענליכע מעשה און אַן אָפּענע רוח הקודש דערציילט זיין גרויסער שוואָער הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל.

מען האָט אַמאָל געשיקט דעם חתם סופר אַ שאלה פון אַ דין תורה וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַר'ן רב פון דער שטאָט פּילא. האָט דער חתם סופר געהייסן אויספאָרשן די עדים צי זיי זענען נישט קיין קרובים און דערפאַר פסול לעדות. אַזוי איז טאַקע געווען, כאָטש מ'האָט אים גאָרנישט געפרעגט אָדער געזאָגט וועגן די עדות. אָט איז דער לשון פון רבי עקיבא איגר:

"והנה כאשר נשאל חתני חביבי הגאון המפורסם רבי משה נ"י אבדק"ק פ"ב על זה, נתן דעתו לדון באם העדים הם קרובים, ודן להתיר. וראיתי כמה גדול כחן של צדיקים. כי חידוש היה שדן ללא נשאל. ואולם אחר שעמד הרב מפילא על החקירה נודע שבאמת העדים הם קרובים זה לזה, ורוח ה' דיבר בו". (שו"ת רעק"א, סי' קכ"ח).

## די הלכה איז אַנדערש אין לעמבערג ווי אין פּרעשבורג

הגאון הגדול דער טשעבינער רב זצ"ל האָט דערציילט וועגן אַן אינטערעסאַנטע דין תורה וואָס איז פאָרגעקומען אין לעמבערג בייים "בית יצחק", הגאון רבי יצחק שמעלקיש, ראב"ד לבוב/לעמבערג זצ"ל.

אַ איד האָט איינעם געגעבן אַ קאָנווערט מיט געלט עס איבערצופירן צו אַ צווייט פּלאַץ. דער שליח האָט געלייגט דעם קאָנווערט אין דער הונטערשטער הויזן קעשענע. אויפ'ן וועג האָט מען עס אים אַרויסגע'גנב'עט פון טאַש. זענען זיי געקומען צו דין תורה צום לעמבערגער בית דין בראש מיט'ן בית יצחק.

דער תובע, דער וואָס האָט געשיקט דאָס געלט, האָט גע'טענה'ט אַז דער שליח איז געווען אַ פושע פאַר'ן האַלטן דאָס געלט אין דער הונטערשטער קעשענע פון וואו מ'האָט עס אים אַרויסגע'גנב'עט.

האָט דער בית יצחק גע'פסק'עט אַז אַזוויי היינטיגע צייטן איז דער מנהג העולם צו האַלטן דאָס געלט אין דער הונטערשטער טאַש איז דאָס אַ שמירה מעולה כדנטרי אינשי, און דער שליח איז פטור פון באַצאָלן.

איינער פון די דיינים האָט קודם נישט מסכים געווען צו דעם פסק, דערציילנדיג אַז אין פּרעשבורג איז אַמאָל פאָרגעקומען די זעלבע דין תורה און דער חתם סופר האָט גע'פסק'עט אַז דער שליח איז אַ פושע און איז מחויב צו באַצאָלן.

האָט דער בית יצחק געזאָגט אַז ער ווייסט אויך פון יענעם פסק פון חתם סופר. דאָך האַלט ער זיך ביי זיין פסק אַז דער נתבע איז פטור פון באַצאָלן. פאַרוואָס?

ווייל אין פּרעשבורג אין די צייטן פון חתם סופר זענען די בעלי בתים געגאַנגען אָנגעטאָן אין קורצע רעקלעך. איז טאַקע געווען לייכט אַרויסצו'גנב'ען פון דער הונטערשטער טאַש. אין לעמבערג גייען אָבער אַלע אין לאַנגע רעקלעך. איז דער וואָס לייגט געלט אין דער הונטערשטער טאַש דערפאַר נישט קיין פושע, און איז פטור. (ס' שערי שלום להרב ש"ד ראַבינאָוויטש, י"ג ע' צ"ד, בשם הגאון מטשעבין זצ"ל).

## הגאון רבי חיים בריסקער האָט נישט געזאָגט קיין סברא וואָס שטימט נישט מיט'ן חתם סופר

דער בריסקער רב, הגאון רבי יצחק זאב סאָלאָווייטשיק זצ"ל, האָט געזאָגט אַז זיין פאָטער הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל האָט מקפיד געווען קיינמאָל נישט צו זאָגן קיין סברא אָדער אַ חידוש אויב שטימט עס נישט מיט'ן חתם סופר.

האָט מען אים אַמאָל געוויזן אויף אַ שטיקל אין חידושי רבינו חיים הלוי וואָס איז נישט אויסגעהאַלטן לויט אַ געוויסן אויפטו אין חידושי חתם סופר. האָט דער בריסקער רב געזאָגט אַז ס'איז אוממעגליך אַז אָט דער חלק פון חידושי החתם סופר איז שוין געווען געדרוקט בחייו פון זיין טאַטן. ווייל ווען יאָ וואָלט ער עס זיכער געזען און וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט אַנדערש.

אַזוי האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט. דער חידוש פון חתם סופר איז געדרוקט אין די "חידושי חתם סופר החדשים", וואָס איז נאָך נישט געווען געדרוקט בחייו פון רבי חיים בריסקער. (פניני רבינו הגרי"ז, להגרמ"מ שולזינגער, זכרון מאיר, תשנ"ב, עמוד כ"ו).

## כשגגה שיצא מלפני השליט

אין אונגאַרן איז געווען אַ דינאַסטיע פון רבנים מיט'ן נאָמען ליטש-ראָזענבוים. זיי זענען געווען אייניקלעך פון צוויי ברידער, הגאון רבי אברהם סג"ל ליטש ראָזענבוים זצ"ל מחבר ספר "בן אברהם", און הגאון רבי משה ארי' לייב סג"ל ליטש ראָזענבוים זצ"ל, מחבר ספר "מתא דירושלים" אויף ירושלמי סדר מועד, ביידע תלמידים פון חתם סופר.

די ברידער זענען געווען פּרעשבורגער געבוירענע. אַלס קינדער זענען זיי אַמאָל אָנוועזנד געווען ווען ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ חליצה אין פּרעשבורג. די צוויי קינדער האָבן זיך געשטופּט צו זען וויאַזוי דאָס ווערט געטאָן. האָט דער חתם סופר זיך אָנגערופן צו די וואָס זענען געשטאַנען אַרום: "לאָזט צו די צוויי דיינים'לעך, זאָלן זיי זען דעם סדר וויאַזוי מען מאַכט חליצה".

מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיי תולה געווען אין די ווערטער פון חתם סופר די סיבה פאַרוואָס זיי זענען קיינמאָל נישט געוואָרן קיין רבנים, טראָץ זייער גדלות בתורה. זיי זענען ביידע געוואָרן, און דאָס גאַנצע לעבן געבליבן, דיינים אין פּרעשבורג. זייערע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך זענען שוין געווען רבנים איבער גאַנץ אונגאַרן.

## הגאון רבי שלמה גאַנצפריד זצ"ל, דער בעל קיצור שולחן ערוך

ענליכעס זאָגט מען אויף הגה"צ רבי שלמה גאַנצפריד, דער בעל קיצור שולחן ערוך זצ"ל. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן שרייבט אים דער חתם סופר אין אַ תשובה (שו"ת חת"ס חיו"ד סימן רנ"ח): "שוכ"ט לידידי הרב המופלג בתורה הדיין המצויין כבוד מהו' שלמה גאַנצפריד נ"י יושב בשבת תחכמוני עדני העצני בק"ק אונגוואהר יע"א". ווען די תשובה איז געשריבן געוואָרן, כ"ז תשרי שנת תקצ"ד, איז רבי שלמה גאַנצפריד נאָך נישט געווען קיין דיין. אַלס יונגערמאַן האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען קיין דיינות אָדער רבנות פּאָסטן. ער איז געוואָרן אַ ווייַן סוחר. זאָגט אָבער

די וועלט אַז אַזוויי דער חתם סופר האָט אויף אים געשריבן "דיין" איז ער שפּעטער געוואָרן אַ דיין, און דאָס גאַנצע לעבן איז ער געבליבן אַ דיין און נישט געוואָרן קיין רב.

מעגליך אַז ווען ער וואָלט געוואָרן אַ רב וואָלט ער געווען אַזוי פּאַרנומען מיט נאָך מער טירדות אַז ער וואָלט נישט געהאַט די מעגליכקייט מזכה צו זיין די וועלט מיט זיינע ספרים. רבי שלמה גאַנצפריד'ס ספרים זענען געוואָרן נכסי צאן ברזל פון אידישן פאָלק, ובפרט זיין ספר "קיצור שולחן ערוך", וואָס נאָך בחייו איז דאָס געוואָרן דאָס סאַמע מערסטע איבערגעדרוקט ספר אין דער אידישער געשיכטע.

## דער חתם סופר: נישט געבן קיין קבלה פאַר אַ סופר סיידן ער איז בקי אין רבי שלמה גאַנצפריד'ס ספר "קסת הסופר"

רבי שלמה גאַנצפריד איז געבוירן אין שנת תקס"ד אין אונגוואַר צו זיין טאַטן הג"ר יוסף גאַנצפריד, אַ דיין ומו"צ. ביי די אַכט יאָר איז ער פאַר'יתומ'ט געוואָרן פון זיין פאָטער. זיין רבי, הגאון רבי צבי הירש העליר, באַקאַנט אַלס רבי הירש חריף, בעמח"ס טיב גיטין אויף מסכת גיטין און שו"ת טוב גיטין אויף ארבע חלקי שולחן ערוך, האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און אים ערצויגן. (בזיווג שלישי האָט דער חתם סופר חתונה געהאַט צו דער אלמנה פון רבי הירש חריף).

אין דער ישיבה פון רבי הירש חריף האָט ער געלערנט בחברותא מיט'ן שפּעטערדיגן ליסקער רבי'ן, הגה"ק רבי צבי הירש פריעדמאַן, רבי הערשעלע ליסקער, דער בעל "אך פרי תבואה" זצ"ל.

טראָץ זיין גאונות און זיינע געוואַלדיגע כשרונות האָט רבי שלמה גאַנצפריד נאָך זיין חתונה נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות אָדער דיינות פאָסטן. ער האָט געוואָלט מקיים זיין דעם "אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות". איז ער געוואָרן אַ וויין סוחר, – הגם אויך אַלס וויין סוחר איז געווען לא פסיק פומיה מגירסא.

זייענדיג אַמאָל עטליכע טעג אין דעברעצין צוליב די וויין געשעפטן איז ער אַריין אין אַ ספרים געשעפט וואו ס'איז אים געקומען אונטער די הענט דער ספר "בני יונה", אויף דיני כתיבת ספר תורה, פון הגאון רבי יונה לאַנדסופר, בעל מחבר ספר "מעיל צדקה". רבי שלמה גאַנצפריד האָט געזען דערין אַ סימן פון הימל ער זאָל זיך אַריינלייגן אין די הלכות פון כתיבת סת"ם, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט מבורר געוואָרן אויף אַ גענוג גרונטליך און קלאָרן אופן.

אין עלטער פון דרייסיג יאָר האָט רבי שלמה גאַנצפריד מחבר געווען זיין ספר "קסת סופר", וואָס נעמט אַרום אַלע דינים פון הלכות כתיבת סת"ם ומגילת אסתר.

ווען דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אין שנת תקצ"ד איז דער חתם סופר געוואָרן אַזוי באַאיינדרוקט דערפון אַז ער האָט געשריבן אַז מהיום והלאה פאַרלאַנגט ער פון זיינע תלמידים נישט צו געבן קיין קבלת רשות צו ווערן אַ סופר סיידן דער סופר איז בקי אין דעם ספר "קסת סופר".

איידער ער האָט געגעבן דעם ספר צום דרוק האָט רבי שלמה גאַנצפריד געשיקט די גליונות צום חתם סופר בעטנדיג אַן הסכמה. דא האָט אים ערוואַרטעט אַן איבערראַשונג וואָס ווייניג מחברים האָבן זוכה געווען דערצו: דער חתם סופר איז דורך איבער יעדן סעיף פונעם ספר און האָט אין דער זייט צוגעשריבן זיינע הגהות. ער האָט דאַן געשריבן אַ בריוו צום מחבר און אים געזאָגט אַז ער ערלויבט אים דאָס צו דרוקן אַלס אַן הסכמה.

די הערות פון חתם סופר האָט רבי שלמה גאַנצפריד געדרוקט אויף דער זייט און אונטן פון יעדן עמוד, אונטער'ן קעפּל: "מהגאון מהרמ"ס". (בחייו האָט מען דעם חתם סופר גערופן הגאון רבי משה סופר אָדער דער פרעשבורגער רב. דעם נאָמען חתם סופר האָט ער געקראָגן נאָך לאחר פטירתו ווען אַ באַנד פון שאלות ותשובות חתם סופר איז געדרוקט געוואָרן)

אין זיין בריוו/הסכמה אויף דעם ספר שרייבט דער חתם סופר: "עיינתי בו ועברתי בין בתריו מרישא לסיפא והנה, כלך יפה רעיתי מום אין בך. מכוון להלכה על דרך האמת, ואמרתי מי יתן ה' ויבצע מעשהו, אז אני פוקד על כל תלמידי המחויבים לשמוע בקולי שמיום הדפסת הספר 'קסת סופר' הלז, מכאן ואילך לא יתנו רשות וכתב קבלה לשום סופר, כי אם שיהא בקי בספר הזה ורגיל על לשונו כדרך השוחטים שנוטלים קבלה, וכמ"ש הט"ז סימן א' סק"ה, כך ינהגו עם הסופרים, וסופר שאינו בקי בספר הזה יופסל מאומנתו".

זיין גדלות האָט דער חתם סופר אַנערקענט נאָך יאָרן פריער. ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן און האָט עוסק געווען במסחר שרייבט צו אים דער חתם סופר אין שנת תקפ"ח: "שלום וכ"ט להה"ה הרבני המופלג והמופלא עושה פלא צדיק ונשגב כש"ת מה"ו שלמה נ"י גאַנץ פריד". (שו"ת חת"ס חלק ב' יו"ד סימן קלז).

דאָס צווייטע ספר וואָס רבי שלמה גאַנצפריד האָט מחבר געווען איז געווען אַ פירוש נפלא אויף די תפילות, ווי אויך אַ פירוש אויפ'ן סידור דרך החיים פון הגאון רבי יעקב מליסא. דעם ספר האָט ער געדרוקט אין שנת תקצ"ח.

מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט ער ל"ע פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן אין אַן עסק ביש. האָט ער מסכים געווען צו ווערן דער אב"ד אין דער שטאָט ברעזאָוויץ. דאָרט האָט ער אין שנת תר"ו מחבר געווען אַ ספר "פני שלמה" אויף מסכת בבא בתרא.

שנת תר"ח האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ספר "תורת הזבח" אויף הלכות שחיטה, כיסוי הדם, טריפות הריאה וניקור. דער ספר האָט צווישן אַנדערע די הסכמות פון הגאון רבי שלמה קלוגער, פון הייליגן דברי חיים און פון הגאון רבי מאיר א"ש. דער ספר, אַזוי ווי אַלע זיינע ספרים, איז מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און ווערט באַטראַכט ווי אַ ספר יסוד צווישן שוחטים ובודקים.

שנת תר"י איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס ראש בית דין פון זיין געבורטס-שטאָט אונגוואַר, אַ פּאָסטן וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן.

אין שנת תרכ"א האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ספר "לחם ושמלה" אויף הלכות טהרה, טבילה ומקוואות. אויך דער ספר האָט די הסכמה פון דברי חיים.

## דער ספר "קיצור שולחן ערוך"

דער קרוין, דער גולת הכותרת, פון זיינע ספרים איז אָבער זיין ספר "קיצור שולחן ערוך". די ערשטע אויסגאַבע איז ערשינען אין אונגוואַר אין שנת תרכ"ד. ס'איז געווען די ערשטע אויסגאַבע – די ערשטע פאַר הונדערטער אַנדערע. זינט דאַן איז דער "קיצור שולחן ערוך" ערשינען אין הונדערטער אויסגאַבעס, אין מער קאָפּיעס און עקזעמפּלאַרן ווי סיי וועלכער ספר פאַר אים, און מעגליך אויך נאָך אים.

אין צוגאָב צו זיין גאונות און צדקות האָט רבי שלמה גאַנצפריד פאַרמאָגט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו שרייבן אין אַ קורצער, לייכטער און פליסנדער שפּראַך. אין קיצור שולחן ערוך האָט ער אין איין ספר



במקהלים אברך ה'.
שהחיינו וקימני והגיעני לזמן הזה לגמור בדפוס ספרי קיצור שלחן ערוך, קובץ מכל ארבעה חלקי ש"ע אויח יו"ד אהיע וחה"מ, את הדינים הנצרכים ומוכרחים לכל איש ישראלי לדעת אותם, כתובים בלשון קל ומסודרים בסדר נכון, והוא חיבור טוב ומועיל בעו"ה לבעלי עסקים, אשר לא יתנם הזמן לעסוק בעיון בש"ע ומפרשיהם ימצאו בו מבוקשם בנקל, וכן לחנך בו נערים לשתול בלבביהם מצוות ה' בנירסא דינקותא וגם בזקנותם לא יסורו. מחיר ס' א' שמונים צל אעסר"ו. והקונה למכור ישיג הוספה א' לעשרה וט"ו למאה.
אונגוואר י"ג ניסן תרכ"ד לפ"ק.
שלמה גאנצפריד.

מודעה פון הגאון רבי שלמה גאנצפריד ווען דער קיצור שולחן ערוך איז דאס ערשטע מאל ארויס פון דרוק שנת תרכ"ד



אודה ה' בכל לבב כי עזרני ברחמיו להפיץ ספרי קיצור שלחן ערוך על פני תבל ויתנהו לחן בעיני ישרי לבב עד כי בזמן קצר נמכרו ואין עוד אתי אך מעט. ובדעתי אם יוסיף ה' חסדו עלי להעלותו שנית בדפוס עם קצת תקונים. והנה כבר מלתי אמורה עם הספר הנ"ל בסופו בבקשה מאת אלופינו בתורה, מי האיש אשר יראה בעיניו להוסיף או לתקן בו איזה דבר יודיעני בטובו ועתה בהיות קרובה העת בעז"ה אכפיל בקשתי. ומי שחותמו אמת ינהגו בדרך האמת.
ואל סוחרי הספרים אשים דברתי מי אשר יחפוץ לקנות איזה סך יודיעני בקרוב טרם אתחיל בהדפסה, ואוכל ליתנם לו במקח השוה כמובן — . אונגוואר יום ג' לסדר במדבר תרכ"ה לפ"ק
שלמה גאנצפריד

מודעה פון סיון תרכ"ה נאכדעם וואס דער קיצור שולחן ערוך איז אין איין יאר געווארן אויספארקויפט און רבי שלמה גאנצפריד האט געגרייט צום דרוק די צווייטע מהדורה



אל תשכן באהליך עולה! בשבטי ישראל אודיע כי ספרי „קיצור שלחן ערוך" אשר ר' נתנאל דוד זיסבערג הדפיסו בווארשויא, הדפיסו שלא ברשותי! והאיסור הן מצד דתוה"ק הן מצד דינא דמלכותא ידוע לכל, והוא רובץ גם על הקונים ועל כל המסייעים.
גם זאת אודיע כי ר' יעקב עהרענפריים בלבוב העתיק ספרי הנ"ל לעברי דייטש והדפיסו שמה (ג"כ שלא ברשותי) וקלקלו בשיבושים הרבה מאד, תלה בי בוקי סריקי ונתן מכשול גדול לפני המון עם ה'! לזאת אבקש מאת כל מרא דאתרא להזהיר את עם ה' לבלתי יביאוהו אל תוך בתיהם שלא יכשלו בו ח"ו.
אונגוואר, בחדש אייר תרל"ג. שלמה גאנצפריד.
(אב"ד רפה)

"אל תשכן באהלך עולה", די צייטונגס מודעה פון רבי שלמה גאנצפריד קעגן די וואס האבן געדרוקט דעם קיצור שולחן ערוך אן רשות

קאָנדענסירט, פון אַלע ד' חלקי שולחן ערוך, דעם תמצית פון די הלכות וואָס יעדער איד דאַרף וויסן יעדן טאָג און אַ גאַנץ יאָר. דעם חיוב אָדער איסור פון יעדן דין, אָן צו ברענגען די פאַרשידענע דעות, מחלוקת הפוסקים אָדער טעמים און נימוקים.

גלייך ביים אַרויסקומען פון דרוק האָט דער ספר געהאַט אומגעהויערע הצלחה. אַלע עקזעמפּלאַרן זענען צעכאַפּט געוואָרן. אַלע זענען גלייך פאַרקויפט געוואָרן. אין אַסאַך קהילות און שטעט האָבן זיך באַלד פאַרמירט "חבורות" פון שיעורים אין קיצור שולחן ערוך.

ביז אַ יאָר האָט דער מחבר געפונען פאַר נויטיג צו דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע, אַ צווייטע מהדורה. אין לעמבערג איז דאַן ערשינען אַ צייטונג "המבשר" וואו רבי שלמה גאַנצפריד האָט סיון שנת תרכ"ה אַריינגעשטעלט די פאָלגנדע מודעה:

"אודה ה' בכל לבב כי עזרני ברחמיו להפיץ ספרי קיצור שולחן ערוך על פני תבל, ויתנהו לחן בעיני ישרי לבב, עד כי בזמן קצר נמכרו, ואין עוד איתי אך מעט, ובדעתי אם יוסיף ה' חסדו עלי להעלותו שנית בדפוס עם קצת תיקונים, והנה מילתי אמורה עם הספר הנ"ל בסופו, בבקשה מאת אלופינו בתורה, מי האיש אשר יראה בעיניו להוסיף או לתקן בו איזה דבר יודיעני בטובו, ומי שחותמו אמת ינהגו בדרך אמת..."

לויט ווי עס ווערט געבראַכט זענען בחייו פון מחבר געדרוקט געוואָרן 14 מהדורות. לעצטנס איז אָבער אויפגעוויזן געוואָרן אַז פאַקטיש, ווי מ'זעט היינט פון די יאָרן אויף פאַרשידענע מהדורות פון פאַרשידענע שטעט, זענען בחייו געדרוקט געוואָרן פיל מער אויפלאַגעס. דער פשט פון 14 מהדורות בחייו מוז זיין אַז אַזויפיל מהדורות האָט דער מחבר געדרוקט יעדעס מאָל מיט נייע תיקונים, שינויים און הוספות.

נאָך אַ הסבר מוז זיין: דער ספר האָט געהאַט אַזאַ אויסערגעוויינליכע הצלחה אַז פאַרשוינען, שווינדלער אין פאַרשידענע שטעט, האָבן איבערגעדרוקט דעם ספר אָן רשות פון מחבר און עס אַליין פאַרקויפט. געווען מערערע אַזעלכע אויפלאַגעס, געדרוקט בגניבה, אָן רשות.

אין שנת תרל"ג האָט רבי שלמה גאַנצפריד פאַרעפנטליכט אַ צייטונגס מודעה אונטער'ן קעפל: "אל תשכן באהליך עוולה". אין דער מודעה דערמאַנט ער צוויי אַזעלכע אויפלאַגעס, מיט גענויע איינצלהייטן, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אָן זיין ערלויבעניש. איינס אין וואַרשע, און אַ צווייטע, נאָך ערגער, איבערגעזעצט צו עברי טייטש אָבער פול מיט גרייזן, וואָס קען פירן צו אַסאַך מכשולות. ער בעט פון אַלע רבנים היושבים על מדין צו וואָרענען דעם ציבור דאָס נישט אַריינצונעמען אין שטוב און נישט קומען צו קיין מכשולות.

אינטערעסאַנט: ביבליאָגראַפן און די וואָס האַנדלען מיט אַנטיק ספרים זאָגן, אַז פון ערשטן דרוק, פון דער ערשטער מהדורה פון קיצור שולחן ערוך וואָס דער מחבר האָט געדרוקט אין אונגוואַר אין שנת תרכ"ד, זענען היינט פאַראַן בלויז געציילטע עקזעמפּלאַרן. דאָס זעלבע מיט אַלע אַנדערע מהדורות וואָס רבי שלמה גאַנצפריד האָט געדרוקט בחייו. פון יעדע איינע זענען געבליבן ממש געציילטע. דאָס איז אַ פאַרשטענדליכע ערשיינונג. דער קיצור שולחן ערוך איז גאָר אַסאַך גענוצט און אָפּגענוצט געוואָרן. די קוואַליטעט פון דער פּאַפּיר איז געווען גאָר שוואַך, אַזוי אַז די פּאַפּיר איז געוואָרן אָפּגעוועלקט און זיך צעגאַנגען. זענען בלויז אַ קליינע צאָל געבליבן פּרעזערווירט. אַ קליינע צאָל איז אָבער יאָ געבליבן פון יעדער מהדורה. אַ פלא איז אַז די צווייטע מהדורות וואָס רבי שלמה גאַנצפריד דערמאַנט אין זיין מודעה אַז זיי זענען געוואָרן געדרוקט אָן זיין ערלויבעניש, פון די צוויי מהדורות איז נישט געבליבן קיין איין איינציגער עקזעמפּלאַר. רצון יראיו יעשה!

צענדליגער מחברים האָבן געמאַכט חיבורים אָדער געדרוקט הערות אויפ'ן קיצור שולחן ערוך. שוין בחייו זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע

ספרים. דער ערשטער און באַקאַנטסטער אַזאַ חיבור איז דער ספר "מסגרת השולחן", פון רבי חיים ישעי' הכהן האַלבערסבערג.

די ערשטע אויפלאַגע פון מסגרת השולחן איז געווען מראה מקומות צו די דינים אין קיצור שולחן ערוך און ביאורים אויף די הלכות. די צווייטע מהדורה איז נאָך ברייטער – דערצו איינגעטיילט לויט די פרשיות השבוע – און ברענגט אויך דעות פון אחרונים וואָס פסק'ענען אַנדערש ווי דער קיצור שולחן ערוך.

רבי חיים ישעי' הכהן האָט שפּעטער געברענגט זיין "מסגרת השולחן" צו רבי שלמה גאַנצפריד אים געבעטן אַן הסכמה און אויך געבעטן ערלויבעניש עס צו דרוקן צוזאַמען מיט'ן קיצור שולחן ערוך. רבי שלמה גאַנצפריד האָט אים געגעבן אַן הסכמה, אָבער נישט געגעבן קיין ערלויבעניש עס צו דרוקן צוזאַמען מיט'ן קיצור שולחן ערוך.

אין זיין הסכמה שרייבט רבי שלמה גאַנצפריד: "עיינתי בקונטרסים אשר שלח לי כבוד תורתו, והנה ראיתי כי רב גובריה, אך את אשר עלה בדעתו להדפיסו אצל ספרי קיצור שולחן ערוך לא ניחא לי מכמה טעמים. אם יש את נפשו הטובה להדפיס חיבור בפני עצמו יהיה ה' עמו, יגדיל תורה ויאדיר, וגם אנכי בלי נדר אקחהו בכסף ישית עלי".



הגאון רבי שלמה גאַנצפריד זצ"ל, דער בעל קיצור שולחן ערוך

דער מסגרת השולחן איז טאַקע געדרוקט געוואָרן מערערע מאָל בחייו פון רבי שלמה גאַנצפריד אַלס אַ באַזונדערער חיבור פאַר זיך.

אַרום צוויי יאָר נאָך דער פטירה פון רבי שלמה גאַנצפריד איז אָבער געדרוקט געוואָרן אַ קיצור שולחן ערוך מיט דעם מסגרת השולחן אַרום יעדן בלאַט. אָנהויב ספר איז געדרוקט די הסכמה וואָס רבי שלמה גאַנצפריד האָט געגעבן פאַר'ן מסגרת השולחן. בלויז איין זאַץ פעלט פון דער הסכמה: דער זאַץ וואו ער שרייבט אַז ער וויל נישט מען זאָל עס דרוקן מיט'ן קיצור שולחן ערוך.

די אויסגאַבע האָט הסכמות פון מערערע רבנים. אין זייערע הסכמות זענען די רבנים דן פאַרוואָס רבי שלמה גאַנצפריד האָט טאַקע נישט ערלויבט צו דרוקן דעם מסגרת השולחן צוזאַמען מיט'ן קיצור שולחן ערוך. נאָכ'ן מפלפל זיין זיך איבער דעם ענין קומען זיי אַלע צו דער מסקנא אַז לאחר פטירתו איז שוין נישטאָ קיין שום מניעה צו דרוקן דעם מסגרת השולחן אַרום דעם קיצור שולחן ערוך.

די משפחה האָט אָבער נישט אַזוי געהאַלטן. רבי יחזקאל בינעט, אַן אייניקל פון רבי שלמה גאַנצפריד, האָט געשריבן גאַר אַ שאַרפן בריוו קעגן דעם וואָס דער מסגרת השולחן איז געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט'ן קיצור שולחן ערוך, קעגן דעם רצון פון מחבר פון קיצור שולחן ערוך.

אין לויף פון די יאָרן פלעגט מען קומען צו רבי שלמה גאַנצפריד מיט פאַרשידענע הצעות וויאַזוי אויסצוברייטערן, מער אויסרעדן און אַרומרעדן פאַרשידענע הלכות אין קיצור שולחן ערוך. האָט רבי שלמה גאַנצפריד זיי געענטפערט: דוד המלך זאָגט אין תהלים "תערוך לפני שולחן", נישט "תאריך לפני שולחן".

דאָס איז טאַקע איינס פון די טעמים פאַרוואָס ער האָט נישט ערלויבט פאַר'ן מסגרת השולחן צו דרוקן זיין ביאור און זיין חיבור אַרום דעם קיצור שולחן ערוך. ער האָט געוואָלט זיין חיבור זאָל בלייבן אַ קיצור, און נישט קיין אריכות. נאָך אַ סיבה איז געווען ווייל ער האָט נישט געוואָלט ס'זאָל הייסן אַז ער נעמט אחריות אויף אַלץ וואָס דער מסגרת השולחן שרייבט.

צענדליגער חיבורים זענען שוין געמאַכט אויפ'ן קיצור שולחן ערוך. אין שנת תרצ"ב איז אין לאָדזש ערשינען אַ "קיצור שולחן ערוך השלם", מיט הוספות, ווי אויך אַ פירוש אַרום וואָס הייסט "ערוך השולחן", און אַ פירוש וואָס הייסט "אבני נזר". אויפ'ן שער שטייט: "הוא מלוקט מכל האחרונים שבאחרונים שאנו נמשכים אחריהם, דהיינו האדמו"ר מסאָכאַטשאָוו בעל אבני נזר, ומהגאון רבי ישראל מאיר הכהן בעל משנה ברורה ... וכל איש ואיש אשר ילמד בזה הקיצור שולחן ערוך ימצא בו כשולחן ערוך, ולא יצטרך לחפש בפוסקים הקודמים".

דער מחבר פון דעם ספר האָט געוואָלט בלייבן אַנאָנים. ער שרייבט נישט זיין נאָמען. דער ספר האָט די הסכמות פון הגה"ק רבי מרדכי רוקח, דער בילגורייער רב זצ"ל, און הגאון רבי צבי יחזקאל מיכלזאָהן זצ"ל. ביידע שרייבן אַז דער מחבר איז אַ איד אַ תלמיד חכם וירא שמים, אַן איינוואוינער פון בילגוריי וואָס וויל בלייבן בעילום שם. פאַראַן פאַרשידענע השערות ווער דער מחבר איז. דאָס איז אָבער קיינמאָל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן עד היום.

צווישן די פילע ספרים וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויפ'ן קיצור שולחן ערוך זענען טייל געמאַכט געוואָרן בלויז אויף געוויסע הלכות. דער וויכטיגסטער צווישן זיי איז דער ספר "מנחת שבת", אויף הלכות שבת, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין שנת תר"ס. מיט דריי יאָר שפּעטער, שנת תרס"ג, האָט ער געדרוקט אַ חיבור "מנחת יום טוב", אויף הלכות יום טוב און חול המועד. דער מחבר איז געווען רבי שמואל ישראל הכהן בורשטיין, רב אין דער שטאָט שיטאָוויע. די חיבורים האָבן געקראָגן די הסכמות פון דעם מהרש"ם מבערזשאַן, רבי חיים חזקיה מדיני דער בעל שדי חמד, רבי שלמה הכהן פון ווילנע, און די אדמורי"ם פון טשאָרטקאָוו, באָיאַן, ראַכמיסטריווקע, שטעפּאַנעשט, סאַדיגורא, און נאָך.

אויך נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה זענען געדרוקט געוואָרן מערערע מהדורות קיצור שולחן ערוך מיט ספּעציעלע הוספות. אַזוי למשל איז געדרוקט געוואָרן אַ קיצור שולחן ערוך מיט אַ קיצור מצוות התליות בארץ למרן החזון איש, וואָס זענען ספּעציעל געשריבן געוואָרן אַלס אַן הוספה צום סוף פונעם קיצור שולחן ערוך.

אויך זענען געדרוקט געוואָרן מהדורות פון קיצור שולחן ערוך עם פסקי המשנה ברורה. אין ארץ ישראל זענען צווישן אַנדערן געדרוקט געוואָרן מהדורות קיצור שולחן ערוך מיט די פסקים פון כף החיים; פון בן איש חי; לויט די מנהגים פון פאַרשידענע עדות, אשכנזים און ספרדים. איין מהדורה איז געוואָרן געדרוקט ספּעציעל פאַר תלמוד תורה'ס אָן די הלכות וואָס זענען נישט שייך פאַר תשב"ר.

בקיצור: דער קיצור שולחן ערוך איז שוין געדרוקט געוואָרן הונדערטער מאָל. אין שנת תרס"ט האָט עקזיסטירט אַ רשימה פון פינף הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן וואָס זענען ביז דאַן געדרוקט געוואָרן. מיט אַרום דרייסיג יאָר שפּעטער איז געשאַצט געוואָרן אַז די צאָל האַלט ביי איבער אַ מיליאָן. היינט, תשפ"ה, האַלטן ביבליאָגראַפן אַז זינט רבי שלמה גאַנצפריד האָט געדרוקט די ערשטע מהדורה ביז איצט זענען שוין געדרוקט געוואָרן אַרום דריי מיליאָן קאָפּיעס פונעם קיצור שולחן ערוך.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר

## חנוכה

**דער חידוש פון חתם סופר וועגן צינדן אין שול מיט'ן רוקן צו דרום און פנים צו צפון** – פאַרוואָס האָט די וועלט נישט אָנגענומען אָט דעם מנהג פון חתם סופר **– נישט געשריבן "ר"ח טבת" נאָר "ר"ח חנוכה"** – די אידישע ימים טובים וואָס פאַלן אויס אין די טעג פון להבדיל די גוי'אישע חגאות **– דעם חתם סופר'ס מנורה** – פאַרפאַסט אַ ניגון אויף מזמור שיר חנוכת **– זיין דריידל וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינט**



[פאָרזעצונג פון פריער]

# דער חידוש פון חתם סופר: שטיין צווישן דער דרום וואַנט און די מנורה ביים צינדן אין שול

דער מנהג פון צינדן חנוכה אַ מנורה אין שול ווערט נאָך געברענגט אין די ראשונים. אַזיווי היינט צינדט מען דאָך אינדערהיים אין שטוב, נישט אויף דער גאַס, זאָל קהל אויך צינדן איין מנורה אין שול וואו עס איז מער פרסומי ניסא.

אַזוי שרייבט אויך דער מחבר אין שולחן ערוך: "ומדליקין ומברכין בבית הכנסת משום פרסומי ניסא" (סימן תרע"א סעיף ז').

(אין די ראשונים זענען פאַראַן נאָך טעמים, ווי "להוציא מי שאינו בקי", אָדער מוציא זיין די היימלאָזע וואָס האָבן נישט קיין שטוב אָדער קיין מנורה, וכדומה).

דער ספר "המנהיג", פון די ראשונים, שרייבט אין הלכות חנוכה אַז אַזוי ווי נס חנוכה איז פאָרגעקומען אין בית המקדש צינדט מען אויך אין שול, ווייל אַ שול איז אַ מקדש מעט. דאָס זעלבע שרייבט אויך דער "כל בו".

לגבי וואו אין שול צו לייגן די מנורה זענען אַמאָל געווען פאַרשידענע מנהגים. בדרך כלל איז אָבער אָנגענומען צו צינדן אויף דרום זייט ווייל אין בית המקדש איז די מנורה געווען אויף דרום. אַזוי זאָגט אויך דער מחבר אין תרע"א סעיף ז': "ובבית הכנסת מניחו בכותל דרום". דער רמ"א לייגט צו: "כנרות המנורה, ומסדרן ממזרח למערב". וואָס מיינט אַז די מנורה דאַרף זיין מיט'ן פנים צו דער דרום וואַנט, אַזוי אַז די ליכט זענען פון מזרח צו מערב.

שטעלט זיך די פראַגע: וואו דאַרף שטיין דער מדליק, דער וואָס צינדט די מנורה? לכאורה וואָלט מען געזאָגט, און אַזוי פירט זיך די וועלט, אַז די מנורה דאַרף זיין ביי דער וואַנט און דער וואָס צינדט זאָל שטיין מיט'ן פנים צו דער מנורה, מיט'ן פנים צו דרום. טוט אָבער אויף דער חתם סופר אַן אינטערעסאַנטן חידוש.

דער חתם סופר זאָגט אַז די מנורה זאָל נישט זיין ממש ביי דער וואַנט, נאָר עטוואָס אָפּגערוקט פון דער וואַנט און דער וואָס צינדט זאָל שטיין צווישן דער וואַנט און די מנורה, מיט'ן פנים צו צפון. אַזוי הויבט ער אָן צינדן די ערשטע נאַכט ביים רעכטן לעמפּל וואָס איז נאָענטער צום ארון הקודש.

אָט איז דער לשון פון חתם סופר:

"בכל קהילות שעברתי, שהיה יסודתם בהררי קודש על ידי גאוני קדמאי, ראיתי שמנורות בית הכנסת שלהם וכו' והמנורה עומדת בדרום בית הכנסת, והמדליק עומד אחוריו לדרום ופניו לצפון, ומתחיל מימינו שהוא הנר הסמוך לארון הקודש, ושוב מוסיף והולך ומתחיל מהשמאלי ופונה לימינו. משא"כ אי היה עומד על המדרגה שעולים לארון הקודש ומדליק ופניו לדרום ואחוריו לצפון, והיה מתחיל בימינו, הא הנר הראשון אותו שרחוק מארון הקודש, ולא היה מגיע להסמוך לארון הקודש אלא ביום השמיני ומצינו קפידא לזה במקדש וכו' על כן אין לשנות ממנהגינו שיעמידו המנורה פני הנרות לכותל דרום, והמדליק פניו לצפון ואחוריו לדרום ומדליק. והנלע"ד כתבתי, וה' יאיר עינינו וישמחנו בשמן ששון בב"א. הכ"ד החותם בכל חותמי ברכות, פ"ב יום ד' ר"ח חנוכה תקפ"ח לפ"ק, משה"ק סופר מפפ"ד". (שו"ת חת"ס או"ח סי' קפו).

באמת שרייבט דאָס שוין אַ פריערדיגער. דער מהר"י ברונא. – דער מהר"י ברונא זאָגט אַז אַזוי ווי אין בית המקדש איז די מנורה געווען אָפּגערוקט פון דער דרום וואַנט צוויי און אַ האַלב אמות (זע יומא לג ע"ב) און דער כהן איז געשטאַנען צווישן די וואַנט און די מנורה און געצינדן מיט'ן פנים צו צפון זאָל מען חנוכה אין שול אויך אַזוי צינדן. פון דעם מהר"י ברונא נעמט זיך וואַרשיינליך דער מנהג וואָס דער חתם סופר שרייבט אַז ער האָט אַזוי געזען אין די קהילות וואו ער איז אַלץ געווען. דער חתם סופר ברענגט נישט דעם מהר"י ברונא. ער האָט עס וואַרשיינליך נישט געזען. דער חתם סופר זאָגט אויך אַן אַנדערן טעם ווי דער מהר"י ברונא. דער חתם סופר זאָגט אַז דאָס איז כדי אָנצוהויבן צינדן מיט דער ליכט וואָס איז נאָענטער צום ארון הקודש.

דער משנה ברורה דאָרט אין סימן תרע"א (משנ"ב ס"ק מ"ג) ברענגט דעם חתם סופר: "והמדליק עומד אחוריו לדרום ופניו לצפון, ומתחיל מימינו, שהוא הנר הסמוך לארון הקודש, ושוב מוסיף והולך ומתחיל מהשמאלי ופונה לימין, – תשובת חת"ס סימן קפו".

די וועלט פירט זיך אָבער למעשה נישט אַזוי. די וועלט פירט זיך אַז דער שמש אָדער בעל תפילה וואָס צינדט די מנורה אין שול שטייט מיט'ן פנים צו דרום.

שרייבט הגאון רבי בצלאל שטערן זצ"ל אין שו"ת בצל החכמה (ח"ב סי' נ), אַז אין די צייטן פון חתם סופר איז געווען דער מנהג ביים צינדן אין שול אַז די מנורה איז געווען נעבן ארון הקודש. דערפאַר האָט דער חתם סופר מקפיד געווען אַז די ערשטע ליכט זאָל זיין די וואָס איז נאָענטער צום ארון הקודש. היינט אָבער אַז מען צינדט ביי דער וואַנט און די מנורה איז ווייט פון ארון הקודש איז נישטאָ קיין קפידא און מען קען צינדן מיט'ן פנים צו דער דרום וואַנט און אָנהייבן ביי דעם לעמפּל וואָס איז צו מערב זייט.

דעם חתם סופר'ס אייניקל דער "שבט סופר" איז אָנגעפרעגט געוואָרן פון איינעם וואָס אין זיין שטאָט איז געווען דער מנהג ווי עס איז דער מנהג העולם: צו צינדן מיט'ן פנים צו דער דרום וואַנט. פרעגט דער שואל צי נאָכ'ן זען וואָס דער חתם סופר שרייבט וועגן צינדן מיט'ן פנים צו צפון, צי זיי זאָלן ענדערן זייער מנהג און טון אַזיווי דער חתם סופר שרייבט.

ענטפערט אים דער שבט סופר נישט צו ענדערן פון דעם מנהג וואָס איז איינגעפירט אין זייער שטאָט: "בכל זאת אם בקהלתו המנהג להיפך משנים קדמוניות, לא ישנה ... כי זה לפלא בעיני המון עם שחושבין שגופי תורה תלוי בזה, ויש לחוש לדברים כאלו הרבה כמובן, ונהרא ונהרא ופשטיה". (שו"ת שבט סופר סימן כד).

הגאון רבי ישראל וועלץ זצ"ל, אַליין אַ תלמיד פון שבט ספר, נאָכ'ן ברענגען די ווערטער פון שבט סופר, זאָגט אָבער אַז ס'איז יאָ כדאי צו ענדערן דעם מנהג און טון אַזוי ווי דער חתם סופר: "ואם כי עפר אני תחת כפות רגלי רבינו הגאון ז"ל (דער שבט סופר) מכל מקום נראה לדעתי הדל דאי מטעם זה לחוד אתינן עלה אין כדאי עוד לבטל מנהג ישר לכתחילה... וכאשר הוכיח בראיות מרן חתם סופר ז"ל, וכעת מצאנו לו חבר נאמן מהר"י ברונא ז"ל, ועפ"י שנים עדים יקום דבר. על כן הישר שהמדליק צריך להיות עומד אחוריו לדרום ופניו לצפון, ומתחיל מימינו שהוא הנר הסמוך לארון הקודש ומוסיף והולך וכו'. גם הגאון בעל החפץ חיים מביא תשובת חתם סופר להלכה... ואנו במדינות אשכנז תלמידים מתלמידי מרן חתם סופר ז"ל נמשכים אחר הוראתו בקדושה, בקדושת משה אמת ותורתו אמת, ומינה לא תזוע". (שו"ת דברי ישראל ח"א סימן ריא).

גדולי ישראל האָבן אָבער פאַרענטפערט דעם מנהג העולם, פאַרוואָס אפילו די וואָס פירן זיך געווענליך לויט די מנהגי החתם סופר, פאַרוואָס מיט דעם פירן זיי זיך נישט אַזוי, און צינדן נישט אין שול שטייענדיג מיט'ן פנים צו צפון.

אין אַלע גרויסע שולן בימיו פון חתם סופר, זאָגן זיי, איז אויף די שטיגן אַרויף צום ארון הקודש געווען געבויט אַן אימפּאָזאַנטע גרויסע מנורה. צוליב דער גרויס און דער שיינקייט פון דער מנורה האָט מען חנוכה אין

שול געצינדן אין אָט דער מנורה.

האָט דער חתם סופר דערפאַר געהאַלטן אַז מען מוז שטיין מיט'ן פנים צו צפון כדי די רעכטע זייט, פון וואו מען הויבט אָן צינדן די ערשטע נאַכט, זאָל זיין נעבן ארון הקודש. היינט אָבער ווען שולן און בתי מדרשים האָבן מער נישט קיין געבויטע מנורות אויף די שטיגן פון ארון הקודש און די מנורות אין וואָס מען צינדט געפינען זיך ביי דער וואַנט, ווייט פון ארון הקודש, איז מער נישטאָ קיין קפידא צו צינדן מיט'ן פנים צו צפון.

## פאַרוואָס האָט דער חתם סופר געשריבן "ראש חודש חנוכה" אַנשטאַט ראש חודש טבת?

די פריער דערמאַנטע תשובה, או"ח סימן קפו, וועגן דעם אופן פון צינדן די מנורה אין שול, ענדיגט דער חתם סופר מיט די ווערטער: "הכ"ד החותם בכל חותמי ברכות, פרעשבורג, יום ד' ר"ח חנוכה תקפ"ח לפ"ק, משה"ק סופר מפפד"מ".

וואָס מיינט דאָס "ר"ח חנוכה"?

מיר געפינען דאָס אין מערערע תשובות פון חתם סופר. תשובות וואָס ער האָט געשריבן ראש חודש טבת האָט ער נישט געוואָלט שרייבן טבת. פאַרוואָס נישט? ווייל פון ראש חודש טבת ביז עשרה בטבת זענען פאַרגעקומען מערערע צרות ל"ע ביים אידישן פאָלק. אַכט טאָג אין טבת שטייט אין שולחן ערוך (או"ח סימן תק"פ סעיף ב') נכתבה התורה יונית בימי תלמי המלך, והיה חושך בעולם שלשה ימים. עשרה בטבת וכו'. האָט דער חתם סופר נישט געשריבן ראש חודש "טבת" נאָר ראש חודש חנוכה, ווייל ר"ח טבת איז דאָך אום חנוכה.

אין צוגאָב צו דער דערמאָנטער תשובה אין או"ח סימן קפ"ו שרייבט ער ר"ח חנוכה אין די פאָלגנדע אַלע תשובות: יו"ד סימנים קמ"ח, רפ"ו, ש"ג, חו"מ סימן ע"ז, אבהע"ז ח"א סימן נ"ד, ח"ב סימן פ"ח, ח"ו סימן פ"ד, ח"ז סימן ס"ג, קובץ תשובות סימן מ"ז, ליקוטי תשובות סימן ל', תשובות החדשות סימן ב' ונ"א, דרשות ח"ג עמ' ק"ג.

אינטערעסאַנט איז אַז אין עטליכע געציילטע תשובות שרייבט ער יאָ ראש חודש טבת: או"ח סימן קמ"ז און סימן קפ"ז.

געוווען וואָס האָבן געוואָלט פאַרענטפערן די סתירה מיט אַ סברה אַז אין די תשובות וואָס ער האָט געשריבן בייטאָג האָט ער געשריבן טבת, צו געדענקען דעם חורבן הבית וואָס האָט זיך אָנגעהויבן עשרה בטבת. דאַקעגן די תשובות וואָס ער האָט געשריבן ביינאַכט, ווען ס'ברענען די נרות חנוכה, האָט ער נישט געוואָלט דערמאַנען





**כתי"ק פון חתם סופר אויף פרשיות וישב-מקץ שנת תקי"ף, וואס זענען נאך נישט געדרוקט** – יישר כח פאר הרה"ג ר' עמרם ווייס שליט"א פון מאנסי, אן אייניקל פון חתם סופר, פאר אונז צושטעלן די הייליגע כתבי ידות

חודש טבת. די סברא שטימט אָבער נישט. אין צוויי תשובות וואָס ער האָט געשריבן בייטאָג שרייבט ער ראש חודש חנוכה. אין דער תשובה אין יו"ד סימן ש"ג שרייבט ער זיך אונטער "פ"ב כאור יום ליום ה', א' דר"ח חנוכה תקצ"ח לפ"ק" און אין דער תשובה אין אבהע"ז ח"ב סימן פ"ח, שרייבט ער פ"ב כאור בקר ליום ה' אדר"ח וחנוכה תקצ"ד לפ"ק". (עקבי סופר בראשית רפ"ז).

## אידישע ימים טובים וואָס געפאַלן זה לעומת זה אין די דאַטומס פון להבדיל די גוי'אישע חגאות

דער חתם סופר ווייזט אָן אויף אַן אינטערעסאַנטע ערשיינונג: די טעג וואָס זענען טרויער טעג ביי אידן, ווי די ערשטע צען טעג פון חודש טבת, זענען טעג פון פריילעכע חגאות להבדיל ביי די קריסטן. דאַקעגן די טעג פון שמחה ביי אידן, ווי פון פורים ביז פסח, זענען טעג פון טרויעריגע חגאות ביי די גויים.

חודש טבת האָט נבוכדנצר אָנגעהויבן באַלאַגערן ירושלים. אַנדערע צרות פאַר'ן אידישן פאָלק, ווי דאָס איבערזעצן די תורה אויף גריכיש, ווען די וועלט איז דריי טעג געווען פינסטער, צי מיתת עזרא הסופר ט' טבת, זענען אַלע פאָרגעקומען אום חודש טבת. אין קעגנזאַץ פאַר די קריסטן להבדיל זענען די טעג זייערע קראַצמעך חגאות, ווען זיי פייערן דעם געבורט פון זייער אותו האיש און דעם אָנהויב פון זייער נייעם יאָר.

ווידער במשך פון די פריילעכסטע טעג ביי אידן, פון פורים ביז פסח, פאַלן אויס זייערע "לענט" און "איסטער" חגאות, ווען קרומע קריסטן פאַסטן אָדער עסן נישט קיין פלייש. זה לעומת זה. לאום מלאום יאמץ.

"בואו וראו דבר נפלא, כי בזה החודש, חודש טבת, אשר לקינו בו כפלי כפלים, בו התחילה מצור נבוכדנצר על עיר הקודש, וההתחלה הוא חצי הכל, וכתב הבית יוסף שאילו הי' אפשר שתחול עשרה בטבת בשבת היינו מתענים בו, ע"ש, בו ביום בשנה האחרת באתה השמועה לבני הגולה שנחרבה ירושלים והמקדש, ח' בטבת נכתבה התורה יונית והי' חושך ג' ימים בעולם, ט' בטבת מת עזרא הסופר, שהי' שקול כמשה רבינו עליו השלום, וא"כ החודש הזה הוא זמן אבלות לישראל, והנה הוא התחלת שמחתם, ושנה חדשה שלהם ולידת משיחם".

"והנה חדשי אדר וניסן הוא ימי שמחתינו וצמיחת מזלנו, והנה ביום ג' אחר מזל אדר מתחילים ימי עינוי שלהם לעולם, וממשיך עד ימי הפסח כידוע, ואעפ"י שהם לא כיוונו בזה לשום דבר מ"מ לא במקרה והזדמן נפל

זה, כי אם בכוונת מכוון כדכתיב (בראשית כ"ה כ"ג) ולאום מלאום יאמץ". (דרשות חת"ס ק"ג, ד"ה והנה).

## חנוכה זאָגט דער חתם סופר איז אַ שטיקל דאורייתא

דאָס באַשטימען אַ יום טוב חנוכה, זאָגט דער חתם סופר, איז מן התורה. ווי די גמרא זאָגט אין מגילה "ומה מעבדות לחירות אמרינן שירה ממיתה לחיים לא כל שכן", און אַ קל וחומר איז דאָך אַ דאורייתא. ס'הייסט, זאָגט דער חתם סופר, דאָס באַשטימען אַ יום טוב פון שבח והודאה איז אַ חיוב דאורייתא. בלויז לגבי וואָס צו טון חנוכה און פורים, צינדן חנוכה ליכט אָדער שיקן משלוח מנות, דאָס האָבן באַשטימט די רבנן.

מעגליך, זאָגט דער חתם סופר, אַז זאָגן הלל חנוכה און לייענען די מגילה פורים איז אויך אַ דאורייתא צוליב דעם קל וחומר פון פסח, מה דאָך מעבדות לחירות כל שכן ממוות לחיים. פונדעסטוועגן, זאָגט דער חתם סופר, איז עס נישט קיין באַזונדערע מצוה, נאָר אַ טייל פון דער מצוה פון ספור יציאת מצרים.

"ולפי עניות דעתי לפי זה, יום פורים וימי חנוכה דאורייתא הם. אך מה לעשות בהם, אם לשלוח מנות, או להדליק נרות, או זכר אחר, זהו דרבנן" (שו"ת יו"ד סי' רל"ג ד"ה אמנם וד"ה וכבר).

## דער פלאַם אין דער מנורה — אַ פייער פון הימל וואָס האָט זיך פאַרלאָשן דעם אַכטן טאָג

דער פייער אויפ'ן מזבח אין בית המקדש איז געווען אש שלמעלה וואָס פאַרלעשט זיך נישט (תוספות חגיגה כ"ז.). זאָגט דער חתם סופר אַז נאָכדעם וואָס די חשמונאים האָבן באַזיגט די יוונים איז אויך אויף דער מנורה אַראָפּגעקומען אַן אש שלמעלה וואָס האָט געמאַכט אַז די ליכט פון דער מנורה זאָלן ברענען גאַנצע אַכט טעג, וואָרום אַזאַ פייער פאַרלעשט זיך קיינמאָל נישט.

נאָך דעם אַכטן טאָג איז אָבער געשען אַ נס: דער נס איז געווען אַז דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן.

דעם אַכטן טאָג האָבן אידן שוין געמאַכט אייגענע אויל. האָט מען פון הימל נישט געוואָלט אידן זאָלן מיינען אַז זייער אייגענע געמאַכטע אויל איז מער נישט לרצון לפני אדון כל. איז געשען אַ נס און דאָס פייער, די אש שלמעלה, האָט זיך פאַרלאָשן און אידן האָבן געמוזט פריש צינדן מיט זייער אייגן געמאַכטן אויל.

דערמיט איז פאַרענטפערט דעם בית יוסף'ס קשיא. (חתם סופר השלם, שבת דף כ"ג.).

## דעם חתם סופר'ס מנורה

דער חתם סופר האָט געגעבן זילבערנע מטבעות פאַר אַ שמידט, אים געהייסן זיי צעשמעלצן, און געוויזן וויאַזוי צו מאַכן דערפון פאַר אים אַ מנורה. (הגאון רבי שמואל עהרנפעלד, מאַטערסדאָרפער רב זצ"ל).

ווען מ'האָט געפרעגט דעם מאַטערסדאָרפער רב וואָס ס'איז געווען דער באַדייט הונטער דעם חתם סופר'ס אָנווייזונגען פאַר דעם שמידט וויאַזוי צו מאַכן די מנורה, האָט ער געענטפערט אַז ס'איז געווען על פי קבלה.

די מנורה איז אַוועקגעקומען בעת דער צווייטער וועלט מלחמה. אין די



די צורה פון חתם סופר'ס מנורה. פון "סידור חתם סופר"

יאָרן פאַר דער מלחמה האָבן אָבער מערערע אייניקלעך פון חתם סופר נאָכגעמאַכט רעפּליקאַס פון דער מנורה, אַזוי אַז דער געשטאַלט פון דער מנורה איז פאַרבליבן. (ארחות הסופר, לאָנדאָן תש"ע, פרק ד, עמ' נג).

## אַליין פאַרפאַסט אַ ניגון אויף מזמור שיר חנוכת

נאָך הדלקת הנרות האָט ער געזונגען מעוז צור. אין "זכרון למשה" מכתב יא ווערט געברענגט, אַז הגאון רבי זאב נחום אב"ד ביאַלא, דער בעל "אגודת אזוב" זצ"ל, פאָטער פון אבני נזר, פלעגט זינגען דעם מעוז צור וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון אַ תלמיד פון חתם סופר.

אויף "מזמור שיר חנוכת הבית לדוד" האָט דער חתם סופר פאַרפאַסט אַן אייגענעם ניגון. די תלמידים פון חתם סופר זענען געשטאַנען אַרום און דאָס געזונגען מיט אַ געוואַלדיגער מתיקות און התלהבות. ("שמואל בדורו", פון הגאון רבי שמואל עהרנפעלד אב"ד מאַטערסדאָרף זצ"ל, פרק שמיני, עמ' רטו).

## געהאַט גאַנץ חנוכה אַ דריידל אויפ'ן טיש

הגאון רבי יצחק ווייס אב"ד ווערבוי זצ"ל הי"ד שרייבט וואָס ער האָט געהערט, אַז דער חתם סופר האָט מקיים געווען דעם מנהג ישראל און איין נאַכט חנוכה געגעבן אַ שפּיל מיט'ן דריידל. דער דריידל איז געווען פון זילבער. רבי יצחק ווייס שרייבט אַז ער האָט עס איינמאָל אַליין געזען. (אלף כתב חלק א' אות שמו עמ' קמה).

דעם דריידל האָט דער חתם סופר געהאַט גאַנץ חנוכה ביי זיך אויפ'ן טיש. ווען עמיצער איז געקומען צו אים האָט ער עס ווידעראַמאָל געגעבן אַ דריי. (חנוכת הסופרים תש"ע; מנהגים והליכות, עמ' קכג בשם סידור החתם סופר).

הגאון רבי חנוך העניך פּאַדווא בעל "חשב האפוד", גאב"ד לאָנדאָן זצ"ל, האָט דערציילט, אַז ווען ער איז אַמאָל חנוכה געווען ביים טשעבינער רב זצ"ל אין שטוב איז הגאון רבי עקיבא סופר גאב"ד פּרעשבורג זצ"ל געקומען צום טשעבינער רב און געברענגט מיט זיך דעם זילבערנעם דריידל וואָס האָט געהאַט באַלאַנגט צום חתם סופר. רבי עקיבא סופר האָט דאַן דערציילט אַז חנוכה האָט דער חתם סופר אָפט געהאַט דעם דריידל מיט זיך. ער האָט עס אפילו מיטגענומען אין בית דין שטיבל. (מנהגים והליכות עמ' קכב-קכ"ג; ארחות הסופר לאָנדאָן תש"ע עמ' נג).

דער דריידל עקזיסטירט נאָך עד היום. עס געפינט זיך ביי אייניקלעך פון חתם סופר וואָס האָבן עס געקראָגן בירושה פון הגאון רבי עקיבא סופר, דער בעל דעת סופר זצ"ל. (קובץ "אוצרות הסופר", קובץ ט', לאָנדאָן תשנ"ט, עמ' נא).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פה

# דער הייליגער חתם סופר



**רוח הקודש אין זיינע תשבות – די וואָרענונג אין זיין צוואה צו די משכילים און רעפאָרמער אין פרעשבורג: "והרוצה להרוס יֵהָרֵס" – מקוים געוואָרן אין שנת תר"ח בעת דער כוואַליע פון רעוואָלוציעס אויפ'ן אייראָפעאישן קאָנטינענט – נישט געלערנט ניטל נאַכט ביז חצות – דעם חתם סופר'ס חידוש פאַרוואָס מען לערנט נישט ניטל**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## רוח הקודש אין די תשובות

ווי געשריבן אין קאַפּיטל פ"ג האָט זיין גרויסער שווער הגאון רבי עקיבא איגר מעיד געווען וועגן דעם רוח הקודש אין זיינע תשובות. "ראיתי כמה גדול כחן של צדיקים... ורוח ה' דיבר בו". מיר האָבן אויך געברענגט וואָס דער חוט המשולש שרייבט וועגן אַ שאלת עגונה וואָס אַלע האָבן איר מתיר געווען, וואָס דער חתם סופר האָט אויך געהאַלטן אַז דער פסק איז אויסגעהאַלטן על פי הלכה, דאָך האָט ער געזאָגט: "ליבי אומר לי" אַז דער מאַן לעבט נאָך. ביז אַ קורצע צייט האָט דער מאַן זיך טאַקע באַוויזן.

ווועלן מיר ברענגען נאָך צוויי ענליכע תשובות – וואו דער חתם סופר אַליין איז מעיד אויף דער סייעתא דשמיא אין זיינע תשובות.

אין אַ תשובה אין אבן העזר וועגן מתיר זיין איתתא לעלמא בלא גט, פירט ער אויס ווי פאָלגענד: היות דאָס שרייבן די תשובה האָט זיך עפּעס געשלעפּט און פאַרצויגן, במשך פון 10 וואָכן, יעדעס מאָל וואָס ער האָט אַביסל געשריבן האָבן זיך אַלץ געמאַכט פרישע טירדות, זעט ער אין די עיכובים אַ סימן מן השמים. ער שיקט טאַקע די תשובה וואָס ער האָט אָפּגעשריבן, ס'איז פאָרט דברי תורה, ער בעט אָבער מען זאָל זיך נישט סומך זיין בלויז אויף זיין פסק:

"אך היות כי ככל הדברים האלה וכל החזיון הזה כבר עלה על רעיוני משעה ראשונה, ומשמים עכבוני בכתיבת תשובה זו יותר מערך עשר שבועות, וכתבתי מעט, שוב הקיפוני טרדין, ונתעכב יום וימים ועשרת ימים, וכן כמה פעמים, עד שאמרתי הלא דבר הוא דלא מסתייעא מילתא, ע"כ קבלתי עלי בקבלה גמורה שלא לסמוך בענין זה על דידי, וכאלו לא נאמרו הדברים הנ"ל מפי כלל, ואינני מונע דברי תורה ואני שולח למעלתכם, יראו ויעיין ודרוש וקבל שכר, אבל למעשה יעשו הם לפי הכרעתם, או מטעמא דידי או משארי טעמא, אך לא יסמכו עלי כלל, ואפי' שיבא מכשורי לא בעינא". (שו"ת אהע"ז ח"א סוף סי' פ').

## דער "פתחי תשובה" ציטירט פון אַ תשובת חתם סופר און גיט צו: "העתקתי כל זה להראות כח הצדיקים"

דער חתם סופר דערציילט אין אַ תשובה אין יורה דעה סי' מ"ב וועגן אַ שאלה פון אַ סירכא וואָס יש אוסרים ויש מתירים. ער אַליין האַלט מיט די אוסרים. אין מאַטערסדאָרף האָט מען דאָס אָבער געגעסן ווייל די רבנים פאַר אים האָבן עס מתיר געווען. האָט ער דאָס נישט געוואָלט אסר'ן ווען ער איז געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף. ער האָט זיי בלויז געלאָזט וויסן אַז ער איז נישט פון די מתירים. דאָ אין פרעשבורג, וואו ער האָט שוין געשריבן די תשובה, פירט מען זיך אָבער יאָ להחמיר עס צו אסר'ן.

דערציילט דער חתם סופר אַז פאַר פסח זענען צו אים געקומען

די שוחטים פון דער שטאָט און זיך געקלאָגט אַז זיי האָבן ביז יעצט געשאָכטן 24 אָקסן און אַלע זענען געפונען געוואָרן טריפה צוליב דער סירכא. ס'איז פאַר פסח און די שטאָט קען אַזוי בלייבן אָן פלייש אויף יום טוב.

זאָגט דער חתם סופר אַז ער האָט מורא געהאַט אַז מ'וועט אַריינברענגען פלייש פון שחוטי חוץ און נאָכדעם וואָס מען וועט דאָס טון איצט בשעת הדחק וועט מען זיך צוגעוואוינען דאָס צו טון אין דער צוקונפט אפילו שלא בשעת הדחק, און אפילו פון ערטער וואָס ס'איז אים נישט ניחא אַז מען זאָל פון דאָרט ברענגען.

האָט ער באַשלאָסן צו זיין אַ בוחר הרע במיעוטו. איצט איינמאָל מתיר צו זיין די סירכא אויף אַ געוויסן אופן, אָבער נאָר ביי די בהמות וואָס מען וועט שעכטן פון יעצט ביז יום טוב. די בודקים האָבן געמוזט נעמען אויף זיך בחרם חמור אַז אין דער צוקונפט, נאָך יום טוב, וועלן זיי קיינמאָל מער זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם היתר.

שרייבט דער חתם סופר, אַז פון דאַן ביז יום טוב האָבן זיי געשאָכטן נאָך 19 בהמות און זעט וואונדער – די שאלה האָט זיך נישט מער געמאַכט אפילו ביי קיין איין איינציגן פון די בהמות.

"הבודקים הוצרכו לקבל עליהם חרם חמור שלא ללמוד להקל בפעם אחרת, ובמקום אחר, כי אם סמוך ליום טוב עד שיורווח בבשר לבני העיר. ומן אז יצאו מלפני, שחטו תשעה עשר בהמות זו אחר זו ולא היה שום סירכא ושום פקפוק ונדנוד כלל. ואמרתי, ברוך ה' אשר הרחיב לנו, ולא הוצרכתי לכנוס לקולא הזאת, אשר לבי מאד נוקף עליו" (שו"ת חת"ס חיו"ד סי' מ"ה).

דער פתחי תשובה אויף יורה דעה (סימן מ"א אות י"ג) ברענגט די תשובה פון חתם סופר. ער ציטירט דעם לשון וויאַזוי דער חתם סופר דערציילט די עובדא, און די פלא אַז די שאלה האָט זיך מער נישט געמאַכט ביי קיין איינעם פון די נייַנצן בהמות וואָס מען האָט געשאָכטן ביז יום טוב. דערנאָך פירט אויס דער פתחי תשובה מיט די ווערטער: "העתקתי כל זה להראות גודל כח הצדיקים".

## "והרוצה להרוס יֵהָרֵס והמחזיק יתאמץ ויתחזק" — און די רעוואָלוציע אין פּרעשבורג מצד סלאָוואַקער נאַציאָנאַליסטן

ווען מיר וועלן אי"ה באַשרייבן דאָס לעצטע יאָר פון חתם סופר וועלן מיר ברענגען דעם גאַנצן נוסח פון דער צוואה פון חתם סופר. אַצינד ווילן מיר ציטירן בלויז איין זאַץ פון דעם חלק פון דער צוואה וואָס איז אַדרעסירט צו דער פּרעשבורגער קהילה.

ער בעט פון דער קהילה נישט משנה צו זיין דעם סדר הלימוד, און נישט צו ענדערן דעם מהות און כאַראַקטער פון דער קהילה. דער חתם סופר שרייבט: "**וסדר לימודם לא ישתנה ולא יתחלף, והרוצה להרוס יֵהָרֵס, והמחזיקו יתאמץ ויתחזק**".

ער בענטשט די וואָס וועלן מחזק זיין דעם המשך און פנימיות'דיגן כאַראַקטער פון דער קהילה און וואָרנט די וואָס ווילן דאָס שטערן און מהרס זיין. די וואָס ווילן צעשטערן און צעברעכן וועלן אַליין ווערן צעשטערט און צעשמעטערט.

סוף ימיו פון חתם סופר האָבן די משכילים אין פּרעשבורג געעפנט אַן אייגענע שול, געגרינדעט אינסטיטוציעס און אַן אייגענע שולע, אַן אייגענע סקול. כאָטש זיי האָבן ווייטער באַלאַנגט צו דער זעלבער קהילה האָבן זיי געבויט אַ מאַסיווע מאָדערנע געביידע פאַר זייער הויפּטקוואַרטיר און זייערע אינסטיטוציעס.

שנת תר"ח, (848' למספרם), איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס "דער פרילינג פון די פעלקער" ("The Spring of Nations" – "אביב העמים"), דאָס יאָר אין וועלכן עס האָבן איבער אייראָפּע אַרויסגעשפּראָצט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און אַ כוואַליע פון רעוואָלוציעס האָבן פאַרפלייצט דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

ביז דאַן זענען מאָנאַרכן און פירשטן געווען די אַבסאָלוטע הערשער. נייע ווינטן פון נאַציאָנאַליזם, מיט אידייען פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע האָבן גענומען בלאָזן אין אייראָפּע: פעלקער וואָס האָבן הונדערטער יאָרן, אָדער קיינמאָל פריער, נישט פאַרמאָגט קיין אייגענע זעלבסטשטענדיגע מדינות האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון די אימפּעריעס וואָס האָבן איבער זיי געוועלטיגט און געשטרעבט צו פאַרמאָגן אייגענע זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע מדינות.

די רעוואָלוציעס פון תר"ח זענען אין גרעסטן טייל דורכגעפאַלן. אַנשטאַט דעם וואָס זיי זאָלן ווערן קאָאָרדינירט דורך פעאיגע און אינטעליגענטע אָרגאַניזאַטאָרן זענען דער גרעסטער טייל פון די אויפשטענדלער און זייערע פירער געווען פרימיטיווע פּויערים און ווילדע אויפגעבּרויזטע מאַסן. די הערשער האָבן לייכט באַוויזן צו אונטערדריקן די רעוואָלוציעס און מיט אַ פעסטע פויסט צו דערשטיקן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. ס'האָט גענומען נאָך דרייסיג יאָר, און אין געוויסע לענדער פיל מער, ביז די נאַציאָנאַליסטן און פרייהייטס-קעמפער האָבן געמאַכט עפּעס פאָרשריט.

די עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע פון דער האַבסבורג דינאַסטיע אין ווין האָט געהערשט איבער די לענדער פון צענטראַל אייראָפּע. יענעם יאָר, שנת תר"ח, האָט אין אונגאַרן אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד מצד די אונגאַרישע מאַדיאַרן אין די שטעט בודאָ און פּעסט, – די צוויי שטעט וואָס זענען שפּעטער געוואָרן פאַראייניגט אַלס די אונגאַרישע הויפּטשטאָט בודאַפּעסט – וועלכע האָבן געפאָדערט אַ זעלבסטשטענדיג אומאָפּהענגיקע אונגאַרן, און אין פּרעשבורג האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד מצד די סלאָוואַקן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ זעלבסטשטענדיגע סלאָוואַקיע.

ווי געזאָגט זענען די אַלע רעוואָלוציעס לייכט און געשווינד געוואָרן דערשטיקט און אונטערדריקט. וואָס די אויפשטענדלער אין אונגאַרן האָבן יענעם יאָר ערדרייכט איז געווען דאָס אָפּשאַפן קנעכטשאַפט – באַפרייען אַלע קנעכט און אָננעמען אַ געזעץ וואָס פאַרבאָט דאָס פאַרמאָגן קנעכט.

ווי עס איז במשך פון טויזנט יאָר געווען דער שטייגער אין אייראָפּע האָט יעדע מלחמה אָדער איבערקערעניש געקאָסט אידיש בלוט. ווען די רעוואָלוציע פון תר"ח האָט אויסגעבראָכן אין אונגאַרן האָבן טייל פון די פּרימיטיווע און צעיושעטע אויפשטענדלער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אידישן געטאָ מיט'ן ציל פון באַראַבעווען אידישע פאַרמעגנס און דורכפירן פּאָגראָמען אויף דער אידישער באַפעלקערונג.

דערציילט הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל אין לב העברי: שביעי של פסח בייַנאַכט שנת תר"ח, ביים הויך-פּונקט פון דער רעוואָלוציע אין פּרעשבורג, האָבן צענדליגער טויזנטער אויפשטענדלער פון אַרומיגע שטעט און דערפער געשטראָמט קיין פּרעשבורג. זיי האָבן



געמאלן בילד פון דער רעוואלוציע פון שנת תר"ח אין אונגארן

זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אידישן קוואַרטאַל מיט דער כוונה צו ראַבעווען אידישע פאַרמעגנס און דורכצופירן אַ פּאָגראָם אויף דער אידישער באַפעלקערונג.

אָבער אַנשטאַט דעם וואָס די צעיושעטע אויפשטענדלער זאָלן זיך לאָזן אויף דער אידישער גאַס, שרייבט רבי עקיבא יוסף, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי דער "פּרעמיער שול" פון די רעפאָרמער און אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט אויף צו צעברעכן, צענעמען און צעשמעטערן די געביידע. זיי האָבן געבראָכן אַ שטיין נאָך אַ שטיין, וואָס האָט זיי גענומען אַ גאַנצע נאַכט.

ווי נאָר ס'איז געוואָרן ליכטיג איז אָנגעקומען אַ רעגימענט פון דער קעניגליכער אַרמיי און פאַרטריבן די אויפשטענדלער. דער ווילדער המון האָט מער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו לאָזן אויף דער אידישער גאַס. אַלע האָבן דאַן געזען, פירט אויס רבי עקיבא יוסף, ווי עס זענען מקויים געוואָרן די ווערטער פון חתם סופר: "הרוצה להרוס יֵהָרֵס!"

"בשנת תר"ח התחיל ערבוביה מרידה באונגארן, ובאותו זמן, בפרט בגליל העליון שבמדינת אונגאַרן, היו בני עמנו נתונים למשיסה ושללם לבוז לשונאיהם כידוע, וגם על עיר פּרעשבורג עלה השודד, ואלפים ורבבות נקבצו יחד, גם מהרבה מקומות סביבות פּרעשבורג על היהודים לשלול שלל ולבוז בז, להעשיר עצמם בממון ישראל. ואלמלא גמרו אַז מזימתם הרעה על היהודים ועלו לרחוב היהודים מי יודע מה נעשה".

"ועל פי נס הפלא ופלא, שפך ה' רוח מתעה ושגעון על כל רבבות הצוררים מכפרים ובני העיר אשר באו רק להביא טרף ועושר לביתם והניחו בשגעון רוחם בעצת ה' את כל רחוב היהודים אשר שם חנו ודרו רוב יקירי הקהלה ובע"ב, ולא עברו תחומה של הרחוב היהודים כל הלילה ההוא, ליל שביעי של פסח המוכנת לניסי ישראל, כי הסכימו כולם יחד להניח את הרכוש ולעשות ראשית מלאכתם להרוס ולעקור האי "פּרעמיער וקאהר שוהל", שלא יהיה נשאר עד אור הבוקר, אבן על אבן ממנו, וכן הסכימו כולם פה אחד מיד ה'".

"ויען שאותו הבנין היה חדש וחזק, ובנין גדול, והיתה מלאכה מרובה לעקור אותו מראש הגג והעליות, ותיקח אבן מאבן עד היסוד, על כן הלילה היה לכל האלפים ורבבות די מלאכה מרובה, עד שעשו אותו תל שממה. הבוקר אור ועלה להם השחר, שעדיין אין מאומה בידם מרכוש היהודים כי אם חניות אשר היו מחוץ מרחוב היהודים אשר בזזו, ואין הקומץ משביע את הארי, אז התחילו לפרוץ ברחוב היהודים כדי לשלול שלל ולעשות תכלית מזימתם, אמנם כבר עבר הזמן כי כבר הגיעו עד אותו זמן עזר ליהודים ע"י פרשי צבא המלך יר"ה, אשר באו מן המבצר קאמאראן, והכו בהם מכה רבה עד שנתפזרו כולם, וראו כל עמי הארץ איך נתקיים אז דברי רבינו בנס הפלא, הרוצה להרוס יֵהָרֵס".

"דברי רבינו ז"ל נתקיימו אז, ועי"ז בא הצלה לכל היהודים יושבי קהלתו ותגזור אומר ויקם, ועי"י "הרוצה להרוס יֵהָרֵס" עי"ז הוגרם "המחזיק יתחזק ויתאמץ", דלולא עפ"י ה' האבידו כל הזמן לקיים יֵהָרֵס, מי יודע מה שעלה על שונאי ישראל".

נישט בלויז איז זייער געביידע געוואָרן צעשמעטערט נאָך די געמיינדע משכילים אין פּרעשבורג – שפּעטערדיגע רעפאָרמער – האָבן זיך נישט געקענט צוזאַמען נעמען און זיך ריכטיג רעאָרגאַניזירן. ווען ס'איז אין שנת תרכ"ט פאָרגעקומען די טיילונג אין אונגאַרן, 29 יאָר נאָך דער הסתלקות פון חתם סופר, זענען אָט די רעפאָרמיסטן אין פּרעשבורג געווען אַזוי קליין אין צאָל, און אַזוי צעקלאַפּט און אפילו צעשפּליטערט צווישן זיך, אַז זיי האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן אין די רעפאָרמער. ערשט נאָך דער הסתלקות פון זיין זון דער כתב סופר און נאָכדעם וואָס דער שבט סופר איז געוואָרן רב אין שנת תרל"ב האָבן די רעפאָרמער אין פּרעשבורג זיך אָפּגעטיילט פון דער אָרטאָדאָקסישער קהילה, געגרינדעט אַן אייגענע געמיינדע און זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעפאָרם באַוועגונג. זיי זענען געווען אַזוי קליין אין צאָל אַז זיי האָבן באַטראָפן ווינציגער ווי 100 מיטגלידער.

אין דער צייט וואָס אין אַלע אַנדערע שטעט אין אונגאַרן זענען די רעפאָרמער ליידער געווען די מערהייט און די חרדי'שע אידן זענען עס געווען די וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט און געגרינדעט אייגענע אָרטאָדאָקסישע קהילות איז אין פּרעשבורג געווען דאָס פאַרקערטע. די אָרטאָדאָקסן זענען געווען די איבערוויגנדע מערהייט און די רעפאָרמער זענען געווען אַ קליינע מינדערהייט וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער אָרטאָדאָקסישער מערהייט. ווער ס'האָט געוואָלט האָט קלאָר געקענט זען ווי די ווערטער פון חתם סופר זענען מקוים געוואָרן: "והרוצה להרוס יֵהָרֵס, והמחזיקו יתאמץ ויתחזק".

## נישט געלערנט ניטל-נאַכט ביז חצות

דער מנהג פון נישט לערנען ניטל נאַכט ווערט נישט געבראַכט אין ש"ס אָדער אין ראשונים. עס ווערט כמעט נישט געבראַכט אין פריערדיגע ספרים. דאָס איז הויפּטזעכליך צוליב דער צענזורע. היינט טרעפט מען אַלטע כתב יד'ן פון ראשונים וואו דאָס איז געוואָרן דערמאַנט. בדרך כלל איז דאָס געוואָרן אַרויסגענומען און אויסגעמעקט אָדער דורך דער צענזורע אַליין אָדער צוליב פחד פון דער צענזורע. אין די ראשונים אויף עטליכע ערטער אין ש"ס איז דערמאַנט געוואָרן דאָס וואָרט ניט"ל לגבי דעם איסור משא ומתן עם עכו"ם לפני אידיהן. האָט דאָס די צענזור אַרויסגענומען.

אין ספר "מקור חיים" פון בעל חוות יאיר (או"ח סי' ת"ז אות ב) באַקלאָגט




געמאָלן בילד פון פרעשבורג פון די ת"ק יאָרן

זיך דער חוות יאיר פאַרוואָס די דרוקער האָבן זיך ערלויבט צו דרוקן דאָס וואָרט ניט"ל אין פסקי הרא"ש און האָבן נישט מורא פאַר אימת מלכות. "הן יבולע גדי בין שבעים זאבים".

דער מנהג פון נישט לערנען ניטל איז זיכער אַ מנהג קדמונים וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן איש מפי איש. מיר געפינען ווי גדולי ישראל ווי דער מהרש"א און דער רבי ר' יונתן אייבשיץ האָבן נישט געלערנט די נאַכט פון ניטל.

במשך פון די לעצטערע דורות איז אָבער דער מנהג אויפגעהיטן געוואָרן בעיקר דורך חסידים, און דורכ'ן חתם סופר ותלמידיו. צווישן ספרדים איז דער מנהג קיינמאָל נישט געווען צופיל פאַרשפּרייט צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געוואוינט אין קריסטליכע מדינות. ווידער אין דער ליטווישער וועלט איז דאָס היינט בטל געוואָרן. אין דער וואַלאָזשינער ישיבה צייגן געוויסע מקורות אַז אין די ערשט יאָרן נאָך איר גרינדונג האָט מען דאָרט אויך געהאַלטן ניטל. שפּעטער איז דאָס אָבער ווי עס קוקט אויס בטל געוואָרן אין וואַלאָזשין.

פּונקט ווי דער אָריגינעלער מקור איז נישט קלאָר איז אויך דער אָריגינעלער טעם נישט קלאָר. אין טעמי המנהגים (ליקוטים אות י"ט) ווערט געברענגט אַז דער מנהג שטאַמט נאָך פון די ראשונים און אַז דער טעם איז געווען ווייל אין דער נאַכט פון דער קריסטליכער חגא פלעגן גוים שלאָגן יעדן איד וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויף דער גאַס מיט מכות אכזריות. האָבן די גדולי הדור גוזר געווען אויף בני ישיבות, אויף מלמדים ותלמידיהם, צו בלייבן אין שטוב אַ גאַנצע נאַכט און נישט גיין אַרויס לערנען. אַנדערע ברענגען אַז צוליב שרעק האָבן אידן פאַרלאָשן אַלע ליכט אין זייערע היימען און דערפאַר נישט געקענט לערנען.

אין איגרות סופרים אין צווייטן בריוו פון חתם סופר, (אויך געדרוקט אין קובץ תשובות חת"ס סימן ל"א), ברענגט דער חתם סופר וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן רבי נתן אַדלער זצ"ל, אַז דער טעם פאַר נישט לערנען ניטל נאַכט איז צוליב אבילות – ווייל מ'טאָר זיך נישט פרייען ביום אידם.

דער חתם סופר פרעגט אָבער אויף דעם טעם. אויב אַזוי, פרעגט ער, וואָס איז אַ חילוק צווישן פאַר חצות און נאָך חצות? ביים חתם סופר האָט מען זיך געפירט נישט צו לערנען ביז חצות און צו לערנען פון חצות און ווייטער. צווייטנס, פרעגט דער חתם סופר, אויב איז דער טעם צוליב אבילות וואָלט מען געמעגט לערנען אַזעלכע זאַכן וואָס מען מעג לערנען בימי אבל, ווי פרק ואלו מגלחין און ספר איוב.

## דעם חתם סופר'ס אויפטו
## פאַרוואָס מען לערנט נישט ניטל

צוליב אָט די קשיות טוט אויף דער חתם סופר אַן אייגענעם טעם פאַר נישט לערנען ניטל נאַכט: "כדי שלא ליתן לבעל דין מקום לחלוק ולשטן לקטרג".

אַזוי ווי יענע נאַכט קומען די גוים זיך צונויף אין זייערע קלויסטערס אינמיטן דער נאַכט, פון חצות און ווייטער, איז אויב אידן וועלן דאַן שלאָפן און נישט זיצן און לערנען וועט דער בעל דבר מקטרג זיין אויף אידן פאַר נישט לערנען. גדולי ישראל האָבן נישט געוואָלט גוזר זיין מען זאָל זיך לייגן שלאָפן אין דער זעלבער צייט ווי אַלע נעכט און באַלד אויפשטיין חצות. ערשטנס וועט דאָס צייגן ווי מען טאַנצט נאָך און מען לאָזט זיך פירן פון די גויים און צווייטנס האָט מען נישט געוואָלט אידן זאָלן זיין מיד און נישט אויסגעשלאָפן.

דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, האָט מען געַ'אסר'ט צו לערנען וויבאַלד ס'ווערט נאַכט. ווען תלמידי חכמים נישט האָבן וואָס צו טון און אָנהויב נאַכט וועלן זיי זיך גלייך לייגן שלאָפן. ווען ס'וועט ווערן חצות וועלן זיי ממילא אויפשטיין אויסגערוט און זיך זעצן לערנען.

"אבל הנלע"ד אפשר נהגו קדמונינו כן משום שלא ליתן לבע"ד מקום לחלוק ולשטן לקטרג, בהיות באותו הלילה כל העמים נועדים בבית אלהיהם מחצות ואילך כידוע, ועם ה' אלו ישנים על מטותיהם, אפילו לומדי תורה רובם ככולם נעורים תחילת הלילה וישנים אחר חצות, ולא רצו לגזור שיהיו כל ישראל עומדים השכם מחצות ואילך באותו הלילה כאלו אנו נגררים אחר חוקותיהם, וגדולה מזה נהגו לאכול באשמורת ערב ר"ה שלא יחקו את המינים (שו"ע או"ח סימן תקפ"א ס"ב), מכל שכן שאין לגזור נדידות השינה בעת ההיא, ע"כ בהשכל ובחכמה מנעו הקדמונים הלימוד קודם חצות לגמרי, וממילא כל תלמיד חכם ישן תחילת הלילה ויקום אחר חצות, ומכל שכן בעלי משא ומתן הקובעים עתים לתורה בכל יום, מסתמא בתחילת הלילה, ואותו הלילה נמנעים מפני המנהג, וע"כ יעמדו אחר חצות לשלם חובתם דבר יום ביומו, וממילא יהיו כמה וכמה עוסקים בעבודת ה' אלו מפה ואלו מפה, וחמת המלך שככה."

"וטעם זה הגון בעיני... ומתוך הדברים אתה למד שיש לגעור באותם הקובעים מושב לצים באותו הלילה שמחים לאיד, וה' ישמחנו כימי עיניתנו".

כידוע זענען פאַראַן פאַרשידענע מנהגים ווען, וועלכע נאַכט, קובע צו זיין ניטל. דער חתם סופר האָט געהאַלטן ניטל דעם 25-טן דעצעמבער לויט'ן היינטיגן גרעגאָריאַנעם קאַלענדאַר למספרם, ווען גויים אין די מדינות האַלטן זייער חגא. אַנדערע, און אַזוי איז דער מנהג אין סאַטמאַר, האַלטן די נאַכט צווישן דעם 6-טן און 7-טן יאַנואַר, ווען די אין מזרח אייראָפּע האַלטן די חגאות לויט דעם אַלטן און גריכישן יוליאַנעם קאַלענדאַר.

כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר זי"ע פלעגט הייסן האַלטן ניטל נאָר ביז חצות, אַזויווי דער חתם סופר, הגם נישט דעם זעלבן דאַטום. די בחורים אין דער ישיבה האָבן זיך געלייגט שלאָפן פרי און זענען אויפגעשטאַנען גאָר פרי, אינמיטן דער נאַכט, און געלערנט שעות ארוכות. פילע זענען שוין געזעסן און געלערנט באַלד נאָך חצות.

די נאַכט פון חתם סופר'ס ניטל, דעם 25-סטן דעצעמבער, האָט מען יאָ געלערנט. דער רבי פלעגט אָבער אָפט הייסן נישט מאַכן קיין חתונות יענע נאַכט און האָט מחמיר געווען נאָך אַנדערע חומרות.

אינדערהיים פאַר דער קריג האָט מען באַמערקט ווי דער רבי זי"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט ער זאָל נישט דאַרפן פאַרלערנען פאַר חצות די נאַכט פון חתם סופר'ס ניטל. ווען מען האָט אים איינמאָל געפרעגט צי דאָס איז טאַקע זיין טעם האָט ער געענטפערט: "נאָך חצות קען מען דאָך זיכער לערנען".

דאָהי אין אַמעריקע פלעגט ער אָבער יאָ פאַרלערנען די נאַכט פונעם 25-סטן.

איין יאָר האָט זיך געמאַכט אַ ספק ווען די חגא קומט אויס לויט דעם יוליאַנעם קאַלענדאַר. געווען מומחים אין בית המדרש וואָס האָבן געוואָלט זאָגן אַז יענעם יאָר איז עס צווישן דעם זיבעטן און אַכטן יאַנואַר. האָט דער רבי אַריבערגעשיקט פרעגן אַ גלח פון דער געגנט וואָס האָט באַלאַנגט צו דער גריכיש אָרטאָדאָקסישער קירכע. ווען יענער האָט געענטפערט אַז ס'איז צווישן זעקסטן און זיבעטן האָט דער רבי געזאָגט אַז ביי דער שאלה איז דער גוי דער פוסק...

דער פאַקט וואָס אין די לעצטע דורות זענען עס בלויז די תלמידי הבעל שם און מרן החתם סופר וואָס האָבן אַזוי שטאַרק מקפיד געווען אויף ניטל קען מעגליך האָבן צו טון מיט דעם וואָס דער חתם סופר איז געווען אַ תלמיד פון בעל הפלאה וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד.

דעם פריער דערמאַנען בריוו, מכתב ב', אין איגרות סופרים, הייבט דער חתם סופר אָן מיט די ווערטער: "ע"ד אשר נשאלתי מאת מעלתו הרמה מה ענין למנהג איסור תלמוד תורה בליל חגם לא שמעתי טעם מקובל בזה. גם מה ששמעתי מאמ"ו נ"י לא נהירא".

ער שרייבט נישט ווער ס'איז געווען דער אדוני מורי ורבי פון וועמען ער האָט געהערט אַ טעם. געווען וואָס האָבן געוואָלט זאָגן אַז דאָס איז דער בעל הפלאה. אין "קובץ מכתבים מגדולי מדינת הגר" (קובץ ד' עמוד ו', לאָנדאָן תשנ"ד) איז אויך געדרוקט דער בריוו אַלס אַן העתקה פונעם כתב יד און דאָרט שטייט אַרויס "מה ששמעתי מאמו"ר מהור"ר נתן אַדלער כהן צדק ז"ל". (איגרות סופרים עם הגהות "אוצרות חת"ס – מהגר"מ שלאָמיוק").

אויף פאַרשידענע ערטער אין דרשות חתם סופר שרייבט דער חתם סופר דברים כדרבונות קעגן שפּילן קאָרטן בכלל און קעגן שפּילן "משחקים ביום אידם". איז אינטערעסאַנט דער נעקסטער בריוו, מכתב ג', אין איגרות סופרים. (פון קובץ מכתבים מגדולי מדינת הגר קומט אויס אַז דאָס איז איין בריוו מיט מכתב ב').

אין יענעם בריוו, מכתב ג', (אויך געדרוקט אין שו"ת קובץ תשובות סימן ל"ב), שרייבט דער חתם סופר, אַז ווען ער איז געווען רב אין מעהרין, אין דרעזניץ, האָט ער גע'אסר'ט דאָס שפּילן קוויטלעך ניטל נאַכט. אָבער ווען ער איז געקומען קיין אונגאַרן, און געוואָרן רב אין מאַטערסדאָרף, האָט ער געזען אַז דורך פאַרבאָטן אויף אַלע דאָס שפּילן קוויטלעך אין דער נאַכט פון ניטל, וועלן מענטשן גיין ליידיג ווייל אַלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט און מען טאָר נישט לערנען, פירט עס צו נאָך ערגערס. אנשים פשוטים וואָס גייען ליידיג זיצן און פאַרברענגען די נאַכט מיט רעדן לשון הרע און רכילות. האַלט ער פון ערלויבן די פשוט'ע עמי הארצים ליבערשט צו שפּילן אַ מין קוויטלעך וואָס איז נישט ווי קאָרטן, כדי מונע צו זיין בטילה וואָס פירט צו לשון הרע, רכילות און מחלוקת. אָבער חלילה נישט פאַר תלמידי חכמים. בלויז פאַר פּראָסטע עמי הארץ.

"והשתא הכא אתינא לגו מדינת הגר לק"ק מאַטערסדאָרף עמדתי על הנסיון כי אסרנו השחוק על זמן מה ובתוך הזמן היו ימי חגם, וישראל קדושים נוהגים בהם איסור, וראיתי בעיני כי על ידי זה באו לכמה עניני מחלוקת ולשון הרע בהיותם בטלים ממשא ומתן, ואין דרכם לעשות כי אם לישב בסוד משחקים, ועתה כי ידם אסורות מכל, הבטלה מביא לידי הרבה מכשולים, ואמרתי ישראל בני נביאים הם.... ע"כ אם יסכים בד"צ שבעירי להתיר קצת כגון קוויטלעך שקורין בלעטין בל"א מטינא שיבא מכשירי. אמנם לומדי תורה אשר להם כח לעסוק בתורת ה' לא מצאתי תקנה בכל מה שכתבתי כמבואר בעירוכין ט"ו ע"ב אמר ר"ח בר"ח מה תקנתם של מספרי לשון הרע, אם ת"ח הוא יעסוק בתורה שנאמר מרפא לשון עץ חיים".

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פון

# דער הייליגער חתם סופר



**המשך געקליבענע געדאַנקען און יסודות'דיגע רעיונות פון חתם סופר:** וויאַזוי וועט מען מקיים זיין דעם כל "העוסק בתורת עולה" בימות המשיח – משה רבינו האָט צענדליגער יאָרן געוואוינט צווישן גויים כדי ער זאָל זען דאָס חשיבות פון אידן אפילו ווען דורות ווערן שוואַכער – דער "נייער מנהג" פון פראַווען זיבן טעג שבע ברכות – וויאַזוי ער איז געוואָרן איבערצייגט אַז אידן וועלן זיך קלאַמערן צו מסורת האבות און נישט ווערן פאַרפירט פון פאַלשע מנהיגים – הגאון רבי אהרן קאָטלער: "דער ווידעראויפבוי פון אידישקייט נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה איז אַדאַנק די אידן וואָס זענען דבוק אין חתם **סופר**"

[פאָרזעצונג פון פריער]

## וויאַזוי וועט מען לעתיד לבוא מקיים זיין דעם "כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה"?

היינט צו טאָג ווען ס'איז נישטאָ קיין בית המקדש וויאַזוי איז מען מקיים די עבודה פון קרבנות און די אַנדערע מצוות וואָס זענען נוהג בלויז בזמן הבית? זאָגט די גמרא "כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה". אויב לערנט מען די תורה און די הלכות פון די מצוות וואָס מען קען היינט נישט מקיים זיין איז עס אַזויווי מ'וואָלט אַליין פּראַקטיצירט די מצוות. (זע מנחות ק"י ע"א).

זאָגט דער חתם סופר אַז לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען וועט דער באַגריף פון מקיים זיין מצות דורך לערנען די הלכות נישט בטל ווערן. טאַקע נישט די עבודה פון בית המקדש, דאָס וועט מען דאָך שוין פּאַקטיש קענען מקיים זיין. נאָר אַן אַנדער סאָרט מצווה וואָס מען וועט דאַן מער נישט קענען מקיים זיין.

וואָס איז די מצוה?

די מצוה פון גמילות חסדים.

ווען משיח וועט קומען וועט פאַר אידן קיינמאָל גאָרנישט פעלן. נישט בגשמיות – ס'וועט זיין איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו – און נישט ברוחניות – ס'וועט זיין ומלאה הארץ דעה את ה'. וועט מען מקיים זיין די מצוות פון גמילות חסדים, וואָס שליסט אויך איין די מצוות פון ביקור חולים, הלוויות המת וכדומה, דורך לערנען די הלכות. כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה. (תורת משה בחוקותי דף ס"א, ד"ה אם)

## טעותים וואָס ווערן געמאַכט ביים לערנען ביז'ן צוקומען צום אמת האָבן אויך אַ קדושה

אין וועלטליכע ענינים ווען איינער רוקט אַרויס אַ טעזע וואָס שטעלט זיך צום סוף אַרויס אַלס פאַלש, אָדער פרעגט קשיות און זאָגט סברות וואָס ווערן עווענטועל אָפּגעפרעגט, האָבן די אָפּגעפרעגטע קשיות און דורכגעפאַלענע טעאָריעס נישט קיין שום ווערד. אָבער ביי תורה להבדיל, זאָגט דער חתם סופר, איז נישט אַזוי.

כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה, זאָגט דער חתם סופר, מיינט אויך אַז ביים לערנען תורה לשמה, אויף צו דערגרונטעווען זיך צום ריכטיגן פשט און צו דערגיין די אמת'ע הלכה, האָבן די אַלע סברות, פלפולים און קשיות אַ חשיבות און אַ קדושה.

די גמרא איז דאָך פול מיט קשיות און תירוצים וואָס ווערן אָפּגעפרעגט און פלפולים און סברות וואָס ווערן אָפּגעוואָרפן. פאָרט זענען זיי תורה און הייליג. דאָס זעלבע איז מיט יעדנ'ס לימוד התורה. כל זמן דער ציל איז צו דערגרייכן און צוצוקומען צום אמת איז יעדעס וואָרט הייליג און טייער. (דרשות חת"ס ח"ג דף י"ט ד"ה אח"ז).

## "עתידים בתי כנסיות שבבל שיקבעו בארץ ישראל". נישט בלויז בתי מדרשים — אויך אידישע שטיבער

באַקאַנט די גמרא אין מגילה (כ"ט ע"א) "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל שיקבעו בארץ ישראל". ווען משיח וועט קומען וועלן די בתי מדרשים און שולן פון חוץ לארץ איבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל.

זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס מיינט מען נישט בלויז בתי מדרשים און שולן, נאָר אויך אידישע הייזער. אידישע שטיבער וואו מען פירט זיך ערליך וועלן ווערן טראַנספערירט קיין ארץ ישראל.

"וזהו שאומרים בליל פסח השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל, פירוש השתא הכא, לשנה הבאה תהי' הבית הזה קבוע בארץ ישראל". (דרשות רל"ו, ד"ה כי, ושם רמ"ט, ד"ה בסוף).

## פאַרוואָס איז משה רבינו געווען פאַרוואָגלט צווישן גויים ביז צו די 80 יאָר? ער זאָל זען דאָס חשיבות פון אידן אפילו ווען די דורות ווערן שוואַכער

פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַזוי געפירט אַז משה רבינו זאָל אויפוואַקסן אין מצרים ביי פרעה און ביי די 13 יאָר זאָל ער ווערן פאַרטריבן און ווייטער זיך וואַלגערן צווישן גויים, אין מדין און כוש, ביז צו די 80 יאָר?

דאָס איז געווען דערפאַר, זאָגט דער חתם סופר, ווייל משה רבינו האָט נאָך געקענט און גוט געדענקט דעם דור פון קהת, אַ דור פון צדיקים און קדושי עליון. די דורות אין מצרים זענען אָבער באַלד דערנאָך געוואָרן כסדר אַלץ שוואַכער און ערגער. עד כדי כך אַז אַכציג פּראָצענט פון אידישן פאָלק האָט געמוזט אויסשטאַרבן במשך פון די שלושת ימי אפילה.

ווען משה רבינו וואָלט די גאַנצע צייט געוואוינט אין מצרים און וואָלט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען די ירידת הדורות, ווי דראַסטיש די דורות קייקלען זיך און האַלטן אין איין פאַלן, וואָלט ער נישט געקענט פאַרענטפערן און פאַרטיידיגן די אידן. אדרבה, ער וואָלט מעגליך געהאַלטן אַז זיי זענען נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן.

דערפאַר האָט דער אויבערשטער אַזוי געפירט ער זאָל זיך נישט געפינען אין מצרים ביז עס קומט דער זמן פון זייער גאולה. ער זאָל אין דער צייט זיך געפינען אין גוי'אישע לענדער און זעען אין וואָס פאַראַ נידריגן מצב ברוחניות זיי געפינען זיך. אין די גוי'אישע לענדער, זאָגט דער חתם סופר, האָט ער נישט געפונען קיין איין גוי וואָס גלייבט אין באַשעפער. ווען ער איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין מצרים האָט ער געזען דעם קאָנטראַסט צווישן אידן און גויים. טראָץ דעם וואָס די דורות זענען געוואָרן אַלץ שוואַכער זענען אידן פאָרט מאמינים בני מאמינים, אין אַסאַך זאַכן, ווי שם, לשון, מלבוש, זענען זיי אפילו שטאַרק נזהר. האָט ער שוין איינמאָל מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער, וואָס נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי אידן. (תורת משה חקת, דף מ"ב, ד"ה ונבוא).

## פאַרוואָס זענען דתן ואבירם נישט געשטאָרבן אין די שלושת ימי האפילה?

רעדנדיג פון די וואָס זענען געשטאָרבן אין די שלשת ימי אפילה פרעגט דער חתם סופר: פאַרוואָס זענען די צוויי רשעים דתן ואבירם נישט געווען צווישן די וואָס זענען געשטאָרבן אין די שלשת ימי אפילה? "היעלה על הדעת", פרעגט דער חתם סופר, "דד' פעמים ס' רבוא שמתו היו גרועים מדתן ואבירם חלילה, ועליהם (אויף די וואָס זענען געשטאָרבן) נאמר ויאמן העם, אתמהה?"

זאָגט דער חתם סופר אַז די השגחה עליונה האָט אַזוי געפירט אַז דתן ואבירם זאָלן פון דער ערשטער מינוט רודפ'ן, פאַר'מסר'ן און פאַרטרייבן משה רבינו ביז ער וועט זיין ראוי אויסצולייזן די אידן פון מצרים. זיי זענען נישט אומגעקומען אין די שלשת ימי אפילה ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט זיי זאָלן דערלעבן און זען ווי משה רבינו איז דער וואָס לייזט אויס די אידן פון מצרים:

"מיהו נ"ל דמאת ה' מן השמים הזמין הרשעים האלו לפני מרע"ה בתחלת גדולו ואמר להם רשע למה תכה רעך, והלשינוהו, ונתגרש וברח מבית פרעה ונתלש ממצרים כמו ס' שנה, ואז נתגדל ונתקדם ונתחכם עד שהי' ראוי להיות גואל צדק לישראל כדרך שהקב"ה מזמין נחש לחולל אילות, כן הזמין נחשים האלו, ואע"ג שלרשעות כיוונו מ"מ לא רצה להמיתם עד שיראו גאולת ישראל ע"י מרע"ה, והמתין להם עד שלבסוף נטלו את שלהם ונבלעו במדבר". (חתם סופר על התורה, בשלח, עמ' ס"ו).

## דער נסיון אין די שלשת ימי אפילה: נישט אַרויסצוגיין פון גלות פאַר דער צייט

די אַכציג פּראָצענט וואָס זענען געשטאָרבן אין די שלשת ימי אפילה, זאָגט דער חתם סופר ווייטער (אין דער זעלבער תורה, עמ' ס"ו ד"ה ואותן) זענען נישט געווען חייב מיתה. זיי זענען פאַקטיש געווען זכאי. זיי זענען געשטאָרבן על שם סופם, ווי אַ בן סורר ומורה.

אידן זענען דאַן געווען אויסגעשטעלט, זאָגט דער חתם סופר, צו צוויי נסיונות. איינס: במשך די שלשת ימי אפילה האָבן אידן געהאַט אַ געלעגנהייט צו הרג'ען די מצריים, צונעמען זייערע פאַרמעגנס און אַרויסגיין פריי. די וואָס וואָלטן נישט געקענטביישטיין אָט דעם נסיון און וואָלטן גענומען די גאולה אין דער אייגענער האַנט, די אַלע זענען על שם סופם אומגעקומען אין די שלשת ימי אפילה.

אַ צווייטער נסיון איז געווען פסח ביינאַכט. אידן זענען געווען פאַרשפאַרט אין זייערע היימען און האָבן געהערט קולות און ליאַרמען וואָס כמוהו לא נהיתה. אידן וואָלטן געקענט פאַניקן און אַרויסלויפן פון די הייזער. דאָך האָבן זיי דאָס נישט געטאָן. זיי האָבן געגלייבט אין משה רבינו'ס ווערטער אַז ס'קומט מכת בכורות ואיש לא יצא מפתח ביתו. "והם בטחו בדברי מרע"ה שאמר כי יהי' מכת בכורות ואיש לא יצא מפתח ביתו עד בקר. ב' נסיונות אלו הי' לברוח מהם המורדים והפושעים שאינם יכולים לעמוד בנסיון, והם שמתו בימי אפילה ע"י מעשה כל מי שנשאו לבו ליגע במצרים או בממונו נפל מת, ומ"מ מת זכאי, כנלע"ד, ה' יחיינו מיומים אמן".

## פרנסה בהיתר ולא באיסור

אין דעם יהי רצון וואָס מען זאָגט ווען די כהנים דוכנ'ען איז מען מתפלל אויף פרנסה "בהיתר ולא באיסור". וואָס איז שייך מתפלל צו זיין אויף ברענגען פרנסה בהיתר און נישט באיסור? נישט גנב'ען און גזל'ען ליגט דאָך אין אַ מענטש'ס הענט, ס'איז אָפּהענגיק אין דער אייגענער בחירה – ס'איז נישט בידי שמים.

זאָגט דער חתם סופר: פאַראַן זאַכן וואָס וואָלטן נישט געדאַרפט

זיין מותר. מ'איז זיי אָבער מתיר בשעת הדחק. בעט מען אַז אידן זאָל קיינמאָל נישט האָבן קיין שעת הדחק. מ'זאָל זיי קיינמאָל נישט דאַרפן מתיר זיין איסורים צוליב שעת הדחק, צוליב מאַנגל אין פרנסה חלילה. ס'זאָל שטענדיג זיין שפע, קיינמאָל קיין שעת הדחק. (שו"ע או"ח ססי' נ"ט).

## "זיבן טאָג שבע ברכות'ן איז אַ נייער מנהג"

דער מנהג פון פראַווען זיבן טעג שבע ברכות, זאָגט דער חתם סופר, איז אַ נייער מנהג. אין אשכנז, און אין פראַנקפורט ד'מיין וואו ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן, איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ זאַך:

"מנהג זה (פון זאָגן שבע ברכות בלויז ביי דער חתונה ווי עס האַלטן דער רוקח און דער ב"ח אין אה"ע סוף סימן ס"ב, צוליב מיום שחרב ביהמ"ק ערבה כל שמחה) עדיין נהוג בארץ אשכנז. ומימי לא שמענו ולא ראינו בפפ"ד דמיין שברכו מיום שני ואילך שום ברכה. רק פעם א' ברכו בסעודת שבת ז' ברכות עפ"י הוראת גדול א', ולעז עליו כל המדינה. ונ"ל דאותו גדול נמי לא אמרו אלא בשבת דלא שייך ערבה שמחה שאין להזכיר חורבן בהמ"ק בשבת, אבל בחול מודה... ועכשיו נהגו בגלילות אלו כבית שמואל שחולק על הב"ח, ומברכים כל ז'". (שו"ת חת"ס ח"א סי' קכ"ב, ד"ה וע"ז וד"ה היות).

דער מקור פונעם דין פון שבע ברכות איז די גמרא אין כתובות דף ז' ע"ב: תנו רבנן מברכין ברכת חתנים בעשרה כל שבעה, אמר רב יהודה והוא שבאו פנים חדשות". די גמרא זאָגט "והוא שבאו פנים חדשות". אויב זענען געקומען פנים חדשות זאָגט מען די זיבן ברכות. ברענגען פנים חדשות מוז מען אָבער נישט.

ווייטער זאָגט דאָרט די גמרא אין כתובות (דף ח' ע"א): "רב אשי איקלע לבי רב כהנא יומא קמא בריך כלהו, מכאן ואילך אי איכא פנים חדשות בריך כלהו, ואי לא אפושי שמחה בעלמא הוא, מברך שהשמחה במעונו ואשר ברא".

דער בן איש חי שרייבט אין זיין ספר "רב פעלים" (אהע"ז ח"ד סימן ז'): "מדלא קאמר 'צריך שיביא פנים חדשות כדי לברך ז' ברכות', נמצא דליכא חיובא להביא פנים חדשות בכדי לברך ז' ברכות, ורק אם נזדמן שבאו אז יברך הז' ברכות".

## דאָס גדלות פון חיד"א

אַ תלמיד פון חיד"א איז אַמאָל געקומען באַזוכן דעם חתם סופר אין פרעשבורג. האָט דער חתם סופר זיך פאַרמאַכט אין צימער און געשמועסט מיט אים כמעט אַ גאַנצן טאָג. ווען דער תלמיד פון חיד"א איז אַוועק האָט דער חתם סופר אים אַרויסבאַגלייט פונעם צווייטן שטאָק, וואו דער חתם סופר האָט געוואוינט, ביז צום טויער פונעם הויף.

דער חתם סופר האָט דאַן געזאָגט צו זיינע תלמידים: "אויב דער תלמיד פון חיד"א איז אַזאַ אדם גדול שטעלט זיך פאָר ווי גרויס זיין רבי, דער חיד"א איז געווען". (הגאון רבי יצחק ווייס זצ"ל אין אַ כתב יד, געדרוקט אין קונטרס "והריקותי לכם ברכה עד בלי די", לאָנדאָן תשנ"ב, זייט 6).

## וויאַזוי ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אַז אידן וועלן זיך האַלטן ביי מסורת האבות און נישט ווערן פאַרפירט דורך פאַלשע מנהיגים

דער חתם סופר פלעגט פאָרן אויף אָפּרו קיין יערגן און פעזינג, קליינע שטעטלעך וואָס געפינען זיך בשכנות פון פרעשבורג.

אין יערגן פלעגט ער זיך אויפהאַלטן אין אַ גאַסט הויז וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ גוי. איין יאָר האָט אַן אָנגעזעענער אידישער נגיד פון שטעטל אים שטאַרק מפציר געווען ער זאָל איינשטיין ביי אים. דער חתם סופר האָט אים נאָכגעגעבן זיין פאַרלאַנג.

נאָך עטליכע טעג האָט דער חתם סופר זיך דערוואוסט אַז דער בעל הבית גייט אַרום אים באַרעדן אין שטעטל. פאַר'ן חתם סופר האָט מען קודם נישט געוואָלט איבערזאָגן וואָס יענער רעדט אויף אים אָבער נאָך נאָכפרעגן זיך ביי זיינע געטרייע מענטשן האָט ער אויסגעפונען אַז יענער זאָגט אַז דער חתם סופר עסט שבת אָן צו מאַכן קידוש.

דער חתם סופר האָט געבעטן דעם רב פון שטאָט ער זאָל אויסגעפינען ביי יענעם איד פאַרוואָס ער זאָגט אַזאַ זאַך. האָט יענער געזאָגט אַז שבת בייטאָג האָט ער געקוקט הונטער די שפּאַלטן פון טיר און געזען ווי דער חתם סופר זעצט זיך צו דער שבת'דיגער סעודה אָן דעם וואָס ער זאָל מאַכן קידוש. ער נעמט אַ כוס וויין און מאַכט טאַקע אַ בורא פרי הגפן אָבער ער מאַכט נישט פאַר דעם קיין קידוש.

דער חתם סופר פלעגט שבת דאַווענען גאַנץ פרי און נאָכ'ן דאַווענען פלעגט ער מאַכן קידוש און טועם זיין. די סעודה האָט ער געמאַכט ערשט מיטאָג מיט עטליכע שעה שפּעטער, און געמאַכט אַ ברכה אויף אַ כוס וויין.

דער חתם סופר האָט דאַן אַריינגעטראַכט און זיך געוואונדערט אויף וואָספאַראַ חטא ס'קומט אים ער זאָל באַשטראָפט ווערן אַז אויף די עלטערע יאָרן זאָל עמיצער אים גיין באַרעדן מיט אַזאַ פאַלשע לשון הרע? האָט ער געטראַכט אַז אפשר איז ער נענש געוואָרן דערויף וואָס ער האָט עובר געווען אויף דעם מאמר חז"ל (שבת ס"ג.) "עם הארץ אסור לתלמיד חכם לדור בשכנתו". אַ תלמיד חכם טאָר נישט וואוינען נעבן אַן עם הארץ. דער געדאַנק האָט אים אָבער נאָך אַלץ נישט לגמרי באַרואיגט. וויאַזוי טאַקע, האָט אים געעגבערט די פראַגע, האָט ער פאַרגעסן פון דעם מאמר חז"ל? פאַרוואָס האָט מען אים מן השמים דאָס נישט דערמאַנט?

פלוצים האָט אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק וואָס האָט אים נישט בלויז באַרואיגט נאָר אויך דערפרייט.

שוין יאָרן וואָס ער זאָרגט זיך וועגן דעם צוקונפט פון תורה און אידישקייט. דער קאַליבער, נישט בלויז פון פאָלק נאָר אויך פון די מנהיגים, ווערט אַלץ שוואַכער. וואָס וועט זיין אין די צוקונפטיגע דורות ווען עס וועלן אויפשטיין מנהיגים וואָס טויגן נישט. ס'לויערט דאָך אַ סכנה זיי זאָלן חלילה נישט אונטערברענגען און חרוב מאַכן אידישקייט.

האָט דער חתם סופר געזאָגט פאַר זיינע נאָענטע אַז איצט האָט מען אים געוויזן פון הימל "אַז איך דאַרף זיך נישט זאָרגן. אידן זענען דאָך די עזין שבאומות (ביצה כ"ה ע"ב). איך בין אַן עלטערער רב פון אַ גרויסער קהילה, דאָך וואַגט זיך אַ פשוט'ער איד מיך צו באַרעדן ווייל ער האָט געזען ווי איך פיר זיך אַנדערש ווי ער האָט געזען ביי זיין טאַטן און ביי זיינע זיידעס, וועלכע מאַכן קידוש ווען זיי זעצן זיך צום טיש שבת מיטאָג

פאַר דער סעודה. זע איך אַז אידישקייט וועט זיך האַלטן. די אידישע אמונה וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין. אידן וועלן זיך קלאַמערן איז מסורת האבות און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון פאַלשע מנהיגים.

די מעשה ווערט געברענגט אויף מערערע ערטער. מיר וועלן דאָ ברענגען פון הגאון רבי חיים סופר זצ"ל, זון פון תלמידו ונאמן ביתו פון חתם סופר הגאון רבי פישל סופר זצ"ל, ווי ער ברענגט דאָס אין דער הקדמה צו זיין שו"ת "מחנה חיים".

נאָכ'ן ברענגען די מעשה, און וויאַזוי דער חתם סופר האָט זיך געעגבערט פאַרוואָס ער האָט פאַרגעסן פון דעם מאמר חז"ל אַז עם הארץ חסיד אסור לת"ח לדור בשכנותו, שרייבט דער מחנה חיים:

"ואחרי חקור ימים רבים נפל ברעיוניו שה' העלים ממנו באותו שעה דברי רבותינו כדי ללמדו דעת שעיקר קיום אמונת בית יעקב וקדושת בית ישראל הוא אם הבנים למדו יראת אלקים מאבותם, כאשר העיר הרמב"ן כי ראש אמונת אומן הוא מפי אבות לבנים, גילה לו ה' לראות קדושת ישראל שיאמינו יותר לאבות מרבנים כדברי הרמב"ן שאב צריך לספר באזני בניו כי לא יאמינו מה ששומעים מפי מנהיגים המה רבנים אם יש סתירה לקבלת אבותיהם. ואלקים עשה בזה במ"ת חומה פן יקימו רשעים להשחית בית ישראל ויהפכו דברי אלקים חיים שלא יאמינו לו. ולקחתי מוסר מעם הארץ הזה, שראה איש כמוני רב מפרעשבורג זקן ויושב בישיבה שלא עושה כאשר עשה אביו, לא חס על כבודי בעבור כבוד שמים לפי דעתו כאשר קיבל מאביו, עכ"ד הקדושים".

## הגאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל:
## "אַדאַנק די אידן וואָס זענען דבוק אין חתם סופר איז אידישקייט צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה"

הגאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל ראש ישיבת לעיקוואוד אין אַמעריקע און פאַר דעם ראש ישיבת קלעצק אין פוילן האָט אַמאָל געזאָגט אַז דער ווידעראויפבוי פון אידישקייט נאָך דער צווייטער מלחמה איז נאָר אַדאַנק די אידן וואָס זענען דבוק אין חתם סופר.

הגאון רבי יצחק צבי בערנפעלד זצ"ל, רב דקהל חוג חתם סופר אין זכרון מאיר אין בני ברק און אַן אייניקל פון חתם סופר שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר שאלות ותשובות "סופר המלך" אַז דער גרויסער גאון און מנהיג פון דער ליטווישער וועלט רבי אהרן קאָטלער זצ"ל האָט דאָס אים אַמאָל געזאָגט ווען ער איז מיט אים געווען אין אַ האָטעל אין ניו יאָרק.

"שמעתי ממחו' מרן הגאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל ראש ישיבת לעיקוואוד בשהותי עמו במלון שערער בניו יאָרק, שאמר לי כי אחרי המלחמה הנוראה שהיתה בשנות ת"ש עד תש"ה, לולי היהודים הדבקים בחתם סופר מי היה מקים את יסודות היהדות והישיבות בעולם, ורק בזכותם הגענו עד הלום".

הגאון רבי שניאור קאָטלער זצ"ל האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע הגאון רבי אהרן קאָטלער האָט נאָך זייענדיג ראש ישיבה אין קלעצק איינמאָל



הגאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל און זיין זון הגאון רבי שניאור זצ"ל

אַ פרייטאָג פאַרגעלערנט אַ שיעור און האָט געפרעגט אַ האַרבע קשיא אויף אַ חידוש פון חתם סופר. דער וועג וויאַזוי ער האָט זיך אויסגעדריקט האָט געשאַפן דעם איינדרוק כאילו דער חתם סופר האָט געמאַכט אַ טעות. פלוצים האָט מען אים דרינגענד אַהיים גערופן: זיין רעביצין הרבנית חנה פערל ע"ה האָט זיך אָפּגעבריט אין דער קיך פון אַ הייסן טשייניק. אויף צומאָרגנס, שבת, האָט ער ווידעראַמאָל פאַרגעלערנט דעם זעלבן שיעור פאַר אַן אַנדערער חבורה און האָט זיך ווידעראַמאָל אויסגעדריקט דעם זעלבן אופן ווען ער האָט געפרעגט זיין קשיא אויפ'ן חתם סופר. פלוצים האָט מען אים אַהיים גערופן: זיין איינציגע טאָכטער שרה פעשע ע"ה איז געוואָרן געשעדיגט ווען אַ גוי אויף דער גאַס האָט איר דערלאַנגט אַ שמיץ מיט אַ בייטש. ווען רבי אהרן האָט דאָס געהערט האָט ער, נאָכ'ן טראַכטן אַ מינוט, זיך אָנגערופן: "מיט אַ חתם סופר טשעפּעט מען נישט".

"איך אַליין בין נישט געשעדיגט געוואָרן", האָט רבי אהרן געזאָגט, "ווייל בשעת מעשה האָב איך מיך דאָך מייגע געווען אין לערנען, און תורה מגינה ומצלא. די תורה האָט אָבער נאָר געשיצט אויף מיר, נישט אויף מיין בני בית. מידי עונש לא יצאתי". (הרבני ר' ישראל שטערן ז"ל שרייבט אין זיינע כתבים אַז רבי שניאור קאָטלער האָט דאָס אים דערציילט – "עקדת משה" פון הרה"ג רבי משה פאָרקאָש שליט"א, ירושלים; די מעשה ווערט אויך געבראַכט אין ר' אהרן סוראַסקי'ס ביאָגראַפיע פון רבי אהרן קאָטלער, "אש התורה" עמ' שצז, אין נאָמען פון זיינע תלמידים; אויך ווערט דאָס דערמאַנט ברמז אין דער הקדמה צום ספר "משנת רבי אהרן").

הגאון רבי אהרן קאָטלער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: "יעדער מוז האָבן אַ רבי'ן אויך אויף יענער וועלט. דער חתם סופר איז מיין רבי מעלמא דקשוט". (ר' אהרן סוראַסקי אין "אש התורה" מעדות תלמידו הגר"מ שיינערט; און נאָך מקורות).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



## רעיונות, מחשבה און השקפה, פון זיינע תורות, תשובות און דרשות

[פאָרזעצונג פון פריער]

### פאַרוואָס זאָגט מען צוויי פסוקים פון שירת הים, מי כמוך און ה' ימלוך, פאַר שמונה עשרה?

פאַר שמונה עשרה זאָגט מען "משה ובני ישראל לך ענו שירה בשמחה רבה ואמרו כולם". משה און די אידישע קינדער האָבן געזאָגט שירה. וואָס האָבן זיי געזאָגט אין דער שירה? פון דער גאַנצער שירת הים ציטירט מען צוויי פסוקים: "מי כמוכה באלים ה'", און "ה' ימלוך לעולם ועד".

פאַרוואָס האָבן די אנשי כנסת הגדולה אויסגעקליבן דוקא די צוויי פסוקים פון דער גאַנצער שירה?

זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס איז צו שטאַרקן די אמונה ביי אידן. אָן אַ שיעור יאָרן גייען אָפט פאַריבער וואָס פאַר רשעים פעלט גאָרנישט. קען זיך דוכטן כאילו די וועלט איז חלילה הפקר. ווי איז דאָס מעגליך אַז דער אויבערשטער איז מאריך אַף אויף אַזאַ לאַנגער צייט?

האָבן די אנשי כנסת הגדולה געוואָלט מען זאָל וויסן: דער רבונו של עולם איז מאריך אַף פיל לענגער ווי מענטשליכע השגות, און דער מענטשליכער געדולד, באַגרייפט.

אויפ'ן פסוק "מי כמוך באלים ה'" זאָגט דאָך די גמרא (גיטין נ"ו:) "מי כמוך באלמים", אַז דער אויבערשטער מאַכט זיך כביכול ווי איינער וואָס איז שטום. ער שווייגט און פאַרשווייגט. פאַר גאָר אַ לאַנגע צייט. זאָל מען אָבער וויסן אַז "ה' ימלוך לעולם ועד", דער אויבערשטער האָט געוועלטיגט צייט. ער איז מאריך אַף. דערפאַר האָט מען אַריינגעשטעלט דוקא די צוויי פסוקים, זאָגט דער חתם סופר, ווייל דאָס איז אַ וויכטיגער יסוד און אַן עיקר אין דער אמונה. (דרשות חת"ס ח"ב דף רמ"ט, ד"ב בסדר).

### ס'איז נישט קיין עבידה צו בויען דירות אין חוץ לארץ. פאַרקערט: ס'איז אַ מצוה - אידן זאָלן האָבן וואו צו וואוינען

נאָכ'ן ערשטן חורבן האָבן אידן נישט געוואָלט בויען קיין הייזער אין בבל. זיי האָבן יעדן טאָג ערוואַרט אויסגעלייזט צו ווערן און זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. האָט זיי ירמיהו הנביא געזאָגט (ירמיה כט): "בנו בתים ושבו ונטעו גנות ואכלו את פרין", בויעט הייזער, פלאַנצט גאָרטנס און עסט זייערע פרוכט, וואָרום ס'גייט נאָך דויערן 70 יאָר ביז אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן און זיך אומקערן קיין ארץ ישראל (מסכת בבא בתרא כ"ט ע"א).

זאָגט דער חתם סופר: היינט אין גלות, ווען מיר ערוואַרטן יאָ יעדן טאָג און אַ ליאַדע מינוט אויסגעלייזט צו ווערן, טאָר מען טאַקע נישט בויען הייזער אַזעלכע וואָס שאַפן דעם איינדרוק כאילו מען איז זיך מייאש פון דער גאולה. אָבער בויען הייזער און דירות כדי אידן אין גלות זאָלן האָבן וואו צו וואוינען מתוך הרחבת הדעת, איז נישט בלויז מותר, נאָר אדרבה, ס'איז גאָר אַ מצוה.

"ואולי בבונה בית אבנים שלא לצורך, להרחיב לו משכנות בחוץ לארץ ולהתייאש מן הגאולה, בכיוצא באלו הרי בנינו סכנה ואינם מצוה להגן... אבל בעו"ה באורך הגלות כי לא נשא הארץ לשבת אותנו, וישמחו אלי גיל כי ימצאו מקום פנוי לבנות עליו בית, ומצוה רבה נמי עביד להמציא מקום דירה לשה פזורה עד ישקיף ה' וירא... והנה ירמי' אמר בנו בתים ושובו וגו' ומייתי ליה ש"ס ב"ב כ"ט, נראה מזה שהיו בני גולה מצפים לישועת

ה' כהרף עין, והי' בעיניהם כחטא ועון לבנות בתים ולנטוע כרמים בחוץ לארץ... ומינה גאולתנו העתידה שנסתם קיצה וכל יומא זמנה הוא, נתבונן מזקנינו שלא לבנות בתים ולנטוע כרמים כנ"ל. אך כל זה לבנות ללא צורך. אבל צרכינו מרובים, וישיבתנו מצער, והגלות ארוך עלינו, נראה דאין להקפיד בכיוצא בזה". (שו"ת חת"ס יו"ד סי' קל"ח).

## דער שכר פאַר נתבזה ווערן ברבים

ביי אַ סוטה געפינען מיר אַז אויב לא נטמאה וועט זיין "ונקתה ונזרעה זרע". זאָגן חז"ל "אם יולדת בצער, יולדת בריווח" א. א. וו.

פרעגט דער חתם סופר: אפילו אויב זי איז נישט טמא געוואָרן איז זי דאָך פאָרט באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה פון ונסתרה, אפילו נאָכדעם וואָס מען האָט איר געוואָרנט.

זאָגט דער חתם סופר אַז דעם עונש אויף דעם האָט זי שוין באַקומען מיט דעם וואָס זי פאַרשעמט געוואָרן. נאָך די בזיונות ברבים איז שוין נישט געבליבן קיין זכר פון אָט דער עבירה. (שו"ת חת"ס חו"מ סי' ע"ז ד"ה אמנם).

## גשמיות און רוחניות קענען נישט קאָ-עקזיסטירן

גשמיות און רוחניות, זאָגט דער חתם סופר אויף מערערע ערטער, קענען נישט קאָ-עקזיסטירן. זיי קענען נישט לעבן בשלום. וואָס מער פאַרטיפט און פאַרזונקען אין גשמיות אַלץ מער ווערט אָפּגעשוואַכט דאָס רוחניות.

"ויהי ימי יעקב שני חייו וגו' ויקרבו ימי ישראל, יל"ד, פתח ביעקב ומסיים בישראל, י"ל דיעקב מרמז על גשמיותו וישראל על רוחניותו, ואמר במה שהחיה גשמיותו י"ז שנים במצרים זה הוא בעצמו קירוב ביטול רוחניותו, וזהו ויחי יעק"ב ויקרבו ימי ישרא"ל". (חתם סופר על התורה ויחי, דף רלא. דאָס זעלבע, און דעם זעלבן טייטש, זאָגט ער אין דרשות חת"ס ח"א דף פ"ה).

אויף'ן פסוק לא תחרוש בשור וחמור יחדיו זאָגט דער חתם סופר אַז שור איז מרמז אויף עסק התורה, ווי די גמרא זאָגט אין ברכות "הרואה שור בחלום נגחו יהיה לו בנים המנגחים בתורה". ווידער חמור סימבאָליזירט מאַטעריאַליזם, חומריות. זאָגט דער פסוק "לא תחרוש בשור וחמור יחדיו", זיי קענען נישט גיין צוזאַמען. (חתם סופר על התורה פרשת אמור דף נה, ד"ה אשה).

אין זיין "אורות חתם סופר" פרשת אמור דף שטז, און אין זיין "דעת חתם סופר" חלק א' (ערך עבודת ה' אות ב'), ברענגט הגאון רבי בן ציון שטראַסער שליט"א דעם חתם סופר'ס צוגאַנג פון שמאל דוחה וימין מקרבת כלפי דעם באַלאַנס צווישן גשמיות און רוחניות.

## שבט לוי האָט געקראָגן די אויפגאַבע פון צייגן די מדה פון בטחון

פאַרוואָס, פרעגט דער חתם סופר, קען מעשר געגעבן ווערן פאַר סיי וועלכן לוי מען וויל? פאַרוואָס האָט די תורה נישט געהייסן אָפּשיידן מעשר און עס געבן צו אַ צענטראַלע קאַסע פון שבט לוי, פון וואו די מעשרות זאָלן דאַן פאַרטיילט ווערן צווישן די לוויים, פאַר יעדן לוי באַזונדער?

לויט דעם יעצטיגן חיוב פון מעשרות גיט דאָך יעדער איד זיין מעשר פאַר וועלכן לוי ער וויל. קען דאָך אויסקומען אַז געוויסע לוויים וועלן נתעשר ווערן בעת אַנדערע קענען שטאַרבן פאַר הונגער?



כתב יד קדשו פון הייליגן חתם סופר, אנהויב פון "ספר הזכרון"

זאָגט דער חתם סופר: דער אויבערשטער האָט געוואָלט אידן זאָלן זיך לערנען די מידה פון בטחון פון שבט לוי. די לוויים האָבן דאָך נישט באַקומען קיין פעלדער און קיין גערטנער ווי אַלע אַנדערע שבטים. קיין איינער פון די לוויים איז נישט פאַרזיכערט מיט מעשרות. זענען זיי קיינמאָל נישט געווען פאַרזיכערט מיט פרנסה. זיי האָבן זיך נאָר געקענט פאַרלאָזן אויף'ן רבונו של עולם. מקיים זיין השלך על ה' יהבך. האָבן בטחון. דאָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט מען זאָל זיך פון זיי לערנען: בטחון. (תורת משה תליתאי, שמות דף ל"ט, ד"ה ועדן).

## בורא נפשות רבות "וחסרונן" — דער חסרון פון פריער איז די גרעסטע טובה

נאָך טרינקען וואַסער מאַכט מען די ברכה פון בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי. מען דאַנקט דעם חי העולמים פאַר באַשאַפן דאָס וואַסער וואָס שטילט דאָס דורשט. פרעגט דער חתם סופר: א: זאָל דער אויבערשטער אַזוי באַשאַפן דעם מענטש ער זאָל נישט זיין דורשטיג, דער גוף זאָל זיך נישט נויטיגן אין וואַסער ב: אין דער ברכה זאָגט מען וחסרונן, מען דאַנקט אויף וואָס ס'פעלט, דער דורשט, די באַדערפעניש. וואָס איז שייך צו דאַנקען אויף'ן חסרון? זאָל לכתחילה נישט זיין קיין מאַנגל, קיין חסרון.

זאָגט דער חתם סופר: די גרעסטע טובה וואָס דער באַשעפער טוט מיט'ן מענטש איז דוקא דער חסרון. אַז ער האָט באַדערפענישן און מוז אָנקומען צום רבונו של עולם. ווען נישט דער מאַנגל און דער חסרון וואָלט ער חלילה נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט'ן רבונו של עולם. דוקא דער "וחסרונן" איז דער עיקר פון דער ברכה. די גרעסטע טובה וואָס דער רבונו של עולם טוט מיט'ן מענטש, זאָגט דער חתם סופר, איז וואָס ס'פעלט אים און ער ווייסט צו אַנערקענען די טובות פון רבונו של עולם וואָס ערפילט זיינע געברויכן.

"זו היא עיקר טובת בריאת האדם, שלכך נברא בחסרון ויכיר בוראו ויעבוד ה' ויזכה לשני עולמות, נמצא חסרונו יותר טובה לו מכל טוב. והיינו דמברך ברוך הבורא נפשות רבות וחסרונם, יותר על כל מה שברא להחיות בהם נפש כל חי, כי עי"ז ברוך חי העולמים זוכה לשני עולמים". (תורת משה פר' עקב, ד"ה שמע).

## ועונה לעמו ישראל בעת שועם אליו

דעם זעלבן געדאַנק זאָגט דער חתם סופר אין פרשת יתרו. נאָך די ניסים פון יציאת מצרים זענען אידן נאָכאַמאָל געשטאַנען פאַר אַ געפאַר ביים ים סוף. ביז אידן האָבן געשריגן צום באַשעפער און זענען נאָכאַמאָל ניצול געוואָרן. זאָגט דער חתם סופר:

"הנה אחר שעשה הקב"ה ניסים ונפלאות במצרים ואח"כ עמדו בסכנה על הים עד שצעקו אל ה', ויאמר ה' מה תצעק אלי דבר אל ב"י ויסעו, וכי ס"ד שהי' דעתו לטבעם בים או למסרם ביד פרעה לולי שצעקו? וכן במרה, הי' דעתו ית"ש להשקותם מי מרה או להמיתם ברעב בדפקה או בצמא ברפידים, ולחנם עשה כל הניסים במצרים להוציאם להמיתם? אע"כ הכל הי' מוכן לטובתם מעיקרא ורק התאוה לתפילתם, ובזה ניכר מי כה' אלקינו בכל קראנו אליו. והיינו שסיפר מרע"ה ליתרו אשר עשה אלקים לפרעה ומצרים אודות ישראל, ואחר כל זה כל התלאה אשר מצאתם בדרך, ולמה כל התלאה, וכי היה בדעתו להאבידם? אע"כ משום ועונה לעמו בעת שועם אליו. ועל הדבר הגדול הזה ויחד יתרו ויאמר ברוך ה'". (חתם סופר עה"ת שמות עמ' צא).

## אידישע פרנסות אין גלות, ברייטער ווי דער גוי'אישער מיטל קלאַס — מער נס ווי מן אין מדבר

אין איינעם פון זיינע דרשות פון ז"ך אלול ברענגט ער דעם רמב"ן אין פרשת כי תבוא וועלכער זאָגט, אַז די תוכחה אויף אידישע פּאַרמעגנס חלילה איז נאָר געזאָגט געוואָרן אויפ'ן דור פון חורבן הבית. אָבער נאָכ'ן חורבן, זייענדיג אין גלות, איז פאַרקערט. דער אויבערשטער שיקט אַ ברכה אין אידישע פאַרמעגנס. דאָס זעלבע ברענגט ער פון חובת הלבבות אין שער הבחינה פ"ה.

זאָגט דער חתם סופר: שוין צוויי טויזנט יאָר וואָס אידן זענען אין גלות, פאַרמאָגן נישט קיין אייגענע פעלדער און וועלדער, קיין שדות וכרמים, דאָך האָבן אידן ברייטער פרנסה ווי דער מיטל קלאַס ביי די גויים.

"כי המעיין בזה בעין האמת יודה לה' חסדו ויבין ויכיר כי מאת ה' אנחנו אסורי הגלות, ועינו עלינו לטובה בהיותינו יושבים על אדמת נכר קרוב ב' אלפים שנה, אין לנו שדות וכרמים ולא יער צמח עצים ולא גנות ופרדסים, ובכל זאת אנו מתפרנסים בחסדי הבורא יותר טוב מן הבינונים שבאומות, וה' ממלא ידינו מברכותיו, יהי השבח והתהילה לו ית' ויתעלה".

"... והן הנה דברי הכתוב והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה, ר"ל בשעת קללה וגלות יבואו עליך ברכות ה' אשר היא תעשיר, והוא נס פלא יותר הרבה והרבה ממה שהיה על ידי מן במדבר". (דרשות חת"ס ז"ך אלול דף שנ"ז. ח"א דף קל"ג אין נייעם דרוק).

## די בוכשטאַבן "אפיקורס" אינם גוי'אישן אַלפאַבעט

הגאון רבי פנחס הכהן שטיינער, אב"ד אילאָק זצ"ל, אַ תלמיד פון כתב סופר, האָט געזאָגט וואָס ער האָט געהערט נאָכזאָגן אין נאָמען פון חתם סופר:

אינעם לאַטיינישן אַלפאַבעט, דער A B C, זענען די בוכשטאַבן פונעם וואָרט "אפיקורס" אויסגעשטעלט כסדרן, גלייך אין אַ שורה: O P Q R S. (בספרו בריתי שלום עה"ת, בני ברק תשנ"ח, בפרשת ויחי, עמ' קצ"ד, ד"ה ופלא).



**רבי יצחק צבי פרייא, ערשטער אויף רעכטס, באַגלייט זיין טאטן דער שוראנער רב אין מאריענבאד. אין צענטער הגאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, און גאלאנטער רב הגאון רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל. ערשטער אויף לינקס איז הגאון רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל**

## דער חתם סופר: "מיינע תלמידים און תלמידיי תלמידיי וועלן פאַרשפּרייטן תורה און טראָגן דעם דגל המסורה ביז משיח'ס טאָג"

הגאון רבי יצחק פרייא זצ"ל פון ירושלים, זון פון שוראַנער רב בעמח"ס שבט מישור, האָט דערציילט, אַז צווישן די אַרכיוון פון דער מונקאַטשער קהילה פאַר דער קריג האָט זיך געפונען אַ בריוו וואָס די קהילה האָט בשעתו ערהאַלטן פון חתם סופר.

די ראשי קהילה פון מונקאַטש האָבן געוואָלט אויפנעמען דעם חתם סופר'ס תלמיד דעם מהר"ם א"ש אַלס רב אין מונקאַטש. האָבן זיי געבעטן פון חתם סופר ער זאָל אויסאיבן אַ דרוק אויף זיין תלמיד ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות. דער חתם סופר האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט טון. ער האָט געהאַלטן אַז די שטאָט מונקאַטש וועט אים נישט מכבד זיין ווי עס דאַרף צו זיין.

האָט דער חתם סופר געשריבן צו די מונקאַטשער ראשי קהילה: איך ווייס אַז איר זייט מזלזל אין מיינע תלמידים, וויסן זאָלט איר אָבער אַז מיינע תלמידים און תלמידיי תלמידיי וועלן פאַרשפּרייטן תורה ביז משיח'ס טאָג. רבי יצחק פרייא האָט געזען דעם בריוו אין אוצר הקהילה פאַר דער קריג אין מונקאַטש.

אין ספר "כינוס חתם סופר" עמוד כ"ו ווערט געברענגט דאָס לשון פון דעם בריוו: "אפילו שיודע אני שיפטירו בשפה על תלמידי בתמימותם, כתמימי דרך בלא שום התחכמויות, אבל תדעו נאמנה, שהם בתמימותם בהולכי תום, ילכו בטח וימשיכו לשאת את דגל התורה והמסורה עד ביאת ינון ולדורי דורות".

דער בריוו איז אויך געווען געדרוקט אין גליון "העדה" פון ערב סוכות תש"נ, עמוד ה'.

## ״ואם אולי הב״י לא כיון לזה מ״מ האלקים אנה לידו להמתיק בלשון קולמסו שיהיה אותו צדיק ניצל מאותו השגיאה... כי כן אורחות נותן התורה״

אגב אַ בריוו קיין מונקאַטש: אין אַ תשובה פון שנת תקס״ט געשריבן צום רב פון מונקאַטש ״לרב חביבי ה״ה המאה״ג חרוץ ושנון הותיק מלא עתיק כקש״ת מהו׳ צבי אביגדור אשכנזי נ״י אב״ד ור״מ דק״ק מונקאַטש ואגפי׳ יע״א״, איז דער חתם סופר אים שטאַרק משבח פאַר פאַרענטפערן אַ קשיא אויפ׳ן בית יוסף אין אבן העזר און אין כסף משנה.

דער חתם סופר זאָגט אים אַז כאָטש נישט דאָס האָט דער בית יוסף געמיינט פונדעסטוועגן איז דער בית יוסף פאַרענטפערט מיט זיין תירוץ. ״ואם אולי הב״י לא כיון לזה מ״מ האלקים אנה לידו להמתיק בלשון קולמסו שיהיה אותו צדיק ניצל מאותו השגיאה, כי כן אורחות נותן התורה ית״ש עם כל עוסקי תורתו לשמה להכחיד תחת לשון קולמוסם והצלה משגיאותינו, ואם יתורצו בדוחק עכ״פ לא תצא תקלה תחת ידם״. (שו״ת חת״ס אבן העזר ח״ב סימן ק״ב).

## האָט געהאַט ״השבעת קולמוס״ — קיינמאָל נישט פאָרגעשריבן, פאַרדאָכטן אָדער געמעקט

דער חתם סופר האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשריבן נאָטיצן אָדער ערשטע נוסחאות איידער ער האָט עפּעס געשריבן. טראָץ די רייכע שפּראַך וואָס ער האָט באַנוצט, און טראָץ די געוואַלדיגע טיפקייט און ברייטקייט, עמוק עמוק ורחבה מני ים, פון אַלצדינג וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער געטאָן וואָס קיין שום גוטער שרייבער אין דער וועלט איז נישט ביכולת צו טון: נישט רעדאַגירן, קאָרעגירן און פאַררעכטן וואָס ער האָט געשריבן. דעם ערשטן נוסח וואָס איז געקומען פון דער פעדער איז געווען דער ענדגילטיגער נוסח.

איינער פון די ערשטע ביאָגראַפער פון חתם סופר, הג״ר יהודא לייב לאַנדסבערג, זון פון חתם סופר׳ס תלמיד הגאון רבי יצחק אהרן לאַנדסבערג, שרייבט אין זיין ספר ״אלה תולדות״ זייט 19: ״ואני שמעתי מאמו״ר הגאון נ״י כי היה לו (לחת״ס) השפעת הקולמוס. מעולם לא סידר המכתב על הגליון, כל הכתבים תשובות ופסקים, התרות ומכתבי תעודה וכדומה מגדול ועד קטן, לא שינה טעמם מאשר יצאו ונבעו מעטו בתחלה, וכן יקום וכן יהיה״.

דעם חתם סופר׳ס אור-אייניקל הג״ר אברהם סופר זצ״ל, זון פון הגה״ק רבי שמעון סופר דער ערלויער רב בעל התעוררות תשובה, שרייבט וועגן חתם סופר אין זיין הקדמה צו חידושי ח״ס חמש שיטות: ״גם ברור כשמש שרבינו לא עבר עוד פעם על חידושיו שבכתב, ולא קרא אותם שוב. הדבר מוכח מתוך כך, שבכל קונטרסים אלו לא תמצא שרבינו יעביר הקולמוס על מלה, או יוסיף מה בין השורות, לפעמים רחוקות מאוד מאוד העביר הקולמוס על מלה אחת או שתים, או הוסיף מלה, וברור שתיקונים אלה עשה בשעת הכתיבה״.

[המשך קומט אי״ה]

# שובבי״ם

יעדן שובבי״ם האָט ער געפאַסט און געליינט ויחל. אין אָריגינעלן מנהגי החתם סופר שטייט אַז ער האָט נאָר געפאַסט שובבי״ם ת״ת, אָבער נישט אין אַ שנה פשוטה. אין מגן אברהם סימן תרפה שטייט טאַקע ״יש נוהגין בשנה מעוברת לקבוע תענית בכל יום חמישי מפרשת שובבי״ם ת״ת״. דער לבוש שרייבט עטליכע טעמים פאַר קובע זיין תענית שובבי״ם ת״ת.

די ערשטע דרשה, אין סדר פון די יאָרן, געדרוקט אין דרשות חתם סופר איז די שובבי״ם דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן אין דרעזניץ פרשת שמות פון שנת תקנ״ד. דאָס יאָר איז אגב געווען אַ שנה מעוברת. (מהדו״ח עמ׳ תנד), דער חתם סופר זאָגט אין דער דרשה: ״והנה **עתה זמן גרמא בימים האלו ימי שובב״ים בשנת העיבור** אשר קבעו לנו קדמונינו לפשפש בהם במעשינו״.

רבי יוסף נפתלי שטערן אין שער יוסף אויף די דרשות שרייבט אַז פון אַלע שובבי״ם דרשות וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן בימי חורפו איז אָט די דרשה, דרוש א׳ שובבי״ם שנת תקנ״ד, די איינציגע וואָס איז געבליבן בכתב.

רבי יוסף נפתלי האָט אויסגעקליבן און צונויפגענומען תורות וואָס זענען נוגע שובבי״ם פון די כתבים פון חתם סופר אויף די פרשיות פון שובבי״ם ת״ת, פון שמות ביז תצוה, און זיי געדרוקט אַלס שובבי״ם דרושים, דרוש ב׳, דרוש ג׳ וכו׳. ווי ער שרייבט אַליין זענען די אָבער נישט געווען קיין דרשות, ווי דרוש א׳. זיי זענען בלויז תורות וואָס רבי יוסף נפתלי האָט זיי מלקט געווען פון די פרשיות.

די דרשה פון שובבי״ם תקנ״ד איז ווי געזאָגט די ערשטע דרשה געדרוקט אין דרשות חתם סופר. דאָס איז אָבער נישט געווען די ערשטע דרשה וואָס דער חתם סופר האָט געהאַלטן. די ערשטע דרשה אַלס רב האָט ער געהאַלטן אָנהויב חודש חשון פון יענעם יאָר, באַלד נאָכ׳ן אָנקומען אַלס רב קיין דרעזניץ.

וועגן דער דרשה האָט דער חתם סופר געזאָגט צו זיין זון דער כתב סופר אַז קיינמאָל אין לעבן האָט ער נישט געהאַט קיין מחשבה פון גאוה אָדער כבוד ביים פאָרלערנען אָדער ביים האַלטן אַ דרשה, חוץ איינמאָל, ווען ער איז אָנגעקומען קיין דרעזניץ און האָט געהאַלטן זיין ערשטע אויפנאַמס דרשה. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס ער האָט אינזין געהאַט צו צייגן זיין כח אין לערנען – און אפילו דאָס איז אויך געווען לשם שמים. (דער כתב סופר האָט דאָס דערציילט פאַר זיין זון הגה״צ רבי שמעון סופר, דער ערלויער רב זצ״ל, בעל התעוררות תשובה, וועלכער שרייבט דאָס אין זיין הקדמה צום תורת משה חתם סופר).

ברוך יודא קליין



# דער הייליגער חתם סופר



**משה רבינו האָט מוסר נפש געווען דעם גוף און די נשמה פאַר כלל ישראל האָט ער זוכה געווען צו מער ווי די אבות – דעם חתם סופר'ס ווייַ געשריי ווען די עמאַנציפּאַציע האָט געשאָנקען אידן גלייכבאַרעכטיקונג – די חרוזים אין דער הקדמה צו חידושי חתם סופר אויף מסכת בבא קמא און די אייגנאַרטיגע פתיחה צו סדר נזיקין – די תעניתים פאַר'ן אָנהויבן לערנען געוויסע מסכתות**

[פאָרזעצונג פון פריער]

## משה רבינו האָט זוכה געווען צו דעם וואָס די אבות האָבן נישט זוכה געווען — ווייל ער האָט מוסר נפש געווען זיין גוף און זיין נשמה פאַר אידן

וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה'. זאָגט רש"י דבר אתו קשות, פאַר'ן זאָגן "למה הרעותה לעם הזה".

זאָגט דער חתם סופר: משה רבינו האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז ס'איז נישט ריכטיג צו זאָגן "למה הרעותה לעם הזה למה זה שלחתני וגו' הרע לעם הזה והצל לא הצלת". ער האָט ערוואַרטעט נענש צו ווערן דערויף. דאָך האָט ער עס געזאָגט. ער איז געווען גרייט מוסר נפש צו זיין נישט בלויז זיין גוף נאָר אויך זיין נשמה לטובת כלל ישראל.

בשכר זה וואָס משה רבינו איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיין גוף און זיין נשמה פאַר דער הצלה און גאולה פון כלל ישראל, זאָגט דער חתם סופר, האָט ער זוכה געווען צו דעם וואָס אפילו די אבות האָבן נישט זוכה געווען דערצו.

די אבות האָבן בלויז זוכה געווען צו דער אספקלריא פון א-ל שד-י. משה רבינו האָט אָבער זוכה געווען צו דער אספקלריא פון אני הוי"ה.

די אבות האָבן דאָס נישט געקענט טון, זאָגט דער חתם סופר, ווייל זיי האָבן נישט געפירט אַ ציבור ווי משה רבינו.

"נראה אף על פי שדיבר אתו קשות, מכל מקום שכרו איתו ופעולתו לפניו, כי משה רבינו ע"ה הבין וידע כי לא נכון לדבר כן עם הקב"ה 'למה הרעות' וגו', 'למה זה שלחתנו', ו'הרע לעם הזה', וראוי היה להיענש על זה, אך להיותו מוסר גופו וגם נשמתו עבור כלל ישראל להצלתם ולרחם עליהם השליך נפשו מנגד ודיבר קשות והטיח דברים, ובזכות זה זכה למה שלא זכו האבות, כי הם לא יכלו לעשות ככה כי לא היה עליהם ציבור לנהגם, על כן הם לא זכו כ"א לאספקלריא של א-ל שד-י, ומרע"ה זכה לאספקלריא של אני הוי', והיינו וידבר אלקים אל משה, דיבר אתו קשות על שאמר למה הרעות, וחזר 'ויאמר', רכות, אני הוי', מעתה תזכה לאספקלריא של אני הוי'". (חתם סופר על התורה דף כ"ג, ד"ה וידבר א').

## דער חתם סופר: "איך האַלטס ניכט מער אויס, איך מיסט מטיח דברים כלפי מעלה זיין"

אין שנת תקצ"ג האָט דער רייכסטאַג, דער פּאַרלאַמענט, אין פּרעשבורג, געשטימט צו שענקען עמאַנציפּאַציע – גלייכבאַרעכטיגונג – פאַר אידן אין אונגאַרן. זענען די ראשי קהילה אין פּרעשבורג געקומען צום חתם סופר און אים געבעטן צו האַלטן אַ דרשה אין שול צו דאַנקען די רעגירונג פאַר געבן אידן גלייכע-רעכטן.

די עמאַנציפּאַציע דעקלאַראַציעס יענע יאָרן אין פאַרשידענע מדינות איבער אייראָפּע האָבן אַרויסגערופן ענטוזיאַזם און פרייד ביי אידן אומעטום. ענדליך וועלן זיי מער נישט ווערן באַקריוודעט, אונטערדריקט און דיסקרימינירט. דער חתם סופר איז געווען דער איינציגסטער וואָס האָט געזען אין דער עמאַנציפּאַציע אַ רוחניות'דיגע סכנה. ער האָט

פאַראויסגעזען די גייסטיגע טראַנספאָרמאַציע וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט צוליב דעם דורכגיין. פון אַ פאָלק פון מאמינים און שומרי תורה ומצוות האָט די עמאַנציפּאַציע ערמעגליכט פאַר די משכילים און רעפאָרמער אַוועקצורייסן דעם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק פון תורה און אידישקייט. זיין מיינונג האָט דער חתם סופר געלאָזט הערן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשידענע דרשות.

ווען די ראשי קהילה האָבן דאַן אין שנת תקצ"ג, ווען דאָס געזעץ פון עמאַנציפּאַציע איז אָנגענומען געוואָרן, אים געבעטן האַלטן אַ דאַנקבאַרקייט דרשה צו לויבן די רעגירונגס פירער פאַר דורכפירן דעם געזעץ האָט ער זיי געפאָלגט. יענעם שבת האָט ער געהאַלטן אַ דרשה. אָבער אַנשטאָט דעם וואָס ער זאָל אַפּלאָדירן די עמאַנציפּאַציע האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיגע דרשה אין וועלכן ער האָט טאַקע געדאַנקט די שרי המדינה פאַר זייער ברייטהאַרציגקייט, אָבער גלייכצייטיג האָט ער באַוויזנט דעם באַדייט און די אימפּליקאַציעס פון דער נייער פרייהייט.

דער חתם סופר האָט דאָס ערקלערט מיט אַ משל: אַ קעניג וואָס זיין זון האָט זיך נישט גוט אויפגעפירט האָט אים דער קעניג באַשטראָפט און פאַרטריבן פון לאַנד. ער האָט אים פאַרשיקט וואוינען מיט אַ פויער אין אַ דאָרף. נאָך אַסאַך יאָרן האָט דער קעניג זיך דערבאַרעמט אויף זיין זון וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שלעכטן מאַטעריעלן און פיזישן צושטאַנד. האָט ער געשיקט בוי-מייסטער וואָס זאָלן אים בויען אַ פּאַלאַץ דאָרט אין דאָרף. ער האָט אויך געשיקט משרתים וואָס זאָלן אים באַדינען און לייכטער מאַכן דאָס לעבן.

ווען די בוי-מייסטער און באַדינער זענען געקומען צום קעניג'ס זון אין פויערישן דאָרף האָט ער זיך שטאַרק געפרייט. באַלד דערנאָך איז אים אָבער געוואָרן קאַלעמוטנע אויפ'ן הארץ. האָט ער געשריבן דעם טאַטן אַ בריוו אין וועלכן ער דאַנקט אים פאַר זיין רחמנות אויף אים, גלייכצייטיג דריקט ער אָבער אויס טיפע אַנטוישונג און ביטערע ווייטאָג: "דאָס בויען מיר אַ פּאַלאַץ ציגט דאָך אַז ס'וועט דויערן נאָך אַ לאַנגע צייט ביז איך וועל ערלויבט ווערן זיך אומצוקערן אַהיים פון דעם גלות".

דער נמשל, האָט דער חתם סופר געזאָגט, זענען כביכול און דאָס אידישע פאָלק. נאָכ'ן אויסרעכענען די היסטאָריע פון אידישן פאָלק אין דעם לאַנגען גלות האָט דער חתם סופר געזאָגט אַז די עמאַנציפּאַציע איז טאַקע אַ טובה פאַר'ן גוף. ווי קען מען זיך אָבער פרייען ווען דאָס באַדייט אַז פון הימל וויל מען נאָך אַסאַך יאָרן האַלטן אין גלות.

דער חתם סופר האָט דאַן אויסגעשריגן: "איך האַלט ניכט מעהר אויס, איך מוסט מטיח דברים כלפי מעלה זיין", געגני די ווערטער וואָס הגאון רבי שלמה סופר זצ"ל ציטירט אין חוט המשולש.

אין אַ געמיש פון לשון קודש און אידיש שרייבט דער חוט המשולש וואָס דער חתם סופר האָט ווייטער געזאָגט: "מה לו לאב שהגלה את בניו, מה חסר לו לאבינו שבשמים, וואָס פעלט אים, אשרי למלך שמלקסין אותו בביתו כך בתורה ותפלה, ומכל שכן בארץ נכריה, אבל אוי להם לבנים שגלו משולחן אביהם".

## "דער עול און די יסודי הגלות ווערן פאַררעכנט פאַר קיום התורה"

אין איינעם פון זיינע דרשות זאָגט דער חתם סופר אַז אין גלות אפילו אויב אידן זענען ברוחניות אין אַ שוואַכער מדריגה ווערט דאָס עצם זיצן אין גלות און ליידן דעם עול און יסורי הגלות פאַררעכנט אַלס קיום התורה. "כל ימי יסורים נחשבים כמו קיום התורה". אַך-און-וויי איז אָבער ווען אידן געניסן אין גלות פון אַלע רעכטן און פרייהייטן און האַלטן נישט די תורה.

"נמצא ממ"נ, או יושבים בארצם ועובדים השם ומקיימים כל התורה כולה אשר זה ישעם וכל חפץ, או ח"ו בארץ אויביהם בחשך וצרות, היינו נמי כמו קיום התורה. והיינו דכתיב (מיכה ז' ח') כי אשב בחשך ה' אור לי, שהחשך והצרות נחשבים כאור תורה. אך רע ומר כשישראל יושבים שקטים אצל המלכיות ואינם שומרים התורה, ויתערבו בגוים וילמדו כמעשיהם, כמו שאנו רואים שהמלכיות בכל מדינות נותנים חרויות לישראל ועל ידי זה מתהפכים למינות בעו"ה". (דרשות חת"ס דרוש כג, דרוש לח' טבת תקצ"ט לפ"ק, ח"א דף ת"ז-צ"ח).

## משה רבינו האָט מחדש געווען איינעם פון די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן — קל וחומר

שוין געברענגט אַמאָל דעם חתם סופר'ס אויפטו. משה רבינו האָט געזאָגט "הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה". זאָגט דער חתם סופר, אַז משה רבינו האָט דאָ מחדש געווען איינעם פון די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן: מקל וחומר.

"י"ל לפע"ד כי זה הוא מעשרה ק"ו שבתורה, וחדש משה רבינו ע"ה בכאן א' ממדות התורה ובקש מהקב"ה לאמור בשמו במתיבתא דלעיל משה בני כך הוא אומר כמ"ש (ילקוט ר"פ חקת) הקב"ה אומר אלעזר בני כך הוא אומר, וכדומה". (חתם סופר על התורה דף כ"ט ד"ה וידבר).

דער חידוש ווערט פאַררעכנט צווישן די גילויים וואָס דער חתם סופר האָט געזאָגט מסוד ה' ליראיו.

(געווען וואָס האָבן געפרעגט: רש"י ברענגט פון מדרש "זה אחד מעשרה קל וחומר שבתורה". איינע פון די ניין אַנדערע קל וחומר'ס איז דאָך וואָס די שבטים האָבן געזאָגט אין פרשת מקץ: "הן כסף אשר מצאנו וגו' ואיך נגנוב מבית אדוניך כסף או זהב" און ווי רש"י זאָגט דאָרט איז דאָס אויך אחד מעשרה ק"ו שבתורה. האָט דאָך משה רבינו נישט מחדש געווען אַ קל וחומר. די שבטים האָבן דאָך דאָס שוין געזאָגט פריער.

ס'איז אָבער בכלל נישט שווער. משה רבינו איז געווען דער וואָס האָט מחדש געווען אַז אַ קל וחומר זאָל באַשטימט ווערט אַלס איינע פון די י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן).

## דער כח פון בזיונות

אין פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר געברענגט וואָס דער חתם סופר זאָגט לגבי סוטה שנסתרה ולא נטמאה וואָס זי ווערט באַלוינט מיט "אם ילדה בצער, יולדת בריוח וכדומה", זאָגט דער חתם סופר אַז די עבירה פון נסתרה ווערט נמחל און אינגאַנצן אָפּגעווישט דורך די בזיונות וואָס זי איז אויסגעשטאַנען.

די וואָך זאָגט דער חתם סופר דעם זעלבן געדאַנק. דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו משה און אהרן, ווי רש"י זאָגט, "שיסבלו דברי בני ישראל, וינהגו כבוד בפרעה". זאָגט דער חתם סופר: דער אויבערשטער האָט זיי געוואָרנט נישט צו פאַרשעמען פרעה, ווייל אויב יאָ וועט ער מיט די בזיונות אָפּקומען די עבירות און ס'וועלן זיך אים מער נישט קומען די מכות.

"ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים, פירש"י שיסבלו דברי בני ישראל וינהגו כבוד בפרעה, נראה דרצה להזהירם שלא יבזו המלך ויתכפרו לו עונותיו, ולא יבואו המכות עליו בדין". (חת"ס על התורה דף כ"ט, ד"ה ויצום).

# די אייגנאַרטיגע חרוזים אין דער הקדמה צו חידושי חתם סופר אויף מסכת בבא קמא און די פתיחה צו "סדר נזיקין", "סדר ישועות"

פאַר יעדע מסכת פון חידושי חתם סופר אויף ש"ס האָט ער געשריבן אַ קורצע הקדמה, און פאַר דער הקדמה אַ קורצן פיוט, אָדער אַ שיר, אין גראַמען. פילע פון דעם חתם סופר'ס חידושים אויף ש"ס זענען אגב פאַרלוירן געוואָרן און קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן.

די חרוזים אויף די מסכתות וואָס זענען געדרוקט פאַרמאָגן אין זיך אַ שילוב פונעם שם הוי' מיט'ן שם אדנות. געוויסע חרוזים האָבן אויף די ראשי תיבות פון זיין נאָמען. איינע פון זיי האָט זיין נאָמען צוזאַמען מיט זיין טאַטנ'ס נאָמען, רבי שמואל.

פון די אַלע הקדמות און חרוזים איז דער חרוז פאַר מסכת בבא קמא און די פתיחה צו "סדר נזיקין", וואָס חז"ל רופן "סדר ישועות" (שבת ל"א ע"א), אַנדערש און מער אייגנאַרטיג ווי אַלע אַנדערע. די הקדמה איז לענגער און דער תוכן איז הויפּטזעכליך קבלה – דברים העומדים ברומו של עולם. די דברי קבלה זענען בעיקר באַזירט אויף די ווערטער פון רמ"ע מפאַנו אין זיין ספר עשרה מאמרות.

די חרוזים אויף בבא קמא זענען מער אַ תפילה אין גראַמען. אויך די לענגערע הקדמה נאָכ'ן חרוז איז אין גרויסן טייל אַ תפילה. צוליב דער אייגנאַרטיגקייט און די היסטאָריע וואָס שטעקט הונטער דער הקדמה וועלן מיר ציטירן דעם גאַנצן חרוז, ווי אויך קורצע אויסצוגן פון דער הקדמה:

בעזהי"ת, חי' מס' ב"ק בלמוד בישיבה פה ק"ק פ"ב ביום ל"ג בעומר תקע"א לפ"ק

**א'ל דעות, יצילני מטעיות, ויבינני שמועות, בסדר ישועות,**

**ד'ברים עתיקין, מעתיק עתיקין, כשמנים מזוקקין, במס' נזיקין,**

**נ'צבה וקמה, אלומתי כחומה, וימין ה' רוממה, בעסק בבא קמא,**

**י'ושב ערבות, יפתח לבבות, התלמידים לרבבות, ושפתים דובבות, בפרק ארבעה אבות,**

**מ'רום מראשון, ש'ומרני מכשלון, ה'בינני רחשון, בפרק הראשון.**

דערנאָך קומט אַ לענגערע הקדמה וואָס באַשטייט בעיקר פון דברי קבלה. ביים סוף שרייבט ער:

"ובכן יעזרני אלקים על דבר כבוד שמו הגדול ויצילני מכל מיני נזיקין, מסיקים ומציקים ומעיקין, ונשא כוס הישועות, כנבואות הנבאות, ולא נראה ברעות, ונשמע בשורות טובות וישועות, אמן... אמנם לעתיד לבוא כל המזיקים כולם כלא יהיו ויקרא להם שביקין ועלינו יזרח ה' וכבודו עלינו יראה כאמור מגדל עוז שם ה' בו ירוץ צדיק ונשגב.

"ישמח ישראל בעושיו, ה'וא יתברך ישמח במעשיו, וי'קראו לו מכעיסיו, ה'א-ל המושיע לעם חוסיו, אמן.

אויך שרייבט ער אין דער הקדמה:

"והנה לפי סדר ששנה, 'אבות מלאכות מ' חסר א', 'אבות הטומאה' כו', הי' לו לכתוב 'אבות נזיקין' ארבעה. ונראה שכיון להזכיר נזיקין אחר ב' תיבות ארבעה אבות, גימטרי' תפז"ר, שלא ליתן להם מקום כינוס, כי פזורן נאה לעולם, ככל פזור לרשעים, וכמ"ש רמ"ע הנ"ל...

וואָס שטעקט הונטער די ווערטער "שלא ליתן להם מקום כינוס, כי פזורן נאה לעולם ככל פזור לרשעים... ויצילני מכל מיני נזיקין מסיקין ומציקים ומעיקין ונשא כוס הישועות כנבואות הניבאות ולא נראה ברעות ונשמע בשורות טובות". וואָס איז דאָס דער פזור לרשעים צו וואָס דער חתם סופר באַציט זיך און ווער זענען דאָס די מציקים און מעיקים?

הג"ר אברהם שישא ז"ל אין זיין קונטרס "מים רבים" (ט"ו סיון שנת תשמ"ח לפ"ק) פרובירט צו ערקלערן די תפילות אין דער הקדמה, און זיי צו פאַרבינדן מיט די צרות וואָס דער חתם סופר האָט יענעם יאָר געהאַט אויסצושטיין מצד אַ קליינעם קומץ פון מאָדערניזירטע, "פאָרגעשריטענע", אין פרעשבורג, האַלבע און גאַנצע משכילים.

במה דברים אמורים?

דער ליקוטי חבר בן חיים דערציילט אַז י' שבט שנת תקע"א, פיר יאָר נאָך דעם וואָס דער חתם סופר איז געוואָרן רב אין פרעשבורג, איז איינער פון די פאָרגעשריטענע געקומען צום חתם סופר און אים געלאָזט וויסן אַז זיי גייען גרינדן אַן אייגענע שולע, אַ סקול פאַר יונגלעך און בחורים וואו מ'גייט בעיקר לערנען לימודי חול. לימוד התורה וועט זיין אַ טפל. דער חתם סופר האָט אים געזאָגט: היו לא תהיה!

דער פאַרשוין האָט זיך מתחצף געווען און זיך אָנגערופן: "לאָמיר זען ווער ס'וועט אויספירן".

דעם אַנדערן צופרי האָט דער חתם סופר געלאָזט אויסרופן אין אַלע שולן און בתי מדרשים אין פרעשבורג אַז היינט וועט פאָרקומען אַ הספד אויפ'ן רב פון אויסטערליץ, אין מעהרין, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק נפטר געוואָרן. דער הספד איז בעיקר געווען אַ פלאַם-פייערדיגע דרשה קעגן די וואָס ווילן משנה זיין דעם סדר הלימודים ביי אידישע קינדער. אויף די אויפגעקלערטע איז געפאַלן אַזאַ פחד אַז זיי האָבן במשך פון פילע יאָרן נישט געוואַגט אויסצופירן זייערע פלענער. דער ליקוטי חבר בן חיים שרייבט אויף דער דרשה: "ותמצא הדרשה הזאת אשר לא נמצא דוגמתה בכל דרשות רבינו... והמון נלבשו כולם יראת ה' ואהבת התורה מדרשה זאת עד שכמעט נעשה רושם בתוך הפריצים". (מיט יאָרן שפּעטער איז אהרן חורינער, אח"ר, געקומען קיין פרעשבורג און געהאָלפן גרינדן די שולע פון די משכילים).



**די חרוזים פאַר דער התחלה פון מסכת בבא קמא בכתב יד קדשו פון הייליגן חתם סופר.** (פון אוצר פון הג"ר אברהם שישא ז"ל)



**סוף פון דער הקדמה פון חידושי חת"ס אויף מס' בבא קמא בכתב יד קדשו**

דעם חתם סופר'ס תלמיד הגאון רבי חזקיה פייבל פלויט זצ"ל אין ליקוטי חבר בן חיים דרוקט די גאַנצע דרשה. פון דאָרט איז עס נעתק און איבערגעדרוקט געוואָרן אין דרשות חתם סופר, דרוש לפרשת בשלח תקע"א.

צווישן אַנדערן זאָגט דער חתם סופר אין דער דרשה: "... כי קמו מסיתים ומדיחים בחרבות שבפיהם ובקשתותם שבקסתותיהם לכתוב כתבי עמל להמשיך לב עם ב"י ולדחותם מה' אלקים לומר כי סדר לימודינו שהורגלו בו עד עכשיו מעוות ומקולקל הוא והמופת שכמה אנשים פוחזים וריקים מקלקלים דרכיהם וכל זה מפני שלא למדו על הסדר מבית הספר ריק מכל מדע, ע"כ רוצים לסדר באופן שיצאו רובם מלומדי מקרא ולאַטיין וכדו', אלה הדברים, והבל יפצה פיהם".

"...כי האנשים האלו לא נשיתי בהם ולא נשו בי, ולא עשו לי דבר רע ולא יעשו לי, ואין לי לפחוד ולירא כלל בעזה"י, אך בראותי ספר תורה נתון בדין לבי נשבר בקרבי ונמס ויהי למים וזהו מהטעם כי ישראל ואורייתא חד". ער ענדיגט די דרשה מיט די ווערטער: "כן אני אומר, לא נחריש ולא נתאפק עד יצא כנגה צדקת תורתינו הקדושה אשר היה לנו למורשה, ונזכה לחזות בנועם ה' בהיכלו, ובלצ"ג ב"ב אמן".

אַזויווי די דרשה און דאָס אָנהויבן לערנען מסכת בבא קמא זענען ביידע פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר, אין שנת תקע"א, וויל הג"ר אברהם שישא ז"ל זיי פאַרבינדן.

אין ספר "שמואל בדורו", די ביאָגראַפיע פון הגאון רבי שמואל עהרנפעלד, מאַטערסדאָרפער רב און ר"י חתן סופר זצ"ל, ווערט אָבער געברענגט (דף ש"ב) אַז אין שנת תקע"א, באַלד נאָכדעם וואָס מען האָט ביים חתם סופר אין דער ישיבה אָנגעהויבן לערנען מסכת בבא קמא, האָבן אין פרעשבורג אויסגעבראָכן אַ ריי שריפות און אַנדערע הזיקות רח"ל. האָט דער חתם סופר נאָך פינף בלאַט געענדיגט לערנען בבא קמא און אָנגעהויבן אַן אַנדערע מסכתא. די תפילות מונע צו זיין מזיקים אין זיין הקדמה און די חרוזים פאַר די חידושים איידער מען האָט אָנגעהויבן לערנען מסכת בבא קמא האָבן לכאורה דאָס געמיינט. הגם די תפילות פאַר פזור לרשעים האָבן זיך געקענט באַציען צו וואָס רבי אברהם שישא פאַרבינדט זיי.

חידושי חתם סופר אויף מסכת בבא קמא ענדיגן זיך טאַקע נאָך פינף בלאַט, ביי דף ו'.

אין קאַפּיטל ע"ו האָבן מיר געדרוקט אַ קאָפּיע פון דעם בילד וואָס רבי בער פרענק זצ"ל, דער סעקרעטאַר/שמש/שו"ב פון דער פרעשבורגער קהילה האָט געמאָלן פון דער גרויסער שריפה יענעם יאָר.



דאס בילד געמאלן דורך ר' בער פרענק ז"ל פון דער גרויסער שריפה פון שנת תקע"א אין פרעשבורג

## די תעניתים פאַר'ן אָנהייבן לערנען פיר מסכתות — יבמות, חולין, בבא קמא, און כריתות

דער חתם סופר און זיינע תלמידים פלעגן פאַסטן איידער מען האָט אָנגעהויבן לערנען פיר מסכתות: חולין, בבא קמא, יבמות און כריתות. אין ספר "רשומים בשמיך" ווערט געברענגט אַז דער חתם סופר האָט געגעבן דערויף אַ רמז דעם פסוק אין תהלים קי"ט: "טוב לי כי עניתי למען אלמד חקיך", חקיך איז די ראשי תיבות: ח'ולין, ק'מא, י'במות, כ'ריתות.

דער חתם סופר אַליין שרייבט אָנהויב פון זיין "ספר הזכרון" וועגן פאַסטן פאַר'ן אָנהייבן מסכתות חולין און יבמות: "והנה, שהתלמידים אשר היו מוכנים לסעודת מצות סיום מסכת גיטין ולהתחיל מסכת שחיטת חולין... וגזרתי יום א' תענית קודם התחלת המסכתא, כמבואר ב'ספר חסידים' להתענות קודם לימוד חולין ויבמות, גם יש בזה עוד הרגש למבין".

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין איינעם פון די פריערדיגע מאמרים ווערן דערציילט פלאות וועגן די השפעות וואָס די מסכתות וואָס דער חתם סופר האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים האָבן געהאַט אויף געשעענישן אין דער שטאָט פרעשבורג.

דעם זמן וואָס מען האָט געלערנט מסכת גיטין זענען אין דער שטאָט ל"ע פאָרגעקומען אַן אומגעווענליכע צאָל גיטין. ווען מען האָט געלערנט חולין האָבן זיך געמאַכט אַ גרויסע צאָל שאלות אין טריפות. און ווען מען האָט איינמאָל געלערנט יבמות – וואָס מען פלעגט נישט לערנען אין אונגאַרישע ישיבות – האָבן זיך יענעם זמן געמאַכט דריי חליצות אין פרעשבורג. זינט דאַן האָט מען מער נישט געלערנט יבמות ברבים.

## די ערשטע דרשה אין דרשות חתם סופר

אין פריערדיגן מאמר האָבן מיר געברענגט פון דער ערשטער דרשה אין דרשות חתם סופר – דרוש שובבי"ם פון פרשת שמות שנת תקנ"ד אין דרעזניץ. די דרשה איז אויך געווען אַ הספד אויפ'ן גדול הדור, דער נודע ביהודה, וועלכער איז נפטר געוואָרן אַ קורצע צייט פאַר דעם.

אין זיין בעפאָרשטייענדן ספר "פליטת בית סופריהם" וואָס ידידינו הרה"ח רבי מענדל מאיר יאַקאָבאָוויטש פאַרפאַסט אַצינד פאַרמאָגט ער אַ פרק טיטולירט "אות השמים". צווישן אַנדערן ווייזט רבי מענדל מאיר אָן אויף דער וואונדערליכער ערשיינונג פון ובא השמש וזרח השמש, וואָס דער חתם סופר, דער צוקונפטיגער גדול און פוסק הדור, איז אויפגענומען געוואָרן צו זיין ערשטער רבנות פאָסטן קורץ נאָכדעם וואָס דער פריערדיגער גדול און פוסק הדור, דער נודע ביהודה, איז נפטר געוואָרן, און די ערשטע דרשה אין דרשת חתם סופר איז טאַקע אַ הספד אויפ'ן פריערדיגן גדול הדור. דעם חתם סופר'ס ערשטע רבנות איז צושטאַנדגעקומען אויך דורך אַן אות מן השמים נאָכדעם וואָס זיין שוואָגער וועלכער האָט אים ביז דאַן אויסגעהאַלטן איז ל"ע פלוצים געוואָרן אַ יורד. ווי באַקאַנט איז דער שוואָגער זיינער צוריק נתעשר געוואָרן באַלד נאָכדעם וואָס דער חתם סופר האָט אָנגענומען זיין ערשטע רבנות אין דרעזניץ.

רבי מענדל מאיר'ס ספר, רב הכמות והאיכות, איז בעיקר געווידמעט צום חתם סופר'ס רבנות אין דרעזניץ, אַ תקופה פון וואָס ווייניג פרטים זענען באַקאַנט און איבער וואָס מען האָט ביז היינט ווייניג געשריבן. רבי מענדל מאיר האָט אַנטדעקט אַ גרויסע צאָל נייע פרטים און דאָקומענטן וועגן יענער תקופה – אַליין אַן אות מן השמים אַז מקום הניחו לו להתגדר.

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

פט

# דער הייליגער חתם סופר



**דער באַזוך ביי הגאון רבי משולם איגרא זצ"ל – די ברכה פון ברוך שחלק מחכמתו ליראיו און דער תירוץ אויפ'ן רמב"ם – באַשיצן די שוואַכערע ווען די פרנסים און ראשי קהילה האָבן פּאָרגעצויגן צו שיקן אין מיליטער – די ערשטע קוואַליפיקאַציעס פון אַ מנהיג ישראל – דער מעטעאָרישער אויפשטייג און דראַמאַטיש דראַסטישער צוזאַמענברוך פון דער מצרי'שער גרויסמאַכט – למען תספר באזני בנך**

[פּאָרזעצונג פון פריער]

## די באַגעגעניש מיט הגאון רבי משולם איגרא, די ברכה פון ברוך שחלק מחכמתו און דער תירוץ אויפ'ן רמב"ם

ווען דער חתם סופר איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין מאַטערסדאָרף איז ער געפאָרן פון דרעזניץ קיין מאַטערסדאָרף דורך פּרעשבורג. דער רב אין פּרעשבורג איז דאַן געווען דעם חתם סופר'ס פאָרגייער אַלס פּרעשבורגער רב, דער גאון ישראל רבי משולם איגרא זצ"ל.

איידער ער איז געוואָרן רב אין פּרעשבורג איז הגאון רבי משולם איגרא געווען רב אין טיסמעניץ, אין גאַליציע, דערפאַר איז ער אויך באַקאַנט אַלס רבי משולם טיסמעניץ. מיט זיין געוואַלדיגער גאונות און חריפות ווערט רבי משולם איגרא באַטראַכט פון די גרעסטע גאונים און חריפים אין דורות. צווישן זיינע תלמידים געפינען זיך הגאון רבי ארי' לייב העלער, דער בעל "קצות החושן"; הגאון רבי יעקב לערבערבוים מליסא, דער חוות דעת; הגאון רבי מרדכי בינעט; הגאון רבי משה מינץ אב"ד אויבן ישן; זיין פלימעניק דער הייליגער רבי נפתלי ראָפּשיצער (רבי משולם איגרא איז געווען אַן איידעם ביים ראָפּשיצער רב'ס זיידע רבי איציקל האַמבורגער און אַ שוואָגער מיט זיין פאָטער רבי מענדעלע לינסקער); און נאָך. (פאַראַן וואָס זאָגן אַז אויך דער ברוך טעם איז געווען זיין תלמיד. אַנדערע ווייזן אָבער אויף אַז ס'איז נישט ריכטיג).

דורכפאָרנדיג פּרעשבורג אויפ'ן וועג קיין מאַטערסדאָרף איז דער חתם סופר געגאַנגען באַזוכן דעם פּרעשבורגער רב רבי משולם איגרא.

איידער ער איז אַריין צו אים אין צימער איז דער חתם סופר מסופק געווען צי ער זאָל זאָגן די ברכה וואָס מ'זאָגט ביים זען חכמי ישראל, "שחלק מחכמתו ליראיו", מיט'ן שם ומלכות אָדער נישט.

איז ער אַריין צו רבי משולם און אים געפרעגט ווי פאָלגענד: "די גמרא זאָגט אין ברכות (נ"ח ע"א) הרואה חכמי ישראל מברך ברוך אתה הוי"ה אלק-ינו מלך העולם שחלק מחכמתו ליראיו. פאַרוואָס האָט דער רמב"ם אויסגעלאָזט די הלכה? דער רמב"ם דערמאַנט בכלל נישט די הלכה"?

אַזוי האָט דער חתם סופר באַוויזן צו מאַכן די ברכה בשם ומלכות זאָגנדיג דעם לשון הגמרא קאַמופלאַזשירט אין אַ קשיא.

האָט רבי משולם איגרא אים געענטפערט: דער רי"ף ברענגט טאַקע נאָר הלכות וואָס זענען נוהג בזמן הזה. דער רמב"ם ברענגט אָבער אויך הלכות וואָס זענען נישט נוהג בלויז בזמן הזה כל זמן זיי וועלן נוהג זיין לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען. דעם דין פון דער ברכה אויף חכמי ישראל ברענגט אָבער נישט דער רמב"ם. פאַרוואָס? ווייל ברכות וואָס האָבן נוהג געווען נאָר אַמאָל און זענען נישט נוהג היינט און אויך נישט ווען משיח וועט קומען ברענגט נישט דער רמב"ם. אָט די ברכה אויף חכמי ישראל איז נישט נוהג בזמן הזה ווייל מיר האָבן היינט נישט דעם דין פון חכמי ישראל. ווידער לעתיד לבוא וועט דאָס אויך נישט נוהג זיין ווייל דאַן וועט זיין 'מלאה הארץ דעה' (ישעיה י"א ט'). וועלן חכמי ישראל נישט זיין מער קיין חידוש אַז מען זאָל אויף זיי מוזן מאַכן אַ ברכה.

האָט אים דער חתם סופר געזאָגט: מיט דעם ווערט מיר יעצט פאַרענטפערט פאַרוואָס דער רמב"ם דערמאַנט נישט דעם דין פון דער


ספר
חידושי
ועומק הלכות בסוגיות הש״ס
רבינו משולם איגרא
ווארשא


ספר
איגרא רמה
חלק ראשון
שאלות ותשובות
לעמבערג


ספר
גרם המעלות
שבח קנעביל
GEREM HAMALOTH
Biographie des berühmten Gaon Rabbi Meschullem Igra aus Tysmienica in Pressburg (1752 – 1802).
Verlag des Verfassers
Schewach Knöbil, Wien XX. Romanogasse 11/13.

**ספרים פון הגאון רבי משולם איגרא זצ"ל**

משנה אין בבא בתרא (כ"ד ע"ב) פון "מרחיקין אילן סרק מן העיר חמישים אמה". די הלכה איז טאַקע בלויז שייך געווען אַמאָל. אָבער מאי דהוי הוי. הייַנט איז דאָס נישט נוהג ווייל ס'איז נישטאָ קיין יישוב ארץ ישראל, ווי דער נימוקי יוסף זאָגט דאָרט, ווידער לעתיד לבוא איז דאָס אויך נישט שייך ווייל די גמרא זאָגט דאָך סוף מסכת כתובות (קי"ב ע"ב) אַז עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות.

די מעשה לויט ווי מיר ברענגען עס דאָ איז געדרוקט אין קובץ תשובות חת"ס, אין די מילואים צו סימן י"ד הערה ב', פון דעם כתב יד פון הגאון רבי שמואל ראָזענבערג אב"ד אונסדאָרף זצ"ל, ווי ער האָט דאָס געהערט פון מגידי אמת.

די מעשה ווערט אויך געברענגט אין "זכרון למשה" עמוד פ"א בהערה אָבער מיט שינויים, כאילו רבי משולם איגרא האָט געזאָגט אויף דעם תירוץ וועגן אילני סרק. אין מילואים דאָרט אין קובץ תשובות חת"ס ווערט אָבער אויפגעוויזן דורך הג"ר שלום משולם וויינבערגער אב"ד טשאַבע זצ"ל אַז די ריכטיגע ווערסיע איז אַזוי ווי מיר האָבן עס דאָ געברענגט. דער גרעסטער באַווייז איז וואָס דער חתם סופר אַליין שרייבט דעם טעם – פאַרוואָס דער רמב"ם ברענגט נישט דעם דין פון מרחיקים אילן סרק מן העיר חמישים אמה – אַלס זיין אייגענער חידוש אין חידושי חתם סופר דאָרט אין בבא בתרא. (ס'איז נאָר אַ פלא פאַרוואָס דער חתם סופר דערמאָנט נישט דאָרט די מעשה אַז ער האָט דאָס געזאָגט פאַר רבי משולם איגרא, ווי ער שרייבט אָפט ביי אַנדערע חידושים וואָס ער האָט געזאָגט פאַר גדולי ישראל).

דער חתם סופר דערציילט וועגן דעם באַזוך אין אַ תשובה (שו"ת אה"ע ח"ב סימן י"א): "בהדי שותא אספרה כמו בשנת תקנ"ח בנסעי מק"ק דרעזניץ על כסא רבנות דק"ק מט"ד קבלתי פני הגאון מהו' משולם טיסמניץ זצ"ל פה ק"ק ובאותו פרק הביא לפניו ספרא דדיינא...".

אין זיין הספד אויף רבי משולם איגרא שרייבט דער חתם סופר: "שהיו שני זרועותיו כשני ספרי תורה, עין ראתה ותעידה אשר ממש אי אפשר לשער גודל הבקיאות ומהירות החריפות אשר חוברו יחדיו, לא יאומן כי יסופר". (דרשות חת"ס ח"א עמ' ע"ה).

הגאון רבי יוסף נפתלי שטערן זצ"ל דערציילט אין זיינע הערות דאָרט (שער יוסף דרשות חת"ס ע"ד ד') וואָס ער האָט געהערט פון זיין שווער אין נאָמען פון זיין טאַטן הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל לגבי ווי שטאַרק דער חתם סופר האָט מפליג געווען דאָס עמקות און חריפות פון רבי משולם טיסמעניץ. דער חתם סופר האָט געזאָגט פאַר רבי שמעון סופר אַז בעת זיין באַזוך דאַן האָט רבי משולם איגרא געזאָגט פאַר'ן חתם סופר אַ לאַנגען פלפול און אויף יעדער קשיא וואָס דער חתם סופר האָט אים געפרעגט האָט ער אים גלייך געזאָגט אַ תירוץ. אויב האָט ער געהאַט אַ קשיא אויך אויף דעם תירוץ האָט ער אים גלייך געענטפערט אַן אַנדערן תירוץ. די פלפולים זענען געווען אַזוי שאַרף און טיף, אַז ווען נישט דאָס וואָס דער חתם סופר האָט זיך אויסגעקענט אין די פלפולים פון פריער, האָט דער חתם סופר געזאָגט, וואָלט ער קיינמאָל נישט געקענט כאַפּן די שאַרפע, שנעלע און טיפע פשט'לעך. "ואלמלא לא היה ידוע לו חילוקים אלו מכבר לא היה אפשר לתפוס פלפולו העמוק ומהירות החריפה".

ווען דער חתם סופר איז אַרויס פון דעם באַזוך האָט רבי משולם איגרא אים אַרויסבאַגלייט פונעם אויבערשטן שטאָק ביז אַרויס אויף דער גאַס. רבי משולם איגרא'ס אַרומיגע מענטשן האָבן אים שפעטער געפרעגט פאַרוואָס ער גיט דעם יונגן רב אַזאַ גרויסן כבוד, אַ כבוד וואָס ער האָט נאָך נישט געשענקט אפילו פאַר אַ רב וואָס "כגובה ארזים גבהו", האָט רבי משולם איגרא זיי געענטפערט: זאָלט איר וויסן אַז זיין תורה וועט נאָך באַלייכטן די גאַנצע וועלט, און טאַקע פון דאָ פון פרעשבורג.

דער לשון פון רבי יוסף נפתלי דאָרט: "אמר להם הגאון ברוח קדשו: דעו כי אור תורתו עוד יופיע לבני הגולה, ומפה פרעשבורג". דאָס זעלבע שרייבט הגאון רבי שלמה סופר דער בערעגסאַזער רב אין חוט המשולש (עמ' מ"ד).

אין עלטער פון 16 יאָר איז רבי משולם איגרא געוואָרן אַן איידעם ביי הגאון רבי יצחק הורוויץ, רבי איציקל האַמבורגער, וועלכער איז דאַן געווען רב אין בראָד. רבי משולם איגרא איז אַריין לערנען אין באַקאַנטן בראָדער קלויז. אַ יאָר דערנאָך, שנת תקכ"ז, אין עלטער פון 17 יאָר, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון סטאַניסלאָווער גלילות. ער האָט זיך באַזעצט אין טיסמעניץ וואָס איז געווען אין דער גלילות און מיט דעם נאָמען, רבי משולם טיסמעניץ, איז ער געבליבן באַקאַנט.

אַ צאָל גרויסע שטעט האָבן אים אָנגעבאָטן רבנות פּאָסטענס, ער האָט אָבער אַלע צוריקגעוויזן.

נאָך 42 יאָר אַלס רב אין טיסמעניץ האָט די רוסישע רעגירונג וואָס האָט געהערשט איבער גאַליציע אַרויפגעלייגט אַ קוואָטע, אַ סכום אידישע זעלנער וואָס יעדע אידישע קהילה מוז צושטעלן צו דער מיליטער. די ראשי קהילה, וועלכע האָבן צוגעשטעלט די רשימה, האָבן זיכער געמאַכט אַז אויף דער רשימה געפינען זיך נישט קיין קינדער פון אנשים חשובים, פון עשירים, תלמידי חכמים און נישט די קינדער פון זיי, די פרנסים. זיי האָבן צוגעשטעלט בלויז קינדער פון אָרימעלייט, עמי הארצים און פּראָסטאַקעס.

רבי משולם איגרא איז אַרויסגעקומען קעגן דעם איינפיר. ער האָט פאַרלאַנגט צו וואַרפן אַ גורל. די נעמען וואָס וועלן אַרויסקומען אינם גורל זאָלן געשטעלט ווערן אויף דער ליסטע געשיקט צו ווערן אין מיליטער. ווען די פרנסים און ראשי קהילה האָבן זיך קעגנגעשטעלט און דאָס נישט געוואָלט נאָכגעבן האָט רבי משולם איגרא אָנגענומען דעם רבנות קאָנסעס וואָס איז אים געשיקט געוואָרן פון פּרעשבורג אין אונגאַרן.

אין פּרעשבורג איז ער געווען רב במשך פון 8 יאָר ביז צו זיין הסתלקות י"ח תשרי שנת תקס"ג.

אויך דער חתם סופר, וועלכער איז געוואָרן רב אין פּרעשבורג מיט פיר יאָר שפּעטער, חשון שנת תקס"ז, קומט אַרויס גאָר שאַרף אין אַ תשובה קעגן אַזאַ ענליכן פאַל, ווען די רעגירונג האָט בשעתו פאַרלאַנגט אַז די קהילות זאָלן צושטעלן אַ באַשטימטע קוואָטע צום מיליטער און אַ געוויסע קהילה האָט געוואָלט צושטעלן נאָר שוואַכערע עלעמענטן, קלים וריקים, בעלי עבירה און מחללי שבת.

די איינציגע וואָס דאַרפן זיין פטור פון מיליטער, שרייבט דער חתם סופר אין אַ תשובה, זענען ישיבה בחורים. אַלע אַנדערע אידן, נישט קיין אונטערשייד ווי שוואַך, מוזן אַריינגיין אין אַ גלייכן גורל. ווער ס'קען זיך דערנאָך אויסלייזן מיט געלט איז אדרבה, זאָל ער זיך אויסלייזן מיט געלט, און ווער ס'קען זאָל אים אַרויסהעלפן. אָבער חלילה צו שיקן אידן מיט געוואַלד, אָן אַ גורל, בלויז ווייל זיי זענען ליידער נישט קיין שומרי תורה און זענען בעלי עבירה. אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן "גונב נפש ומכרו".

"דינא דמלכותא להטיל מס על כל עמו להעמיד מהם אנשים לצבא מלחמתו, וזה הוא מחוק מלכותו ודינו דין, וממילא מוטל אקרקפתא דכל מי שראוי לצאת, ושאין לו אשה ובנים, כפי נימוס וחוק מלכותו, אך לא בחורים לומדי תורה, שאפילו לא פטרתם המלכות בפירוש, מ"מ מדין תורה פטורים (ב"ב ח.) .... ומכ"ש שהמלכות יר"ה פטרום. וכבר כמה פעמים כשנתתי אטעסט לבני מדינות פיהם (בעהמין) ומעהר"ין שהם לומדים ויצליחו לנהוג ציבור נפטרו מלהעמיד עצמם לצבא, וא"כ כל הנוגע בהם נוגע בבבת עין".



**מצבה פון הגאון רבי משולם איגרא זצ"ל אויפ'ן בית עלמין אין פרעשבורג**

"ואידך הי' מהראוי שיעמדו עצמם כולם בשוה לפני העדה ויטילו גורל, ועל מי שיפול עליו הגורל הוא ישתדל לעצמו במה שיכול לפטור בממון או להעמיד אחר במקומו או ילך בעצמו, וכל ישראל מחויבים לסייעו, ויקר פדיון נפשו, אבל לאנוס אנשים בלי גורל ולומר שהם פוחזים ורקים אפילו מגלי עריות ומחללי שבת, בעיני הוא כגונב נפש ומכרו". (שו"ת חתם סופר ח"ו, לקוטי תשובות סימן כ"ט).

## די ערשטע קוואַליפיקאַציעס פון אַ מנהיג ישראל

מיר ווייסן אַז עשיו איז געווען אַ רשע. אַזוי זאָגט אויך דער נביא מלאכי (א' ג') "ואת עשו שנאתי". די תורה דערציילט אָבער אין ערגעץ נישט, זאָגט דער חתם סופר, וואָס עשיו האָט געטאָן שלעכטס. אַלץ וואָס די תורה דערציילט איז "ויאכל, וישת, ויקם, וילך". זאָגט דער חתם סופר אַז דאָס איז געווען. איינער וואָס זיין גאַנצע וועזן איז פרעסן און טרינקען איז גענוג צו זיין "ואת עשו שנאתי".

דאַקעגן משה רבינו איידער ער איז אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין דער נביא ה' וואָס האָט אויסגעלייזט די אידן און מקבל געווען די תורה דערציילט אונז די תורה גאָרנישט פון אים חוץ אַז ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די אַראָפּגעקלאַפּטע, באַקריוודעטע און צעבראָכענע.

דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז אַרויס און געזען ווי אַ מצרי שלאָגט אַ איד האָט ער עס נישט אויסגעהאַלטן. האָט ער זיך מוסר נפש געווען

און גע'הרג'עט דעם מצרי. דעם צווייטן טאָג האָט ער געזען ווי צוויי אידן קריגן זיך און איינער שלאָגט דעם צווייטן האָט ער עס נישט געקענט דערהייבן און געזאָגט רשע למה תכה רעיך. דערנאָך ווען ער איז געקומען קיין מדין און געזען ווי די פּאַסטוכער באַ'עוולה'ן די בנות יתרו האָט ער דאָס נישט געקענט דערליידן און האָט זיי געהאָלפן. אַזאַ איינער, פּירט אויס דער חתם סופר, איז צוליב זיינע דערהויבענע מדות ראוי צו זיין דער שליח אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים.

"מצאנו שהיה ליצחק אבינו בן שנאמר עליו ואת עשיו שנאתי, והכתוב לא סיפר ממנו בפירוש רק ויאכל וישת ויקם וילך. כלומר, די בזה. אדם אשר כל מגמתו רק לאכול ולשתות וזה תכלית מאויו, כזה כבר יצא מבחינת אנוש וכדאי להיות שנאוי. וכלפי זה הציעה לנו תוה"ק ממשה בחירו בפרשה זו מידותיו היקרים טרם נתעלה לנבואה, וספרה לנו כי ביום הראשון ראה מצרי מכה עברי וזה לא היה יכול לסבול מאהבת עמו ומסר נפשו באהבת עמו והרג את המצרי. ביום השני ראה שני עברים נצים והיה דבר זה קשה בעיניו היאך אפשר לאיש ישראלי לבזות, ומה גם להרים יד על חבירו, ואמר לרשע למה תכה רעיך שאתה מצווה עליו לאהוב כנפשך. אח"ז בא למדין וראה כי בנות יתרו דלו מים מבאר של רבים להשקות צאנם ויבאו הרועים ויגרשום, עוול כזה לא היה יכול לסבול ועמד והושיען. והנה כזה ראוי להיות שליח להנתן התורה על ידו אחרי כי מדותיו תרומיות". (חתם סופר על התורה ליקוטים, שמות, עמ' קיב).

## "לולי דמסתפינא"

אויף "בא אל פרעה וגו' למען תספר באזני בנך" זאָגט דער חתם סופר: "לולי דמסתפינא" וואָלט איך געזאָגט אַז ביי מכת ארבה האָט דער אויבערשטער נישט געזאָגט פאַר משה רבינו מיט וואָספאַרא אַ מכה ער גייט שלאָגן פרעה, נאָר האָט געגעבן פאַר משה רבינו די ברירה ער זאָל אויסקלויבן וואָספאַרא מכה ער וויל, "והקב"ה ימלא רצון עבדיו ועצתו ישלים, למען תספר אתה משה לבנך ולבן בנך כי השלמתי עצתך ורצונך כתגזר אומר ויקם לך". (חת"ס עה"ת עמ' מח, ד"ה בא אל פרעה).

## דער מעטעאָרישער אויפשטייג און דראַסטישער צוזאַמענברוך פון דער מצרי'שער גרויסמאַכט — את אשר התעללתי במצרים

במשך פון 210 יאָר איז מצרים געווען די איינציגע, דאָמינירנדע און עקסלוסיווע וועלטסמאַכט. זינט דער נאַכט וואָס פרעה האָט גע'חלומ'ט מיט די קיען און די זאַנגען האָט מצרים געהאַט אַ מעטעאָרישן אויפשטייג. אין דער צייט וואָס אין דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט אַן עקאָנאָמישע דעפּרעסיע און אַ פולשטענדיגער הונגער האָט מצרים גענאָסן פון אַ פּראָספּעריטי און אַ שפע. פון דער גאַנצער וועלט איז מען געקומען אַהין קויפן עסן און באַצאָלט מיט גוט געלט וואָס האָט פאַרוואַנדלט מצרים אין דער גרעסטער און רייכסטער מדינה. מצרים איז פינאַנציעל און פּאָליטיש געווען די דאָמינירנדיגע אוניווערסאַלע גרויסמאַכט.

אויב דאָס איז נישט גענוג איז יעקב אבינו, וועלכער האָט גע'שמ'ט אַלס אַ הייליגער מאַן, געווען געצוואונגען אַז ער מיט זיינע קינדער און אייניקלעך מיט זייער גאַנצע פאַרמעגן זאָלן עמיגרירן קיין מצרים צוליב דעם הונגער אין דער גאַנצער וועלט. צום סוף זענען יעקב אבינו'ס אייניקלעך געוואָרן אונטערדריקטע ביליגע קנעכט געצוואונגען צו טון אויסמאַטערנדיגע פיזישע שקלאַפן אַרבעט, בחומר ובלבנים, פאַר זייערע מצריי'שע הערן. אַלע האָבן געזען דעם "סוקסעס" פונעם מצריי'שן פאָלק. ס'איז כמעט ווי אוממעגליך געווען נישט צו גלויבן און נישט צו דינען זייערע אָפּגעטער.

אָבער נאָך 210 יאָר איז דער מצריי'שער סוקסעס-סטאָרי געקומען צו אַ פּלוצים דראַסטישן סוף. זייערע עבודה זרות האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס מאַכטלאָז און האָבן נישט געקענט זיי באַשיצן פון די שרעקליכע צען מכות. די מכות פון ארבה און ברד האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין גראָזל תבואה אין זייערע פעלדער, זייערע בכורים זענען אַלע אויסגעשטאָרבן אין איין נאַכט, זייערע אַרמייען זענען דערטראָנקען געוואָרן אין ים און דאָס גאַנצע עשירות וואָס זיי האָבן אַקומילירט און אָנגעזאַמלט במשך פון איבער צוויי הונדערט יאָר איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אידן.

דאָס, זאָגט דער חתם סופר, מיינט דער פסוק מיט "אשר התעללתי" ווי רש"י און דער רמב"ן טייטשן "שחקתי", אָפּגעלאַכט, אָפּגעשפּעט. די מצרי'שע וועלטס-מאַכט איז געוואָרן וועלטס-געלעכטער.

דער פסוק זאָגט אַז אידן זאָלן דאָס דערציילן פאַר זייערע קינדער און קינדס קינדער. רשע וטוב לו וצדיק ורע לו איז נישט פּערמאַנענט. ס'איז אַן ערשיינונג, אַ פענאָמאַן וואָס צעפּאַלט פּלוצים ווי אַ הייפל דאָמינאָס און פּלאַצט ווי אַ זייפן בלאָז.

"ענין נפלא למתבונן, כי זה כמו שתי מאות ועשרים שנה כל רואיהם יכירו כח של מצרים ומזלם הגדול. שהרי מיום חלום פרעה ופתרון יוסף נראה בעליל כי מגבהי מרומים הגבי' את פרעה וממלכתו על גפי מרומי קרת. בכל הארצות הי' רעב ולמצרים שובע בשבע שנים כדי שיכלו לכלכל כל הארצות ולצבור ממונם וכל אשר להם ולשעבדם תחתיו".

"איש אחד גדול ומופלא הי' בעולם נאמן לנביא אלקים, יעקב אבינו שמו, וביתו וכל זרעו נתגלגלו למצרים עם כל עשרם ורכושם עד שברכו הנביא ועלה נילוס לרגליו. ולבסוף נעשו בניו לו רומסי חומר וטיט ומי יאמר לו מה יעשה. הלא כל רואה הצלחת מזלו ושפע שר שלו משך ר"כ שנים ומי הוא אשר לא יפתה לבבו להאמין בע"ז של מצרים. אך בבוא יומו האחרון עת צאת ישראל ממצרים והמצריים הוכו בכל מכה במצרים ובים ונשארו מלכות שפלה, כי רוב מקניהם מתו בדבר, וגבוריהם סוס ורכב נטבעו בים, והארבה והברד לא השאיר מחי' בכל המדינה וכל ממונם ועשרם נטלו ישראל, וינצלו את מצרים וכל אוצרות שהכניסו בימי רעב הטביע בים ונטלו ישראל בביזת הים, הבוחן את זה יבין לאשורו למפרע כי גם מאז עושר שמור לבעליו לרעתם, ולא זכה לכל הטוב אלא כדי שיבואו ישראל ויטלו העושר ההוא והם יאבדו, ע"ד שאמחז"ל (שבת ל:) טוב כעס משחוק, טוב כעס שכועס הקב"ה על הצדיקים משחוק שמשחק עם הרשעים בעוה"ז, והיינו אשר התעללתי ושחקתי במצרים בימי טובתם ואת אתותי אשר שמתי בם בימי פורענותם וידעתם כי אני ה', ואל יטעה איש ולא יתפתה ברשע וטוב לו וצדיק ורע לו, כי אחרית רשעים נכרתה, ואחרית לאיש שלום". (חת"ס עה"ת עמ' מח, ד"ה ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי).

[המשך קומט אי"ה]

ברוך יודא קליין

צי'

# דער הייליגער חתם סופר



**די מנהגים פון חתם סופר – די מחברים פון די ספרי המנהגים פון חתם סופר – דער לקוטי חבר בן חיים – דעם חתם סופר'ס תלמיד הבחור יעקב ליכטענשטיין פון דאַנציג – דער "חוט המשולש" – "שירת משה" פון רבי יהודא גרינוואַלד דער בעל זכרון יהודא אב"ד סאַטמאַר זצ"ל – "לב העברי" – ספר "מנהגי חתם סופר" פון הגאון רבי יושע לייב שילל אב"ד פעזינג זצ"ל – מנהגי בעל החתם סופר החדש פון הג"ר משה אלכסנדר זושא קינסטליכער ז"ל – "מנהגי חתם סופר" פון יבדלח"ט הג"ר עקיבא מנחם סופר שליט"א – דעם חתם סופר'ס סדר היום**

**[פאָרזעצונג פון פריער]**

"... שלא ילעג עוד על מנהגי ישראל שנעלם טעמם ממנו, כי ממקור מים חיים הם נובעים, ורגיל אני לומר, כל המפקפק על נימוסיי ומנהגנו צריך בדיקה אחריו. (שו"ת חתם סופר או"ח סי' נ"א).

"...קשה מאוד לשבור מנהג ישראל אפילו להקל... כי מנהג ישראל תורה היא, והכלל החדש אסור מן התורה בכל מקום והישן ומיושן משובח ממנו". (שו"ת חתם סופר יו"ד סי' י"ט).

איידער מיר ברענגען פון די מנהגים פון הייליגן חתם סופר וועלן מיר שרייבן אַ קורצן ביבליאָגראַפישן איבערזיכט איבער די ספרי מנהגי החתם סופר און זייערע מחברים. די ספרים זענען די מקורות פון וואו מיר וועלן שעפּן און ציטירן די ידיעות וועגן די מנהגים אין די פאָלגנדע מאמרים.

פאַראַן עטליכע ספרים פון תלמידיו און תלמידי תלמידיו פון חתם סופר, עד היום הזה, אין וועלכע עס ווערן באַשריבן די מנהגים און הליכות פון הייליגן חתם סופר.

דער ערשטער צו שרייבן און צו דרוקן די מנהגים פון חתם סופר איז געווען זיין תלמיד הגאון רבי חזקי' פייבל פלויט, אב"ד שוראַן זצ"ל.

רבי פייבל פלויט האָט געלערנט ביים חתם סופר צווישן די יאָרן תקצ"ד-ת"ר, ביז צום חתם סופר'ס הסתלקות. סוף שנת תרל"ט האָט ער אויף זיך גענומען אָפּצושרייבן פון זכרון וואָס ער האָט אַלץ געדענקט פון חתם סופר'ס מנהגים. דעם פאָלגענדן יאָר, שנת תר"מ, פערציג יאָר נאָך דער הסתלקות פון מרן החתם סופר, האָט ער געדרוקט די מנהגים ביים אָנפאַנג פון זיין ספר "ליקוטי חבר בן חיים", חלק ג'. אויך אין די אַנדערע ניין חלקים פון ליקוטי חבר בן חיים געפינען זיך צעוואָרפן אַ צאָל מנהגים פון חתם סופר וואָס ער האָט אַליין געזען אָדער האָט פון זיי געהערט.

דער ליקוטי חבר בן חיים איז דער יסוד וואָס ממנו יתד וממנו פינה, אויף וואָס עס זענען באַזירט רוב פון די שפּעטערדיגע ספרי מנהגי החתם סופר.

שנת תרמ"ז האָט דעם חתם סופר'ס אייניקל הגאון רבי שלמה סופר, דער בערעגסאַזער רב זצ"ל, גענוצט די מנהגים פון ליקוטי חבר בן חיים און זיי געברענגט אין זיין ספר חוט המשולש.

דער סאַטמאַרער רב הגאון רבי יהודא גרינוואַלד זצ"ל, דער זכרון יהודא, איידעם פון חתם סופר'ס יונגסטער זון הגאון רבי יוסף יוזפא זצ"ל, האָט געדרוקט טייל פון די מנהגים פון ליקוטי חבר בן חיים אין זיין ספר "שירת משה" (סאַטמאַר תרס"ח). אין "שירת משה" האָט ער געדרוקט די שירים וואָס דער חתם סופר האָט פאַרפאַסט אין די יונגע יאָרן. ביים סוף פונעם ספר האָט רבי יהודא גרינוואַלד צוגעלייגט מנהגים פון חתם סופר.

ביידע, סיי דער בערעגסאַזער רב אין "חוט המשולש" און סיי דער סאַטמאַרער רב רבי יהודא גרינוואַלד אין "שירת משה", האָבן אין צוגאָב צו די מנהגים פון ליקוטי חבר בן חיים מוסיף געווען נאָך מנהגים וואָס זיי האָבן געהערט פון די קינדער, אייניקלעך און תלמידים פון חתם סופר.

גלייכצייטיג האָט הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל אין זיין ספר "לב העברי" געברענגט נאָך מנהגים וואָס ער האָט מקבל געווען פון חתם סופר'ס תלמידים.

דער לעצטער פאַר דער קריג מחבר צו זיין אַ שלימות'דיג ספר פון די

מנהגים פון חתם סופר, איז געווען הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד אב"ד פעזינג. ער איז אויך געווען דער ערשטער דאָס צו סאָרטירן לויט'ן לוח, דער סדר פון דער וואָך, פון די שבתים, חדשים און פון יאָר.

דעם פעזינגער רב רבי יושע לייב שילל'ס ספר איז שטאַרק מסודר, געשריבן אין אַ לייכטער שפּראַך, מיט שיינע הערות, מקורות און פאַרשידענע ידיעות. דאָס ערשטע מאָל איז עס געדרוקט געוואָרן אין פרעשבורג אין שנת תר"צ און באַלד דערנאָך און עד היום איז דאָס מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע מהדורות, אין אייראָפּע, אין ארץ ישראל און אין אַמעריקע.

געווען נאָך איין תלמיד פון חתם סופר וואָס האָט געשריבן אַ ספר פון זיינע מנהגים – און נאָך אין ערשטן יאָר פון דער הסתלקות פון חתם סופר. דער תלמיד איז געווען הבחור החשוב מו"ה יעקב ליכטענשטיין ז"ל פון דאַנציג וועלכער איז ל"ע נפטר געוואָרן אַלס בחור. ער האָט געלערנט ביים חתם סופר אין פרעשבורג פון שנת תקצ"ז ביז צו דער הסתלקות אין שנת ת"ר. (דער ליקוטי חבר בן חיים אין חלק חמישי ברענגט אַ דבר תורה פון אים: "שמעתי מחבירי הב' יעקב ל"ש מדאַנציג ז"ל בפ"ב...").

יעקב ליכטענשטיין האָט געשריבן זייער בקיצור. ער האָט פאַרצייכנט די מנהגים בלויז פאַר זיך זיי צו געדענקען. דערפאַר זענען זיי במשך פון איבער הונדערט יאָר נישט געדרוקט געוואָרן. זיינע מאַנוסקריפּטן האָבן זיך געוואַלגערט פון איין אָרט צום צווייטן ביז די כתב יד'ן זענען במשך פון די יאָרן אָנגעקומען צו אַ ביבליאָטעק אין ניו יאָרק.

הג"ר משה אלכסנדר זושא קינסטליכער ז"ל האָט נאָך אַלס בחור, אין שנת תש"ל, איבערגעדרוקט די מנהגי בעל החתם סופר פון הג"ר יושע לייב שילל, אַלס "מנהגי בעל החתם סופר החדש", מיט אַ סך הכל פון 500 מנהגים, טייל פון זיי דאָס ערשטע מאָל פונעם כתב יד פון פעזינגער רב.

אין די פאָלגנדע יאָרן האָט רבי זושא דאָס איבערגעדרוקט אין פאַרשידענע מהדורות שטענדיג צולייגנדיג נאָך מנהגים געקליבן פון די ספרי תלמידי החתם סופר. אין דער מהדורה פון שנת תשל"ו, געדרוקט דורך דער פרעשבורגער ישיבה אין ירושלים, האָט רבי זושא געדרוקט רוב פון דעם חתם סופר'ס תלמיד יעקב ליכטענשטיין'ס אָפּגעשריבענע מנהגים.

רבי זושא האָט די לעצטערע יאָרן געאַרבעט אויף אַ גרונטליך און שלימות'דיג ווערק פון כל מנהגי מרן החתם סופר מיט'ן נאָמען "מנהגי החתם סופר ובית מדרשו". אַ דוגמא דערפון איז געווען געדרוקט אין זיין 'לוח חודש בחדשו' שנת תשע"א. במשך פון זיינע לעצטע חדשים עלי אדמות האָט רבי זושא אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות דאָס מסיים צו זיין. לײדער איז לא איסתייע מילתא. זיין משפחה גרייט זיך אַרויסצוגעבן זיין הערליך גרונטליכן חיבור.

דער לעצטער, היינטצייטיגער שלימות'דיגער ספר המנהגים פון חתם סופר איז דער ספר "מנהגי חתם סופר, הליכותיו ופסקיו", פון הג"ר עקיבא מנחם סופר שליט"א, פון בני ברק, אַן אייניקל פון חתם סופר, זון פון הגה"צ רבי יוחנן סופר אדמו"ר מערלוי זצ"ל און אייניקל פון הרב ישכר בעריש ווייס ז"ל, ראה"ק דסאַטמאַר מאַנטשעסטער, זון פון ירושלימער רב הגאון רבי יצחק יעקב ווייס בעל "מנחת יצחק" זצ"ל.

אין זיין מנהגי חתם סופר האָט רבי עקיבא מנחם אין אַ לייכטער און פליסנדער שפּראַך צונויפגענומען די מנהגים פון די אַלע פריער דערמאָנטע ספרים, אין צוגאָב צו אַנדערע מקורות, מיט טרעפליכע הגהות און ביאורים. רבי עקיבא מנחם האָט ביים סוף אויך געדרוקט אַלע מנהגים פון יעקב ליכטענשטיין ז"ל.



הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד, אב"ד פעזינג

ווי געזאָגט איז דאָס לעצטע ספר פון מנהגי החתם סופר געשריבן און געדרוקט צו ווערן פאַר דער קריג, און דאָס ערשטע צו זיין מסודר לויט'ן לוח פון יאָר, דער ספר המנהגים פאַרפאַסט דורך דעם לעצטן פעזינגער רב הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד. ער און זיין גאַנצע פאַמיליע זענען לײדער אומגעבראַכט געוואָרן על קידוש השם אין אוישוויץ. איין טאָכטער וואָס איז פאַרבליבן איז אַוועק נאָך דער מלחמה. פון זיין גאַנצער משפחה איז לײדער נישט געבליבן קיין איין שריד ופליט. דאָס איינציגע וואָס איז פון אים פאַרבליבן איז דער ספר מנהגי החתם סופר וואָס ער האָט פאַרפאַסט – און אַ גרויסער תלמיד וואָס האָט ביי אים געלערנט אין דער יוגנט: הגאון רבי יצחק טוביה ווייס זצ"ל, אַ יליד פעזינג, דער שפּעטערדיגער ירושלים'ער רב זצ"ל. וועלן מיר למען זכרו הטהור ווידמען עטליכע שורות פון זיין ביאָגראַפיע.

## הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד, אב"ד פעזינג

הגאון רבי יושע לייב שילל איז געווען אַ זון פון הגאון רבי משה שמואל שילל זצ"ל, בעל מחבר ספר "ששים אלף", אַ תלמיד ונאמן ביתו פון כתב סופר. במשך פון אַכט יאָר איז רבי משה שמואל שילל געווען אַ משמש בקודש דינענדיג אַלס הויז-בחור ביים כתב סופר.

דער כתב סופר האָט כידוע מקפּיד געווען אויפצוהיטן יעדן מנהג פון זיין פאָטער דער חתם סופר. האָט רבי משה שמואל מקבל געווען אַלע מנהגים פון חתם סופר פון זיין רבי'ן דער כתב סופר, און זיי איבערגעגעבן צו זיין זון רבי יושע לייב, דער פעזינגער רב.

אַ גרויסער טייל פון רבי יושע לייב שילל'ס ספר מנהגי החתם סופר באַשטייט פון אָט די מנהגים וואָס זיין פאָטער האָט מקבל געווען פון כתב סופר, ווי אויך די מנהגים וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן דורך אַנדערע תלמידי החתם סופר, הויפּטזעכליך דער ליקוטי חבר בן חיים.

פעזינג איז אַ קליין שטעטל האַרט נעבן פרעשבורג. אויף אָפּרו פלעגט דער חתם סופר געוויינליך פאָרן קיין פעזינג אָדער קיין יערגן,ביידע שטעטלעך נעבן פרעשבורג וואו זיינע תלמידים האָבן משמש געווען




**דרוק־סאָרט און בריוו פון הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד, אב"ד פעזינג**

ברבנות.

רבי יושע לייב שילל איז געבוירן אין פרעשבורג און געווען אַ תלמיד פון לעצטן פרעשבורגער רב הגאון רבי עקיבא סופר, דער בעל דעת סופר זצ"ל.

נאָך דער חתונה האָט ער ערשט געדינט אַלס רב אין אַ שול אין וויען און באַלד דערנאָך איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פעזינג.

הגאון רבי יצחק טובי' ווייס דער ירושלימ'ער רב זצ"ל, איז אויפגעוואַקסן אונטער זיין השפעה און האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ תלמיד פון די יונגע יאָרן. אין "רבינו הגדול אמרו" דערציילט רבי יצחק טובי' זיין סדר היום:

"דער רב איז געווען אַ מרביץ תורה אין דער שטאָט הן פאַר בעלי בתים און הן פאַר בחורים. ער פלעגט פאָרלערנען שיעורים במשך פונעם גאַנצן טאָג. פאַר בעלי בתים האָט ער פאָרגעלערנט אַ שיעור אָנגעהויבן 5:00 פאַרטאָגס ביז צום דאַווענען. נאָכ'ן דאַווענען האָט ער פאָרגעלערנט נאָך אַ שיעור פאַר בעלי בתים. במשך פונעם גאַנצן טאָג האָט ער פאָרגעלערנט פאַר די בחורי הישיבה. ביינאַכט פאַר'ן דאַווענען האָט ער פאָרגעלערנט אַ געמיינזאַמען שיעור, פאַר בחורים און בעלי בתים צוזאַמען. יעדן שבת האָט ער געהאַלטן אַ דרשה פאַר'ן לייענען און זומער האָט ער געהאַלטן דרשות אויף שבת נאָכמיטאָג. ער פלעגט אויך פאַרהערן די קינדער אין חדר".

ער איז געווען אַ דרשן נפלא, אַ פה מפיק מרגליות ומוכיח בשער. איך דערמאָן זיך, דערציילט ווייטער רבי יצחק טובי', ווי איינמאָל האָט אַ איד פון שטעטל געעפנט זיין געשעפט אום שמיני עצרת. דער רב, רבי יושע לייב, איז אַנשטאַט דעם וואָס ער זאָל קומען אין שול דאַווענען איז ער געגאַנגען צו יענעם אין געשעפט און איז דאָרט געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, ביז יענער האָט נישט געהאַט קיין ברירה און פאַרמאַכט







**שער בלאַט און טייל פון דער הקדמה פון ספר "מנהגי בעל החת"ם סופר" פון הגאון רבי יושע לייב שילל זצ"ל הי"ד, אב"ד פעזינג**

דאָס געשעפט. די שטאָט האָט זיך איבערגעקערט פאַרוואָס דער רב קומט שמיני עצרת נישט דאַווענען. ביז מען האָט זיך דערוואוסט אַז ער איז געווען פאַרנומען לגדור גדר ולעמוד בפרץ.

איך דערמאָן זיך אויך אַ מעשה נורא, דערציילט ווייטער רבי יצחק טובי', ווי איינמאָל האָט איינער פון די פּראָסטאַקעס זיך מתחצף געווען קעגן אַ ישיבה בחור אין שול פאַרוואָס ער דאַוונט מיט אַזאַ התלהבות. באַלד דערנאָך, יום טוב שבועות, האָט דער רב גערעדט וועגן כבוד התורה און האָט מעורר געווען וועגן דעם חיוב מכבד צו זיין ישיבה בחורים און לומדי תורה. ווען דער פּראָסטאַק האָט דאָס געהערט האָט ער אין שול-הויף געלאָזט פאַלן דברי בלע קעגן רב.

אַ טאָג אָדער צוויי נאָך שבועות איז דער פּראָסטאַק אַרויס צו דער באַן-סטאַנציע אָפּצונעמען אַ ליפערונג פון שטאַנגען פאַר זיין פאַבריק. איינע פון די שטאַנגען איז געפאַלן אויף אים און ער איז געווען טויט אויפ'ן אָרט. "ותחרד כל העיר מדין שמים על כבודה של תורה".

"במשך שנות שימושו כרב בעיר, הוא נעשה לאחד מחשובי הרבנים במדינת סלאָוואַקיי, שהיתה מלאה קהלות קדושות, בהם רבנים גאונים וצדיקים, ובעלי בתים תמימים עובדי השי"ת".

(רבינו הגדול אמרו עמ' נג).

עובדא ידענא, דערציילט דער ירושלימער רב רבי יצחק טובי' ווייטער, פון אַן עלטערן בחור אַ תלמיד פון רבי יושע לייב שילל אין פעזינג, וועלכער האָט זיך געגוטיגט אין אַ שידוך און אויך אין פרנסה. מען האָט אים אָנגעטראָגן אַ גוטן פּאָסטן אין אַ געשעפט מיט'ן באַדינג ער זאָל זיין מער מאָדערן געקליידעט. ווען ער האָט געפרעגט דעם חוות דעת פון פעזינגער רב האָט ער אים געהייסן נישט אָננעמען דעם פּאָסטן. ער האָט אים געגעבן אַ ברכה ער זאָל בקרוב טרעפן זיין באַשערטן זיווג און אויך זיין באַשערטע פרנסה. ברכתו עשתה פירות. ביז עטליכע וואָכן איז ער געוואָרן אַ חתן מיט אַ בת תלמיד חכם און האָט אויך געקראָגן אַ גרויסן נדן. האָבנדיג די פינאַנציעלע מעגליכקייטן איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל וואו ער איז ניצול געוואָרן פון דער מלחמה און האָט זוכה געווען "להעמיד בארץ ישראל משפחה מפוארת, והם מיקירי עיה"ק ירושלים תובב"א".

ווען היטלער ימ"ש איז אין שנת תרצ"ג געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד האָט מען אין פעזינג יעדן טאָג געזאָגט די תפילה פון "אחינו

כל בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה". פּעזינג איז געווען די ערשטע אידישע קהילה וואו די דייטשן זענען אַריין, נאָך פאַר'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווייל פּעזינג איז געווען אין דער סודעטן געגנט וואָס דער ימח שמו'ניק האָט גע'טענה'ט אַז ער מוז דאָס נעמען אונטער זיין "שוץ", צו באַשיצן די באַדייטנדע דייטשע מינדערהייט אין די סודעטן.

דאָנערשטאָג פרשת אחרי שנת תרצ"ט זענען די נאַציס אַריין קיין פּעזינג. יענעם שבת האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער צאָרן אויפ'ן רב. די רבנים זענען איבעראָל געווען זייערע ערשטע קרבנות. מיט זייערע טמא'נע הענט האָבן זיי אים אויסגעריסן די באָרד און פאות און אונטערגעצינדן די שול.

דער רב איז דערנאָך אַנטלאָפן קיין פּרעשבורג וועלכע איז נאָך נישט געווען אָקופּירט דורך די נאַציס. דאָך פלעגט ער קומען קיין פּעזינג עטליכע מאָל אַ וואָך זיך אומקוקן אויף די עניני הקהילה און מחזק זיין די איינוואוינער.

רבי יושע לייב שילל איז צום סוף פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אידישע איינוואוינער פון פּעזינג קיין אוישוויץ. אין אוישוויץ איז ער אַוועק נישט אין די גאַז קאַמערן נאָר פון דער פיזישער שווערער אַרבעט און פון הונגער און פּיין. רבי יצחק טובי', וועלכער האָט זיך געראַטעוועט מיט אַ קינדער טראַנספּאָרט קיין ענגלאַנד, האָט יאָרן שפּעטער געטראָפן אַ איד וואָס האָט געאַרבעט אין אוישוויץ וועלכער העט מעיד געווען אַז ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן ווי מען האָט אין די קרעמאַטאָריומס אַריינגעוואָרפן דעם הייליגן גוף פון פּעזינגער רב הקדוש רבי יושע לייב שילל זצ"ל. למען קדושים המושלכים באש, למען רבוא רבבן חז ונהרי אש, ה' ינקום דמם.

ווי געזאָגט איז קיין שריד נישט געבליבן פון רבי יושע לייב שילל'ס משפחה. געבליבן לנצח איז דער ספר אין וועלכן ער האָט אַזוי קונסטליך פאַראייביגט די מנהגים פון מרן החתם סופר.

## דעם חתם סופר'ס סדר היום

א. יעדן צופרי, סיי אינדערוואָכן און סיי שבת קודש, איז ער אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער פאַרטאָגס. כאָטש ער האָט זיך געלייגט ערשט נאָך חצות.

ער האָט אויף זיך מעיד געווען אַז מיום עמדו על דעתו איז ער קיינמאָל נישט געשלאָפן חצות. אין די יונגע יאָרן איז ער אויפגעשטאַנען היבש פאַר חצות, און אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך געלייגט ערשט נאָך חצות און איז אויפגעשטאַנען 4:00 פאַרטאָגס.

דער חוט המשולש (עמוד ל"ח) דערציילט אַז געווען יאָרן, נאָך זיין חתונה אַלס יונגערמאַן אין פרוסטיץ, וואָס דער חתם סופר האָט געהאַט אַ דריטן מהלך: מוצאי שבת האָט ער זיך געזעצט לערנען, און געלערנט 24 שעות רצופות, אָן עסן און אָן שלאָפן ביז זונטאָג נאַכט. אור ליום ב' נאָך מעריב האָט ער זיך אַראָפּגעלייגט און געשלאָפן עטליכע שעה ביז 11:00 ביינאַכט. ער איז דאַן אויפגעשטאַנען, געטרונקען אַ קאַווע און איבערגעביסן מזונות. ער האָט זיך דערנאָך געזעצט לערנען 24 שעה רצופות ביז מאָנטאָג נאַכט אור ליום ג'. נאָכ'ן דאַווענען מעריב, האָט ער נאָכאַמאָל געטרינקען אַ קאַווע און טועם געווען מזונות אָבער זיך נישט געלייגט שלאָפן, נאָר ווייטער געלערנט נאָך 24 שעה. דאָס הייסט



**הגאון רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל דער ירושלים'ער רב**

אַז צוויי מעת לעת'ן, 48 שעה, איז ער געשלאָפן נישט מער ווי איין מאָל. אַזוי האָט ער זיך געפירט במשך פון צוויי יאָר.

ב. זיין זון הגאון רבי שמעון סופר שרייבט אין ספר אבני בית היוצר, אַז במשך פון 14 יאָר האָט ער זיך בכלל נישט געלייגט אין קיין בעט, נאָר געכאַפּט אַ דרימל אויפ'ן בענקל וואו ער האָט געלערנט: "י"ד שנים רצופים לא עלה על משכבו בלילות כי אם במקום אשר ישב שם לעבוד עבודתו ערבה עליו שינתו, ז' שנים בק"ק מאַטערסדאָרף, וז' שנים פה ק"ק פּרעשבורג". (אבני בית היוצר דף נ"ג).

אין דער הקדמה צו דרשות חתם סופר דערציילט הגאון רבי שמעון סופר וועגן אַ רב וואָס האָט אַמאָל באַזוכט דעם חתם סופר און רעדנדיג אין לערנען האָט ער פון גרויס התפעלות זיך אָנגערופן "דעם פּרעשבורגער רב פליט די תורה אין קאָפּ אַריין". האָט דער חתם סופר אים געענטפערט: "חס ושלום, חס ושלום, אַסאַך יאָרן בין איך אין קיין בעט געלעגן".

ג. די ערשטע זאַך צופרי האָט ער געזאָגט ברכות השחר ביז נאָך הגומל חסדים טובים. ערשט דערנאָך האָט ער געזאָגט ברכת התורה.

ד. די ברכה פון הנותן לשכוי בינה האָט ער געזאָגט ערשט נאָכדעם וואָס ס'איז געוואָרן ליכטיג.

ה. נאָך ברכת התורה האָט ער די ערשטע זאַך געלערנט אַ משנה. דאָס איז אויסער די משנה פון "אלו דברים".

ו. ביי עלות השחר איז ער מדי יום ביומו זיך געגאַנגען טובל'ען אין אַ קאַלטע מקוה.

ז. אין פּרעשבורג האָט דער חתם סופר געוואוינט אין דער דירה וואו דער פריערדיגער רב פון פּרעשבורג, הגאון רבי משולם איגרא, האָט פאַר דעם געוואוינט. אין "אלף כתב" (אות נ"ה) ווערט געברענגט אַז דער חתם סופר האָט זיך גע'טובל'ט אין דער מקוה פון רבי משולם איגרא וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער פון דעם הויז. דער חוט המשולש (עמ' קט"ו) שרייבט אָבער אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן דער כתב סופר אַז נישט אין אָט דער מקוה האָט זיך דער חתם סופר גע'טובל'ט.

ח. ער האָט יעדן טאָג בודק געווען די ציצית פון טלית קטן. כאָטש ער איז געשלאָפן אין זעלבן טלית קטן, וואָס דאַן מאַכט מען דערויף נישט קיין ברכה (מג"א סי' ח' ס"ק כ"א) און מען איז נישט מחויב זיי בודק צו זיין, דאָך האָט ער מחמיר געווען.

**פאָרזעצונג פון זיין סדר היום און זיינע מנהגים אין קומענדיגן אַרטיקל אי"ה**